STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07476

VELT-GESHIKHTE

H. G. Wells

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערבערט וועלס

וועלט־געשיכטע

פון דער פינפטער ענגלישער אויסגאַבע מיט
הערות און דערקלערונגען ז. קלמנאָוויטש

מיט פיל אילוסטראַציעס

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

הערבערט וועלס

וועלט־געשיכטע

באַנד I

די וועלט, איידער דער מענטש איז געוועזן

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

H. WELLS — „WELT - GESZICHTE“

Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. Kleckina, Wilno

ווי אַזוי איז די דאָזיקע געשיכטע געשריבן געוואָרן און צוליב וואָס.

(פֿון דער הקדמה פֿון דער 5טער ענגלישער אויסגאַבע)

1. וואָס האָט געבראַכט דעם מחבר צו שרייבן. 2. די מעטאָדע, וואָס לויט איר איז זי געשריבן. 3. מכוח עטלעכע השמטות און הוספֿות.

די דאָזיקע „קאָנטורן פֿון געשיכטע" זיינען צוערשט אָנגעשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1918 — 1919. זיי זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן טיילווייז און דערנאָך זאָרגעוודיק איבערגעקוקט און ווידער אַמאָל אָפּגעדרוקט אין יאָר 1920 אין דער פֿאָרם פֿון אַ בוך. נאָך אַמאָל זיינען זיי זייער שטרענג רעווידירט געוואָרן און געאָרדנט פֿון דאָס ניי צוליב אַן איבערדרוק אין יאַנואַר 1923, און די איצטיקע אויסגאַבע איז ווידער גאָר אַ נייע, איבערגעשטעלט דעם סדר, איבערגעשריבן אין אַ סך ערטער, און מיט אַ סך צוגעגעבענעם נייעם מאַטעריאַל. דער ערשטער אילוסטרירטער אַרויסלאָז איז געמאַכט געוואָרן תיכּף נאָך דער מלחמה, ווען עס האָט נאָך געהערשט די קנאַפּקייט און דעזאָרגאַניזאַציע פֿון קריג. די נייע אויסגאַבע וועט זיין אַ סך רייכער אילוסטרירט. עס דאַרף זיין אין פֿולן זין פֿון וואָרט אַ וועלט־געשיכטע אין בילדער.

עס זיינען געווען אַ סך טעמים, וואָס האָבן געקאָנט באַווייזן אַ שרייבער צו פּרווון שרייבן אַ וועלט־געשיכטע אין יאָר 1918. דאָס איז געווען דאָס לעצטע יאָר פֿון דער מלחמה, בעת זי איז שוין אַלעמען געווען דערעסן, בעת אַלע אילוזיעס האָבן זיך שוין געהאַט געפּעלט. אומעטום האָט געהערשט דוחק, וואָס מען האָט זיך צו אים ניט געוואָלט צוגעוויינען, אומעטום האָט געהערשט טרויער. די צאָל פֿון דערהרגעטע און צעקאַליעטשעטע האָט גע־

האָט דערגרייכט אַ סך מיליאָנען. מענטשן האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען געקומען צו אַ קריזיס אין די ענינים פון דער וועלט. זיי זיינען געווען צופיל איינגעמאַטערט און האַרץ-קראַנק, אַז זיי זאָלן קאָנען באַקלערן קאָמפּליצירטע מעגלעכקייטן. עס איז ביי זיי געווען אַ ספק, צי זיינען זיי עדות פון חורבן פון דער ציוויליזאַציע אָדער פון אַ נייעם פאַזיס אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. מען האָט זיך אַ סך מתווכח געווען מכוח דעם, ווי אַזוי קאָן מען פון דאָס ניי איינשמעלן דעם פּאָליטישן סדר פון דער וועלט; מכוח אַלגעמיינע אָפּמאַכן אויף מבטל זיין מלחמות, מכוח ליגעס פון מלוכות, ליגעס פון פעלקער. איטלעכער האָט „געטראַכט אינטערנאַציאָנאַל” אָדער האָט לכל הפחות געפּרווט אַזוי צו טראַכטן. נאָר אַ פאַקט איז געווען, אַז אין ווייטע קרייזן האָט מען ניט געגנוג תופס געווען, וואָס איז דער עצם מהות פון די מוראדיקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַזוי פּלוצים און אַזוי טראַגיש אַ קלאַפּ געטאָן די דעמאָקראַטיעס פון דער וועלט. „ווי האָט דאָס אַליץ געקאָנט פּאַסירן?” האָט מען געפרעגט, פּרווונדיק אַריינדרינגען הינטער די וויכוחים איבער מעשה-סאַראַיעוואָ אָדער איבערן בעלגישן „שטיקל פּאַפּיר” צו די בריטערע טיפערע סיבות פון די געשעענישן. וואָס איז געווען דער שורש פון אָט דער טראַגישער מחלוקת אַרום דעם ריין? פאַרוואָס האָט זי געמוזט פאַרטשעפּען גאָר די וועלט? פאַרוואָס האָט יאַפּאַן, וואָס מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק איז זי געווען אַ ראָמאַנטיש מאָלעריש לאַנד, אַ לעגענדע פון גרינגער קונסט, אַ לאַנד פון דער קאָמישער אָפּערע אַרויס. אַזוי ווייט כמעט ווי אַן אַנדער פּלאַנעט, איצט פאַטרולירט דעם מיטללענדישן ים מיט גרויסע קריגשיפן? פאַרוואָס איז דער צאַריזם פאַרשוואונדן ווי אַ חלום? וואָס איז טערקיי געווען אין דער אמתן? פאַרוואָס איז דאָס קאָנסטאַנטינאָפּאָל געווען אַזוי וויכטיק פאַר דער וועלט? וואָס איז דאָס אַן אימפּעריע? ווי אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן אימפּעריעס? וואָס האָט גורם געווען דערצו, אַז דייטשלאַנד זאָל ווערן פאַראייניקט און צעשפּאָלטענע קליינע מלוכות צו איין אַגרעסיוון ווילן און מאַכט, און אַז די מורא פאַר דער דייטשער ענערגיע זאָל פאַלן אויף אַ האַלב פון דער מענטשהייט?

האָבן מענער און פרויען געפּרוווט צוריק צו מאַכן איפלעבן אין זייער זיכרון די קנאַפּע געשיכטלעכע ידיעות, וואָס זיי האָבן אַרויסגעראָנגען פון זייערע קורצע שול=יאָרן, און האָבן געפונען אַ טרויקענע און צום טייל פאַרגעסענע רשימה פון די אייגענע מלכים אָדער פּרעזידענטן. האָבן זיי געפּרוווט לייענען מכּוח די ענינים, און האָבן געפונען אַ מדבר אָן אַ גרענעץ מיט ביכער. זיי האָבן אייגעזען, אַז מען האָט מיט זיי געלערנט געשיכטע אין שיין פון נאַציאָנאַליסטישע ליכטלעך, ניט אָנערקענט קיין אַנדער לאַנד, חוץ דעם אייגענעם, און איצט זיינען זיי אַרויסגערוקט געוואָרן אויף דער ליכטיקער שיין פון אַ וועלט. עס איז פאַר זיי געווען ניט געוויינלעך שווער צו באַשטימען, וואָס איז בילכער פון די אַלע ענינים, וואָס אַרום זיי האָט זיך געפירט די מחלוקת. מאַסן מענטשן, בעצם אַלע אינטעליגענטע מענטשן אין דער וועלט — די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין ספּעציעלע בילדונג — האָבן מיט אַ גרעסערן אָדער קלענערן באַוואוסטזיין געזוכט צו כאַפּן דעם צוזאַמענהאַנג פון אַלע וועלט=געשעענישן, ווי אַ גאַנצע זאַך. זיי האָבן בעצם אימפּראָווירט פאַר זיך אין רעיון „קאָנטורן פון דער געשיכטע“ פאַרן אייגענעם געברויך.

דער שרייבער פון דאָזיקן ווערק איז ניט קיין היסטאָריקער לויט זיין פאַך, אָבער ער האָט פאַר זיך געשאַפן זיין אייגענעם בליק אויף געשיכטע, זינט ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. ער איז שטענדיק געווען באַזונדערס פאַראינטערעסירט מיט געשיכטע ווי אַ גאַנצע זאַך און מיט די כוחות וואָס שאַפן געשיכטע. דאָס איז די שפּאַלטונג אין זיין גייסט. אין דער זעלביקער צייט וואָס ער האָט שטודירט נאַטורוויסנשאַפט, האָט ער זיך אויך געמאַכט נאָטיצן פון געלייענטע געשיכטע=ביכער. דאָס ערשטע ווערק, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, „די צייט=מאַשין“, איז געווען אַ פאַנטאַסטישע באַטראַכטונג איבער דער ווענדונג פונם מענטשנס גורל; „ווען דער שלאָפער כאַפּט זיך אויף“ איז געווען אַ גוזמאדיק בילד פון דער אַנטוויקלונג פון אונזער ציוויליזאַציע; „אַנטיציפּירונגען“ (1900) איז געווען אַ פּרווו צו דערווייזן עטלעכע מעגלעכע רעזולטאַטן פון היינט=צייטיקע מעשים. אַ היפּשע צאָל פון זיינע ווערק, למשל „די גרויסאַרטיקע אויספאָר=

שונג" און „דאָס אומשטאַרבלעכע פייער", זיינען באַפוצט מיט קליי־נע „קאָנטורן פון געשיכטע". בכן האָט די גייסטיקע צערודערטקייט פון דער מלחמה־צייט אָנגעטראָפן אים, אויב ניט ספּעציעל צוגעגרייט, איז לכל הפּחות באַזונדערס מסוגל צו האָבן אַ ברייטן קוק איבער געוועזענע און אַקטועלע געשעענישן. מיט אַ געוויסער צייט פריער, איידער ער האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע „קאָנטורן", האָט ער געאַרבעט אויף די פּראָבלעמען, ווי אַזוי שטעלט מען איין די וועלט נאָך דער מלחמה, און אויפן פּראָיעקט פון אַ פעלקער־ליגע, דאָס הייסט, אין יענע טעג, איידער דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך גענומען פאַר דעם פאָרשלאָג. מחמת אָט דער אַרבעט האָט מען געמוזט נעמען אָנטייל אין די וויכוחים און אָרגאַניזירונג פון פאַרשיידענע פּראָפּאַגאַנדיסטישע פאַראיינען און געזעלשאַפטן. די דיסקוסיעס אין די דאָזיקע פאַראייניקונגען האָבן זייער בולט דערוויזן, אַז אין איטלעכער פּאָליטישער אַרבעט זיינען וויכטיק ביז גאָר דעם מענטשנס השגות מכּוח דעם עבר. וואָרעם, אין דער אמתן, וואָס איז דעם מענטשנס פּאָליטישע אַקטיוויטעט אַנדערש, ווי דער אויס־דרוק פון זיין אידעע פון עבר אין מעשים? אַלע די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט מיט די פּראָיעקטן פון די פעל־קער־ליגעס, זיינען געווען צעשפּאָלטן אין אַ סך קלענערע גרופּעס; וואָרעם זיי האָבן געהאַט זייער אויבנאויפיקע, שטאַרק פאַרשיידענע אומפינקטלעכע גרונט־הנחות מכּוח דעם, וואָס די מענטשן־וועלט איז, וואָס איז זי געווען און ממילא, וואָס זי קאָן נאָך זיין. אין זייער אַ פולע פאַלן איז אויסערגעוויינטלעך גענויע ספּעציעלע וויסנשאַפט געווען פאַרבונדן מיט די סאַמע רויע און נאַיווע השגות מכּ׳ח היסטאָריע בכלל.

האָט דער מחבר גענומען אויסווייזן אַליין מער און מער כּדאי צונויפצונעמען קאַרטעס און נאָטיצן, לייענען מער סיסטעמאַטיש, ווי ער האָט דאָס געטאָן ביז איצט, און אויפצוקלערן פאַר זיך אַליין אַ ריי היסטאָרישע דערשיינונגען, וואָס זיינען פאַר אים אַליין געווען זייער מטושטש. ווי נאָר ער האָט דאָס אָנגעהויבן, איז אים קלאָר גע־וואָרן, אַז ער וואָלט געטאָן אַ נוציקערע זאַך, אויב ער וואָלט אויסגע־אַרבעט זיינע אייגענע אָנמערקונגען איבער די הויפּט־פאָרמען פון דער געשיכטע צו אַן אַלגעמיינעם איבערבליק און האַנט־בוך צוליב

מענער און פרויען, וואָס זיינען מער פאַרנומען פאַר אים אָדער זיינען אריינגעטאָן אין אַנדערע זאַכן, ווי אַרומקריגן זיך מער אָדער וויניקער אומזיסט איבער אוממעגלעכע קאָנסטיטוציעס פאַר וועלט-קאָנפעדעראַציעס, וואָס וועלן מסתמא קיין מאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן. וואָס מער ער האָט זיך פאַרנומען מיטן דאָזיקן פּראָיעקט צו שרייבן אַן איבערבליק איבער די פאַראַנענע ידיעות וועגן מענטשנס אָרט אין רוים און צייט, אַלץ מער האָט ער אים גענומען אויסווייזן ווי אַ שווערע, צוציענדיקע און אומאויסמיידלעכע אינטערנעמונג.

אין אָנהייב האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער אייראָפּעישער איינהייט, אַ מין סך-הכל איבער דעם אויפקום און אונטערגאַנג פון דער רוימישער סיסטעם, פון דעם עקשנותדיקן איבערלעב פון דער אידעע פון אַן אימפּעריע אין אייראָפּע, און פון די פאַרשיידענע פּראָיעקטן פאַר דער פאַראייניטלעכונג פון קריסטנטום, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן צו פאַרשיידענע צייטן. נאָר באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז דער אמתער אָנהייב פון געשיכטע שטעקט ניט אין רוים אָדער אין יהודה, און עס איז ניט מעגלעך צו באַגרענעצן די געשיכטע מיט דער מערבדיקער וועלט. דאָס איז געווען בעצם נאָר דער לעצטער אַקט פון אַ סך אַ גרעסערער דראַמע. ער האָט געזען, אַז די געשיכטע טראָגט אים צוריק פון איין זייט צו די התחלות פון די אַריער אין די וועלדער און פליינען פון אייראָפּע און מערב-אַזיע, און פון דער אַנדערער זייט צו די עלטערע שטאַפּלען פון ציוויליזאַציע אין מצרים, אין מעסאָפּאָטאַמיע און צו די איצט פאַרזונקענע לענדער, וואָס האָבן, משמעות, אַמאָל געטראָגן אַ מענטשלעכע באַפעלקערונג אין מיטללענדישן באַסיין. ער האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען, ווי ווייט אייראָפּעישע היסטאָריקער האָבן פאַרקלענערט דעם אָנטייל פון די צענטראַלע הויכלענדער פון אַזיע און פון דער פערסישער, אינדישער און כינעזישער קולטור אין דער דראַמע פון דער מענטשהייט. ער האָט אָנגעהויבן אַלץ דייטלעכער זען, ווי לעבעדיק עס איז נאָך דער ווייטער עבר אין אונזער שטייגער און אין אונזערע אינסטיטוציעס, און ווי ווינציק מיר קאָנען פאַרשטיין די פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע אָדער סאָציאַלע דערשיינונגען פון אונזער צייט אָן אַ געוויסן פאַרשטאַנד פאַר די

פריערדיקע צושטאַנדן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין דערין איז שוין געווען נכלל אַ געוויסער פאַרשטאַנד פאַרן אָפּשטאַם פון מענטשן.

בכן, איז וואָס מער ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַלץ ברייטער און היקפדיקער איז זי געוואָרן. אַ שטיקל צייט האָט דער מחבר זיך געקווענקלט אַנטקעגן דער עפּישער גוואַלדיקייט פון דער אויפגאַבע וואָס האָט זיך אַלץ מער פאַרברייטערט. ער האָט זיך געפרעגט, צי איז דאָס ניט גיכער אַ ווערק פאַר אַ היסטאָריקער, איידער פאַר אַזעלכן, וואָס זיינע הויפט־שריפטן ביז אַהער זיינען געווען אָדער חקירות אָדער ווערק פון שיינער ליטעראַטור. עס איז אָבער קענטיק ניט געווען קיין איין ווילכטיקער היסטאָריקער, וואָס זאָל זיין גענוג אויבנאויפיק, לאָמיר זאָגן — גענוג ברייט און גענוג פלאַך, ער זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע ברייטע פעלד פון דאָזיקן פראָיעקט.

היסטאָריקער זיינען ביי היינטיקן טאָג על־פּי־רוב שול־מענער; זיי שרעקן זיך מער פאַר קליינע פעלערס, איידער פאַרן פעלן פון צוזאַמענהאַנג; זיי האָבן מער מורא צו מאַכן זיך אַ ביסל לעכערלעך דורך אַ פאַלשער דאַטע, איידער פאַר צוטיילן אַ פאַלשע אָפּשאַצונג. עס איז גוט און פיין, וואָס אין אַ האַסטיקן און איבעראייַלטן דור מוט אַ גאַנצער קלאַס איבערגעגעבענע מענטשן אויפפּאַסן אויף גענויקייט. נאָר אָט דער דאָזיקער הויכער שטאַנד פון פּינקטלעכקייט אין די פּרטים לאָזט אונז הערן, אַז עס איז ניט כדאי זיך צו ווענדן צו די היסטאָריקער נאָך דעם ווערק, וואָס מיר באַדאַרפן האָבן. פאַר זיי וואָלט דאָס ניט געווען קיין אויפגאַבע וואָס פאַרכאַפּט, נאָר אַן אויפגאַבע וואָס שטערט. צו זיי באַדאַרף מען קומען נאָך אָנגעקליבענעם מאַטעריאַל מער איידער נאָך צונויפגעשטעלטע און אָפּגעזעצטע רעזולטאַטן. זיי זיינען ווערטפול ביז גאָר פאַר דעם לערנער, דורך דעם וואָס זיי גיבן אונז איצט גרויסע און פיינע זאַמלווערק אין אַ סך בענד, געמאַכט דורך אַ סך הענט, פון אַ סך שטאַנדפּונקטן און אין אָנגענעמער פאַרשיידנקייט פון גייסט און כוונה. נאָר פאַר די טעגלעכע נויטבאַדערפענישן פונם געוויינטלעכן בירגער.

וואָס באַדאַרף זיך אַרומזען אין דער וועלט, זיינען אָט די גרויסאַרטיקע ווערק אַזוי נוציק, ווי אַ פיל=בענדיקע ענציקלאָפּעדיע.

אין אַמעריקע קאָן מען געפינען עטלעכע נוציקע קליינע ביכער איבער אַלגעמיינער געשיכטע, נעמליך די אַלטע און נייע געשיכטע פון ראָבינזאָן און בערסטעד, פון הוטאָן וועבסטער און א. מ. וועסט, אָבער די דאָזיקע שרייבערס האָבן אין זינען מער די שול איידער דעם סתם לעזער. „דער לעבעדיקער עבר“ פון פ. ס. מערווין איז אַ וואונדערפולע חקירה איבער דעם גייסטיקן פראָגרעס, זי גיט אָבער ווינציק ממשותדיקן מאַטעריאַל. אַ היסטאָריקער מיט אַוטאָריטעט וואָלט געוויס געפּטרט זיין גאַנצע אַקאַדעמישע רעפּוטאַציע, אויב ער וואָלט געהאַט בדעה צו שרייבן אַזאַ ווערק ווי „די האַנטירן פון געשיכטע“. און וואָלט אַפילו געגעבן יערן אַזאַ הבטחה, וואָלט דער לעזער באַדאַרפט וואַרטן נאָך אַ סך יאָר, ביז זי וואָלט אויסגעפירט געוואָרן. דער שטאַנד פון מחבר, פאַרקערט, וואָס איז לויט זיין טבע און זיין אויסקלייב פונקט אַזוי ווייט פון אַן אַקאַדעמיקער, ווי ער איז ווייט פון אַ הערצאָג, האָט אים געמאַכט מסוגל צו פאַראינטערעסירן דעם עולם מיט געשיכטע אָן עפּעס מקריב צו זיין פון זיין ווערדע און אויסצייכענונג, אָן דער ריזיקע פון אַ פיינדלעכער קריטיק, וואָס פאַר איר האָט באַדאַרפט מורא האָבן אַן אָנערקענטער אַוטאָריטעט. עס איז זיין גליקלעכע פּריווילעגיע, וואָס צו אים איז קיין צוטריט ניטאָ; ער איז אַ ליטעראַרישער בעדוין וואָס זיין היים איז דער גרויסער דרויסן, וואָס ווייס ניט קיין שטאָלצערן טיטל, ווי זיין אייגענעם נאָמען. דער אָדער יענער ספּעציאַליסט מעג זיין ברוגז, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן די עוולה און פאַרזען דעם אָדער יענעם טייערן פּרט, וואָס געהערט צו יענעם ספּעציאַליסטס מאָנאָפּאָל; קיין גרויסן באַטרעף וואָלט אָט דער ברוגז ניט געהאַט. ער האָט געמעגט ניט שעמען זיך צו גיין צו גרונט=ווערק און צו געוויינטלעכן צוטריטלעכן מאַטעריאַל; ער איז גאָרניט געווען מחויב צו פּרעטענדירן אויף אָריגינעלע אַנטדעקונגען און אָריגינעלע שטאַנדפּונקטן; זיין פּשוטערע עובדה איז געווען צונויפצוקלייבן, אָרדענען, באַשטימען די פּראָפּאָרציע פון די טיילן און די פּאַזעס פון דער גרויסער געשעעניש פון דער מענטשהייט, און צו שרייבן. ער האָט גאָרנישט מוסיף געווען צו

היסטאָריע. לכל־הפּחות האָפט ער, אַז ער האָט גאָרנישט מוסיף געווען צו היסטאָריע. ער האָט פּשוט געמאַכט אַ גרויסע זאַמלונג פון מאַטעריאַל, צום טייל פון גאַנץ נייעם מאַטעריאַל, און געטאָן האָט ער דאָס ווי אַ פאָלקס־שרייבער, וואָס האָט אין זינען די נויטבאַדערפעניששן פון אַנדערע געוויינטלעכע בירגער זיינס גלייכן.

נאָר דער סיוזשעט איז אַזאַ גלאַנצפולער, אַז ווי באַשיידן ער זאָל אויך ווערן באַהאַנדלט, וועט דאָך ביי אים ניט אָפּגענומען ווערן זיין אַרויפשטרעבנדיקע גרויסקייט און ווערדע. אויב „די קאָנטורן" זיינען טיילמאָלס שוואַך און פעלערדיק, זעען זיי פון דער אַנדער זייט אויס ווי זיי וואָלטן געווען פלאַנירט און געשריבן פון זיך אַליין. זייער הינטערגרונט איז תהום־טיפע מיסטעריע, דאָס רעטעניש פון די שטערן, די אָנמאָסיקייט פון רוים און צייט. דאָ באַווייזט זיך לעבן, ווי עס קעמפט און שטרעבט צו באַוואוסטזיין, ווי עס קלייבט כּוח, זאַמלט אָן ווילן, דורך מיליאָנען יאָרן און דורך אָן אַ צאָל ביליאָנען אינדיווידועלע לעבנס, ביז עס דערגרייכט צו די טראַגישע פּלאָנטער־ניששן און טומלענישן פון דער היינטיקער וועלט, וואָס איז אַזוי פול שרעק און דאָך אַזוי פול צוזאָג אין מעגלעכקייט. מיר זעען דעם מענטשן אויפשטייגן פון זיינע התחלות און פאַרלאָרענער איינזאַמקייט ביז צום איצטיקן אויפשיין פון וועלטישער חברשאַפט. מיר זעען, ווי די מענטשלעכע אינסטיטוציעס וואַקסן און ביטן זיך; זיי ביטן זייך איצט גיכער, איידער ווען עס איז פריער. די פאָרשטעלונג ענדיקט זיך מיט אַ ציטערדיקן פרעג־צייכן. דער מחבר איז נאָר אַ פירער, וואָס ברענגט זיינע לייענער ביז צום איצטיקן שפּיץ, וואָס צו אים איז די מענטשהייט איצט געקומען, בלייבט שטיין און שעפּטשעט אים צו: „אָט דאָס איז אונזער ירושה".

עס וואָלט געווען אַבסורד צו פאַרלאַנגען, אַז די דאָזיקע „קאָנטורן" זאָלן זיין עפּעס מער ווי אַ באַריכט פון די אַנטדעקונגען, וואָס עס האָבן געמאַכט אין די לעצטע הונדערט יאָר דורך זייער פילזייטיקער אַרבעט געאָלאָגן, פּאַלעאָנטאָלאָגן, עמבריאָלאָגן און פאַרשיידענע מינים נאַטוראַליסטן, פּסיכאָלאָגן, עטנאָלאָגן, פילאָלאָגן און געשיכטע־פאָרשער. היסטאָריע איז מיט אַ יאָרהונדערט צוריק געווען פּשוט ליבהאָבעריי פון ביכער. ביי היינטיקן טאָג פאַרנעמט

דער ביכער-היסטאָריקער אַן אָרט פּשוט ווי אַ צושטעלער פון מסופּקדיקע דאָקומענטן פאַר אַ ברייטערן כּלל.

פון דעם דאָזיקן גוואַלדיקן אויסקוק אַרויס זיינען געשריבן די דאָזיקע „קאָנטורן". זיי זיינען אָבער באַגרענעצט דורך דעם קענען פון מחבר און דורך די גרענעצן פון זיין צייט. די „קאָנטורן" זיינען אַ בוך פון היינטיקן טאָג — אָן פּרעטענזיעס אויף אומשטאַרבלעכקייט. הענט מיט גרעסערע כּשרונות און מיט מער ידיעות און ברייטערע כּוונות וועלן שרייבן פרישע „קאָנטורן" אין אַ בעסערן סטיל. מיט אַ גרעסערן פאַרגעניגן ווי זיינע „קאָנטורן" וואָלט דער מחבר געלייענט די „קאָנטורן" פון די יאָרן 2025 — 2026; באַזונדערס אינטערעסאַנט וואָלט געווען צו זען די אילוסטראַציעס.

מיר אַלע, אויב אונז וואָלט בדרך נס אָנגעגליקט צו קריגן אַן עקזעמפּליאַר פון „די קאָנטורן פון דער געשיכטע" פון 2025 — 2026, וואָלטן געוויס קודם-כּל זיך געווענדט צו די פּלאַי-פּלאַימדיקע אילוסטראַציעס פון די לעצטע קאַפּיטלען און דערנאָך צום טעקסט אַרום. וואָסערע הפלאדיקע געשעענישן! וואָסערע אומגלויבלעכע דערגרייכונגען! אָבער דערנאָך וואָלט דער מחבר, ווייניקסטנס, זיך געקערט צוריק צו די פריערדיקע קאַפּיטלען, בכדי צו זען, וויפל איז געבליבן פון דער געשיכטע וואָס ווערט דאָ דערציילט.

מסתּמא וואָלטן די אַלגעמיינע שטריכן פון דעם ערשטן טייל געווען די זעלביקע, אָבער עס וואָלטן שוין געווען הונדערטער פּרטים, וואָס זיינען ביז איצט ניט באַוואוסט, און חידושדיקע הוספה-אַנטדעקונגען פון שאַרבנס, פאַרברענטע שטעט און שפּורן פון פאַרלאָרענע און אונטערגעגאַנגענע פעלקער, וואָס מען האָט גאָר איצט קיין השגה ניט וועגן זיי. די געשיכטע פון כינע און אינדיע וועט זיין באַוואוסט גענויער און אפשר אויך אַנדערש אין איכות, און אַ סך מער וועט זיין באַוואוסט פון צענטראַל-אַזיע און אפשר אויך פון אַמעריקע פאַר קאָלומבוס. קאַרל און צעזאַר וועלן נאָך זיין גרויסע פיגורן אין דער געשיכטע, און עטלעכע פון אונזערע נאָענטערע ריזן, ווי אַ שטייגער נאַפּאָליאָן, וועלן זיין איינגעשרומפּן צו רעלאַטיווער אומוויכטיקייט.

2. די מעטאָדע, וואָס לויט איר איז די געשיכטע געשריבן.

דער הויפּט=צוועק פון דער איצטיקער רעוויזיע איז געווען צו מאַכן די „קאָנטורן” איינפאַכער און גרינגער צום לייענען.

דער מחבר האָט שוין דערציילט, ווי אַזוי דאָס ווערק איז אויסגעוואַקסן פון נאָטיצן און קאַרטעס, און ער איז מודה, אַז ווען ער קוקט איבער די פריערדיקע אויסגאַבעס, די ערשטע אויסגאַבע, וואָס איז געווען געדרוקט טיילנווייז, און די ערשטע בוך=אויסגאַבע פון יאָר 1920, געפינט ער נאָך צו שטאַרק דעם טעם פון נאָטיץ־בוך. אַ סך אומגעאָרדנטער און צעבראָקלטער מאַטעריאַל איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין די אָנמערקונגען; עס איז געווען צו פיל קווענקלעניש, צווייידייטיקע און אָפּגעהיטע הנחות; די פאָרשטעלונג איז טיילמאָל געווען אַ מבולבלע, נאַטירלעך האָט געבראַכט דערצו די מעטאָדע, וואָס לויט איר האָט ער זיך געפירט. ער האָט געריפן צו הילף פיר הויפּט=העלפערס, סער ריי לאַנקעסטער, פּראָפעסאָר דזשילבערט מעריי, סער האַרי דזשאָנסטאָן און מר. ערנסט באַרקער, און ביי זיי האָט ער געפרעגט עצות, וואָס צו לייענען און וואו צו זוכן זיינע מקורים. חוץ דעם האָט ער זיך געזוכט די הילף און די עצה פון פאַרשיידענע גוט באַלעזענע מענטשן אין דעם אָדער יענעם פונקט אָדער געביט. סער דעניסאָן ראָס, מר. קראַנמער בינג און מר. פּ. נ. פו, למשל, האָבן זייער אַ סך געהאָלפן בנוגע צו צענטראַל=אַזיע און כינע, ד״ר. טשאַרלז זינגער האָט געגעבן די נוציקסטע ידיעות איבער דער קלאַסישער וויסנשאַפט, פּראָפעסאָר י. ל. מיירס איז געווען אַ ווערטפולער מקור פאַר מיטללענדישער אַרכעאָלאָגיע, מר. פיליפּ געדאַלאַ איז געווען זיין יועץ איבער אייראָפּעישער פּאָליטיק אין 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט; און אַזוי ווייטער און אַזוי כסדר. מר. י. פ. האָראַבין מיט זיין ושעני פאַר פּאָליטישער און קאָמערציעלער געאָגראַפיע איז ניט געווען אַזוי פיל אַן אילוסטראַטאָר ווי אַ מיטאַרבעטער. עס זיינען געווען נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער צייט אין וויסנשאַפט פון פרייען און איידעלן האַרץ; אין די פריערדיקע אויסגאַבעס איז פאַראַן

אַ גאַנצע רשימה מיט נעמען. דער מחבר פלעגט צועדשט אָנשרייבן איטלעכן קאַפּיטל, מאַכן עטלעכע קאָפּיעס און צעשיקן זיי צו די העלפּערס, זיי האָבן צוגעשריבן, אויסגעטייטשט, געמעקט, ווייל זיי האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק. דערנאָך פלעגט דער מחבר זיך אַנידערזעצן, אַ געלייטערטער און געלערנטער, פאַר אָט די צעמעקטע און צעקאַרדאַשעטע בלעטער, און איבערשרייבן דעם קאַפּיטל פון דאָס ניי. צולעצט פלעגן קאָרעקטורן נאָך ווערן געשיקט צו די הויפּט-העלפערס און צו איטלעכן, וואָס איז געווען באַזונדערס אינטערעסירט אין דעם פּעריאָד, וואו מען האָט געהאַלטן.

אויף אַזאַ אופן איז געווען געזיכערט די ריכטיקייט פון די נעמען, דאַטעס און אַזוי ווו. אָבער הגם דער מחבר איז אין אַלע פראַגן פון פאַקט ניט אָפּגעטראָטן פון די אָנווייזונגען פון די לערערס, וואָס ער האָט זיך געדאַט אויסגעקליבן, איז אָבער בנוגע מיינונגען האָט ער באַהאַלטן פאַר זיך די פולע פרייהייט פון זיין אייגענעם אורטייל. דער פועל-יוצא איז געווען, אַז אין די הערות און אַפילו אין טעקסט זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן דיסקוסיעס. אַזוי, למשל, האָט ער זיך צונויפגעשטויסן מיט פּראָפעסאָר דושילבערט מערריי בנוגע דעם פאַרגלייך פון די מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע תכונות פון אַ אַ פּשוטן אַטענער און פון אַ לאָנדאָנער מיטל-מענטש, און הגם ער האָט מודה געווען, אַז זיין רעדאַקטאָר איז דער גרויסער ידען אין די אַטענישע ענינים, האָט ער דאָך באַהאַלטן פאַר זיך דאָס רעכט צו משפטן איבערן לאָנדאָנער לויט זיין אייגענעם שטייגער. עס איז אויך געווען אַ זייטל מיט עפּעס אַ וויכוח צווישן מחבר, פּראָפ. מערריי און מר. באַרקער מכוח דער ריכטיקייט פון מר. גלאַדסטאָנס דערציונג. און פאַרשיידענע חילוקי-דעות מיט מר. ערנסט באַרקער. פאַרן מחבר איז די „גרויסקייט“ פון נאַפּאָלעאָן אַ משונהדיקער און אַ פולקום ניט באַרעכטיקטער אָבערגלויבן. די פאַקטן ריידן, לויט זיין מיינונג, פאַר זיך, און זיי וועלן געגעבן ווערן אין די דאָזיקע „קאָנטורן“ אין זייער געהעריקן אָרט און פּראָפּאָרציע. דער מענטש איז געווען פון דעם זעלביקן שניט ווי מוסאָליני און אינטעלעקטועל נידעריקער פאַר נאַפּאָלעאָן III. נאָר מר. באַרקער איז ניט מסוגל אָנצונעמען די דאָזיקע הנחה. „פאַרצייכנט פון מיר

די היפּוכדיקע מיינונג", האָט ער געשריבן, און אַזוי איז געשטאַנען אין דער הערה.

די דאָזיקע הערות האָבן געווילט דעם מחבר און זיינע גוטע פריינד אַזוי ווי היימישע שפּילן, און מען האָט זיי כמעט ניט געקאָנט אויסמיידן, וויבאַלד אויפן טיטל־בלאַט זיינען געשטאַנען די נעמען



דער קאָפּ פון דעם האלב־מענטש australopithecus afıicanus, געמאָלן לויט דעם שאַרבן אויפן צווייטן געמעל. די קינבאַקן און דער פּנים זיינען ענלעך צו מענטשישע.

פון די פיר הויפּט־העלפערס. זיי זיינען אָבער געווען אַ שטערעניש און פאַרטומלעניש פאַרן גרעסטן טייל לייענער. הערות, מראי מקומות, כאַראַקטעריסטיקעס זיינען נויטווענדיק, ווען אַ בוך איז געשריבן פאַר פאָרשערס, נאָר אין די דאָזיקע „קאָנטורן" זיינען זיי געווען איבעריק

און אַפילו — דער מחבר איז דאָס איצט מודה — אַ ביסל פּרעטענ־ציעז. אין דער איצטיקער אויסגאַבע באַפרייט ער זיינע מיטהעלפער מיט דאַנק פון יעטווידער אחריות. זייערע נעמען שטייען שוין ניט אויפן טיטל־בלאַט. ער לאָזט אָפּ זיינע לאָצמענער. זיי האָבן אים געפירט פאַרביי געפערלעכע זאַמד־בענק און דורך געדרייטע קאַנאַלן צו זיין איצטיקער פרייהייט און באַזיכערטקייט. און אַזוי געהאָלפן און באַפרייט איז ער מסוגל צו פאַראיינפאַכן, צו מאַכן קלערער און צו



די רעכטע זייט פונעם טאונגס־שארבן, וואס איז געפונען געווארן אין טאונגס, אין דרום־אפריקע.

געבן דער דאָזיקער גרויסער געשיכטע אַלע אירע מעלות, וואָס זייער פריינדלעכקייט האָט דאָס געמאַכט פאַר מעגלעך.

דאָס איז איצט דער פערטער פולקומער איבערדרוק פון דאָזיקן ווערק. די ערשטע פאַרעפנטלעכונג האָט דאָס געבראַכט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל פאַרן משפּט פון העכער הונדערט טויזנט לייענער. אַסך האָבן געשריבן אָנמערקונגען, אָנגעוויזן קליינע פעלערן,

אונטערגעשטראָכן אינטערעסאַנטע פּרטים. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ איז סיסטעמאַטיש איינגעטיילט געוואָרן, אין די ערשטע בוך־אויסגאַבע האָט אַ סך אויסגענוצט דערפון אין פּרטים. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט אויך געהאַט אַ סך לייענערס; אין אַמעריקע אַליין זיינען זיך צעגאַנגען העכער אַ פערטל מיליאָן עקזעמפּלאַרן, און דאָס האָט ווידער אַריינגעבראַכט אַ גרויס געראַטעניש פון תּיקונים. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט אויך אַרויסגערופן אַ סך טויגלעכע איבערבליקן און עטלעכע קריטישע פּאַמפּלעטן האָבן דערשיינט. די צווייטע בוך־אויסגאַבע 1923, דאָס הייסט, די דריטע אויסגאַבע, האָט אַ סך געוואונען פון דער דאָזיקער קריטיק פון די לעזער. חוץ דער רעוויזיע פון די פּרטים, איז נאָך איבערגעשטעלט דער סדר פון די קאַפּיטלען אין דער דריטער אויסגאַבע. זינט אַ געוויסער צייט האָט דער מחבר געפילט, אַז זיין באַריכט איבער די אַרישע פעלקער קומט צו פרי און פאַרקלענערט די ראָלע פון די ניט־אַרישע פעלקער אין דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע. האָט ער איבערגעביטן דעם סדר פון די ערשטע קאַפּיטלען, אַזוי אַז דער דאָזיקער איינדרוק זאָל פאַרריכט ווערן. ער האָט אויך אַריינגעשטעלט אַ פולערן באַריכט איבער לינקאָלן און דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג. אין דער איצטיקער אויסגאַבע האָט ער אַריינגעבראַכט נאָך תּיקונים און רעוויזיעס. זי איז געוואָרן אָפּגערייניקט פון הערות און אָפּטרעטונגען און געמאַכט דייטלעכער, פליסיקער און צוזאַמענהענגענדיקער, ווי די פריערדיקע. די וויכּוחים פון די מיטאַרבעטער לאָזן זיך שוין מער ניט הערן פון הינטער דער סצענע. דער מחבר האָפט, אַז דאָס ווערק האָט איצט אָנגעוואָרן די סימנים פון אַ פאָרשערס נאָטיץ־בוך און איז געוואָרן פּשוט און פּראָסט צו „קאָנטורן פון געשיכטע".

דער לייענער פון דאָזיקן בוך באַדאַרף ניט זיין אין ספק מכוח די פאַקטן, נעמען, דאַטעס, וואָס זיינען דאָ געגעבן, נאָך די אַלע קריטיקעס און רעוויזיעס. דאָס בוך איז געוואָרן שטרענג קריטיקירט, אָבער קיינמאָל ניט אין פּרט פון זיין אַלגעמיינער פּינקטלעכקייט. אַפילו אַזאַ איינגעזעסענער געגנער פונם מחבר ווי מר. בעלאָק האָט מודה געווען אינם דאָזיקן פאַרדינסט. די טענות קעגן זיינען געווען געווענדט דער עיקר צו די אָפּשאַצונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן,

וואָסער טייל איז חשובֿער, מכּוח דעם אַיינפֿלוס פֿון דער קולטור, מכּוח דער וויכטיקייט פֿון יענער קולטור. אַ געוויסער טייל פֿון געלערנטע קלאַסיציסטן זיינען בּרוגז, פֿאַרוואָס דאָ איז לפֿי־ערך ווייניק אָפּגעגעבּן אָרט פֿאַר האָמערן און פֿאַר דער עסטעטישער זייט פֿון גריכישן לעבּן, הגם דער בּאַריכט איבער דער גריכישער וויסנשאַפֿט איז אַ פֿולער, און הגם די גייסטיקע אַנטוויקלונג פֿון גריכנלאַנד איז בּאַהאַנדלט ווי אַ גרונט־פֿאַזיס אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. אַן אַנדער טייל פֿון די קריטיקער זעען די וועלט דורך לאַטיינישע פֿאָרמען און זיינען אַנטוישט, ווען זיי פֿאַרגלייכן די אָפּשאַצונג, וואָס עס האָט געקראָגן, אַ שטייגער, די בּיזאַנטישע, פֿערסישע און כינעזישע סיסטעם. רוים איז נאָך אַגרעסיוו אין דער מאָדערנער ליטעראַטור און קריטיק, און זוכט נאָך צו פֿאַרקלענערן די ניט־לאַטיינישע טיילן פֿון בּילד. דאָגמאַטישע פֿריידענקער קאָנען ניט פֿאַרטראָגן, וואָס יעזוס ווערט אָנגענומען פֿאַר אַ ווירקלעכער פֿערזאָן; אָנהענגער פֿון איסלאַם האָבּן טענות אַנטקעגן דער צו פֿאַמיליאַרער בּאַהאַנדלונג פֿון זייער נביא. קאָמוניסטן האָבּן פֿאַראיבּל, וואָס די דאָקטרינעס פֿון מאַרקס און לענין זיינען ניט געמאַכט געוואָרן פֿאַר אַ בּאַזיס פֿון דער גאַנצער געשיכטע. אַ סך מענטשן, מיט אַ בּעצם מאַטעריאַליסטישער טעאָלאָגיע אין זייער גייסט, ווילן ניט ליידן, וואָס דאָ זיינען אָנגעקליבּן אַזויפֿיל ראיות צו בּאַווייזן דעם חיהשן אָפּשטאַם פֿון מענטשן. אַפֿילו אויבּ דאָס איז אמת, מיינען זיי, אַז דאָס איז העכסט אַנטי־מאָראַליש. אַזאַ קריטיק לאָזט זיך ניט אויסמיידן. עס איז ניט געווען קיין וועג, ווי אַזוי אויסצומיידן אָדער צו בּאַפֿרידיקן די דאָזיקע טענות.

פֿון אַזעלכע טענות קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז כּמעט יעדער איינער האָט שוין פֿאַר זיך פֿאַרטיק אַ מין „קאָנטור פֿון געשיכטע“, וואָס איז דער ווירקנדיקער אויסטייטש פֿון זיין וועלט און פֿון זיין אָרט אין דער וועלט, וואָס מיט אים וואַרפֿט ער אָפּ דאָס און נעמט אָן יענס, און מיט גרעסערן אָדער קלענערן בּאַוואוסט בּרענגט ער אויך אונזער נוסח פֿאַרן משפּט פֿון די דאָזיקע האַלבּ־בּאַגראָבּענע הנחות. און דער מחבּר האָט זיך נאַטירלעך זיין אייגענעם קוק, זיין אייגענע ריכטונג. אָבּער דער לייענער וועט קיין מאָל ניט געפֿינען קיין

שרייבער, וואָס האָט ניט אַזויפיל פּערזענלעכקייט. עס וועט קיין מאָל ניט געשריבן ווערן אַ „קאָנטור פון געשיכטע", וואָס זאָל ניט זיין טענדענציעז. דאָ, פונקט ווי אין איטלעכן באַשרייבנדיקן און אינפאָרמירנדיקן בוך, מוז דער לייענער דאָס האָבן אין זינען, פונקט ווי אַ שופט מוז נעמען אין אַכט די אינדיווידועלע כאַראַקטעריסטיק פונעם עדות, וואָס דערציילט וואָס ער האָט געזען. דאָ ווערט נאָר פאַרלאַנגט, אַז דער עדות זאָל שטרעבן, ווי ווייט ער קאָן, צו געבן אַן ערלעכן און אויפריכטיקן באַריכט וועגן זיין קוק אויף דער גרויסער דראַמע פון צייט און גורל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר זיין גייסט.

---

3. מכוח עטלעכע השמטות און הוספות.

אין דער קריטיק פון די פריערדיקע אויסגאַבעס האָט מען זיך אָפט באַקלאָגט, וואָס דאָס ווערק גיט צו ווייניק ידיעות איבער דער אַנטוויקלונג פון קונסט, און בפרט פון מוזיק. די געשיכטע פונעם מענטשנס דערגרייכונג אין וויסנשאַפט און סאָציאַלער קראַפט איז געגעבן אין אַ היפּשער לענג, נאָר עס איז כמעט ווי גאָרנישט געוועזן געזאָגט וועגן דער דערשיינונג און אויסשפּרייטונג פון זיין באַוואוסטזיניקער שטרעבונג צו שיינקייט. איצט ווערט דאָ געמאַכט אַ פּרוּוו אַנטקעגן צו קומען דער דאָזיקער פאָדערונג, און עס זיינען צוגעגעבן געוואָרן עטלעכע פּאַראַגראַפן צו ווייזן, ווי אַזוי עס האָבן זיך באַוויזן אין מענטשלעכן לעבן דער קינסטלער, דער פּאָעט און דער פאַנטאַזיעס-שרייבער. אָבער די גרענעצן פון וואָסערער עס איז „געשיכטע" פון מוזיק אָדער אַן אַנדער קונסט זיינען זייער שמאָלע. מען קאָן פאַרצייכענען, ווען עס באַווייזן זיך נייע פאָרמען, נייע מעטאָדעס, נייע אינסטרומענטן, אָבער דער איינציקער וועג צו באַנעמען די פאַנטאַזיע-קונסט איז דאָך צו הערן זי, צו זען זי אָדער צו לייענען. עס גייט בשום אופן ניט אַריין אין אונזער פּלאַן צו געבן אַ קאַטאַלאָג פון מייסטערס אָדער מייסטער-ווערק און אויסצולערנען אונזערע לייענערס צו באַלעבן גרויסע נעמען. בנוגע צו די פּלאַסטישע קונסטן זיינען מיר געווען בכוח צו געבן פולערע ידיעות דורך די אילוסטראַ-

ציעס. מיר האַלטן, אַז דער לעזער וועט געפינען דאָ אַלע הויפּט-פאָרמען און התחלות פון אַרכיטעקטור און מאָלעריי אַריינגעשטעלט אין אַן אַלגעמיינער שייכות מיט דער צייט און מיט דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג.

הוספות זיינען געווען נויטווענדיק מחמת די אויפטוען פון דעם אויסגראָבער. ביי היינטיקן טאָג קאָן דער שרייבער ניט נאָכהאַלטן דעם גראָב-אייזן. זינט „די קאָנטורן" זיינען געוואָרן איבערגעקוקט, זיינען געווען אַזעלכע אינטערעסאַנטע געשעענישן, ווי די אַנטדעקונג פון דעם טאַונגס-שאַרבן אין דרום-אַפריקע, אַ שאַרבן פון אַ באַשעפעניש, וואָס איז אין זיינע שטריכן ענלעך צו אַ מענטשן בנוגע די קינבאַקן און פנים, און די דערקענונג פון אַ קרובישאַפט צווישן די אַלטע שומירער מיט פעלקער פון צפון-אינדיע, די ערשטע ידיעה איבער אַ היסטאָרישן פאַקט בנוגע אינדיע פריער פון 600 אָדער 700 פאַר קר. און עס איז געקומען די צייט איבערצושרייבן יענעם טייל, וואָס איז אָפּגעגעבן דער געשיכטע פון אייראָפּע נאָך דער מלחמה; די פּערספּעקטיוון האָבן זיך געביטן; מיר הייבן אָן תופס צו זיין בעסער, ווי אין אָנהייב, די אייגנשאַפט פון דער נייער רוסלאַנד, פון די נייע איטאַליע און דייטשלאַנד, וואָס די גרויסע קאַטאַסטראָפע האָט אונז געגעבן. חוץ דעם, זיינען אַ סך אינטעליגענטע מענטשן קענטיק טשיקאַווע צו וויסן עפּעס מכוח דעם פאַרלאָרענעם לעגענדאַרישן לאַנד אַטלאַנטידע. די פריערדיקע „קאָנטורן" האָבן די דאָזיקע פאַנטאַזיע אינגאַנצן איגנאָרירט, נאָר אין דער איצטיקער אויסגאַבע ווערט דער דאָזיקער ענין אַרומגערעדט און עס זיינען געגעבן דעם מחברס סברות, פאַרוואָס ער האַלט ניט פון דער דאָזיקער חרוב געוואָרענער ציוויליזאַציע פון הונטער די הערקולעס-זיילן. אפשר איז טאַקע געווען אַ פאַרלאָרענע אַטלאַנטידע, אָבער גראָד ניט דאָ, וואו דאָ גריכן האָבן זי געזוכט.

בּ ו ך I

די וועלט, אידער דער מענטש איז געוועזן

קאַפּיטל 1

די ערד אין צייט און רוים

1. די גרויסע אויסברייטערונג פונעם מענטשנס אידעען וועגן רוים און צייט. 2. די ערד אין רוים. 3. ווי לאַנג עקסיסטירט די ערד.

איידער מיר הייבן אָן די געשיכטע פון לעבן, לאָמיר זאָגן עפּעס וועגן דער סצענע, וואָס אויף איר ווערט אונזער דראַמע געשטעלט, און וועגן דעם הינטערגרונט, וואָס פאַר אים שפּילט זי זיך אָפּ.

אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר זיינען שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן די מענטשנס אידעען מכּוח דער אָנזעעוודיקער וועלט, וואָס אין איר לעבן זיי. אין דער זעלביקער צייט איז אפשר אין אַ געוויסער מאָס קלענער געוואָרן זייער באַטרעף אין די אייגענע אויגן. זיי ווייסן איצט, אַז זיי זיינען טיילכעלעך פון אַ גאַנצן, וואָס איז אַ סך גרעסער, עקסיסטירט לענגער און איז וואונדערפולער, איידער זייערע אבות האָבן געחלומט ווען עס איז.

פאַרן גייסט פונם ווילדן און פרימיטיוון מענטשן זעט די ערד אויס ווי די פלאַכע דיל פון דער וועלט; דער הימל איז דער דאַך איבער איר, און דורך אים גייען דורך כּסדר זון, לבנה און שטערן און קערן זיך ווידער אום אויף אַ סודותדיקן וועג אָדער אונטער דער ערד. די בבלישע און כינעזישע אַסטראָנאָמען האָבן נאָך אַ סך יאָרהונדערטער אָבסערווירן די שטערן נאָך געגלויבט, אַז די ערד איז פלאַך. דער גריכישער גייסט איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט קלאָר תּופס געווען, אַז די ערד איז קיילעכיק, אָבער אַפילו די גריכן האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז די וועלט איז זייער גרויס. דער כּדור הארץ איז פאַר זיי געווען דער צענטער פון באַ=

שאַף; די זון, די לבנה, די פּלאַנעטעס, די פעסטע שטערן דרייען זיך אַרום דער ערד, ווי זייער צענטער, אין קרישטאָלענע ספערעס. ערשט אין פופצנטן יאָרהונדערט האָט דער מענטשלעכער גייסט גובר געווען אָט די מיינונג, און קאָפּערניק האָט געמאַכט זיין הפלאדיקע השערה, אַז ניט די ערד איז דער צענטער, נאָר די זון. און ערשט אַז דער טעלעסקאָפּ איז אַנטוויקלט געוואָרן דורך גאַלילייִ אין אָנהייב פון זיבעצנטן יאָרהונדערט איז קאָפּערניקס מיינונג אָנגענומען געוואָרן פון ברייטערע קרייזן.

די אַנטוויקלונג פון טעלעסקאָפּ באַצייכנט באמת אַ נייעם פאַזים אין מענטשלעכן דענקען, אַ נייע זווּנג פון לעבן. עס איז אַ חידוש, וואָס די גריכן, מיט זייער לעבעדיקן און אַריינדרינגענדיקן גייסט, האָבן קיינמאָל ניט באַנומען די מעגלעכקייט פון אַ מיקראָסקאָפּ אָדער טעלעסקאָפּ. זיי האָבן ניט אויסגענוצט די לינז. האָבן זיי דאָך געלעבט אין אַ וועלט, וואו גלאָז איז געווען גוט באַקאַנט און מען האָט דאָס געמאַכט שוין יאָרהונדערטער; זיי האָבן בײַ זיך געהאַט גלעזערנע פלאַשן, וואָס דורך זיי האָבן זיי אַמאָל געמוזט כאַפּן אָפּשיינען פון צעדרייטע אָדער פאַרגרעסערטע זאַכן. נאָר די וויסנשאַפט האָבן געפירט אין גריכנלאַנד פילאָסאָפן אין אַריסטאָקראַטישן גייסט, און חוץ אַזעלכע אויסנאַמען ווי דער געניאַלער אַרכימעדעס און היערָאָ זיינען זיי געווען צו גרויס בײַ זיך, כדי צו לערנען עפעס בײַ אַזעלכע פשוטע בעלי-מלאכות, ווי יוּוועלירן און מעטאַל- און גלאָז-אַרבעטער.

אומוויסנקייט איז די ערשטע שטראָף פאַר גאווה. דער פילאָסאָף האָט ניט געהאַט די מעכאַנישע געשיקטקייט, און דער בעל-מלאכה האָט ניט פאַרמאָגט די דערציִונג פונם פילאָסאָף, און עס האָט באַדאַרפט קומען אַ שפּעטערדיקע תקופה, מיט העכער טויזנט יאָר שפּעטער, וואָס האָט צונויפגעפירט דאָס גלאָז מיטן אַסטראָנאָם. זינט גאַליליים צייט האָבן פּראָגרעסירט בײַדע, אי די אַסטראָנאָמיע אי דער טעלעסקאָפּ, און אַ שלייער פון אומוויסנקייט איז אַראָפּגעריסן געוואָרן פון די טיפענישן פון רוים. די אידעע, אַז די זון איז דער צענטער פון דער וועלט, האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן. איצט ווייסן מיר, אַז די זון קאָן אַפילו ניט אַריינגערעכנט ווערן

צווישן די גרעסטע שטערן; זי איז פאַרקערט איינער פון די קלע-נערע מאורות.

דער טעלעסקאָפ האָט באַפרייט דעם מענטשלעכן כח הדמיון מער ווי אַלץ אַנדער געצייג. אויב מען קאָן נאָך אַן אַפּאַראַט צוגלייכן צו אים אין פּרט פון פאַרברייטערן דעם מענטשנס וועלט, איז דאָס דער ספּעקטראָסקאָפּ, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט נאָך די אַנטדעקונגען פונם גלאָז-אַרבעטער פרויענהאָפער אין יאָר 1814. זינט דער מענטש לעבט אויף דער ערד, האָט ער געזען רעגנ-בויגנס, אָבער ווער וואָלט אים געזאָגט, אַז די דאָזיקע קאָלירטע פּאַסן האַלטן אין זיך אַ צוזאָג, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט ער זיין ביכולת צו אַנאַליזירן די שטערן? דער ספּעקטראָסקאָפּ קריגט די שטראַלן פון אַ וואָסער עס איז ליכט-מקור, לאָזט זיי דורך פּריזמעס, און ברעכט זיי אין פּאַסן, ווי אין אַ רעגנבויגן. ווען מען פאָרשט אויס די דאָזיקע פּאַסן, געפינט מען צווישן זיי ליניעס פון ליכטיקייט און פינסטערניש, וואָס זיינען פאַרשיידן לויט דער הייסקייט און לויט דעם כעמישן באַשטאַנד פונם ליכט-מקור און פון דעם דאַמף וואָס אַרום אים. אַזוי אַז מענטשן קאָנען איצט זיצן אין אָבסערוואַטאָריעס און שטודירן דעם צונויפשטעל און מעסטן די טעמפּעראַטור פון שטערן, וואָס געפינען זיך אָן אַ שיעור ביליאָנען מייל ווייט.

דער פאָרהאַנג, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אָן שיעורדיקן תהום פון שטערן-ווייטקייט, איז אַראָפּגעצויגן געוואָרן ערשט אין די לעצטע דריי יאָרהונדערטער. נאָך מער ניי איז אונזער וויסן מכוח דעם, ווי אומגעהייער גרויס איז דער דויער פון אונזער וועלט אין דער צייט. צווישן די פאַרצייטיקע פעלקער האָבן, משמעות, נאָר די אינדישע פילאָסאָפן געהאַט אַ שטיקל פאָר-שטעלונג וועגן די געוואַלדיק לאַנגע תקופות, וואָס די וועלט עק-סיסטירט. אין דער אייראָפּעישער וועלט, ביז עפּעס מער ווי אָנדער-האַלבן יאָרהונדערט צוריק, זיינען די אידעען מכוח דער צייט, וואָס די באַשעפעניש זיינען פאַראַן, געווען חידושדיק קורץ. אין דער „וועלט-געשיכטע“, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך אַ פאַראייניקונג פון בוך-הענדלערס אין לאָנדאָן אין יאָר 1779, שטייט

געשריבן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין יאָר 4004 פאַר קר. און (מיט אַן אַמיזאַנטער גענויקייט) אין דעם דאַרבסטיקן נאַכטגלייך, און אַז די באַשאַפונג פון מענטשן האָט געקרוינט די יצירה אין גאָרטן עדן, אויף דעם פרת, גענוי צוויי טעג רייזע העכער באַסראַ. דער צוטרוי צו די דאָזיקע ידיעות האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אַזוי האָט מען געלערנט דעם פשט פון דער חומש־מעשהלע. איצט אָבער זיינען פאַראַן גאָר ווינציק מענטשן, אפילו די וואָס גלויבן ערנסט, אַז די ביבל איז געשריבן מיט רוח הקודש, וואָס זאָלן וועלן שעפן פון דער ביבל ידיעות וועגן פאַקטן.

די וויסנשאַפט פון געאָלאָגיע און באַזונדערס די וויסנשאַפט פון פּאַלעאָנטאָלאָגיע האָבן דאָס דורכגעבראָכן דעם צייט־באַריער און אויפגעעפנט הינטער דעם קליינינקן נעכטן פון קנאַפּע זעקס טויזנט יאָר אַ מיליאָן אַזעלכע נעכטנס. צוויי רייען פאַקטן, זייער אָפט געזעענע, האָבן דאָס דער עיקר זיך אויפגעצוואונגען דעם מענטשנס אויפמערקזאַמקייט אַ צייט פריער פאַרן אַכצנטן יאָרהונדערט. איינע איז געווען, וואָס אין אָן אַ צאָל געגנטן האָט מען געזען ליגן גרויסע גראָבע שיכטן פעלזן, וואָס האָבן געקאָנט זיך אָנהויפן נאָר אין משך פון לאַנגע פעריאָדן, און אין אַ סך פאַלן זיינען אָט די שטיין־שיכטן אויסגעבויגן, אויסגעקרימט און אַרויסגעשטופט אויף אַזאַ וועג, אַז עס איז געווען ניכּר, אַז ניט אַנדערש נאָר גוואַלדיקע כּוחות האָבן דאָ געווירקט אין משך פון לאַנגע צייט־פעריאָדן. די אַנדער ריי פאַקטן איז געווען די עקסיסטענץ פון פאַרשטיינערונגען, וואָס זיינען ענלעך, אָבער ניט אינגאַנצן גלייך צו די ביינער און שאַרבנס און אַנדערע האַרטע טיילן פון עקסיסטירנדיקע מינים בעלי־חיים און געוויקסן.

ערשט אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט מען אָנגעהויבן שטודירן סיסטעמאַטיש די שטיין־שיכטן און די פאַרשטיינערונגען; ערשט אין ניינצנטן יאָרהונדערט האָט מען דערקענט דעם אמתן סדר און די אייגנשאַפט פון די דאָזיקע אָנזאַמלונגען, מען האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין וואָס עס דערציילן די פעלזן. אַ גרויסער קאַמף איז געוואָרן געפירט, ביז עס האָט זיך פאַרפעסטיקט דער אַווטאָריטעט פון דער דאָזיקער פעלזן־שפּראַך אַנטקעגן די פאַר־

אורטיילן פון יענער צייט, וואָס זיי איז טייער געווען דער געגנייער אות פון דער ביבל. מענטשן וואָס לעבן נאָך איצט האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער דאָזיקער גרויסער עמאַנסיפּאַציע פון מענטשלעכן גייסט. בהדרגה האָבן די פּערספּעקטיוון פון דער מענטש-הייט זיך געביטן און אויסגעברייטערט. מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט די פאַנטאַזיע פון אונזער ראַסע דערגרייכט אויף צוריק ביז זעקס טויזנט יאָר. איצט איז דער דאָזיקער פאָרהאַנג אויך אויפגע-הויבן, און מענטשן קוקן צוריק צו אַן עבר פון אַסך הונדערטער מיליאָנען יאָרן.

---

2. די ערד אין רוים.

מיר ווילן איצט צונויפנעמען זייער בקיצור דאָס וואָס איז באַוואוסט מכוח די מאַטעריעלע מאָסן פון אונזער וועלט. אונזער ערד, ווי דאָס איז שוין געוויזן געוואָרן, איז אַ קיילעך וואָס דרייט זיך. הגם זי ווייזט אונז אויס גרויס, איז זי דאָך פּשוט אַ פלעק פון שטאָף אין דער גרעסערער אויסשפּרייטונג פון רוים.

דער רוים איז צום גרעסטן טייל אַ פּוסטער חלל. אין גרויסע מרחקים פון אַנאַנד געפינען זיך אין אָט דעם פּוסטן חלל בלענדיקע צענטרען פון וואַרעם און ליכטיקייט, דאָס זיינען די „פעסטע שטערן". זיי אַלע באַוועגן זיך אין רוים, הגם מען רופט זיי אָן פעסטע שטערן, נאָר אַ לאַנגע צייט האָבן מענטשן ניט באַנומען זייער באַוועגונג. זיי זיינען אַזוי גרויס און געפינען זיך אין אַזעלכע מוראדיקע מרחקים, אַז זייער באַוועגונג איז ניט צו באַמערקן. ערשט אין אַ משך פון אַסך טויזנט יאָר ווערט זי קענטיק. מיט אַסך יאָרהונדערטער צוריק האָבן די עגיפּטער געמאַכט שטערן-קאַרטעס, און די דאָזיקע קאַרטעס ווייזן אונז, אַז דער סדר, ווי אַזוי די שטערן זיינען צעשטעלט, האָט זיך שטאַרק געביטן; אַסך שטערן האָבן זיך אַרוק געטאָן אַזוי, אַז מען קאָן דאָס אויסמעסטן. פונדעסטוועגן ווילן מיר געברויכן דעם אַלטן אָנגענומענעם אויסדרוק „פעסטע שטערן", בכדי זיי אָפּצושיידן פון די פּלאַנעטן. די דאָזיקע פעסטע שטערן זיינען אַזוי

ווייט, אַז, בײַ גאָר זייער אָנמאָסיקער גרייס, ווייזן זיי אויס, אַפּילו אויב מיר קוקן אויף זיי דורך די מעכטיקסטע טעלעסקאָפּן, ווי פּשוטע ליכט=פּינטלעך, העלערע אָדער ווינציקער העלע. עס זיינען ווידער פאַראַן עטלעכע אַזוינע, וואָס אַז מיר שטעלן אָן אויף זיי דעם טעלעסקאָפּ, זעען זיי זיך אָן ווי דריידלעך און וואָלקנס פון שיינענדיקן דאַמף, דאָס רופן מיר אָן נעפּלונגען. זיי זיינען קנוילן און פלעקן פון שיינענדיקן שטאָף, ביליאָנען מיילן די לענג. זיי זיינען אַזוי ווייט, אַז אַ באַוועגונג פון מיליאָנען מיילן וואָלט ניט געווען צו מערקן.

עס זיינען אויך פאַראַן — דאָס האָט מען גענומען מערקן ערשט ניט לאַנג — אַ געוויסע צאָל „טונקעלע קערפּערס“ אין רוים און וואָלקנס פון פינסטערן שטאָף — עטלעכע גוואַלדיק גרייס. מיר וואָלטן נאָך גאָרנישט געוואוסט וועגן זייער עקסיסטענץ, אויב עס וואָלט ניט געטראָפן, אַז זיי פאַרשטעלן די ליכטיקע שטערן הינטער זיי.

נאָר איין שטערן איז אַזוי נאָענט צו אונז, אַז ער זעט אויס ווי אַ גרויסע פלאַמען=קויל. דאָס איז די זון. די זון איז פאַר זיך לויט איר טבע גלייך צו אַ פעסטן שטערן, נאָר לויטן אויסזען איז זי אַנדערש פון די איבעריקע שטערן, ווייל זי איז ניט צו פאַרגלייכן נעענטער פאַר זיי; און ווייל זי איז נעענטער, זיינען מענטשן געווען בכוח צו לערנען עפּעס מכוח איר טבע. איר גרעסטער אָפּשטאַנד פון דער ערד איז 93 מיליאָן ענגל. מייל. זי איז אַ מאַסע פון פלאַמיקן שטאָף, וואָס האָט אַ דורכמאָס פון 866000 מייל. איר היקף איז אַ מיליאָן מיט אַ פערטל מאָל גרעסער ווי דער היקף פון דער ערד. אַ סך פון די פעסטע שטערן זיינען פיל גרעסער.

דאָס זיינען האַרבע צאָלן פאַרן כוח הדמיון. אויב מען זאָל אָפּשיסן אַ קויל פון אַ מאַקסים=האַרמאַט, און די לכתחילהדיקע גיכקייט אירע זאָל זיך ניט בייטן, וואָלט דאָס געדויערט זיבן יאָר, ביז די קויל וואָלט דערגרייכט צו דער זון. און דאָך זאָגן מיר, אַז די זון איז זייער נאָענט, ווען מען זאָל מעסטן לויט דער מאָס פון די שטערן. אויב די ערד וואָלט געווען אַ קליין קיילכל פון איין צאָל אין דורכמאָס, וואָלט די זון געווען אַ קויל פון נייַן פוס אין דיאַמעטער; זי וואָלט אָנגעפילט אַ קליין צימער. מיר ווייסן

איצט, אַז זי דרייט זיך אַרום איר אַקס. נאָר הויזט ווי זי איז אַן אָנגעגליטע פליסיקייט, באַוועגן זיך אירע פּאָלאַר-געגנטן ניט מיט דער זעלביקער גיכקייט ווי איר עקוואַטאָר, וואָס זיין פלאַך דרייט זיך אַרום אין אַן ערך פינף און צוואַנציק טעג. דער אייבערפלאַך וואָס מיר זעען באַשטייט פון וואָלקנס אָנגעגליטן מעטאַל-דאַמף. די אַטמאָספער פון דער זון איז אַזוי הייס, אַז אייזן, ניקל, קופּער און צין געפינט זיך אין איר אין אַ גאַזיקן צושטאַנד. און וואָס עס געפינט זיך אונטן, דאָס קאָן מען נאָר פּרוּוון טרעפן.

אַרום דער זון דרייען זיך אין גרויסע מרחקים ניט נאָר אונזער ערד, נייערט נאָך אַנדערע ענלעכע קערפּערס, וואָס ווערן אָנגערופן פלאַנעטן. זיי שיינען אויפן הימל, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ די ליכטיקייט פון דער זון; זיי זיינען געווען נאָענט צו אונז, אַז מיר זאָלן גאַנץ גרינג באַמערקן זייער באַוועגונג. פון נאַכט צו נאַכט בייט זיך זייער לאַגע לגבי די פעסטע שטערן.

עס איז גרינג צו פאַרשטיין, ווי ליידיק פון שטאָף איז דער רוים. אויב די זון, ווי מיר האָבן געזאָגט, איז אַ קויל פון ניין פוס אין דורכמאָס, וואָלט אונזער ערד, לויט דער פּראָפּאָרציע, געווען אַ קיילעכל פון איין צאָל די גרייס, און אָפּגערוקט פון דער זון אויף 322 יאַרד. דאָס באַטרעפט העכער אַ זעקסטל מייל. דאָס וואָלט באַטייט 3½ מינוט האַסטיקן גאַנג פון קיילכל ביז צו דער גרויסער קויל. די לבנה וואָלט געווען אַ פּינטל די גרייס ווי אַ קליין אַרבעסל, דרייסיק צאָל ווייט פון דער ערד.

נעענטער צו דער זון, איידער די ערד, וואָלטן געווען צוויי אַנדערע זייער ענלעכע פּינטלעך, די פלאַנעטן מערקור און ווענוס, אויף אַ מהלך פון 124 און 232 יאַרד. הינטער דער ערד וואָלטן געקומען די פלאַנעטן מאַרס, יופּיטער, סאַטורן, אוראַן און נעפּטון, וואָס שטייען אָפּ פון דער זון אויף 488, 1672, 3067, 6169, 9666 יאַרד. פון דער זון ביז צום נעפּטון וואָלט געווען אַ מהלך פון צוויי שעה גאַנג. עס וואָלט געווען נאָך אַ גרויסע צאָל אַ סך קלענערע פּינטלעך, וואָס פליען אַרום צווישן די פלאַנעטן, באַזונדערס די אַסטעראָידן, וואָס דרייען זיך אַרום צווישן מאַרס און יופּיטער, און אַמאָל רייסט זיך אַריין אין דער דאָזיקער סיסטעם פון דעם כמעט אומ-

באַגרעניצטן חלל אַ קלײנער קנויל פון מער אָדער ווייניקער שיינענדיקן דאַמף און שטויב. דעם דאָזיקן קנויל רופן מיר אָן קאָמעט. דער גאַנצער איבעריקער רוים אַרום אונז ביז צו ווייטקייטן אָן אַ מאָס איז קאַלט, אָן לעבן, פוסט. דער נאָענטסטער פעסטער שטערן צו אונז וועט זיין אויף אָט דער מינוטן=מאָס — זאָל זיין דערמאָנט: די ערד איז אַ קיילכל פון איין צאָל, און די לבנה אַ קליין אַרבעסל — העכער 40000 מייל ווייט. דער גרעסטער רוב פון די פעסטע שטערן וואָס מיר זעען וואָלטן געווען אויף אָט דעם מאַסשטאַב הונדערטער מיליאָנען מיילן ווייטער.

גייען מיר צוריק צו דער ערד. דער דיאַמעטער פון אונזער וועלט איז אַ ביסל קלענער פון 8000 מייל. איר אייבערפלאַך איז ניט גלאַט, און די העכסטע טיילן פון דער ניט=גלאַטקייט זיינען די בערג, און אין די פאַרטיפונגען פון איר פלאַך געפינט זיך אַ צודעק פון וואַסער, דאָס זיינען די אָקעאַנען און די ימים. דער דאָזיקער וואַסער=צודעק איז ביי פינף ענגלישע מייל די גרעב אין די טיפסטע ערטער — דאָס הייסט, אַז די טיפסטע אָקעאַנען האָבן אַ טיף פון פינף מייל. דאָס איז זייער ווינציק אין פאַרגלייך מיט דער גרייס פון דער וועלט.

אַרום אָט דעם קיילאַך איז פאַראַן אַ דינער אײנהיל פון לופט, די אַטמאָספערע. אַז מיר שטייגן אַרויף אין אַ לופט=באַלאָן אָדער גייען אַרויף אַ באַרג, ווערט די לופט אַלץ שיטערער, ביז זי ווערט צו שיטער אויף אונטערצוהאַלטן לעבן. אויף אַ הייך פון צוואַנציק ענגל. מייל איז מסתמא שוין גאָר קיין לופט ניטאָ. דער העכסטער פונקט, וואָס צו אים קאָן אַ פויגל אַרויפפליען, איז אַרום פיר ענגל. מייל — מען זאָגט, אַז דער קאָנדאָר קאָן אַזוי הויך פאַרפליען; אָבער קלענערע פייגלען און אינסעקטן, וואָס מען האָט זיי אַרויפגעהויבן אויף אַעראָפּלאַנען אָדער לופט=באַלאָנען, פאַלן אַראָפּ אָן זינען פון אַ סך אַ נידעריקערער הייך; און די גרעסטע הייך, וואָס צו איר האָט אַ בערג=שטייגער אַרויפגעקלעטערט, איז אַרום פינף ענגל. מייל. מענטשן זיינען דערפליגן אין אַעראָפּלאַנען צו אַ הייך פון איבער זיבן ענגל. מייל, און באַלאָנען מיט מענטשן האָבן דערלאַנגט כמעט ביז צו זיבן מייל, נאָר עס האָט זיי געקאָסט היפּשע

פיזישע ווייטאָגן. קליינע עקספּערימענט-באַלאָנען, אָן מענטשן און נאָר מיט אינסטרומענטן צו פאַרצייכענען אויטאָמאַטיש, זיינען דערגאַנגען אַזוי הויך ווי 23 מייל.

לעבן איז געפונען געוואָרן נאָר אין די אייבערשטע עטלעכע הונדערט פוס פון דער ערד-קאָרע, אין ים און אין די נידעריקערע שיכטן פון דער לופט אונטער פיר מייל. מיר ווייסן בכלל ניט פון לעבן, חוץ דעם באמת זייער דינעם צודעק פון לופט און וואַסער אויף אונזער פּלאַנעט. ווי ווייט מיר ווייסן, איז דער איבעריקער טייל פון רוים נאָך אָן לעבן. וויסנשאַפט-מענטשן האָבן זיך געחקירהט, צי עס איז מעגלעך לעבן אָדער וואָסער עס איז פּראָצעסן פון אַן ענלעכן מין אויף אַזעלכע קערפּערס, ווי די פּלאַנעטן ווענוס און מאַרס. זיי זיינען אָבער געקומען נאָר צו מסופּקדיקע השערות.

---

3. ווי לאַנג עקסיסטירט די ערד?

אַזוי ווייט מכּוח דער ערד אין רוים. לאָמיר איצט באַטראַכטן אונזער סוזשעט פון שטאַנדפּונקט פון דער צייט. אַסטראָנאָמען און געאָלאָגן און די וואָס שטודירן פיזיק זיינען איצט אין שטאַנד צו זאָגן אונז עפּעס מכּוח דעם אָפּשטאַם פון דער ערד. זיי האַלטן, אַז מיט אַ סך תּקופות צוריק איז די זון געווען אַ זיך דרייענדיקע, בלענדנדיקע מאַסע פון שטאָף, נאָך ניט קאָנצענטרירט אין אַ קאָמפּאַקטן צענטער פון וואַרעמקייט און ליכטיקייט, אַ פולע גרעסער ווי זי איז היינט, און האָט זיך געדרייט מיט אַ סך אַ גרעסערער גיכקייט, און אַז פון איר שטורעמדיקן דריי האָבן זיך אָפּגעריסן פון איר גאַנצע שטיקער און זיינען געוואָרן פּלאַנעטן. אונזער ערד איז איינע פון אַזעלכע פּלאַנעטן. בעת אָט די לויכטנדיקע מאַסע, וואָס פון איר איז געוואָרן די ערד, האָט זיך געדרייט, איז זי צעבראָכן געוואָרן אין צווייען; פונם גרעסערן שטיק איז געוואָרן די ערד גופא און פון קלענערן שטיק—די איצט טויטע, שטילע לבנה.

אַסטראָנאָמען באַווייזן מיט איבערצייגנדיקע ראיות, אַז פריער האָבן זון און ערד און לבנה און די גאַנצע סיסטעם זיך געדרייט מיט אַ סך אַ גרעסערער גיכקייט, ווי ביי היינטיקן טאָג, און אַז צו־ערשט איז אונזער ערד געווען אַ פלאַמיקער קערפּער, וואָס אויף אים האָט קיין לעבן ניט געקאָנט זיך האַלטן. זיי צווינגען אונז צו גלויבן, אַז די זון, ווי גליענדיק זי איז, איז זי דאָך אַ סך קילער ווי זי איז געווען, און אַז זי דרייט זיך פּאַמעלעכער ווי פריער, און אַז זי קילט זיך אָפּ אַלץ מער און פאַרפאַמעלעכט איר באַוועגונג. און זיי באַווייזן אויך, אַז די גיכקייט, וואָס מיט איר דרייט זיך די ערד אַרום איר אַקס, ווערט אַלץ קלענער, דאָס הייסט, אַז אונזער טאָג ווערט אַלץ לענגער, און אַז די וואַרעמקייט אין צענטער פון דער ערד ווערט אַלץ מער פּאַוואָליע אויסגעהויבט. געווען אַ צייט, ווען דער טאָג איז ניט געווען קיין העלפט און קיין דריטל דערפון, וואָס ער איז איצט; ווען אַ גליענדיק הייסע זון, אַ סך גרעסער ווי זי איז איצט, האָט זיך באַוועגט קענטיק איבערן הימל — וואָלט דעמאָלט געווען אַן אויג דאָס צו באַנעמען — פון איר אויפגאַנג ביז צו איר אונטערגאַנג. עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַ טאָג וועט זיין אַזוי לאַנג, ווי איצט אַ יאָר, און אַן אָפּגעקילטע זון, מיט אַרומגעשוירענע שטראַלן, וועט הענגען אומבאַוועגלעך אין הימל.

וועלן לעזער פרעגן: ווי לאַנג עקסיסטירט די וועלט? דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע מוז בלייבן זייער אומבאַשטימט. די מיינונגען פון די פאַך־לייט אונטערשיידן זיך זייער שטאַרק. געאָלאָגן שטודירן די גיכקייט, וואָס מיט איר קלייבן זיך אָן ערד־שיכטן ביי היינטיקן טאָג, און דערנאָך שאַצן זיי די גרעב פון פעלז און דערנאָך מאַכן זיי אַ חשבון פון רעגולאַ־דע־טרי. די מילן פון דער געאָלאָגיע מאָלן ניט אַזוי גיך, ווי זיי טוען דאָס. די ערד האָט זיך געדרייט גיכער, די זון איז געווען נענטער, די ערד אַליין פּלאַסטישער, די געצייטן (אָנפלייץ און אָפּפלייץ) זיינען געווען מעכטיקער, די ווינטן און כוואַליעס זיינען אַמאָל געווען שטאַרקער. געאָלאָגן פאַרגרעסערן מסתמא דעם עלטער פון דער ערד. דאָס טוען אויך די פּאַלעאָנטאָלאָגן, וואָס דאַרפן האָבן גרויסע פעריאָדן צייט פאַר

דער עוואָלוציע פון די מינים. נאָר זיי גייען זיך פונאַנדער אין זייער מיינונג, און עס איז שווער צו זאָגן, פאַרוואָס זיי באַדאַרפן האָבן אַזאַ לאַנגע צייט. סער אַרטור קיט האָט ניט לאַנג געזאָגט, אַז דער מענטש האָט זיך געוויס שטאַרק אומגעביטן נאָר אין 500 דורות. דאָס איז פון זיין זייט אַ הנחה.

אַסטראָנאָמען און מאַטעמאַטיקער, וואָס שטיצן זייערע חשבונות אויפן טעמפּ פון דער אָפּקילונג פון די הימלקערפּערס און אויף פאַרשיידענע פּראָצעסן פון דיפוזיע און אַטאָמען=בייט, זיינען נוטה צו פאַרקירצן די מאָסן. אַלץ וואָס מיר קאָנען טאָן דאָ, איז געבן די גרענעצן פון די פאַרשיידענע שאַצונגען. אויב מיר רעכענען די שעהן און מינוטן לויט אַ היינטצייטיקן זייגער, איז דער פּעריאָד, וואָס איז פאַרביי, זינט די קאָרע פון דער ערד האָט צועשט גענומען האַרט ווערן, ביזן היינטיקן טאָג כמעט זיכער מער פון 20.000.000 (20 מיליאָן) יאָר, און איז מסתמא ווייניקער פון 2.000.000.000 יאָר. דאָס זיינען געוואַלדיק ברייטע גרענעצן. עס איז אינטערעסאַנט אָנצוקוקן צו שטעלן די אומגעוויסקייט פון די דאָזיקע צאָלן פון דער צייט אַנטקעגן דער גענויקייט און זיכערקייט פון די רוים=מאָסן. מיר ווייסן, אַ שטייגער, דעם אָפּשטאַנד פון דער זון, הגם ער דערגרייכט ביז 93.000.000 מייל, און מיר ווייסן די וואַריאַציעס פון איר אָפּשטאַנד מיט אַ פעלער=גרענעץ פון העכסטנס עטלעכע טויזנט מייל.

ק אַ פּ י ט ל 2

וואָס די פֿעלזן דערציילן

1. די ערשטע לעבעדיקע ברואים. 2. נאַטירלעכער אָפּקלייב און די פֿאַרענדערונגען פֿון די מינים.

מיר ווייסן גאָרנישט געוויס, ווי אַזוי עס איז געוואָרן דער אָנהייב פֿון לעבן אויף דער ערד.

ביאָלאָגן האָבן געמאַכט פֿאַרשיידענע השערות, און אַלע זיינען קענטיק געקומען צו איין דעה, אַז לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין וואַרעם, זון-באַלויכטן, פֿלאַך וואַסער, מעגלעך אין די קאַליושעס און לאַגונעס פֿאַזע די ברעגעס פֿון די אָקאָרשט אויסגעפֿורעמטע ימים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אפֿשר ווי אַ שליים, ווי אַ מין אונטערלעבן, וואָס האָט פּאַוואָליע און ניט צו מערקן אָנגענומען בפֿירושע סימנים פֿון לעבן. אין קיין אָרט אויף דער ערד זיינען ביי הייניקן טאָג ניטאָ אַזעלכע תנאים, כעמישע און פֿיזיקאַלישע, ווי די, וואָס ביי זיי האָט לעבן געקאָנט זיך אָנהייבן. און געוויס הייבט זיך איצט אין ערגעץ ניט אָן קיין לעבן. פֿון אומאָרגאַנישן שטאָף איז מעגלעך צו מאַכן שליים און הייטלעך, וואָס פֿאַראָדירן שוואַך דעם בוי און אַפֿילו די אויסשפּרייטונג און וואוקס פֿון לעבעדיקע ברואים. אויב דער אָנהייב פֿון לעבן איז געווען אַ נאַטירלעכער פּראָצעס און ניט קיין וואונדער, וועט געוויס קומען אַ טאָג, ווען וויסנשאַפֿטמענטשן וועלן דאָס נאָכמאַכן און איבערחזרן. ביז דעמאָלט מוז די דאָזיקע פֿראַגע בלייבן ביז צו אַ גרויסער מאָס אַ ספּעקולאַטיווע חקירה. און אויב אַ סך ביאָלאָגן זיינען איבערצייגט, אַז לעבן האָט זיך באַוויזן אונטער די געהעריקע תנאים פּונקט אַזוי נאַטירלעך און אומאויסמיידלעך, ווי עס באַווייזט זיך אייז, ווען וואַסער ווערט

אונטער נאָרמאַלן דרוק אָפּגעקילט ביז צום פריר-פּונקט, זיינען אָבער פאַראַן אַ סך מענטשן מיט די זעלבע וויסנשאַפטלעכע קוואַליפיקאַציעס,



אַן אַלטער היסטאָרישער דאָקומענט. די פאַרשטיינערונג פון סקעלעט פון אַ אַרכעאָפּטעריקס אין פעלזן. ער איז אַ בינד-גליד צווישן רעפּטילן און פייגלען. געפונען אין אַ באַרג-גרוב אין בייערן.

וואָס האַלטן אַנדערש. מיר קאָנען דאָ ניט אַרויסזאָגן קיין אורטייל איבער דער דאָזיקער פראַגע.

דער געדאַנק, אַז לעבן האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד ווי אַ נאַטירלעכער און נויטווענדיקער כעמישער און פֿיזיקאַלישער פּראָצעס, אָן דער אַריינמישונג פֿון אַ וואָסער עס איז איבערנאַטירלעכן פֿאַקטאָר, איז קענטיק שטאַרק דערווידער פֿאַר אַ סך רעליגיעזע געמיטער. דער טעם דערפֿון איז גיכער, אפֿשר, אַ פּלאָנטערניש און ניט־קלאָרקייט פֿון זייער דענקען, איידער אין דער ניט־רעליגיעזקייט פֿון דעם עצם געדאַנק. בשעת זיי טראַכטן וועגן „לעבן“, האָבן זיי אין זינען שוין „נשמה“ און שרייבן שוין דעם צו כּלערליי מאָראַלישע מידות; זיי שטעלן דאָס אַנטקעגן דער „טויטער מאַטעריע“. אָבער עס איז שווער צו זען, פֿאַרוואָס אַ סליניאַק אָדער אַ פֿויל־שוועמל, אַ לויז אָדער אַ קרעפּסאַרטיק פֿאַראַזיטיש געוויקסל אויף דער קאָרע פֿון אַ בוים זאָל ווערן באַטראַכט אַזוי ווי זיי גופֿא און דער פּראָצעס פֿון זייער עקסיסטענץ וואָלטן געווען אויף וואָסער עס איז סודותדיקן וועג „העכער“, איידער, אַ שטייגער, די פֿיין צעשטעלטע עלעמענטן אין אַ קרישטאָלישער גרופּע, אָדער אין אַן איידלשטיין, אָדער אין אַ פּלאַטע געמוסטערטן מירמלשטיין, אָדער די שיינע ליניעס פֿון צעכוואַליעטן וואַסער און זון־שיין, אָדער די ליניעס פֿונם ווינט־געטריבענעם זאַמד. פֿאַרוואָס זאָל דער באַשעפֿער פֿון דער וועלט נושא פּנים זיין דעם כ מ ע ט אומבאַלעבטן אַנטקעגן דעם א ו י ך אומבאַלעבטן?

די אַטמאָספֿער איז געווען אַ סך געדיכטער אין די טעג, ווען לעבן האָט זיך אָנגעהויבן; גרויסע וואָלקן־מאַסן פֿלעגן פֿאַרשטעלן די זון, אָפֿטע שטורעמס פֿאַרפֿינסטערן די הימלען. די ערד, אויפֿגעהויבן דורך מעכטיקע וואולקאַנישע כּוחות, איז געווען וויסט, ניט באַוואַקסן, אָן געוויקס־באָדן. כמעט אָן אויפֿהער האָבן זי פֿאַרפֿלייצט גאָס־רעגנס, און טייכן און וואַסער־שטראָמען האָבן געטראָגן אין ים אַרויס גרויסע מאַסן אָפּזאַצן, וואָס האָבן זיך אָפּגעלעגערט ווי שלאַם און זיינען שפּעטער פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן צו שיפֿער און צו ליים, און ווי זאַמד, וואָס איז געוואָרן צו זאַמד־שטיין.

די געאָלאָגן האָבן אויסגעפֿאָרשט דעם אָנהייב פֿון די דאָזיקע אָפּזאַצן, ווי דאָס איז ביי היינטיקן טאָג, פֿון די פֿריסטע תּקופֿות ביז צו די נייסטע. פֿאַרשטייט זיך, אַז די עלטסטע אָפּלעגערונגען זיינען

די צום מייסטן אויסגעקרימטע און פֿאַרענדערטע און אָפּגעריבענע, און אין זיי איז ניט צו געפֿינען קיין שפּור פֿון לעבן. די ערשטע פֿאָרמען פֿון לעבן זיינען מסתמא געווען קליין און צאַרט, און האָבן ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום סימן פֿון זייער עקזיסטענץ. ערשט ווען עטלעכע פֿון די דאָזיקע לעבעדיקע באַשאַפֿענישן האָבן אַנטוויקלט סקעלעטן און מושלען פֿון קאַלך אָדער ענלעכע האַרטע מאַטעריאַלן, האָבן זיי געקאָנט איבערלאָזן נאָך זייער טויט פֿאָסילע, פֿאַרשטיינערטע שפּורן, אַזוי אַז מען קאָן זיי איצט אויספֿאָרשן.

די ליטעראַטור פֿון געאָלאָגיע איז אין ברייטן זין אַ באַשרייבונג פֿון די פֿאַרשטיינערונגען, וואָס ווערן געפֿונען אין די פֿעלזן, און פֿון דעם סדר פֿון די פֿעלז-שיכטן, ווי זיי ליגן אויסגעלייגט איינע איבער דער אַנדערער. די גאָר עלטסטע פֿעלזן האָבן זיך געמוזט אויסבילדן, נאָך איידער עס איז בכלל געווען אַ ים, ווען די ערד איז נאָך געווען צו הייס, אַז אַ ים זאָל קאָנען זיך האַלטן, און ווען דאָס וואַסער, וואָס איז איצט אין ים, איז געווען אַן אַט-מאָספֿער פֿון דאַמף אויסגעמישט מיט לופֿט. די העכערע שיכטן פֿון דער אַטמאָספֿער זיינען געווען געדיכט אָנגעפֿילט מיט וואָלקנס, וואָס פֿון זיי האָט אַ הייסער רעגן אַראָפּגעגאָסן אויף די פֿעלזן, אָבער ער האָט ניט דערלאַנגט צו זיי, נאָר איז פֿון זייער היץ געוואָרן צו דאַמף. אונטער אָט דער דאָזיקער דאַמף-אַטמאָספֿער איז די ציִיאָ-לענער וועלט-שטאָף צונויפֿגעפּרעסט געוואָרן צו די ערשטע פֿעלזן. די ערשטע פֿעלזן זיינען מסתמא פֿאַרטריקנט געוואָרן נאָר פֿון אויבן ווי די קאָרע פֿון אַ לאַבן ברויט אין אַ באַק-אויוון, אינעווייניק איז געבליבן אַ פֿליסיקע מאַסע, אַזוי ווערט אויך פֿאַקילט לאַווע. צוערשט זיינען די פֿעלזן מסתמא געווען ווי קאָרע און שטיקערווייז ווי געברענטע ציגל. זיי זיינען מסתמא אַ סך מאָל ווידער צעריבן געוואָרן און ווידער קריסטאַליזירט, ביז זיי זיינען געוואָרן אַזוי גראָב, אַז זיי זיינען געבליבן פֿעסט. דעם נאָמען גרונט-גנייס טראָגט אַ סיסטעם פֿון קריסטאַלינישע פֿעלזן אין די אונטערשטע שיכטן, וואָס האָט זיך מסתמא געבילדעט אין משך פֿון תקופֿות, בעת די דאָזיקע הייסע יוגנט-צייט פֿון דער ערד האָט זיך געריקט צו איר סוף. דאָס וועלט-בילד אין יענע צייטן, ווען דער גרונט-גנייס האָט

זיך אויסגעבילדעט, האָט באַדאַרפט זיין ענלעך מער צום אינעווייניקסטן רוים פון אַן עלעקטרישן איוון, איידער צו עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן איצט געפינען אויף דער ערד.

נאָך לאַנגע תקופות האָט דער דאַמף אין דער אַטמאָספערע אויך גענומען געדיכט ווערן און פאַלן אַנידער אויף דער ערד, צעגאָסן זיך איבער די דאָזיקע וואַרעמע בראשיתדיקע פעלזן אין שטראָמדעלעך היים וואַסער און אָנגעקליבן זיך אין די נידערונגען ווי קאַליזשעס, אָזערעס און די ערשטע ימים. אין די דאָזיקע ימים האָבן די שטראָמען, וואָס זיינען געפלאָסן איבער די פעלזן, געבראַכט מיט זיך שטויב און טיילכלעך צו בילדן אַן אָפּזאַץ, און דער דאָזיקער אָפּזאַץ האָט זיך אָנגעקליבן אין שיכטן און געבילדעט די ערשטע אָפּזאַץ-פעלזן. די דאָזיקע פריסטע אָפּזאַץ-פעלזן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין פאַרטיפונגען און זיינען צוגעדריקט געוואָרן דורך אַנדערע; זיי זיינען געוואָרן צעבויגן, אַרויפגעדריקט, צעריסן דורך גרויסע וואולקאַנישע צעטרייסלונגען און דורך די געצייט-שטראָמען, וואָס האָבן זיך געריסן איבער דער פעלזן-קאָרע פון דער ערד. די דאָזיקע ערשטע אָפּזאַץ-פעלזן באַווייזן זיך נאָך דאָ און דאָרט איבערן אייבערפלאַך פון דער ערד, אָדער גאָר ניט צוגעדעקט מיט שפּעטערדיקע אָפּלעגערונגען אָדער אויפגעדעקט נאָך אַסך תקופות פון באַהאַלטן-זיין, נאָכדעם ווי עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער פעלז, וואָס האָט זיי צוגעדעקט, — גרויסע שטרעקעס פון אַזעלכע פעלזן זיינען פאַראַן באַזונדערס אין קאַנאַדע; זיי זיינען צעשפּאָלטן און צעבויגן, צום טייל צעריבן, ווידער קריסטאַליזירט, פאַרהאַרטעוועט און צונויפגעפּרעסט, אָבער מען קאָן דערקענען וואָס זיי זיינען. און זיי האָבן אין זיך ניט קיין שום שפּור פון לעבן.

זיי ווערן אָנגערופן אָפּטמאָלס אַ ז אָ י ש ע פעלזן, ד"ה אָן לעבן. אָבער היות ווי אין עטלעכע פון די דאָזיקע פריסטע אָפּזאַץ-פעלזן געפינט זיך אַ שטאָף, וואָס מען רופט אים גראַפיט (שוואַרץ בליי), און רויטער שוואַרצער אייזן-אָקסיד, און היות ווי עס איז באַוויזן, אַז די דאָזיקע שטאָפן באַדאַרפן האָבן די אַרבעט פון לעבעדיקע ברואים, בכדי געשאַפן צו ווערן, האַלטן עטלעכע גע-

אָלגָן, אַז גלייכער איז אָנצורופן די דאָזיקע „פּריסטע אָפּזאַץ־פעלזן מיטן נאָמען „אַרכעאָזאָישע". זיי זיינען משער, אַז די ערשטע לעבעדיקע ברואים זיינען געווען לעבעדיקער שטאָף, וואָס האָט ניט געהאַט קיין בקלעט אָדער מושל אָדער אַ וואָסער עס איז געבוי, וואָס האָט געקאָנט איבערבלייבן ווי אַ מאָסיל, און זייער כעמישער איינפלוס. האָט דאָס געהאָלפן שאַפן דעם גראַפיט און אייזן־אָקסיד. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ בלויזע השערה, און עס איז פונקט אַזוי מעגלעך, אַז אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך געבילדעט די אַזאָישע פעלזן, האָט דאָס לעבן נאָך ניט געהאַט זיך אָנגעהויבן.

איבער אָט די דאָזיקע אַזאָישע אָדער אַרכעאָזאָישע פעלזן קומען אַנדערע, באַשיימפערלעך אויך זייער אַלט און אויסגעריבן, וואָס האָבן אין זיך שפּורן פון לעבן. די עלטסטע רעשטן זיינען זייער פשוט צו באַשרייבן, דאָס זיינען שפּורן פון זייער איינפאַכע געוויקסן, וואָס ווערן אָנגערופן אַלגן, אָדער סימנים, ווי די שפּורן וואָס עס לאָזן איבער ווערים, וואָס ווידמענען זיך אין ים־שלאַם. עס זיינען דאָ אויך פאַראַן סקעלעטן פון מיקראָסקאָפּישע ברואים, וואָס ווערן אָנגערופן ראַדיאָלאַרן. דער דאָזיקער צווייטער שיכט פעלזן ווערט אָנגערופן פּראָטעראָזאָישער (אָנהייב פון לעבן) שיכט, ער באַצייכנט אַ לאַנגע תקופה אין דער געשיכטע פון דער וועלט.

איבער די פּראָטעראָזאָישע פעלזן ליגט אַ דריטער שיכט, וואָס אין איר האָט מען געפונען סימנים פון אַ גרויסער צאָל פאַרשיידענע מינים לעבעדיקע ברואים. צוערשט קומען סימנים פון מאָלוסקן, קראַבן און כדומה נאָך אַזעלכע רמשים, ווערים, ים־גראָז וכדומה; דערנאָך פון אַ סך פיש און התחלות פון יבשה־געוויקסן און יבשה־בעלי־חיים. די דאָזיקע פעלזן ווערן אָנגערופן די פּאַלעאָזאָישע פעלזן (אַלט לעבן). זיי באַצייכענען אַ גרויסע ערע, וואָס אין משך פון איר האָט דאָס לעבן זיך צו ביסלעכווייז אויסגעשפּרייט, צעוואַקסן און אַנטוויקלט זיך אין די ימים פון אונזער וועלט. דורך לאַנגע תקופות, דורך דער פריסטער פּאַלעאָזאָישער צייט איז געווען ניט מער ווי אַ פאַרמערונג און פרוכפּערונג פון אַזעלכע שווימענדיקע פויזענדיקע באַשעפעניש אין וואַסער. דאָ זיינען געווען ברואים, וואָס

ווערן אָנגערופן טרילאָביטן; דאָס זיינען געווען פויזענדיקע ברואים, גלייך צו גרויסע ים-האָלץ-לייז. און זיי זיינען מסתמא קרובים פון דעם איצטיקן אַמעריקאַנער ריזן-קראַב. עס זיינען געווען אויך ים-סקאָרפּיאָנען, די האַרן פון יענער פרייער וועלט. אינדיווידן פון געוויסע מינים זייערע האַלטן ניין פוס די לענג. דאָס איז געווען דער העכסטער מין לעבן. עס זיינען געווען אַ סך מינים פון אַ קלאַס מאָלוסקן, וואָס ווערן אָנגערופן בראַכיאָפּאָדן. עס זיינען געווען געוויקסן-בעלי-חיים, איינגעוואָרצלטע און פאַרבונדענע מיט אַנאַנד ווי געוויקסן, און פרייע גראָזן, וואָס האָבן אַרומגעשוואומען אין די וואַסערן.

דאָס איז ניט געווען קיין אַרויסווייז פון לעבן, וואָס קאָן רייצן אונזער פאַנטאַזיע. עס איז ניט געווען אַזוינס, וואָס לויפט אָדער פליט אָדער שווימט אַפילו פלינק און געשיקט. חוץ דער גרייס פון אייניקע באַשעפענישן, זיינען זיי מסתמא ניט געווען מער פאַרשיידנאַרטיק און גיכער נאָך ווינציקער פאַרשיידנאַרטיק, ווי די מינים וואָס אַ פאָרשער פאַנגט זיי צונויף ביי היינטיקן טאָג זומערצייט צוליב מיקראָסקאָפּישער אויספאָרשונג.

אָט דאָס איז געווען דאָס לעבן אין די פלאַכע ימים אין משך אפשר פון הונדערט מיליאָן יאָר אָדער מער אין דעם פריען-פּאַלעאָזאָישן פעריאָד. די יבשה איז אין דער צייט באַשיימפערלעך געווען לחלוטין וויסט. מיר געפינען ניט קיין סימן און קיין רמז פון אַ יבשה-לעבן. אַלץ וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט האָט געלעבט אונטערן וואַסער דעם גרעסטן טייל לעבן אָדער דאָס גאַנצע לעבן. אין משך פון תקופות, וואָס מאַכן איפּטרייסלען די פאַנטאַזיע, איז דאָס געווען גאָר דאָס לעבן, און פאַר דער דאָזיקער צייט האָט די ערד געהאַט זיך געדרייט מיליאָנען יאָרן היים און אָן לעבן.

צווישן דער פאָרמירונג פון די דאָזיקע אונטערשטע פּאַלעאָזאָישע פעלזן, וואָס דעמאָלט האָבן געוועלטיקט דער ים-סקאָרפּיאָן און דער טרילאָביט, און צווישן אונזער צייט קומען אַריין תקופות כמעט אָן אַ מאָס, פאַרגעשטעלט דורך שיכטן און מאַסן פון אָפּזאַץ-פעלזן. דאָס זיינען צוערשט די אייבערשטע פּאַלעאָזאָישע פעלזן, און איבער זיי אונטערשיידן די געאָלאָגן צוויי גרויסע אָפּטיילן. באַלד איבער די פּאַלעאָזאָישע פעלזן קומען די מעזאָזאָישע (מיטלסט לעבן)

פעלזן, אַ צווייטע גרויסע סיסטעם פון פעלזן מיט פאָסילן, וואָס שטעלן פאָר אפשר אַ הונדערט מיליאָן גיכע יאָרן און וואָס האַלטן אין זיך אַ וואונדערפולע אָנזאַמלונג פון פאָסילע רעשטן, ביינער פון גיגאַנטישע שרצים, וכדומה, וואָס מיר וועלן איצט באַשרייבן; און איבער זיי געפי=

טאַבעלע פון געאָלאָגישער צייט.

	800 מיליאָן יאָר צוריק / אָדער 80
אַזאָישע אָדער אַרכעאָזאָישע מעגלעך בכלל אָן לעבן.	
	600 ” / אָדער 60
פּראָטעראָזאָישע אָן קענטיקע שפורן פון לעבעדיקער סטרוק-טור. תקופה פון שלאַמיקע ברואים.	
	360 ” / אָדער 60
פריע פּאַלעאָזאָישע איידער עס האָבן זיך באַוויזן וואַרבלדיקע בע״ח. צייט פון ים-סקאָרפּיאָנען און טרילאָביטן	
	260 ” / אָדער 26
שפּעטערע פּאַלעאָזאָישע צייט פון פיש, אַמפיביעם און זומפּ-וועלדער.	
	140 ” / אָדער 14
מעזאָזאָאישע צייט פון שרצים.	
	40 ” / אָדער 4
קאַינאָזאָישע צייט פון זייגערס. גראָז. יבשה-וועלדער.	

די רעלאַטיווע גרעב פון די פאַרשיידענע פעלזן-פאָרמאַציעס. די ציפערן גיבן דעם מאַקסימום און מינימום פון די שאַצונגען, וויפיל עס האָבן געדויערט די פאַרשיידענע צייט-פעריאָדן.

גען זיך די קאַינאָזאָישע פעלזן (ניי לעבן), אַ דריטער גרויסער באַנד אין דער געשיכטע פון לעבן, אַ נאָך ניט פאַרענדיקטער באַנד, און זיין לעצט באַשריבן בלאַט זיינען דער זאַמד און דער שלאַם, וואָס די טייכן פון דער ערד האָבן נעכטן אַרויסגעטראָגן אין ים אַרויס, כדי צו באַגראָבן ביינער און שופן און קערפערס און שליאַרן, וואָס וועלן צולעצט ווערן די פאַרשטיינערונגען פון די היינטיקע ברואים.

די אויף זייט 39 אָנגעצייכנטע דיאַגראַמע באַווייזט די לערכדיקע גרעב פון די דאָזיקע פאַרשיידענע פעלזן־פאָרמאַציעס. עס איז אויסגערעכנט, אפשר ניט גאָר גענוי, אַז די גרעב באַווייזט דעם רעלאַטיוון עלטער. מיר גיבן געוויסע צאָלן, מאַקסימום־און מינימום־שאַצונגען, ווי לאַנג די דאָזיקע פעריאָדן האָבן געדויערט. עס איז קלאָר, אַז אין די ברייטע גרענעצן איז די געאָלאָגישע צייט נאָך אַן ענין פאַר השערות. דער מחבר וויל אַפילו ניט אָננעמען די רעלאַטיווע צייט־שאַצונגען. אין דעם אַרכעאָזאָישן פעריאָד האָט די גאַנצע מאַשין געמוזט אַרבעטן האַסטיקער; די ערד האָט גיכער זיך געדרייט, די זון און די לבנה זיינען געווען נעענטער, די געצייטן, די שטורעמס זיינען געווען אַ סך מעכטיקער. אָפּלעגערונגס־שיכטן, וואָס עס געדויערט איצט יאָרהונדערטער, ביז זיי זעצן זיך אָפּ, האָבן דעמאָלט געקאָנט זיך אָנקלייבן אין עטלעכע הונדערט טעג. פונדעסטוועגן איז דאָ געגעבן די דיאַגראַם דעם לעזער צו באַטראַכטן. מיט אירע ציפערן און פּראָפּאָרציעס איז זי געבויט אויף ידיעות פון אַ געאָלאָגישן גרונט־בוך. דאָס זיינען דער מין פעריאָדן, וואָס זיינען געווען, פעריאָדן לויט דער מיליאָן־מאָס. דאָס איז אַזוי גענוי, ווי עס קאָן נאָר זיין ביי היינטיקן טאָג.

פאַר דעם לעזער, וואָס איז נאָך ווינציק באַקאַנט דערמיט, וואָלט געווען גוט צו פאַרגעדענקען די נעמען פון די הויפּט־אײַנטיילונגען אויף דער דיאַגראַם, ווייל מיר וועלן זיי אָפט באַנוצן אין די עטלעכע ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

די סימנים און די פּאָסילן אין די פעלזן און די פעלזן גופא זיינען די ערשטע היסטאָרישע דאָקומענטן. די געשיכטע פון לעבן, וואָס מענטשן האָבן אַרויסגעצויגן אָדער ציען נאָך אַרויס פון זיי, ווערט אָנגערופן די כראָניקעס פון די פעלזן. אָבער ווען מיר רופן אָן די פעלזן און די פאַרשטיינערונגען אַ כראָניק און אַ היסטאָריע, באַ־

דאַרף מען ניט אָננעמען, אַז דאָס באַטייט, אַז זיי זיינען צעשטעלט אין אַ סדר לויט דער צייט. דאָס באַטייט מערניט דאָס, אַז אַלץ וואָס פּאַסירט לאָזט איבער אַ שליאַד, אויב מיר זיינען געלערנט גענוג בכדי צו פאַרשטיין, וואָס דער שליאַד באַטייט. די פעלזן פון דער וועלט זיינען ניט אויסגעלייגט אין שיכטן איינער איבערן אַנדערן באַקוועם צו לייענען פאַר מענטשן. זיי זיינען ניט ווי ביכער אין בלעטער פון אַ ביבליאָטעק. זיי זיינען צעריסן, פונאַנדערגעוואָרפן, צעדרייט, ווי פּאַפּירן אין אַ ביוראָ, וואָס מען האָט ניט באַוויזן צו ברענגען אין אָרדענונג ווי געהעריק נאָך אַ באָמבאַרדירונג, אַ פיינטלעכער מיליטערישער אָקופּאַציע, רויב־אָנפאַל, ערד־ציטערניש, אומרוען, אַ שׂרפה. און אַזוי איז דאָס, אַז אין משך פון אַ צאָל דורות איז דער דאָזיקער אַרכיוו פון די פעלזן געלעגן פאַר די מענטשנס פּיס, און קיינער האָט אים ניט באַמערקט. די יאָנישע גריכן האָבן געוואוסט פון די פאַרשטיינערונגען נאָך אין זעקסטן יאָרהונדערט פאַר קר., עראַטאָסטענעס אין אַלכסנדריא און אַנדערע האָבן זיך מתווכח געווען מכוח זיי אין דריטן יאָרהונדערט, די דאָזיקע דיסקוסיע האָט צונויפגענומען סטראַבאָ אין זיין געאָגראַפיע (? 20 — 10 פאַר קר.). זיי זיינען געווען באַוואוסט דעם לאַטיינישן פּאָעט אָווידיוס, נאָר ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי זיינען. ער האָט געמיינט, אַז זיי זיינען דער רויער רעזולטאַט פון דער ערשטער אָנשטרענגונג פון דער שאַפונגס־קראַפט. אַראַבישע שרייבערס האָבן זיי פאַרצייכנט אין 10טן יאָרהונדערט. לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, וואָס האָט געלעבט אין אָנהייב 16טן יאָרהונדערט (1452 — 1519), איז געווען איינער פון די ערשטע אייראָפּעער, וואָס האָט געכאַפּט דעם אמתן באַטייט פון די פאַרשטיינערונגען, און ווי מיר האָבן געזאָגט, ערשט מיט אָנדערהאַלבן יאָרהונדערט צוריק האָבן מענטשן אָנגעהויבן ערנסט און אויסגעהאַלטן אָפּשיפרירן די דאָזיקע פריע זייטן פון דער וועלט־געשיכטע, וואָס מען האָט פריער אויף זיי ניט געקוקט.

---

2. נאַטירלעכער אָפּקלײַב און די פאַרענדערונג פון די מינים.

אין דעם פריערדיקן פּאַראַגראַף האָבן מיר נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרע דעפיניציע הערפון, וואָס עס איז אַזוינס לעבן. עס וועט זיין כדאי פעסטצושטעלן עטלעכע אַלגעמיינע פאַקטן מכוח אָט דער נייער זאַך, וואָס האָט גענומען פּויזען אין די פלאַכע וואַסערן און אין די נאַסע שלאַמען פון דעם פרי-פּאַלעאָזאָישן פּעריאָד, און וואָס פון גאָר דעם אומענדלעכן וועלטאַל איז דאָס באַגרענעצט נאָר אויף אונזער ערד.

לעבן שיידט זיך אָפּ פון אַלע זאַכן וואָס זיינען אָן לעבן אין געוויסע הויפּט-פּרטים. עס זיינען פאַראַן די וואונדערפולסטע אונטערשיידן צווישן די לעבעדיקע ברואים ביי היינטיקן טאָג, אָבער אַלע לעבעדיקע זאַכן אין פאַרגאַנגענהייט און איצט זיינען איינס דערין, וואָס זיי פאַרמאָגן אַ געוויסן כוח צו וואַקסן, אַלע לעבעדיקע זאַכן נעמען אַריין דערנערונג, אַלע לעבעדיקע זאַכן באַוועגן זיך, אַזוי ווי זיי נעמען שפּייז און וואַקסן, הגם די באַוועגונג קאָן זיין ניט מער ווי די אויסשפּרייטונג פון וואָרצל אונטער דער ערד, אָדער די אויסציונג פון צווייגן אין דער לופט. ווייטער טוען לעבעדיקע באַשעפעניש רעפּראָדוצירן; זיי לאָזן אַרויסוואַקסן פון זיך לעבעדיקע ברואים גלייך צו זיי, אָדער דורכדעם וואָס זיי וואַקסן און טיילן זיך, אָדער מיט דער הילף פון זוימען אָדער ספּאָרן אָדער אייער אָדער אַנדערע אופנים אַרויסצוברענגען יונגע. רעפּראָדוקציע איז אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פון לעבן.

קיין איין לעבעדיק באַשעפעניש לעבט ניט אייביק. עס איז אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ גרענעץ פון וואַקסן פאַר איטלעכן מין לעבעדיקע ברואים. צווישן די זייער קליינע און פּשוטע לעבעדיקע באַשעפענישן, ווי דער מיקראָסקאָפּישער טראָפּן לעבעדיקער מאַטעריע, די אַמעבע, קאָן אַן אינדיוויד וואַקסן און דערנאָך זיך טיילן אינגאַנצן אין צוויי נייע אינדיווידן, וואָס קאָנען זיך ווידער טיילן פון זייער זייט. אַ סך אַנדערע מיקראָסקאָפּישע באַשעפענישן לעבן אַקטיוו אַ געוויסע צייט, וואַקסן אויס, און דערנאָך ווערן זיי רויִק

און ניט-אַקטיוו, שוליסן זיך איין אין אַן אויסוויינקסטער שאָלעכץ און צעפלאַצן אין אַ געווויסער צאָל פון נאָך קלענערע באַשעפענישן, ספּאָרן, וואָס זיינען באַפרייט און צעשפּרייט און וואַקסן ווידער אויס צו אַ גלייכעניש פון זייערע עלטערן. צווישן די מער קאָמפּליצירטע באַשעפענישן איז די רעפּראָדוקציע געוויינטלעך ניט אַזאַ פּשוטע טיילונג, הגם טיילונג טרעפט אַפילו ביי אַ סך באַשעפענישן גרויס



ווי אזוי קאפּפיסיקע מושלען האבן זיך אנטוויקלט. די ערשטע שורה (פון לינקס אויף רעכטס) ווייזט די ריכטונג פון דער פּאלעאזאישער עוואלוציע פון גלייך ביז געקרימט, זי דערגרייכט איר שפּיץ אינעם נאוטילוס (צענטראלע פיגור), וואס איז געבליבן ניט פארענדערט ביז איצט. די אונטערשטע ריי (פון רעכטס אויף לינקס) באווייזט א פארקערטע אנטוויקלונגס-ריכטונג פון די מעזאזאישע צמאניטן, וואס גייט פארקערט פון געקרימט צו אויסגעגלייכט.

גענוג, אַז מען קאָן דאָס זען מיטן פּשוטן אויג. נאָר דער כּלל איז כּמעט ביי אַלע גרעסערע בּרואים, אַז דער אינדיווידו וואַקסט אויס ביז צו אַ באַשטימטן גרענעץ פון גרייס. דערנאָך, איידער ער ווערט שוואַך

באַוועגלעך, ווערט זיין וואוקס שוואַכער און שטעלט זיך אָפּ. אַז ער דער־
גרייכט צו זיין פולער גרייס, איז ער צייטיק, הייבט אָן צו פּראָ־
דוצירן יונגע, וואָס זיינען אָדער לעבעדיק געבאָרן אָדער אויסגעבריט פון



טרילאָביטן זיינען פון די עלטסטע באוואוסטע פאָסילן. די באַשעפעניש
גופא האָבן זיך באוויזן אין דער פרי־פּאַלעאָזאָישער צייט.

אייער. אָבער ניט זיין גאַנצער קערפּער טוט פּראָדוצירן יונגע, נאָר אַ
ספּעציעלער טייל טוט דאָס. נאָך דעם ווי דער אינדיווידו האָט געלעבט

און פּראָדוצירט פרוכט אַ געוויסע צייט, ווערט ער אַלט און שטאַרבט אָפּ. דאָס איז אַזוי ווי נויטווענדיק. עס איז פאַראַן אַ פּראַקטישער גרענעץ פאַר זיין לעבן, פונקט ווי פאַר זיין וואַקסן. די דאָזיקע זאַכן זיינען ריכטיק סיי פאַר בעלי־חיים סיי פאַר געוויקסן. און זיי זיינען ניט ריכטיק פאַר זאַכן וואָס לעבן ניט. ניט־לעבעדיקע זאַכן, ווי אַ שטיינער, קריסטאַלן, וואַקסן, אָבער זיי האָבן ניט קיין פעסטע גרענעצן פאַר זייער וואוקס אָדער גרייס, זיי באַוועגן זיך ניט מיטן אייגענעם ווילן און עס איז ניטאָ קיין אינעווייניקסטע



איידער עס האָבן זיך באַוויזן בעלי־חיים מיט רוקן־ביינער, האָבן די גרויסע וואַסער־סקאָרפּיאָנען געווידמעט זיך צווישן די ים־גראָזן.

באַוועגונג אין די קריסטאַלן, וואָס זיינען איין מאָל אויסגעפורעמט, קאָנען בלייבן ליגן ניט געענדערט מיליאָנען יאָרן. קיין איין ניט־לעבעדיקע זאַך האָט ניט קיין רעפּראָדוקציע.

דאָס וואַקסן און שטאַרבן און רעפּראָדוצירן פון די לעבעדיקע באַשעפענישן ברענגט צו עטלעכע זייער וואונדערלעכע פועל־יוצאס. די יונגע, וואָס אַ לעבעדיק באַשעפעניש ברענגט אַרויס, צי דירעקט אָדער נאָך עטלעכע צווישן־סטאַדיעס און פאַרענדערונגען (אַ היסלניצע בייט זיך צו אַ פלעדערל), זיינען לעבעדיקע ברואים ווי די עלטערן. זיי זיינען

אָבער קיינמאָל ניט פּינקטלעך גלייך צו זיי אָדער גלייך איינער צו די אַנדערע. שטענדיק איז פאַראַן אַ געוויסע פאַרשיידנהייט, וואָס מיר רופן זיי אָן אינדיווידואַליטעט. טויזנט פלעדערלעך פון הייער קאָנען פּראָדוצירן אַ סך מער אויף איבעראַיאָר; אונז וועלן די יונגע אויסווייזן כמעט פּולקום גלייך צו די אַלטע, נאָר איטלעכער פון זיי וועט געוויס פאַרמאָגן אָט דעם קליינעם אונטערשייד. פאַר אונז איז שווער צו זען אינדיווידואַליטעט אין פלעדערלעך, וואָרעם מיר זעען זיי קיינמאָל ניט גאָר נאָענט, נאָר מיר באַמערקן זי גרינג אין מענטשן. אַלע מענער און פרויען אין דער וועלט שטאַמען אָפּ פון מענער און פרויען, וואָס האָבן געלעבט אין יאָר 1800 נאָך קר., אָבער קיין איינער פון אונז איז ניט גענוי דער זעלביקער ווי אָט יענער פאַרשוואונדענער דור. און דאָס, וואָס איז ריכטיק ביי מענטשן און פלעדערלעך, איז ריכטיק אויך פאַר איטלעכן מין לעבעדיקע ברואים, סיי בעלי־חיים סיי געוויקסן: איטלעכער מין פאַרענדערט אַלע זיינע אינדיווידועלע סימנים אין איטלעכן דור. דאָס איז ריכטיק בנוגע צו די פיצינקע ברואימלעך, וואָס האָבן זיך געווידמעט אין רעפּראָדוצירט און געשטאָרבן אין די אַרכעאָזאָישע און פּראָטעראָזאָישע ימים, פּונקט ווי בנוגע מענטשן ביי היינטיקן טאָג.

איטלעכער מין לעבעדיקע ברואים שטאַרבט אָפּ בסדר און ווערט ווידער געבאָרן אין אַ צאָל נייע אינדיווידן.

לאָמיר אַ קלער טאָן, וואָס עס קאָן טרעפן מיט אַ ניי געבאָרענעם דור פון וואָסער אַ מין לעבעדיקע ברואים. טייל אינדיווידן וועלן זיין שטאַרקע אָדער דרייסטע אָדער בעסער צוגעפּאַסט אויף אַ וואָסער עס איז אופן, איידער די איבעריקע, צו באַגליקן אין לעבן, אַ סך אינדיווידן וועלן זיין שוואַכער אָדער ווייניקער צוגעפּאַסט. אין איינציקע פאַלן קאָן זיך מאַכן אַ צופאַל אָדער אַ גליק, אָבער אין גרויסן און גאַנצן וועלן די בעסער פאַרזאָרגטע איבערלעבן און אויסוואַקסן און זיך רעפּראָדוצירן און די שוואַכערע וועלן בדרך כלל אונטערגיין. זיי וועלן זיין ווייניקער מסוגל צו קריגן שפּייז, צו באַקעמפן זייערע שונאים און זיך דורכצושטופּן. בכן קומט אויס, אַזוי ווי אין איטלעכן דור וואָלט געווען אַן אָפּקלייב אין די מינים, אַזוי אַז די שוואַכסטע און די ניט־צוגעפּאַסטע וועלן אַרויסגענומען, און

עס בלייבן איבער נאָר די שטאַרקע און צוגעפּאַסטע. דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט אָנגערופן נאַטירלעכער אָפּקלייב, אָדער דאָס איבערלעבן פון די טויגלעכסטע, הגם דאָס איבערלעבן פון די טויגלעכערע וואָלט געווען אַ גענויערער אויסדרוק.

דערפון, פון אָט דעם פאַקט, אַז לעבעדיקע בריאה וואַקסן און שטעלן אויף אַ דור און שטאַרבן, איז געדרונגען, אַז איטלעכער מין, כּל זמן עס בלייבן ניט געענדערט די תּנאָים, וואָס אונטער זיי לעבט ער, ווערט מיט איטלעכן דור אַלץ מער און מער צוגעפּאַסט צו די דאָזיקע תּנאָים.

אָבער איצט לאָמיר משער זיין, אַז די דאָזיקע תּנאָים בייטן זיך, דעמאָלט וועט יענער סאָרט אינדיוויד, וואָס האָט פריער מצליח געווען, איצט מער ניט מצליח זיין, און אַזאַ סאָרט אינדיוויד, וואָס האָט ביי די אַלטע תּנאָים ניט געקאָנט אויפקומען, וועט איצט געפינען זיין מזל. בכן, וועלן די מינים זיך בייטן דור נאָך דור; דער אַלטער סאָרט אינדיווידן, וואָס האָט געווייינטלעך געלעבט גוט און געהערשט, וועט איצט זיין אַ יורד און אויסשטאַרבן, און דער נייער סאָרט אינדיווידן וועלן ווערן אַלץ מער — ביז עס וועט זיך אומבייטן דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון מין.

לאָמיר, בדרך משל, אָננעמען אַז אַ קליין פעלץ-פעליק חיהלע, וויס-ברוין קאָלירט, לעבט אין אַ ביטער קאַלטן לאַנד, וואָס ליגט געווייינטלעך אונטער שניי. די אינדיווידן, וואָס האָבן דעם דיקסטן, ווייסטן פעלץ, יענע וועלן ווייניקער ליידן פון קעלט, ווייניקער ווערן געזען פון זייערע שונאים, ווייניקער זיין קאָנטיק, ווען זיי זוכן שפּייז. מיט איטלעכן דור וועט דער פעלץ פון דאָזיקן מין ווערן אַלץ גרעבער און די ווייסקייט זיינע אַלץ שטאַרקער, ביז עס וועט שוין מער ניט זיין קיין מעלה אין טראָגן אַ פעלץ-פעל.

לאָמיר זיך איצט פאָרשטעלן, אַז עס בייט זיך דער קלימאַט פון לאַנד, עס ווערט וואַרעם, דער שניי צעגייט, אַזוי אַז ווייסע באַשעפענישן ווערן דייטלעך געזען דעם גרעסטן טייל יאָר און אַ דיקע פעלץ-פעל איז נאָר אַ שטער. דעמאָלט וועט איטלעכער אינדיוויד מיט אַ שטריך פון ברוין אין זיין קאָלירונג און מיט אַ דינערן פעלץ זיין באַגינסטיקט,

און אַ שווערער פעלין וועט זיין אַ צרה. אין איטלעכן דור וועט אַלץ מער אויסגעמעקט ווערן ווייס און פאַרביטן מיט ברוין. אויב דער דאָזיקער בייט פון קלימאַט גייט צו פלוצים, קאָן אַמאָל דער גאַנצער מין לגמרי פאַרלענדט ווערן; ווען אָבער עס גייט צו בהדרגה, דעמאָלט וועט דער מין, הגם ער וועט איבערלעבן אַ שווערע צייט, זיין בכח זיך אומצובייטן און זיך צוצופאַסן דור נאָך דור. דער דאָזיקער בייט און צופאַסונג ווערט אָנגערופן מ א ָ ד י פ י צ י ר ו נ ג פ ו ן מ י ן.

ס׳קאָן אַמאָל טרעפן, אַז דער בייט פון קלימאַט קומט ניט פאָר אויף דער גאַנצער טעריטאָריע, וואו דער מין וואוינט; ער קאָן פאָרקומען, אַ שטייגער, נאָר אין איין זייט פון אַ גרויסן ים אָדער פון אַ הויכער בערג-קייט אָדער בדומה נאָך אַזאַ מחיצה, און ניט אין דער אַנדערער זייט. אַ וואַרעמע אָקעאַן-שטרעמונג, ווי דער גאָלף-שטראָם, האָט זיך געקאָנט אַ קערעווע טאָן און פליסן אַזוי, אַז זי דערוואַרעמט נאָר איין זייט פון דער מחיצה, בעת די אַנדער זייט בלייבט קאַלט. דעמאָלט וועט דער דאָזיקער מין אויף דער קאַלטער זייט דערגיין ביז צו דער העכסטער מדרגה פון באַפעלצטקייט און ווייסקייט, און אין דער אַנדער זייט וועט ער ווערן מאָדיפיצירט אין דער ריכטונג פון ברוינקייט און פון אַ דינערער פעל.

אין דער זעלביקער צייט וועלן מסתמא פאָרקומען נאָך אַנדערע שינויים; אפשר אַן אונטערשייד אין די לאַפעס, ווייל איין העלפט פון מין וועט שטענדיק מוזן זיך גראַבלען אין שניי נאָך שפייז, בעת די צווייטע העלפט וועט אַרומלויפן איבער ברוינער ערד. דער אונטערשייד אין קלימאַט וועט מסתמא גורם זיין אויך צו אַן אונטערשייד אין שפייז, און דאָס קאָן ברענגען צו אונטערשיידן אין די ציין און פאַרדייונגס-אָרגאַנען. און עס קאָן נאָך זיין אונטערשיידן אין די שוויץ-און פעטס-גלאַנדעס פון דער הויט, וואָס שטאַמען פון די שינויים אין דעם פעלץ, און דאָס קאָן ווירקן אויף די אויסשייד-אָרגאַנען און אויף גאָר דער אינעווייניקסטער כעמיע פון קערפער. און אַזוי דורך דעם גאַנצן געביי פון באַשעפעניש. עס קאָן קומען אַ צייט, ווען צוויי אָפגעשיידטע וואַריאַציעס פון דעם פריער איינהייטלעכן מין וועלן זיין אַזוי פאַרשיידן איינס פון אַנדערן, אַז מען וועט זיי מוזן אָנערקענען פאַר באַזונדערע מינים. אַזאַ שפּאַלטונג פון אַ מין איז

משך פון דורות אין צוויי מינים אָדער מער, ווערט אָנגערופן דיפע־רענציִרונג פון מין.

און דאָס באַדאַרף זיין קלאָר פאַרן לייענער, אַז וויבאַלד עס זיינען געגעבן די דאָזיקע עלעמענטאַרע פאַקטן פון לעבן, וויבאַלד עס איז געגעבן וואַקסן און טויט און רעפּראָדוצירונג אין איינעם מיט דער וואַריִרונג פון אינדיווידן אין אַ וועלט, וואָס בייט זיך כסדר, מוז דאָס לעבן זיך בייטן אין דעם וועג, מוז פאָרקומען מאָדיפיצירונג און דיפערענציִרונג, מוזן אַלטע מינים פאַרשווינדן און נייע זיך באַווייזן. מיר האָבן פאַר אונזער משל אויסגעקליבן אַ געוויינטלעכן מין פון אַ חיה, אָבער דאָס וואָס איז אמת פאַר פעלץ־חיות און שניי און אייז, איז ריכטיק אויך פאַרן לעבן אינגאַנצן, און ריכטיק צוגלייך פאַר די צאַרטע שליים־ברואים און די פשוטע בראשית־באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך געווידמעט און געפּויזעט מיט הונדערטער מיליאָנען יאָרן צוריק צווישן די געצייט־פלאַכן און אין די פלאַכע, וואַרעמע וואַסערן פון די פּרעקאַמבּריִשע ימים.

דאָס יונגע לעבן אין דער יונגער וועלט, בעת די גליענדיקע זון איז אויף־און אונטערגעגאַנגען אין אַ פערטל צייט הייַנט, וואָס דאָס געדויערט איצטער, בעת די וואַרעמע ימים האָבן פאַרפלייצט אין גרויסע אויספלייצן די זאַמדיקע און שלאַמיקע ברעגעס פון דער פעלזיקער יבשה, און די לופט איז געווען פול מיט וואָלקנס און דאַמף, האָט זיך געמוזט פאַרענדערן און מאָדיפיצירן מיט גרעסערע טריט, און די מינים האָבן זיך באַדאַרפט גיכער אַנטוויקלען. לעבן איז כּסדר געווען אַזוי גיכפּיסיק און קורץ ווי די טעג אין יאָרן; די דורות, וואָס דער נאַטירלעכער אָפּקלייב האָט אָפּגעקליבן, האָבן זיך האַסטיק געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן.

נאַטירלעכער אָפּקלייב איז אַ מער פּאַוואָליעדיקער פּראָצעס ביים מענטשן, ווי ביי אַלע איבעריקע ברואים. צוואַנציק יאָר אָדער מער געדויערט, ביז אַ געוויינטלעכער מערב־אייראָפּעער וואַקסט אויס און רעפּראָדוצירט. ביים רוב בעלי־חיים איז דער נייער דור אַוועקגעשטעלט אויף די פיס אין אַ יאָר אָדער ווייניקער. ביי אַזעלכע פשוטע און נידעריקע ברואים, וואָס האָבן זיך צוערשט באַוויזן אין די בראשיתדיקע

ימים, איז וואַקסן און רעפּראָדוצירן מסתמא געווען אַ מעשה פון אַ פּאָר קורצע שעהן און אַפילו פון אַ פּאָר קורצע מינוטן. אין הסכם דערמיט האָט די מאָדיפיצירונג און דיפערענצירונג פון די מינים באַדאַרפט פאָרקומען גיך ביז גאָר, און דאָס לעבן האָט געהאַט שוין אַנטוויקלט אַ סך פאָרמען, וואָס זיינען געווען שטאַרק פאַרשיידן פון אַנאַנד, נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן צו לאָזן סימנים אויף די פעלזן.

די כראָניקעס פון די פעלזן הייבן זיך, אַכן, ניט אָן מיט אַ גרופּע פון נאָענט קרובישע פאָרמען, וואָס פון זיי שטאַמען דאָס אָפּ אַלע ווייטערדיקע און עקסיסטירנדיקע באַשעפענישן. זיי הייבן זיך אָן אין ים, און אין זיי זיינען שוין פאָרגעשטעלט כמעט אַלע הויפּט-טיילן פון בעלי-חיים-קיניגרייך. געוויקסן זיינען געוויקסן, און בעלי-חיים בעלי-חיים.

די בראַכיפּאָדן (קורצפיסער) זיינען שוין אין זייערע מייער-קעפּלעך און פאַרצערן די זעלביקע שפּייז, וואָס די אויסטערן און ים-מושלען פון היינטיקן טאָג; די גרויסע וואַסער-סקאָרפּיאָנען פּריזען אַרום צווישן די ים-גראָזן, די טרילאָביטן דרייען זיך איין אין קוילן און ציען זיך אויס און רוקן זיך אַוועק. אין דעם אַלטן שלאַם איז מסתמא געווען אַ רייך לעבן פון אינפוזאָריעס און כדומה נאָך אַזעלכע ברואים, ווי מען געפינט דאָס היינט אין אַ טראָפּן וואַסער פון גראָבן. אין אָקעאַן זיינען געווען אָן אַ שיעור קליינינקע, דורכלייכטיקע, אָפט פאָספאָ-ריסצירנדיקע ברואים.

אָבער די יבשה איבער דער אָנפלייץ-ליניע איז נאָך געווען, ווי ווייט מיר מעגן משער זיין, אַ שטיינערדיקער מדבר אָן אַ סימן פון לעבן.

קאַפּיטל 3

לעבן און קלימאַט

1. לעבן און וואַסער: וואַסער=געוויקסן. 2. די פּרימיטיווע בעלי=חיים אויף דער יבשה. 3. פאַרוואָס מוז לעבן זיך כסדר פאַרענדערן. 4. די זון אַ פעסטער שטערן. 5. שינויים פון אײַנגעווייניקסט פון דער ערד. 6. דער מענטש קאָן קאָנטראָלירן דעם שינוי.

דאָרט, וואו עס האָט זיך געצויגן די ברעג=ליניע, דאָרט איז געווען לעבן, און דאָס דאָזיקע לעבן איז געגאַנגען אין און מיט און דורך וואַסער, וואָס איז געווען זײַן היים און סביבה און זײַן גרינטיקסטע נויטווענדיקייט.

די ערשטע שליים=אַרטיקע התחלות פון לעבן האָבן געמוזט אומקומען ווי נאָר זיי זײַנען אַרויס פון וואַסער. אויסגעטריקנט ווערן איז אין יענער צייט געווען פאַר אַ לעבעדיקער זאַך גלײַך ווי אונטערגאַנג. זי האָט דעמאָלט ניט געהאַט קיין שוץ קעגן דעם. אָבער אין אַ וועלט פון רעגן=קאַליזשעס און פלאַכע ימים און אויספּלייצן האָט איטלעכער שינוי, וואָס האָט געמאַכט פעיק אַ לעבעדיקע זאַך אויסצוהאַלטן און צו פאַרהיטן איר פײַכטקייט בעת די שעהן פון אָפּפלייץ אָדער טריקעניש, באַדאַרפט פאַרשטאַרקט ווערן דורך די אומשטאַנדן פון דער צייט. דעמאָלט איז שטענדיק געווען אַ ריזיקע צו בלײַבן ליגן אויף דער טריקעניש. און פון דער אַנדער זייט האָבן די לעבעדיקע ברואים זיך באַדאַרפט האַלטן נעענטער צו די ברעגעס אין פלאַכן וואַסער, ווײַל זיי געניטיקן זיך אין לופט (וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען צעלאָזט אין וואַסער) און ליכטיקייט.

קיין איין באַשעפעניש קאָן ניט אָטעמען, קיין איין באַשעפעניש קאָן ניט פאַרדייען איר שפּייז אָן וואַסער. מיר ריידן מכּוח אַרײַנאָטעמען

לופט, אין דער אמתן אָטעמען אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן אַריין זויערשטאָף צעלאָזן אין וואַסער. די לופט, וואָס מיר אַליין אָטעמען אַריין, מוז פריער ווערן צעלאָזן אין פייכטקייט אין אונזערע לונגען; און גאָר אונזער שפייז מוז ווערן פליסיק, איידער זי קאָן ווערן אַסי-



אונטן איז אפגעמעלט דער אפריקאנישער לונגען-פיש. אין דער רעגן-צייט שווימט דער דאזיקער פיש ארום און אָטעמט מיט זשאברעס, ווי אנדערע פיש, אבער אין דער טרוקענער צייט פארגראבט ער זיך אין דער ערד, ווי עס איז באוויזן אויפן אייבערשטן געמעל, און זיינע זשאברעס הערן אויף צו פונקציאנירן. ער האלט זיך אויףביים לעבן דורך שלינגען לופט, וואס גייט אריין אין זיין שווים-פענכער.

מילירט. וואַסער-באַשעפעניש, וואָס זיינען שטענדיק אונטער וואַסער, האָבן זשאַברעס, וואָס דורך זיי נעמען זיי אַריין דאָס וואַסער און ציען אַרויס פון דעם די לופט, וואָס איז אין דעם צעלאָזן. אָבער אַ באַשעפעניש, וואָס מוז אַ געוויסע צייט זיך געפינען אויסערן וואַסער, זיין קערפּער און זיין אָטעם-אַפּאַראַט מוזן זיין געשיצט, זיי זאָלן ניט ווערן אויסגעטריקנט. איידער די ים-גראָזן האָבן געקאָנט אַרויסקריכן פון די טיפענישן פון די פרי-פּאַלעאָזאָישע ימים צו דער אָנפלייץ-ליניע פון די ברעגעס, האָבן זיי געמוזט אַנטוויקלען אַ האַרטערע אויסווייניקסטע הויט, כדי איינצוהאַלטן זייער פייכטקייט. איידער דער עלטערוויידע פונם ים-סקאָרפּיאָן האָט געקאָנט איבערלעבן, אויב דער אָפּפלייץ האָט אים געלאָזן אויפן טרוקענעם, האָט ער געמוזט אַנטוויקלען זיין צודעק אין פּאַנצער. די טרילאָביטן האָבן מסתמא אַנטוויקלט זייער האַרטן צודעק און האָבן זיך צונויפגעדרייט אין קוילן אַ סך ווייניקער צום שיץ קעגן אַנאַנד און קעגן אַנדערע שונאים, וואָס זיי האָבן געקאָנט האָבן, איידער צוליב פאַרהיטן זיך פון טריקעניש. און אויב מיר געפינען איצט, ביים אַרויפגיין אויף די פּאַלעאָזאָישע פעלזן, די פיש ווי די ערשטע פון אַלע רוקנביינערדיקע אָדער חוט-השדרהדיקע בעלי-חיים, איז דאָס באַשיימפּערלעך קלאָר, אַז אַ טייל פון זיי זיינען שוין געווען צוגעפּאַסט, דורך דעם וואָס זייערע זשאַברעס זיינען געווען געשיצט דורך צודעקן, און דורך אַ שווים-פענכער, וואָס האָט געדינט ווי אַ מין פּרימיטיווע לונג, אַז זיי האָבן געקאָנט אַ געוויסע צייט בלייבן לעבן אויך אָן וואַסער.

די ים-גראָזן און געוויקסן, וואָס האָבן זיך געהאַט צוגעפּאַסט צו די תנאים פון אָפּפלייץ, זיינען אַריינגעקומען צוגלייך אין אַ שטח מיט העלערן ליכט; און ליכטיקייט איז שטאַרק נייטיק אין טייער פאַר אַלע געוויקסן. אַן אַנטוויקלונג פון בוי, וואָס האָט געקאָנט זיי מאַכן שטייף און האַלטן זיי גראָד אַנטקעגן ליכטיקייט, אַזוי אַז אָנשטאָט צו ווערן איינגעשרומפּן און איינגעפאַלן, ווען דאָס וואַסער גייט צוריק, וואָלטן זיי געשטאַנען שטייף אויסגעשפּרייט, איז געווען פאַר זיי אַ טריט פאָרויס. אַזוי געפינען מיר, ווי זיי אַנטוויקלען פאַזערן און אונטערשטיץ, אַן אָנהייב פון האָלץ-פאַזער אין זיי. די פריע

געוויקסן זיינען געוואָרן רעפּראָדוצירט דורך ספּאָרן, וואָס פלעגן צעטראָגן ווערן דורך וואַסער און האָבן געקאָנט אַרויסשפּראָצן נאָר אין וואַסער. די עלטסטע געוויקסן זיינען געווען פאַרבונדן מיט וואַסער, און דער גרעסטער טייל נידעריקע געוויקסן זיינען אויך ביי היינטיקן טאָג, דורך די תנאים פון זייער לעבנס־קרייז, פאַרבונדן מיט וואַסער. אָבער אויך דאָ איז געווען אַ גרויסע מעלה זיך אָנצושאַפן דורך אַנטוויקלונג אַ געוויסן שוץ פאַר די ספּאָרן קעגן אויסטריקענען, כדי צו מאַכן מעגלעך די רעפּראָדוקציע אויך אָן איינזינקען אין וואַסער. ווי באַלד אַ מין איז געקומען דערצו, האָט ער געקאָנט לעבן און רעפּראָדוצירן און זיך אויסשפּרייטן העכער פאַרן גרענעץ פון אָנפלייץ, באָדן זיך אין דער ליכטיקער שיין, און די קלעפּ פון די גרויסע כוואַליעס האָבן צו אים ניט געקאָנט גרייכן. די הויפּט־איינטיילונג אין דער קלאַסיפיקאַציע פון העכערע געוויקסן באַצייכנט די מדרגות אין דער באַפרייונג פונם לעבן פון געוויקס פון דער נויט־ווענדיקייט זיך אונטערצוטוקן אין וואַסער, דורך דעם, וואָס עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ האָלץ־שטיץ און אַ מעטאָדע פון רעפּראָ־דוצירן, וואָס איז אַלץ מער און מער ניט געווענדט אָן פייכטקייט. די נידעריקע געוויקסן זיינען נאָך אַלץ געפאַנגענע שקלאַפן פון וואַסער. די נידעריקע מעך־געוויקסן מוזן לעבן אין נאַסקייט, און אַפילו די אַנטוויקלונג פון דער ספּאָרע פון די פעדער־גראָזן פאַר־לאַנגט ביי געוויסע סטאַדיעס די גרעסטע פייכטקייט. די העכסטע גע־וויקסן האָבן זיך באַפרייט פון וואַסער אַזוי ווייט, אַז זיי קאָנען לעבן און פּראָדוצירן אויב עס איז פאַראַן אַ ביסל פייכטקייט אין דעם ערד־באָדן אונטער זיי. זיי האָבן אינגאַנצן פריי געמאַכט זייער פּראָב־לעם פון לעבן פון דער געבונדנקייט מיט וואַסער.

די הויפּט־יסודות פון דער דאָזיקער פּראָבלעם זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין משך פון די לאַנגע צייט־פּעריאָדן פון דער פּראָטעראָזאָי־שער תקופה און פון דער פּרי־פּאַלעאָזאָישער תקופה דורך דער מעטאָדע פון דער נאַטור צו עקספּערימענטירן און פּרוון. דערנאָך האָבן פּאַמעליע נייע געוויקסן אין אַ גרויסער צאָל גענומען זיך רוקן אַוועק פון ים און זיך אויסשפּרייטן איבער די נידעריקע פון דער

יבשה, אָבּער זיי האָבּן זיך נאָך געהאַלטן אַרום זומפּן און לאַגונעס און וואַסער-שטראָמען.

עס איז אפשר נאָך ניט געווען דער אונטערשייד צווישן ים-געוויקסן און זיס-וואַסער-געוויקסן, ווי בּיי היינטיקן טאָג. דער ים איז מסתּמא געווען ווינציקער געזאַלצן ווי איצט.

---

2. די ערשטע בּעלי-חיים אויף דער יבּשה.

און נאָך די געוויקסן זיינען געקומען די בּעלי-חיים.

ס'איז ניטאָ אין דער וועלט קיין איין מין פון יבּשה-בּעלי-חיים, פּונקט ווי עס איז ניטאָ קיין איין מין פון יבּשה-געוויקסן, וואָס זיין בּוי איז ניט געווען לכתּחילה דער בּוי פון אַ וואַסער-בּאַשעפעניש, וואָס איז געוואָרן צוגעפּאַסט דורך מאָדיפיצירונג און דיפערענצירונג פון די מינים צו לעבּן אויסערן וואַסער. די דאָזיקע צופּאַסונג איז דערגרייכט געוואָרן אויף פאַרשיידענע וועגן. בּיים יבּשה-סקאָרפּיאָן זיינען די זשאַבּרעס פונם פּרימיטיוון ים-סקאָרפּיאָן אַיינגעזונקען אין קערפּער, אַזוי אַז די לונג-התחלות זאָלן זיין געשיצט קעגן אויסדעמפונג. די זשאַבּרעס פון די קרעפּס-אַרטיקע, אַ שטייגער די קראַבּן, וואָס לויפן אַרום אויף דער לופט, זיינען געשיצט דורך הינטערשטע אויסוואוקסן פון דער מושל אָדער דורך די שילדן. די עלטערזיידעס פון די אינסעקטן האָבּן אַנטוויקלט אַ סיסטעם פון לופט-בּייטעלעך און לופט-טרייבּעלעך, די טראַכיי-טרייבּעלעך, וואָס צעטראָגן די לופט איבּערן קערפּער, איידער זי ווערט אויסגערונען. בּיי די שדרהדיקע יבּשה-בּעלי-חיים איז צו די זשאַבּרעס, וואָס זיי האָבּן איבּערגענומען בּיי זייערע אבות די פיש, צוגעקומען אַ זאַק-אַרטיק צוואַקס צום גאָרגל, די שווים-פענכער-לונג, וואָס שפּעטער האָט זי אינגאַנצן פאַרבּיטן די זשאַבּרעס.

בּיזן היינטיקן טאָג לעבּן נאָך געוויסע שלאַם-פיש, וואָס גיבּן אונז אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי די שדרהדיקע בּעלי-חיים האָבּן זיך אויסגעאַרבּעט זייער וועג פון וואַסער אַרויס. די דאָזיקע בּאַשעפענישן (למשל, דער אַפריקאַנישער לונג-פיש)

געפינען זיך אין די טראָפּישע געגנטן, וואָס אין זיי איז פאַראַן אַ רעגן=צייט און אַ טרוקענע צייט, וואָס אין איר ווערן די טייכן צו פּשוטע גראָבנס פון געבאַקענעם שלאַם. אין דער רעגן-צייט שווימען די דאָזיקע פיש אַרום און אָטעמען דורך זשאַברעס, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פיש. אַז דאָס וואַסער פון טייך ווערט אויסגעדעמפט, דעמאָלט גראָבן זיי זיך איין אין שלאַם, זייערע זשאַברעס הערן אויף צו אַרבעטן, און ביז די וואַסערן קומען צוריק, האַלטן די דאָזיקע באַשעפענישן אויף זייער לעבן דורך איינשלינגען לופט, וואָס גייט אַריין אין זייער שווים=פענכער. דער אַוסטראַלישער לונגען=פיש, ווען ער ווערט



דריי אמפיביעס פון דער שטיינקוילן=צייט: loxoma (לינקס), ארכעגאָ=זאוור (רעכטס) און קעראַטערפעטאָן (אין פאָדער=גרונט).

פאַרכאַפּט פון דער טריקעניש, אַז דער טייך ווערט אַן איינגע=שטאַנענער געמייזעכץ, און דאָס וואַסער אין אים ווערט שטינקענדיק און פויל, דעמאָלט הייבט ער זיך אויף צום אייבערפלאַך און שלינגט לופט. די דאָזיקע באַשעפענישן בלייבן נאָך אין אַן איבערגאַנגס=סטאַדיע, אין דעם צושטאַנד, ווען די עלטערזיידעס פון די העכערע שדרהדיקע בעלי=חיים זיינען באַפרייט געוואָרן פון זייער צוגעבונדנקייט צו אַ לעבן אונטערן וואַסער.

די אַמפיביעס (פרעש, טריטאָנען און אַנד.) באַווייזן נאָך אין זייער לעבנס=געשיכטע אַלע סטאַדיעס אין דעם פּראָצעס פון זיי=

ער באַפרייונג. צוליב זייער רעפּראָדוצירונג זיינען זיי נאָך געבונדן צו וואַסער; זייערע אייעלעך מוזן זיי לייגן אין וואַסער אָנגעוואַרעמט פון זון, און דאָרט מוזן זיי זיך אַנטוויקלען. דאָס יונגע קאָפּעקל האָט אויסווייניקסטע צווייגיקע זשאַבּרעס, וואָס פּאַטשן אַרום אין וואַסער; שפּעטער וואַקסט אויס אַ צודעק איבער זיי און פאַרדעקט די זשאַבּרעס. דערנאָך, אַז עס באַווייזן זיך דעם באַשעפעניש פיסלעך און דאָס עקל ווערט איינגעצויגן, הייבט עס אָן צו באַנוצן זיין לונג, און די זשאַבּרעס דאַרן איין און פאַרשווינדן. דאָס קאָפּעקל קאָן לעבן אונטערן וואַסער שטענדיק. דער אויסגעוואַקסענער פראָש קאָן לעבן דעם רעשט פון זיינע טעג אין דער לופט, און ער קאָן דערטרונקען ווערן, ווען מען זאָל אים האַלטן אַ לאַנגע צייט אונטער וואַסער.

ווען מיר שטייגן אַרויף דעם לייטער פון לעבן ביז צום שטאַפּל פון די רעפּטילן (שרצים), געפינען מיר אַן איי, וואָס איז באַשיצט פון אויסגעדעמפּט ווערן דורך אַ האַרטער אייער-שאָלעכץ, און די דאָזיקע איי פּראָדוצירט יונגע, וואָס אָטעמען מיט די לונגען פונם ערשטן מאָמענט אָן, ווען זיי גייען אַרויס פון איי. דער רעפּטיל איז אין דעם פּרט איינס מיטן זוימען-געוויקס, וואָס ער איז פריי פון דער נייטווענדיקייט צו פאַרברענגען וואַסער עס איז סטאַדיע פון זיין לעבן אין וואַסער. מען קאָן אים דערטרינקען, ווען מען זאָל אים האַלטן אַ לאַנגע צייט אָן אויפהער אונטער וואַסער.

די שפּעט-פּאַלעאָזאָישע פעלזן פון דעם צפונדיקן האַלב-קיילעך גיבן אונז מאַטעריאַלן פאַר אַ סעריע בילדער פון דער דאָזיקער פאַמעלעכדיקער אויסשפּרייטונג פון לעבן איבער דער יבשה. געאָגראַפיש איז דאָס געווען אַ תקופה פון לאַגונעס און פלאַכע ימים, זייער גינסטיק פאַר אָט דער אַריינדרינגונג. עס איז מעגלעך, אַז דעמאָלסט זיינען נאָך בכלל ניט געווען אַזעלכע טיפע ימים, ווי די איצטיקע אָקעאַנען. די נייע געוויקסן, ווי נאָר זיי האָבן געקראָגן דעם כוח צו לעבן דאָס נייע לעבן אין דער לופט, האָבן זיך אַנטוויקלט מיט אויסערגעוויינטלעכער רייכקייט און פאַרשיידנקייט.

עס זיינען נאָך ניט געווען קיין אמתע בליענדיקע געוויקסן, ניט קיין גראָזן ניט קיין ביימער האָבן ניט אַראָפּגעוואָרפן זייערע בלע-

טער ווינטער=צייט; די ערשטע „פלאָרע“ איז באַשטאַנען פון גרויסע פּעדערגראָז=ביימער, ריזיקע קייטלריטער, ריזיקע פּעדערגראָזן און כּדומה אַזעלכע געוויקסן. אַ סך פון די דאָזיקע געוויקסן האָבן געקראָגן די געשטאַלט פון ביימער מיט ריזיקע שטאַמען, וואָס אַ פולע פון זיי זיינען ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן ווי פאַרשטיינערונגען. טייל פון די דאָזיקע ביימער זיינען געווען איבער הונדערט פוס די הייך, זיי האָבן געהערט צו אָרדענונגען און קלאַסן, וואָס זיינען איצט פאַרשוואונדן פון דער וועלט. זיי זיינען געשטאַנען מיט זייערע שטאַמען אין וואַסער, וואָס אין דעם איז בלי=ספק געווען אַ גאַנצע געדיכטע געמישעכץ פון צאַרטן מעך און גרינעם שליים און שוואָמיקע אָנוואַקסן, וואָס האָט געלאָזן נאָר ווינציק דייטלעכע שפּורן נאָך זיך. די צעפאַלענע רעשטן פון די דאָזיקע זומפּ=וועלדער בילדן דאָס ביי היינטיקן טאָג די הויפּטלעכע קוילן=לאַגערס פון דער וועלט.

אינמיטן אָט דער רייכער פּרימיטיווער געוויקסן=וועלט האָבן געפויזעט און געגליטשט זיך און אַרומגעפלויגן די ערשטע אינסעקטן. זיי זיינען געווען שטייף=פליגלדיקע, פיר=פליגלדיקע באַשעפענישן, אָפט זייער גרויס, טייל פון זיי האָבן געהאַט פליגלען פון אַ פוס די לענג. עס זיינען געווען אַ סך דראַקאָן=פליגן — איינע, וואָס איז געפונען געוואָרן אין די בעלגישע קוילן=גרובן, האָט געהאַט אַ פליגל=ברייט פון 29 צאָל! געווען אויך אַ סך פאַרשיידענע מינים פון פליענדיקע טאַראַקאַנעס. געווען אַ פולע סקאָרפּיאָנען, אַ געוויסע צאָל שפינען. זיי האָן נאָך גאָרניט געמאַכט קיין שפּינוועבס, אָדער גאָר אַ פּשוטס. עס באַווייזן זיך יבשה=שנעקעס. עס האָט געמאַכט איר ערשט=באַוואוסטן טריט אויף דער יבשה אונזער אייגענע עלטערבאָבע, די אַמפיביע. ווען מיר שטייגן אַרויף אויף די העכערע מדרגות פון דער שפּעט=פּאַלעאָזאָישער כראָניק, געפינען מיר דעם פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער לופט שוין אַזוי ווייט אַוועק, אַז עס באַווייזן זיך אמתע רעפּטילן אינמיטן די פיל פאַרשיידענע אַמפיביעס.

דאָס יבשה=לעבן פון דער איבערשטער פּאַלעאָזאָישער תקופה איז געווען דאָס לעבן פון אַ שטענדיק=גרינעם זומפּ=וואַלד אָן בלומען אָדער פייגלען אָדער דעם גערויש פון היינטצייטיקע אינסעקטן.

אויב אַ מענטש וואָלט געקאָנט אַוועקגעטראָגן ווערן צוריק צו יענע באַגרינטע לאַגונעס, וואָלט ער מסתמא געוואָרן דערשראָקן פון דער שטילקייט. ער וואָלט קוים הערן מער, איידער דאָס בלעבלען פון וואַסער, דעם רעש פון ווינט אין די צווייגן אָדער דעם טראַסק פון אַ פאַלנדיקן בוים. עס וואָלט געהאַט דעם אייסזען, ווי אַלצדינג וואַרט אויף עפּעס, האָפט אויף וואָס. די ביימער און געוויקסן וואָלטן אויסגעזען מער ווי פאַרגרעסערטע מעכן, איידער ווי ביימער און געוויקסן, וואָס ער קען. קיין גרויסע יבשה-בעלי-חיים זיינען בכלל ניט געווען; שווער-באַוועגלעכע אַמפיביעס און פרימיטיווע רעפּטילן זיינען געווען די העכסטע באַשעפענישן, וואָס דאָס לעבן האָט ביז דעמאָלסט געהאַט אַרויסגעבראַכט. קיין איינס פון זיי האָט נאָך ניט געהאַט דערגרייכט צו אַ זייער גרויסן וואוקס. די יבשה, וואָס איז געלעגן ווייט פון וואַסער אָדער הויך איבער וואַסער, איז נאָך אַלץ געווען אינגאַנצן וויסט און אָן לעבן. אָבער כסדר, דור נאָך דור, האָט דאָס לעבן זיך אָפּגערוקט פונם פלאַכן ים-וואַסער, וואָס אין דעם האָט עס זיך געהאַט אָנגעהויבן.

---

3. פאַרוואָס דאָס לעבן מוז זיך כסדר פאַרענדערן.

די כראָניק פון די פעלזן איז אַזוי ווי אַ גרויס בוך, וואָס מען האָט דאָס ניט אָפּגעהיט ביים לייענען. אַלע זיינע זייטן זיינען צעריסן, אויסגעריבן, צעקאַליעטשעט, אַ סך פעלן אינגאַנצן. דער קאָנטור פון דער געשיכטע, וואָס מיר צייכענען דאָ אָן, איז געוואָרן צונויפגעקליבן פאַוואָליע און מיט גרויס מי אין אַן אויספאָרשונג, וואָס איז נאָך ניט פאַרענדיקט און ווערט ווייטער געפירט. די פעלזן, וואָס האַלטן אין זיך קוילן-לאַגערס, גיבן אונז אַ בילד פון דער ערשטער גרויסער אויסשפּרייטונג פון לעבן איבער די פייכטע נידערונגען פון דער יבשה. דערנאָך קומען די צעריסענע זייטן פון די פּערמער פעלזן (זיי געהערן צו די לעצטע פון דער פּאַלעאָזאָישער תקופה), וואָס האָבן ווינציק יבשה-שפּורן פון זייער צייט. ערשט נאָך אַ לאַנגער הפסקה גיט אונז די היסטאָריע ווידער ידיעות.

די פערמער פעלזן פארצייכענען א תקופה פון רויקייט און חורבן אין דער געשיכטע פון דער וועלט. זיי צייכענען אן דעם איבערגאנגס־פאזיס פון דער פאלעאזאישער תקופה פון פיש און אמפיביעס צו דער מעזאזאישער תקופה פון רעפטילן.

מען מוז האלטן אין זינען, אז שטענדיק זיינען פארגעקומען גרויסע שינויים אין קלימאט, וואס האבן אמאל באגינסטיקט דאס לעבן און אמאל דאס פארהאלטן. איטלעכער מין לעבעדיקע ברואים פאסט זיך שטענדיק צו מער אדער ווייניקער צו די תנאים, וואס האלטן שטענדיק אין בייטן זיך. אין דער צופאסונג איז קיין גרענעץ נימא. עס איז א שטענדיק שטרעבן צו פארענדערונג.

פונדעסטוועגן געפינען מיר געוויסע באשעפענישן פון א נידעריקן טיפ, וואס האבן פרי זיך צוגעפאסט צו פשוטע, ווייט פארשפרייטע תנאים אזוי פולקום, אז זיי זיינען שוין קיינמאל נים געווארן שטארק פארענדערט אדער פארטיליקט אדער פארביטן דורך אנדערע. למשל, פאראן א קליינער מושל־פיש, וואס הייסט לינגולא, ער איז צוגעפאסט צו א שטילן, באהאלטענעם לעבן אין ווארעמע ימים. דער דאזיקער מין האט זיך געהאלטן אן אנזעעוודיקע שינויים דורך אלע געאלאגישע תקופות.

פון דער אנדער זייט באווייזן אונז געאלאגן זאמלונגען פון פאסילן, וואס לויט זיי קאן מען ארויסגעפינען מאדיפיצירונגען, וואס עס האבן אנגעמאכט קלימאט, דערנערונג און שונאים בלויז אין א פאר טויזנט יאר.

מכוח די פארענדערונגען אין קלימאט, וואס קומען כסדר פאר אויפן פלאך פון דער ערד, זיינען דא נייטיק עטלעכע אויפקלערונגען. זיי זיינען נישט קיין פעריאדישע פארענדערונגען; זיי זיינען פאמעלעכדיקע איבערגאנגען פון היים צו קאלט און פון קאלט צו היים. דער לעזער באדארף נים טראכטן, אז וויבאלד די זון און די ערד זיינען אמאל געווען גליענדיק, איז די קלימאטישע געשיכטע פון דער ערד א פשוטע געשיכטע פון שטענדיקער אפקילונג. דער צענטער פון דער ערד איז נאך זיכער היים ביזן היינטיקן טאג, אבער מיר אויפן אייבערפלאך פילן גארנים פון אט דער אינעווייניקסטער היץ; חוץ ווולקאנען און הייסע קוואלן, האט

מען די דאָזיקע אינעווייניקסטע היץ ניט געקאָנט שפירן אויפן אייבערפלאַך, זינט די פעלזן זיינען געוואָרן געגרונטפעסטיקט. אַפילו אין דער אַזאָישער און אַרכעאָזאָישער תקופה זיינען פאַראַן סימנים פון פעלזן אויסגעריבן פון אַייז און נאָך סימנים פון פעריאָדן פון שטאַרקער קעלט. אַזעלכע קעלט־כוואַליעס פלעגן זיך אויסשפרייטן אַמעטום, און זיינען ווידער פאַרביטן געוואָרן דורך וואַרעמערע צושטאַנדן. ווייטער זיינען געווען צייטן פון גרויסער פייכטקייט און פעריאָדן פון גרויסער טרוקנקייט איבער גאָר דער ערד.

אַ פולקומע פאַרצייכענונג פון די סיבות פון די דאָזיקע קלימאַטישע שינויים דאַרף נאָך ערשט ווערן אויסגעאַרבעט, נאָר מיר קאָנען אפשר אָנצייכענען עטלעכע הויפט־סיבות זייערע. דעם גרעסטן באַטייט צווישן די סיבות פון דעם קלימאַטישן בייט האָט דער פאַקט, וואָס די ערד דרייט זיך ניט אַרום דער זון אין אַ ריכטיקער קרייז־ליניע. איר וועג אָדער אָרביטע איז געגליכן צו אַ צעצויגענעם רייף; ער איז כמעט עליפטיש (אָוואָ־עליפטיש), און די זון איז נעענטער אַמאָל צו איין זייט פון עליפס, אַמאָל צו דער אַנדער זייט. זי געפינט זיך אין אַ פונקט, וואָס איז דער פאָקוס פון עליפס. די פאָרם פונם דאָזיקן עליפס בלייבט ניט שטענדיק איינע און די זעלביקע. זי ווערט פאַוואָליע צעצויגן דורך דעם צוצי פון די איבעריקע פלאַנעטן; פאַראַן תקופות, וואו זי איז כמעט אַ קרייז־ליניע, אין אַנדערע תקופות איז זי מער אָדער ווייניקער עליפטיש.

בעת דער עליפס דערנענטערט זיך צום מיינסט צו דער קרייזפאָרם, דעמאָלסט דערנענטערט זיך דער פאָקוס צום מיינסט צום צענטער. ווען די אָרביטע ווערט צום מיינסט עליפטיש, דעמאָלסט ווערט די פאָזיציע פון דער זון צום מיינסט אָפגערוקט פון מיטן, אָדער לויטן אויסדרוק פונם אַסטראָנאָם, צום מיינסט עקסצענטריש. בשעת די אָרביטע איז צום מיינסט נאָענט צו אַ קרייז, דעמאָלסט איז קלאָר, אַז אַ קיילעכדיק יאָר מוז די ערד קריגן אַ גלייכן סכום וואַרעמקייט פון דער זון; בשעת די אָרביטע איז צום מיינסט צעצויגן, דעמאָלסט וועט אין איטלעכן יאָר זיין אַ צייט, ווען די ערד איז צום נעענטסטן צו דער זון (דער דאָזיקער פאַזיס ווערט אָנגערופן פעריהעליאָן) און באַקומט פון איר לפי־ערך אַ גרייסן



דיאגראמע, וואס ווייזט, ווי אזוי די אסטראנאמישע פארענדערונגען ווירקן אויפן קלימאט פון דער ערד.

חלק וואַרעמקייט, און אַ צייט, ווען זי איז צום ווייטסטן פון דער זון (אַפּהעליאָן) איז באַקומט ווינציק וואַרעמקייט.

אַ פּלאַנעט גייט אין אַפּהעליאָן זיין פּאַמעלעכסטן גאַנג און אין פּעריהעליאָן זיין גיכסטן גאַנג; אַזוי אַז די הייסע צייט פון זיין יאָר פאַרנעמט אַ סך ווינציקער, ווי די קאַלטע צייט פון זיין יאָר (סער ראָבערט באָל האָט אויסגעחשבונט, אַז דער גרעס־טער מעגלעכער אונטערשייד צווישן די צייטן איז אין דריי־סיק טעג). אין די תּקופות, ווען די אָרביטע איז צום מיינסט נאָענט צו אַ קרייז, וועלן זיין ווינציקער עקסטרעמען אין קלימאַט, און ווען די אָרביטע איז צום מיינסט עקסצענטריש, וועט זיין אַ תּקופה פון קעלט מיט גרייסע אונטערשיידן אין די צייט־טעמפּעראַטורן. די דאָזיקע שינויים אין דער אָרביטע פון דער ערד זיינען אָפּגעהאַנגען פון דעם זיך בייטנדיקן ציצי פון אַלע פּלאַנעטן, און סער ראָבערט באָל האָט דערקלערט, אַז ער איז ניט בכּוח אויסצו־רעכענען אַ רעגולערן ציקל פון די שינויים אין דער אָרביטע; אָבער פּראָפעסאָר ג. ה. דאַרווין האַלט, אַז מען קאָן יאָ באַשטימען אַ מין ציקל צווישן גרעסטער און קלענסטער עקסצענטרישקייט פון אַן ערך 200.000 יאָר.

נאָר דער דאָזיקער שינוי אין דער פאָרם פון דער אָרביטע איז נאָר איין סיבה פון די שינויים אין קלימאַט פון דער וועלט. עס זיינען פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס מען באַדאַרף זיי אויך אַריינ־נעמען אין חשבון. ווי דאָס רוב מענטשן ווייסן, איז דער בייט פון צייטן פון יאָר אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס דער עקוואַטאָר פון דער ערד איז איינגעבויגן אין אַ ווינקל צום פלאַך פון איר אָר־ביטע. אויב די ערד וואָלט געשטאַנען אויפגערעכט אין איר אָר־ביטע, אַזוי אַז איר עקוואַטאָר זאָל זיין אין פלאַך פון איר אָר־ביטע, דעמאָלסט וואָלטן ניט געווען קיין שום שינויים אין די צייטן פון יאָר. די זון וואָלט אין עקוואַטאָר שטענדיק געשטאַנען איבערן קאָפּ, און טאָג און נאַכט וואָלטן געווען אומעטום גלייך פינקטלעך צוועלף שעה דאָס גאַנצע יאָר אַדורך. די איינבייגונג איז דאָס די סיבה, וואָס איז גורם צו די אונטערשיידן אין די

צייטן פון יאָר און צו דער אומגלייכער לענג פון טאָג זומער און ווינטער.

לויט לאַפּלאַס איז פאַראַן אַ וואַריאַציע פון קרוב אַ דריי גראַד (פון $22^{0}6'$ ביז $24^{0}50'$) אין דער איינבייגונג פון עקוואַטאָר צו דער אָרביטע, און ווען זי איז אין מאַקסימום, איז דער אונטערשייד צווישן זומער און ווינטער דער גרעסטער. ביי היינטיקן טאָג איז דער ווינקל $23^{0}27'$. עס איז קלאָר, אַז ווען דער ווינקל איז אין זיין מינימום, איז דעמאָלסט דער קלימאַט פון דער וועלט, ביי די איבעריקע תּנאים די זעלביקע, צום מיינסט גלייכמעסיק.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ דריטער וויכטיקער פאַקטאָר, דאָס איז דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן די פּרעצעסיע פון די גלייכנאַכטן. דאָס איז אַ פאַמעלעכדיק אַרומרוקן פונם פּאָלוס פון דער זיך דרייענדיקער ערד, וואָס געדויערט איבער 25.000 יאָר. דער צפון-פּאָלוס איז דעריבער ניט שטענדיק געווענדט גלייך אַרויף צום צפון-פּונקט צווישן די שטערן; ער צייכנט אויס אַ קרייז אין הימל איטלעכע 25.000 יאָר.

עס טרעפן צייטן, ווען די ערד געפינט זיך אין עקסטרעמען פּונקט פון איר אַפּהעליאָן אָדער פּעריהעליאָן, ווען איין האַלב-קיילעך וועט זיין צום מיינסט געווענדט צו דער זון אין דער זומער-פּאָזיציע און די אַנדער העלפט וועט זיין צום מיינסט אָפּגעווענדט אין איר ווינטער-פּאָזיציע. און אַזוי ווי די פּרעצעסיע פון די גלייכנאַכטן געדויערט, וועט קומען אַ צייט, ווען די זומער-ווינטער-פּאָזיציע וועט אויסקומען ניט אין אַפּהעליאָן אָדער פּעריהעליאָן, נייערט אויפן מיטן וועג צווישן זיי. ווען דער זומער פון איין האַלב-קיילעך געפאַלט אין פּעריהעליאָן און דער ווינטער אין אַפּהעליאָן, איז קלאָר, אַז דער זומער פון דעם צווייטן האַלב-קיילעך וועט געפאַלן אין אַפּהעליאָן און דער ווינטער אין פּעריהעליאָן. איין האַלב-קיילעך וועט האָבן אַ קורצן הייסן זומער און אַ זייער קאַלטן ווינטער, אין דער צווייטער — אַ לאַנגן קאַלטן זומער און אַ קירצערן, לעבלעכן ווינטער. אָבער ווען די זומער-ווינטער-פּאָזיציעס וועלן אויסקומען אין האַלב-וועג-פּונקט פון דער אָרביטע, און דער פרי-יאָר פון איין האַלב-קיילעך און דער האַרבסט פון צווייטן האַלב-קיילעך וועלן דעמאָלסט

געפֿאַלן אין אַפֿהעליאָן און פּעריהעליאָן, דעמאָלסט וועט ניט זיין דער זעלביקער גרויסער אונטערשייד אין די טעמפּעראַטורן פֿון ביידע ערד-קיילעכן.

בכן, האָבן מיר דריי סיסטעמעס פֿון פֿאַרענדערונגען, וואָס זיינען אַלע אומאָפּהענגיק איינע פֿון דער אַנדערער — די פּרעצעסיע פֿון די גלייכנאַכטן, די שינויים אין דער אַיינבייגונג פֿונם עקוואַטאָר צו דער אָרביטע, און די שינויים אין דער עקסצענטרישקייט פֿון דער אָרביטע. איטלעכע סיסטעם פֿאַר זיך האָט די טענדענץ איינצושטעלן פּעריאָדן פֿון גלייכמעסיקייט און פּעריאָדן פֿון גרעסערע קלימאַטישע קאָנטראַסטן. און אַלע די דאָזיקע סיסטעמעס פֿון פֿאַרענדערונגען מישן זיך אַריין איינס אין אַנדערן. ווען עס טרעפֿט, אַז אין דער זעלביקער צייט איז די אָרביטע צום מיינסטן נאָענט צו אַ קרייז, דער עקוואַטאָר איז אין זיין קלענסטער איינבייגונג צום פֿלאַך פֿון דער ערד-אָרביטע, און דער פֿרי-יאָר און דער האַרבסט געפֿאַלן אין פּעריהעליאָן און אַפֿהעליאָן, דעמאָלסט גייען אַלע די דאָזיקע סיבות זיך צונויף צו מאַכן דעם קלימאַט וואַרעם און איינפֿאָרמיק; דעמאָלסט וועט זיין דער קלענסטער אונטערשייד צווישן זומער און ווינטער. פֿון דער אַנדער זייט, ווען די אָרביטע איז אין איר עקסצענטרישסטער סטאַדיע פֿון דעפֿאָרמאַציע, ווען דער עקוואַטאָר איז אויך צום מיינסטן איינגעבויגן און, צולעצט, ווען זומער און ווינטער געפֿאַלן אין אַפֿהעליאָן און פּעריהעליאָן, דעמאָלסט זיינען פֿאַראַן די גרעסטע אונטערשיידן אין קלימאַט און דער ווינטער איז דער שטרענגסטער. דעמאָלסט קלייבן זיך אָן גרויסע מאַסן שניי און אייז אום ווינטער; די וואַרעמקייט פֿונם קורצן הייסן זומער וועט ווערן צום טייל אָפּגעוואָרפֿן צוריק אין רוים דורך דעם ווייסן שניי, און זי וועט ניט באַוויזן צו צעשמעלצן דעם גאַנצן אייז פֿון ווינטער, איידער די ערד וועט זיך ווידער אַוועקדרייען צו איר קאַלטן אַפֿהעליאָן. די ערד וועט אָנקלייבן קעלט, כּל-זמן עס וועט זיך ציען אָט דער צונויפֿקום פֿון אַלע די עקסטרעמע צושטאַנדן.

אָט אַזוי בייט זיך כסדר דער קלימאַט פון אונזער ערד, בשעת די דאָזיקע דריי אַיינפלוס־סיסטעמעס פאַראייניקן זיך אין אַן אַל־געמיינער טענדענץ צו וואַרעם אָדער קאַלט, אָדער ווען זיי שטערן אין פאַרהאַלטן איינע די אַנדערע.



א וואלד אין דעם שטיינקוילן־פעריאָד.

מיר קאָנען אַרויסצייכענען פון דער פעלזן-כראָניק אַ ניט-רעגולערע סעריע פון פאַרענדערונגען, וואָס זיינען באַווירקט געוואָרן דורך דער אויסמישונג פון די דריי אַיינפלוסן; עס זיינען געווען לאַנגע תקופות, ווען די באַזונדערע ריטמען פון די דאָזיקע דריי סיסטעמעס האָבן איינע די אַנדערע אויסגעשלאָסן און די אַטמאָספער איז געווען אַ געמעסיקטע, תקופות, ווען איבער גאָר דער וועלט איז געווען איבערגעשפרייט וואַרעמקייט, און תקופות, ווען עס האָט אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך צונויפגענומען צו מאַכן פאַרפרירן און צו שלאָגן מיט פורעניות אַלץ, וואָס לעבט.

אין הסכם דערמיט געפינען מיר אין דער כראָניק אויף די פעלזן, אַז עס זיינען געווען לאַנגע פעריאָדן פון אויסשפרייטונג און פאַרמערונג, ווען לעבן האָט געשטראָמט און צעשפרייט זיך אין פאַרשיידענע פאָרמען, און רויע צייטן, ווען עס פלעגן פאַרטיליקט ווערן און פאַרשווינדן גאַנצע מינים, גאַטונגען און קלאַסן, און אַלץ, וואָס האָט איבערגעלעבט, האָט דורכגעמאַכט שווערע נסיונות. אַזאַ גינסטיקע קאָניונקטור האָט געשאַפן די תקופה פון דעם רייכן וואַקסטום אין די קוילן-שאַכטן; אַזאַ אומגינסטיקע פאַראייניקונג פון אומשטאַנדן האָט געמאַכט פאַרפרירן די ערד אין צייטן פון דער פּאַלעאָזאָישער תקופה.

עס איז אָנצונעמען, אַז די וואַרעמע צייטן האָבן זיך געהאַלטן בערך לענגער, ווי די קאַלטע תקופות. אונזער וועלט שווימט איצט קענטיק, אַרויס מיט אָפּגייגונגען אַהין און אַהער פון אַ פּאַזיס פון אומגינסטיקע און עקסטרעמע צושטאַנדן. אין אַ האַלב מיליאָן יאָר אַרום וועט זי אפשר זיין אַ וועלט אָן ווינטער מיט ביימער און וואַקסטום אפילו אין די פּאָלאַר-קרייזן. ביי היינטיקן טאָג קאָנען מיר ניט אויף געוויס דאָס פאָראויסזען, אָבער היות ווי די וויסנשאַפט וואַקסט אויס, קאָן זיין מעגלעך, אַז די מענטשהייט וועט קאָנען מאַכן אירע פּלענער אויף טויזנטער יאָרן אין פאָרויס, צוצוגרייטן זיך צו די קומענדיקע שינויים.

4. די זון ווי אַ שטאַנדהאַפטיקער שטערן.

אַן אַנדער סיבה פון די שינויים אין דעם אַלגעמיינעם קלימאַט פון דער ערד, אַ סיבה גאָר פון אַן אַנדער מין, קאָן באַשטיין דערין, וואָס די וואַרעמקייט פון דער זון בייט זיך. מיר ווייסן נאָך ניט די סיבה פון דער וואַרעמקייט פון דער זון, אָדער וואָס האַלט אונטער דאָס דאָזיקע אומשטאַרבלעכע פייער. עס איז מעגלעך, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינען געווען פעריאָדן פון גרעסערער און שוואַכערער אינטענסיווקייט. מכּוח דעם ווייסן מיר גאָרנישט: די מענטשלעכע ערפאַרונג איז צו קורץ; און ביז איצט זיינען מיר נאָך ניט געווען בכּוח צו געפינען וואָסערע עס איז אָנווייזן מכּוח דעם ענין אין דער געאָלאָגישער כראָניק. בכלל זיינען וויסנשאַפטס-מענטשן נוטה צו גלויבן, אַז די זון האָט געגליט מיט אַ שטענדיקער שטאַרקייט אין משך פון גאָר דער געאָלאָגישער צייט. אפשר קילט זי זיך אָפּ פּאַוואָליע, אָבער, ריידנדיק מכּוח דער זאַך אין אַן אַסטראָנאָמישער מאָס, האָט זי געוויס ניט אָפּגעקילט זיך צו-פיל.

---

5. שינויים אין אינעווייניקסט פון דער ערד.

אַ דריטע גרויסע גרופּע פון סיבות, וואָס האָבן אַן איינפלוס אויפן קלימאַט באַדאַרף מען זוכן אין די כּוחות, וואָס ווירקן אין דער ערד גופא. אין משך פון דער לאַנגער געשיכטע פון דער ערד זיינען כּסדר בערג און הויכקייטן געוואָרן אַראָפּגעטראָגן דורך פראָסט און רעגן און זייער מאַטעריאַל איז ווידער צונויפגעזאַמלט געוואָרן צו אָפּזאַץ-פעלדן אויפן דעק פון די ימים. דאָס איז געווען אַ כּסדרדיקער פּראָצעס פון אַראָפּטראָגן די יבשה און אויספילן די ימים, וואָס דורך דעם האָבן די ימים געמוזט ווערן פלאַכער, און ממילא זיך אויסשפּרייטן מער און מער איבער דער יבשה. דער אומגעקערטער פּראָצעס, אַ פּראָצעס פון איינציען און אויפהייבן, איז אויך געגאַנגען, אָבער ווייניקער רעגולער. די כּוחות פון אויפהייבן זיינען געווען פּלוצים אויסברעכנדיקע; די כּוחות פון אַראָפּטראָגן האָבן געווירקט כּסדר. אין משך פון לאַנגע תּקופות זיינען

געווען לפי-ערך ווינציק וואולקאַנישע אויפהייבן, און דערנאָך זיינען געקומען פעריאָדן, ווען אין משך פון עטלעכע צענדליק טויזנט יאָר האָבן גרויסע בערג-קייטן זיך אויפגעהויבן, און די קאָנטורן פון יבשה און ים האָבן זיך אינגאַנצן אומגעביטן. אַזאַ צייט איז געווען די אָנהייב-סטאַדיע פון דעם קאַינאָזאָישן פעריאָד, בעת די אַלפּן, די הימאַלאַיאַ-בערג און די אַנדן האָבן זיך אויפגעהויבן איבער דעם ים-שפיגל וויט אַריבער זייער איצטיקער הייך, און עס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן די הויפט-קאָנטורן פון דער עקסיסטירנדיקער וועלט-געאָגראַפיע.

אַלע די דאָזיקע קייטן זיינען פריש-צוגעקומענע; זיי זיינען אויפגעקומענע גדולים, וואָס האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך די אַלטע סיסטעמעס, אַזעלכע מיוחסים ווי די עדיראָנדעקס*), די וואַלישע, שאָטישע און נאָרוועגישע בערג. זיי קאָנען זיין אַלט נאָר עטלעכע מיליאָן יאָר.

אַ צייט פון הויכע בערג און טיפע ימים באַטייט אַ גרעסערן שטח פון יבשה אויף דער ערד און אַ קלענערן שטח פאַרן ים, און אַ צייט פון נידעריגע אויף דער יבשה באַטייט אַ צייט פון גרעסערע און פלאַכערע ימים. הויכע בערג ציען אָפּ פייכטקייט פון דער אַטמאָספער און בינדן זי אין שניי און אייז-פעלדער, בעת קלענערע אָקעאַנען לאָזן איבער קלענערע שטחים פאַר דער אויסדעמפונג פון וואַסער. ביי די איבעריקע גלייכע תנאים, זיינען צושטאַנדן פון נידעריגקייט אין דער געשיכטע פון דער וועלט מער תקופות פון אַלגעמיינער אַטמאָספערישער פייכטקייט, איידער די פעריאָדן, ווען די בערג זיינען העכער און די ימים טיפער. אָבער אַפילו אַ קליינע פאַרשטאַרקונג פון דער פייכטקייט אין דער לופט האָט אַ מעכטיקן אַיינפלוס אויפן דורכלאָז פון וואַרעם-שטראַלן דורך דער דאָזיקער לופט. די היץ פון דער זון וועט דורכגיין אַ סך פרייער דורך טרוקענער לופט, איידער דורך פייכטער לופט, און בכן וועט צוקומען צום איבערפלאַך פון דער ערד אַ גרעסערער סכום וואַרעמקייט ביי די תנאים פון עקסטרעמער הייך און טיפקייט, איידער אין די פעריאָדן פון לפי-ערכדיקער נידעריקייט און פלאַכקייט.

*) פעלזן-בערג אין צפון-זייט פון שטאַט ניו-יאָרק.

טרוּקענע פּאַזיסן אין דער ערד־געשיכטע באַטייטן דעריבער הייסע טעג. נאָר זיי באַטייטן צוגלייך קאַלטע נעכט, וואָרעם מחמת דער זעלביקער סיבה, וואָס די וואַרעמקייט קומט אין אַ רייכער מאָס צו דער ערד, וועט זי אויך אין דער זעלביקער מאָס אויסשטראַלן. פון דער אַנדער זייט באַטייטן פייכטע פּאַזיסן קילערע טעג און וואַרעמערע נעכט. דער זעלביקער פּרינציפּ איז שייך אויך צו די צייטן פון יאָר, און אַזוי איז אַ פּאַזיס פון גרויסע אויפהייבן און נידערונגען פונם אייבערפלאַך נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס העלפט שאַפן עקסטרעמע קלימאַטישע תנאים.

און אַ צושטאַנד פון גרעסערן אויפהייב און נידערונג קאָן נאָך פאַרשטאַרקן די עקסטרעמע תנאים, דורכדעם וואָס עס קלייבט זיך אָן אַן אייז־צודעק אין די פּאָלאַר־געגנטן און אויף די העכער־אויפגעהויבענע בערג־מאַסיוון. דער דאָזיקער אָנקלייב וואָלט אויס־געקומען אויפן חשבון פון ים, וואָס זיין שפּיגל וואָלט נאָך מער געזונקען און פאַרגלייך מיט דער יבשה.

דאָ האָבן מיר שוין ווידער אַ קאָמפּלעקס איינפלוסן, וואָס קאָנען מיטווירקן און פאַרשטאַרקן אָדער פאַרהאַלטן דעם איינפלוס פון אַסטראָנאָמישע פאַרענדערונגען. עס זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע מער אָרטיק באַגרענעצטע כוחות, וואָס מיר קאָנען דאָ ניט באַשרייבן: דער איינפלוס פון גרויסע אָקעאַן־שטרעמונגען אין צעטראָגן וואַרעמקייט פון די עקוואַטאָריאַלע צו די מער געמעסיקטע ברייטן; די אַריינמישונג פון די בערג־קייטן אין דער פייכטקייט, וואָס עס ברענגען די הערשנדיקע ווינטן און כדומה נאָך אַזעלכע זאַכן. ווען די דאָזיקע שטרעמונגען ווערן דורך פּאַמעלעכדיקע נאַטור־פּראָצעסן אָפּגעווענדט אָדער די בערג־קייטן ווערן אַראָפּגעטראָגן אָדער פאַרביטן הורך גייע אויפהייבן, וועט דער קלימאַט איבער גרויסע שטחים זיך אומבייטן און אַלע תנאים פון לעבן וועלן זיך אומבייטן אינאיינעם מיט אים.

אונטער די אומאויפהערלעכע, פּאַמעלעכדיקע וואַריאַציעס פון אַסטראָנאָמישע, טעלורישע*) און געאָגראַפישע איינפלוסן האָט דאָס לעבן קיין רו ניט. בעת די תנאים בייטן זיך, מוז עס זיך אויך בייטן אָדער אונטערגיין.

*) ערדישע.

6. דער מענטש קען קאָנטראָלירן דעם אומבייט.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן איבערגערעכנט די כוחות, וואָס בייטן אום דעם קלימאַט און די תנאים פון לעבן אויף דער ערד, מעגן מיר אפשר וואַרפן אַ ביסל אַ בליק אין פאָרויס און מוסיף זיין אַ פּערטן גאַנג איינפלוסן, וואָס זיינען צוערשט ניט וויכטיק אין דער געשיכטע פון דער וועלט, ווי ווייט דאָס איז נוגע דעם איבערפלאַך פון דער יבשה, נאָר וואָס זיינען געוואָרן וויכטיקער נאָך דער תקופה פון די רעפּטילן, וואָס צו איר וועלן מיר זיך אין אונזער ווייטערדיקן קאַפּיטל. דאָס זיינען די ווירקונגען, וואָס עס מאַכט אויפן קלימאַט דאָס לעבן גופא.

באַזונדערס גרויס איז דער איינפלוס פון געוויקסנוווּקס און בפרט פון די וועלדער. איטלעכער בוים אָטעמט כסדר אַרויס וואַסער-דאַמף אין דער לופט; דער סכום וואַסער, וואָס עס דעמפּט אויס זומער-צייט אַן אָזערע-פלאַך, איז אַ סך ווינציקער פונם סכום, וואָס עס דעמפּט אויס אַ ביקן-וואַלד פונם זעלביקן שטח. הייות ווי אין דער שפּעט-מעזאָזאָישער און אין דער קאַינאָזאָישער תקופה האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט גרויסע וועלדער, האָט געמוזט ווערן אַלץ מער און מער וויכטיק זייער ווירקונג אויף צו האַלטן די לופט פייכט און צו סטאַביליזירן דעם קלימאַט דורך האַלטן דעם זומער קיל און דעם ווינטער מילד. און נאָך אַ זאַך: די וועלדער קלייבן אָן און באַשיצן דעם באָדן, און אַזוי גרייטן זיי צו די מעגלעכקייט פון אַן אַגריקולטור-לעבן.

וואַסער-גראָזן, ווידער, קאָנען פאַרשטאָפּן טייכן, אַזוי אַז זיי פאַרפלייצן גרויסע שטחים און מאַכן זיי צו געמיזעכצן, זיי קאָנען אויך צעשטערן וועלדער אָדער מאַכן אַ גראָז-לאַנד צו אַ פאַר-ווילדערטן זומפּ.

צולעצט, אַז עס האָבן זיך באַוויזן מענטשן-געמיינדעס, איז געקומען אפשר דער מעכטיקסטער פון אַלע איינפלוסן פון לעבן אויפן קלימאַט. דורך פייער און אַקער-אייזן און האַק בייט דער מענטש אום זיין וועלט. דורך אויסהאַקן וועלדער און דורך באַוואַסערונג האָט דער מענטש שוין געווירקט אויפן קלימאַט פון גרויסע שטחים כון

איבערפלאַך פון דער ערד. די צעשטערונג פון די וועלדער מאַכט די צייטן פון יאָר עקסטרעמער, שאַרפער; דאָס האָט געטראָפן, אַ שטייגער, אין די צפון־מזרחדיקע שטאַטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. חוץ דעם איז דער ערד־באָדן שוין מער ניט געשיצט קעגן די רעגן־גאָסן און ווערט אַראָפגעוואַשן און לאָזט איבער נאָר דעם טרוקענעם פעלז פון אונטן. דאָס האָט געטראָפן אין שפּאַניע און דאַלמאַציע און, מיט עטלעכע טויזנט יאָר פריער, אין דרום־אַראַביע. פון דער אַנדער זייט, טוען מענטשן דורך באַוואַסערונג אַריינברענגען לעבן אין מדבר און ווייכער מאַכן דעם קלימאַט. אין צוקונפט, ווען מען זאָל מאַכן אַזעלכע אָפּעראַציעס סיסטעמאַטיש און אין וועלט־מאַסשטאַב, קאָנען מענטשן נאָך זיין אין שטאַנד צוווירקן אויפן קלימאַט אין אַזאַ פאַרנעם, אַז מיר קאָנען נאָר חלומען וועגן דעם.

קאַפּיטל 4

די תקופה פון רעפּטילן

1. די תקופה פון לעבן אין נידערונגען. 2. דראַקאָנען. 3. די ערשטע פייגלען. 4. אַ תקופה פון שווערעניש און טויט. 5. די ערשטע פעלץ=פעלן און פעדערן.

מיר ווייסן, אַז מיט הונדערטער טויזנטער יאָרן צוריק האָבן געהערשט איבערן גרעסטן טייל פון דער וועלט פייכטקייט און וואַרעם, די תנאים פון פלאַכע לאַגונעס וואָס האָבן געמאַכט מעגלעך אָט די גרויסע אָנזאַמלונגען פון געוויקסן, וואָס, צונויפגעפרעסט און מומיפיצירט, זיינען זיי איצט שטיינקויל. אמת, עס זיינען געווען עטלעכע קאַלטע הפסקות; נאָר זיי האָבן ניט געדויערט לאַנג גענוג, בכדי צו פאַרטיליקן די געוויקסן. דערנאָך איז די דאָזיקע לאַנגע תקופה פון רייכן נידער=גראַדיקן געוויקסנטום געקומען צו איר סוף, און אַ צייט לאַנג האָט דאָס לעבן אויף דער ערד קענטיק דורכגעמאַכט אַ פעריאָד פון קעלט און ירידה. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער ערשטער טייל אין דער געשיכטע פון לעבן אויף אונזער פלאַנעט.

ווען די געשיכטע הייבט זיך אָן פון דאָס ניי נאָכן דאָזיקן אָפּשטעל צום סוף פון דעם פּאַלעאָזאָישן פעריאָד, געפינען מיר, אַז דאָס לעבן טרעט אַריין אין אַ נייעם פאַזיס פון רייכקייט און פאַרשפּרייטונג. דאָס געוויקסנטום האָט באַוויזן אויפטאָן אַ גרויסע פעולה אין דער קונסט צו לעבן אויסערן וואַסער. בעת די פּאַלעאָזאָישע געוויקסן פון די קויל=שיכטן זיינען מסתמא געוואַקסן אַזוי, אַז זומפּוואַסער איז געפלאָסן איבער זייערע וואָרצלען, האָט די מעזאָזאָישע פלאָרע גלייך פון אָנהייב אָן אַריינגענומען אין זיך פּאַלמען=ענלעכע

געוויקסן און נידעריקע בערעלעך־ביימער, וואָס זיינען געווען בפירושע יבשה־געוויקסן, וואָס זיינען געוואַקסן אין באָדן־גרונט איבער דעם וואַסער־שפיגל.



דער ים־עקדיש Tylosaurus dyspelor, א פרעסערישע חיה רעה, וואָס האָט ארומגעיאָגט זיך איבער די ימים אין דעם פריי־מעזאָזאָישן פעריאָד. זיין כמעט פולער סקעלעט, וואָס איז געפונען געוואָרן, האלט 29 פוס די לענג.

די נידעריקע טעראַסעס פון דער מעזאָזאָאישער יבשה זיינען בלי-ספק געווען באַוואַקסן מיט גרויסע פעדערגראָזן און קוסטעס און אַ מין דזשאָנגל-וואוקס פון ביימער. אָבער עס האָבן נאָך ניט עקסיסטירט קיין גראָז און קיין גרינס און קיין בליטן-געוויקס, ניט קיין גרויס, ניט קיין קליינס. די מעזאָזאָאישע תקופה איז מסתמא ניט געווען קיין תקופה פון זייער העל-קאָלירטן געוויקסנטום. דאָס האָט געמוזט זיין אַ פלאָרע, וואָס איז גרין אין דער פייכטער צייט פון יאָר און ברוין און פורפל-פאַרביק אין דער טרוקענער צייט. מסתמא איז זי אַפילו אין אַן ערך ניט געווען אַזוי שיין, ווי עס זיינען די וועלדער און געדיכטענישן פון היינטיקער צייט. עס זיינען ניט געווען קיין פריילעכע בלומען, ניט די גלאַנציקע הארבסט-קאָלירן, וואָס פאַרן בלעטער-פאַל, ווארעם עס איז נאָך ניט געווען קיין בלעטער-פאַל. און העכער פון די אונטערשטע טעראַסעס איז די וועלט געווען נאָך וויסט, נאָך ניט צוגעדעקט, נאָך אויסגעשטעלט אָן לינדערונג אַנטקעגן דעם רייב און כעס פון ווינט און וואַסער.

ווען מען רעדט וועגן בערעלעך-געוויקסן אין דער מעזאָזאָאישער צייט, באַדאַרף דער לעזער ניט טראַכטן מכוח די כאָסנעס און יעגלעם, וואָס באַדעקן די הויכע בערג-שיפועים פון אונזער צייט. ער מוז טראַכטן וועגן שטענדיק גרינע געוויקסן פון נידערונגען. די בערג זיינען נאָך געווען וויסט און אָן לעבן, ווי פריער. די איינציקע פאַרב-עפעקטן צווישן די בערג זיינען געווען די פאַרב-עפעקטן פון נאַקעטע פעלזן, די זעלביקע קאָלירן, וואָס מאַכן אַזוי וואונדערלעך די לאַנדשאַפטן פון קאָלאָראַדאָ ביי היינטיקן טאָג.

אינמיטן אָט דער זיך איבערשפּרייטנדיקער פלאָרע פון די נידעריקע פליינען זיינען די שרצים מעכטיק אויסגעוואַקסן אין צאָל און פאַרשיידנקייט. זיי זיינען איצט געווען אין אַ סך פאַלן להלוטין יבשה-בעלי-חיים. עס זיינען פאַראַן אַ סך אַנאַטאָמישע פאַרשיידנקייטן צווישן אַ רעפּטיל און אַן אַמפיביע*); זיי זיינען שוין געווען צווישן אַזעלכע רעפטילן און אַמפיביעס, ווי די, וואָס האָבן געהערשט אין דער קויל-צייט פון דער איבערשטער פּאַלעאָזאָאישער

*) האַלב-וואַסער, האַלב-יבשה-בעל-חי, ווי פרעש, אַ שטייגער.

תקופה; נאָר דער הויפּט־אונטערשייד צווישן די רעפּטילן און אַמפיביעס, וואָס אינטערעסירט אונז אין דער דאָזיקער געשיכטע, איז דאָס, וואָס די אַמפיביע מוז גיין צוריק צום וואַסער, בכדי צו לייגן דאָרט אירע אייעלעך און די פריע סטאַדיעס פון איר לעבן מוז זי פאַרברענגען אין און אונטער וואַסער. דער רעפּטיל אָבער האָט אויסגעשניטן אַלע די קאָפּעקל־סטאַדיעס פון זיין לעבנסקרייז, אָדער, גענויער גערעדט, ער מאַכט דורך זיינע קאָפּעקל־סטאַדיעס, איידער דאָס יונגע פאַרלאָזט די איי־שאָלעכץ. דער שרץ איז אינגאַנצן אַרויס פון וואַסער. טייל זיינען ווידער געגאַנגען צוריק, פּונקט ווי דער היפּאָפּאָטאַם און דער פיש־אָטער צווישן זייגערס זיינען געגאַנגען צוריק צום וואַסער; אָבער דאָס איז שוין שייך צו דער ווייטערדיקער געשיכטע, דאָס איז שוין אַזאַ פּרט, וואָס מיר קאָנען אים ניט באַטראַכטן אין דעם דאָזיקן קאָנטור.

אין דער פּאַלעאָזאָישער תקופה, האָבן מיר געזאָגט, האָט דאָס לעבן זיך ניט אויסגעשפּרייט העכער פאַר די זומפּיקע טייך־טאָלן און די ברעגעס פון ים־לאַגונעס וכדומה; אָבער אין דער מעזאָזאָישער תקופה האָט זיך דאָס לעבן אַלץ מער צוגעוווינט צו אַ שיטערער לופט־סביבה, האָט אַלץ דרייסטער גענומען שטרעבן צו די פליינען און צו די בערג־שיפועים אַרויף. עס איז כדאי, אַז דער וואָס שטודירט די מענטשלעכע געשיכטע און פאָרשט דעם מענטשנס צוקונפט זאָל זיך דאָס אָנמערקן. אויב אַן אומקערפּערלעכער גייסט, וואָס ווייס ניט די צוקונפט, וואָלט אַראָפּגעקומען אויף דער ערד און אויסגעפאָרשט דאָס לעבן אין דער פּרי־פּאַלעאָזאָישער תקופה, וואָלט ער געוויס געקומען צו דער שכלדיקער מסקנא, אַז לעבן איז דורכאויס איינגעשלאָסן אין וואַסער, און עס וועט קיינמאָל ניט קאָנען זיך אויסשפּרייטן איבער דער יבשה. אָבער עס האָט געפונען אַ וועג. אין דער שפּעט־פּאַלעאָזאָישער תקופה וואָלט דער זעלביקער באַזוכער געווען דאָס גלייכן זיכער, אַז לעבן קאָן ניט אַרויפשטייגן איבער די גרענעצן פון אַ זומפּ. נאָך אין דער מעזאָזאָישער תקופה וואָלט ער געצויגן אַ סך ענגערע גרענעצן פאַרן לעבן, ווי די, וואָס זיינען ביי היינטיקן טאָג איינגעשטעלט. און אויך היינט, הגם מיר פאַרצייכענען, ווי אַזוי לעבן און מענטש זיינען נאָך באַ־

גרענעצט אין די פינף ענגל. מייל אין דער לופט און אין דער טיף פון קרוב א מייל אין ים, טארן מיר דאך ניט דרינגען פון דער איצטיקער באגרענעצונג, אז דאס לעבן, און אויך דער מענטש, וועט ניט קאנען זיך אויסשפרייטן העכער און נידעריקער צו א לעבנס־סדר, וואס מיר קאנען זיך איצט אזוינס ניט פארשטעלן.

די צום פריסטן באוואוסטע רעפטילן זיינען געווען חיות מיט גרויסע בייכער און ניט באזונדערס שטארקע פיס, זייער ענלעך צו זייערע קרובים די אמפיביעס, זיי פלעגן זיך באוועגן, קאטשענדיק זיך,



דער אלאזאווור איז געווען א פליישפרעסיקער דינאזאווור, וואס האט מסתמא זיך געיאגט נאך די גרעסערע גלידער פון דער פאמיליע און האט זיי אפשר פארטיליקט.

אזוי ווי דער קראקאדיל ביי היינטיקן טאג; אבער אין דער מעזאזאישער תקופה האבן זיי אנגעהויבן שוין צו שטיין גלייך און ארומצוגיין קרעפטיק אויף אלע פיר, און טייל פון זיי האבן שוין אנגעהויבן צו האלטן זיך הויך אויף די הינטערשטע פיס און אויפן עק, אן ערך ווי עס טוען דאס היינט די קענגורוס, בכדי צו באפרייען די פאדערשטע לאפעס אויף צו כאפן שפייז. די ביינער פון איין באמערקנסווערטער אפטיילונג פון רעפטילן, וואס האבן איינגעהיט

דעם איבערן פון פּירפּיסיקע, אַן אָפּטיילונג, וואָס אַ סך רעשטן פון איר זיינען געפונען געוואָרן אין די דרום־אַפריקאַנישע און אין די רוסישע פּרי־מעזאָזאָישע אָפּלעגערונגען, באַווייזן געוויסע כאַראַקטעריסטישע סימנים, וואָס דערנעענטערן זיי צום סקעלעט פון אַ זויגער, און מחמת דער דאָזיקער ענלעכקייט צו די זויגערס (היות) איז די דאָזיקע אָפּטיילונג אָנגערופן געוואָרן די טעריאָמאָרפע (היות־ענלעכע). אַן אַנדער אָפּטיילונג איז געווען דער קראָקאָדילן־צווייג, און נאָך איינער האָט זיך אַנטוויקלט צו שילדקרייטעס. די פּלעזיאָזאַווערס און איכטיאָזאַווערס זיינען געווען צוויי גרופּעס, וואָס האָבן ניט איבערגעלאָזן קיין לעבעדיקע פאַרשטייער; זיי זיינען געווען גרויסע שרצים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו לעבן אין ים, ווי די וואַלפישן. דער פּליאָזאַווור, איינער פון די גרעסטע פּלעזיאָזאַווערס, האָט געמאָסטן דרייסיק פוס פון שנוק ביז צום שפּיץ עק — וואָס אַ העלפט דערפון איז געווען דער האַלז. די מאָזאַזאַווערס זיינען געווען אַ דריטע גרופּע פון גרויסע ים־עקדישן, ענלעך צו ים־חזירימלעך. נאָר די גרעסטע און די פאַרשיידנאַרטיקסטע גרופּע פון די דאָזיקע מעזאָזאָישע רעפּטילן איז געווען די גרופּע, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען דינאָזאַווערס, וואָס אַ סך פון זיי האָבן דערגרייכט צו אַ גוואַלדיקער גרייס. אין גרייס קאָן זיך קיין איין מין פון בעלי־חיים ניט צוגלייכן צו די דינאָזאַווערס, מער ניט אין ים די וואַלפישן קאָנען זיך פאַרמעסטן אין גרייס מיט זיי. עטלעכע צווישן זיי, און גראָד די גרעסטע, זיינען געווען גראָזפרעסערישע בעלי־חיים; זיי האָבן געשטשיפּעט די איער־געוויקסן צווישן די פעדער־גראָזן און קוסטעס אָדער זיי פלעגן זיך אויפשטעלן אויף די הינטערשטע לאַפּעס און מיט די פאָדערשטע אָנכאַפּן ביימער און אַרומפרעסן די בלעטער. צווישן אָט די בלעטער־פרעסער איז געווען, למשל, דער דיפּלאָדאָקוס קאַרנעגי, וואָס האָט געהאַלטן פיר און אַכציק פוס די לענג. דער גיגאַנטאָזאַווור, וואָס אַ דייטשע עקספּעדיציע האָט אים אויסגעגראָבן אין יאָר 1912 פון די פעלזן אין מזרח־אַפריקע, איז געווען נאָך קאָלאָסאַלער — ער האָט געהאַלטן אַריבער הונדערט פוס! עס באַווייזן זיך נאָך גרעסערע ביינער. די דאָזיקע גרויסע בייז־וואונ־

דערום האָבן געהאַט פיס, און זיי זיינען געווײנטלעך אויסגעמאָלט שטייענדיק אויף די פיס; אָבער עס איז אַ גרויסער ספק, צי זיי האָבן געקאָנט אויסהאַלטן זייער וואָג אויף אַזאַ אופן אונטערן וואַסער.

די ביינער ענדיקן זיך מיט ווײַכביינער (כראָמשקע): די פאַרבינדונגען זיינען נאָך ניט באַזונדערס שטאַרק. אויסגעהאַלטן דורכן וואַסער אָדער שלאַם, האָבן די דאָזיקע גוואַלדיקע ברואים געקאָנט



דער גיגאַנטאָזאַוור. אַ סקעלעט, אויסגעגראָבן דורך אַ דייטשער עקספּעדיציע אין יאָר 1912 אין מזרח-אַפריקע, האָט געהאַלטן איבער הונדערט פוס די לענג. אַ ספק, צי זיינע פיס האָבן אים געדינט אויף דער יבשה.

זיך אַרומטאָפּטשען גאַנץ פריי. דער געוויינטלעכער גרויסער דינאָזאַוור האָט אַ מאַסיוון קערפּער מיט נידעריקע פיס, וואָס איז מסתמא כמעט שטענדיק געלעגן אין וואַסער אָדער אַרומגעשוואומען, דער האַלז, דער קאָפּ און די פאָדערשטע פיס זיינען אַ סך גרינגער אין געביי; זיי האָט ער מסתמא געהאַלטן איבערן וואַסער.

אַ צווייטער באַמערקנסווערטער טיפּ פון דינאָזאַוור איז געווען דער טריקעראַטאָפּס, אַ רעפּטילישער פּאַראַלעל צום היפּאָפּאָטאַם, נאָר מיט אַ האָרן ענלעך צום נאָזהאָרן. עס זיינען אויך געווען אַ געוויסע צאָל פלייש-פרעסערס, וואָס זיינען געגאַנגען אויף

נעיעג איף די דאָזיקע גראָז-פרעסערס. פון די דאָזיקע האָט דער טיראַנאָזאַוור דערגרייכט, משמעות, כמעט צו דער העכסטער מדרגה פון „שרעקלעכקייט" צווישן די לעבעדיקע באַשעפענישן. עטלעכע מינים פון דער דאָזיקער גאַטונג מעסטן פערציק פוס פון שנוק ביזן עק. קענטיק, אַז ער האָט געטראָגן זיין גרויסן קערפער מעשה קענגורו אויפן עק און די הינטערשטע פיס. מסתמא פלעגט ער זיך אַזוי אויפשטעלן. טייל אַווטאָריטעטן האַלטן אַפילו, אַז ער האָט געקאָנט אויך שפרינגען אין דער לופט. אויב אַזוי, האָט ער געמוזט האָבן גוואַלדיק שטאַרקע מוסקלען. אַ שפרינגענדיקער העלפאַנד וואָלט געווען אַ סך אַ ווינציקער וואונדערלעכע זאַך. גיכער מעג מען אָננעמען, אַז ער פלעגט אַרומבראָדזען האַלב איינגעטונקט אין וואַסער, יאָגנדיק זיך נאָך די גראָז-עסנדיקע זומפּ-זאַווּרער. זיינע שלאַכטן האָט ער געקאָנט אויסקעמפן אין קאַנאַלן און וואַסער-פלאַכן.

---

2. דראַקאָנען.

אַ ספּעציעלע אַנטוויקלונג פון דעם דינאָזאַווער-טיפּ פון די רעפּטילן האָט דורכגעמאַכט אַ גרופּע גרינגע, שפּרינגענדיקע, קלעטערנדיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן אַנטוויקלט אַ מין שווים-הויט צווישן דעם פערטן פינגער און דער זייט פון קערפער, וואָס האָט זיי געהאָלפן אַריבערשפּרינגען פון בוים צו בוים, אַ שטייגער, ווי עס שפּרינגען די וועווערקעס. זיי ווערן אָנגערופן פּטעראָדאַקטילן. זיי ווערן אָפט באַשריבן ווי פליענדיקע רעפּטילן, און עס זיינען געצייכנט בילדער פון מעזאָזאָישע לאַנדשאַפטן, וואו מען זעט זיי אַרומשוועבנדיק אין דער לופטן. נאָר זייער ברוסט-ביין איז ניט אַזוי געבויט, ווי דער ברוסט-ביין פון אַ פויגל, אַז עס זאָלן קאָנען געווען זיין צו אים באַהעפט אַזעלכע שטאַרקע מוסקלען, וואָס זאָלן קאָנען אויסהאַלטן אַ לאַנג דויערנדיקן פלי. זיי האָבן מסתמא געקאָנט נאָר אַרומפלאַטערן ווי פלעדער-מייז. זיי זיינען געווען ענלעך צו די גראָטעסקע דראַקאָנען, וואָס זיינען אויסגע-

מאָלט איך וואַפן-בילדער, און זיי האָבן געשפּילט די ראָלע פון פלעדערמויז-ענלעכע פייגלען אין די מעזאָזאָישע דזשאָנגלען. אָבער ווי ענלעך זיי זיינען געווען צו פייגלען, זיינען זיי ניט געווען ניט קיין פייגלען ניט די עלטערזיידעס פון פייגלען. דער בוי פון זייערע פליגלען איז געווען אינגאַנצן פאַרשיידן פון דעם בוי פון אַ פויגל. דער בוי פון זייער פליגל איז געווען דער בוי פון אַ האַנט-פלאַך מיט איין לאַנגען פינגער און מיט אַ שווים-הויט; דער פליגל פון אַ



דער עלטסטער פון די באַוואוסטע דינאָזאווערן: דער אַנכיזאַוור, פון די נ"ע רויטע זאַמדשטיין-שיכטן אין צפון-אַמעריקע.

פויגל איז דער בוי פון אַן אָרעם מיט פעדערן, וואָס שפּראָצן אַרויס פון זיין הינטערשטן עק. אין די פּטעראָדאַקטילן האָבן, ווי וויט מיר ווייסן, קיין פעדערן ניט געהאַט. די פעדערן זיינען אַ ספּעציעלער בוי פון דער הויט, וואָס האָט נאָר איין מאָל זיך אַרויסאַנטוויקלט אין דער עוואָלוציע פון לעבן.

3. די ערשטע פייגלען.

ווינציקער פארשפרייט זיינען אין יענער צייט געווען אנדערע מינים באשעפענישן, וואס זיינען אין דער אמתן געווען ענלעך צו פייגלען; די עלטסטע סארטן זייערע פלעגן שפרינגען און קלע־טערן און די שפעטערדיקע סארטן האבן זיך געגליטשט און גע־פלויגן. זיי זיינען געווען צוערשט, לויט אלע סימנים פון דער קלאסיפיקאציע, רעפטילן. זיי האבן זיך אנטוויקלט צו אמתע פייג־לען, בעת זייערע ליסקעס פון רעפטילן זיינען געווארן מער לאנגע



העספעראָרניס, א רעפטילישער וואסער־פויגל אָן פליגלען און מיט ציין; געווען אן ערך 5 פוס די לענג.

און קאמפליצירטע בלעטער, איידער ליסקעס, ביז זיי האבן זיך אלץ מער איבערגעבריט און געשפאלטן און זיינען געווארן פעדערן. פע־דערן זיינען דער צודעק, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר פייגלען, און זיי גיבן א כוח איבערצוהאלטן היץ און קעלט א סך מער, ווי אן אנדער הויט־צודעק, חוץ אפשר דער גרעבסטער פעלץ־פעל. נאך אין גאר א פריער סטאדיע האט דער דאזיקער נייער

פעדער־צודעק, וואָס דאָס לעבן האָט געוואונען, געמאַכט אַ סך מינים פייגלען פעיק אַריינצודרינגען אין אַ געביט, וואָס אַ פּטעראָדאַקטיל איז צוליב דעם געווען שלעכט אויסגעריכט. זיי האָבן זיך געלאָזן אין ים אַריין כאַפּן פיש, — אויב זיי האָבן ניט אָנגעהויבן דערפון, — און האָבן זיך אויסגעשפּרייט קיין צפון און קיין דרום צו די פּאָלוסן אַריבער דעם גרענעץ, וואָס די טעמפּעראַטור האָט אײַנגעשטעלט פאַר די רעפּטילן. די פריטסטע פייגלען זיינען, קענטיק, געווען פאַרשיידענע פלייש־פרעסערס און וואַסער־פייגלען.



דער Palaeoscincus, אַ רעפּטיל, וואָס האָט געלעבט אין קאַנאַדע. זיין קאָפּ און זיין קערפּער זיינען געווען געשיצט דורך האָרן־שטעכלקעס און אין ביינערנע גוליעס.

ביזן היינטיקן טאָג געפינען זיך עטלעכע פון די פּרימיטיווסטע פויגל־פאָרמען דווקא צווישן די פייגלען פון צפונדיקן און דרומדיקן אייז־אָקעאַן, און ביי אָט די ים־פייגלען געפינען נאָך זאָאָלאָגן פאַרבליבענע סימנים פון ציין, וואָס זיינען אומעטום פאַרשוואונדן פון די שנאָבלען פון די פייגלען.

דער עלטסטער פון די באַוואוסטע פייגלען (דער אַרכעאָפּטעריקס) האָט ניט געהאַט קיין שנאָבל. ער האָט געהאַט אַ ריי ציין אין אַ קינבאַק, ווי אַ רעפּטיל. ער האָט געהאַט דריי נעגל אין פאָ־

דערשטן ווינקל פון זיין פליגל. זיין עק איז אויך געווען אייגנטימלעך. ביי אַלע איצטיקע פייגלען זיינען די עקפעדערן אַריינגעזעצט אין אַ קורצן קאָמפּאַקטן ביינערדיקן קרייץ; דער אַרכעאָפּטעריקס האָט געהאַט אַ לאַנגן ביינערדיקן עק מיט אַ ריי פעדערן אין איטלעכער זייט.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער גרעסטער טייל פון די עלטסטע פייגלען זיינען גאָרניט געפלויגן, אַז עס זיינען געווען פייגלען, איידער עס איז געווען פליגלען, למשל, אַ גאָר פריער פויגל איז געווען דער העספּעראָרניס, און דער דאָזיקער האָט גאָר קיין פליגלען ניט געהאַט. נאָר וויבאַלד, אַז פעדערן זיינען שוין געווען אַנטוויקלט, אַזוי לייכט און שטאַרק און אַזוי גרינג אויסצושפּרייטן, איז דאָס נאָר געווען אַ פראַגע פון צייט, ווען די פליגלען וועלן זיך באַווייזן.

4. אַ צייט פון שווערעניש און טויט.

דער גרויסער פּעריאָד פון מעזאָזאָישן לעבן, דער דאָזיקער צווייטער באַנד פון לעבנס-בוך, איז באמת אַ הפלאדיקע געשיכטע פון רעפּטילישן לעבן, וואָס פּרוכפּערט זיך און אַנטוויקלט זיך. נאָר די הפלאדיקסטע געשעעניש פון דער גאַנצער געשיכטע איז נאָך געבליבן צו דערציילן. ביז צו די אייבערשטע שיכטן פון די מעזאָזאָישע פעלזן געפינען מיר אָט די אַלע מינים רעפּטילן נאָך בליענדיק אומגעשטערט. ניטאָ קיין סימן פון אַ שוגא אָדער אַ קאָנקורענט פאַר זיי אין די רעשטן, וואָס מיר געפינען פון זייער וועלט. דערנאָך אָבער ווערן די כראָניקעס איבערגעריסן. מיר ווייסן ניט, וואָס פאַר אַ צייט דער דאָזיקער ריס פאַרנעמט; אַ סך זייטן זיינען מסתמא פאַרלאָרן געגאַנגען, זייטן, וואָס האָבן געקאָנט דערציילן וועגן אַ קאַטאַסטראָפאַלן איבערבייט אין די ערדישע תּנאים. ווען מיר געפינען ווידער רייכע שפּורן פון יבשה-געוויקסן און יבשה-בעלי-חיים אויף דער ערד, איז אָט די גרויסע צאָל מינים רעפּטילן שוין ניטאָ. צום גרעסטן טייל האָבן זיי ניט געלאָזן נאָך זיך קיין אָפּ-

שטאַם. זיי זיינען געוואָרן „אָפּגעמעקט“. די פּטעראָדאַקטילן זיינען פאַרשוואונדן אינגאַנצן; פון די פּלעזיאָזאַווערן און איכטיאָזאַווערן איז קיין איינער ניט געבליבן לעבן; די מאָזאָזאַווערן זיינען פאַרשוואונדן; פון די עקדישן זיינען געבליבן ווינציק, וואָס פון זיי זיינען די מאָניטאָרס אין נידערלענדיש מזרח־אינדיע די גרעסטע; די גאַנצע מאַסע פון די פאַרשיידענע דינאָזאַווערן זיינען ניט געבליבן. מער ניט די קראָקאָדילן און די שילדקרייטן האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט אין די שפּעטערדיקע צייטן אַריין. דעם אָרט פון די אַלטע טיפּן אויף דער וועלט־סצענע, וואָס די קאַינאָזאָאישע פּאָסילן אַנטפּלעקן פאַר אונז, פאַרנעמען אַנדערע בעלי־חיים, וואָס זיינען ניט קיין נאָענטע קרובים פון די מעזאָזאָאישע רעפּטילן און שטאַמען זיכער ניט פון דעמאָלסט הערשנדיקע טיפּן. אַ נייער מין לעבן האָט איינגענומען די וועלט.

אָט דער דאָזיקער באַשיימפּערלעך פּלוצימדיקער סוף פון די רעפּטילן איז, בלי־ספק, די וואונדערלעכסטע רעוואָלוציע אין גאָר דער געשיכטע פון דער ערד, איידער דער מענטש האָט זיך באַוויזן. ער איז מסתמא פאַרבונדן מיטן סוף פון אַ פּעריאָד פון גלייכמעסיק וואַרעמע תנאים און מיטן אָנהייב פון אַ נייער רויערער תקופה, וואָס אין איר זיינען די ווינטערס געווען שטרענגער און די זומערס קורץ און הייס. דאָס מעזאָזאָאישע לעבן, סיי בעלי־חיים און סיי געוויקסן, זיינען געווען צוגעפּאַסט צו וואַרעמע תנאים און ווינציק מסוגל אויסצוהאַלטן קעלט. דאָס נייע לעבן, פאַרקערט, איז קודם־כל געווען פעיק אויסצוהאַלטן גרויסע שינויים פון דער טעמפּעראַטור.

דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די רעפּטילן האָבן לא די וואָס ניט געהאַט קיין פעלץ־פעל אָדער פעדערן אויף אויסצוגלייכן די תנאים פון דער טעמפּעראַטור, נייערט דער בוי פון זייער האַרץ איז ניט געווען צוגעפּאַסט אונטערצוהאַלטן אַ הויכע טעמפּעראַטור אין דער אַרומיקער קעלט.

וואָס פאַר אַ סיבה עס זאָל אויך האָבן געבראַכט צו דער פאַרטיליקונג פון די מעזאָזאָאישע רעפּטילן, איז דאָס מסתמא געווען אַ שינוי, וואָס האָט געגרייכט זייער ווייט, וואָרעם אויך דאָס לעבן

אין די ימים האָט אין דער זעלביקער צייט דורכגעמאַכט אַן ענלעכע קאַטאַסטראָפישע פאַרענדערונג. מיטן אויסוואַקס און סוף פון די רעפּטילן אויף דער יבשה איז געגאַנגען פּאַראַלעל דער אויסוואַקס און דער סוף פון די אַמאָניטן, אַ קלאַס באַשעפענישן ענלעך צו שנעקן מיט איינגעדרייטע מושלען, וואָס האָט זיך געווידמעט אין די דאָזיקע פּאַרצייטיקע ימים. אַ סך מענטשן קענען זייערע גרויסע איינגעדרייטע מושלען, וואָס האַלטן טיילמאָל אין דורכמאָס צוויי פוס און מער. אין דער גאַנצער פעלזן־כראָניק פון דער מעזאָזאָישער תקופה איז פאַראַן אַ גאַנצע מאַסע פאַרשיידענע אַמאָניטן; עס זיינען דאָ פאַראַן הונדערטער מינים, און אַנטקעגן סוף פון דער מעזאָזאָישער תקופה איז די צאָל מינים אויסגעוואַקסן, און עס זיינען צוגעקומען טיפן פון גרויסן וואוקס. ווען די כראָניק הייבט זיך ווידער אָן, זיינען די דאָזיקע מינים אויך פאַרשוואונדן. זיי האָבן ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין איבערבלייב. וואָס איז שייך די רעפּטילן, קאָן מען אפשר נוטה זיין אַרויסצוזאָגן די סברא, אַז זיי זיינען פאַרלענדט געוואָרן, ווייל די זויגערס, וואָס האָבן פאַרנומען זייער אָרט, האָבן מיט זיי קאָנקורירט און זיינען בעסער געווען איינגעריכט צום לעבן; אָבער אַזעלכעס קאָן בשום אופן ניט זיין ריכטיק בנוגע די אַמאָניטן, וואָס זייער אָרט איז נאָך עד־היום ניט פאַרנומען. זיי זיינען פשוט פאַרשוואונדן. עס זיינען ניט באַוואוסט די תנאים, וואָס ביי זיי האָבן זיי געקאָנט לעבן אין די מעזאָזאָישע ימים, און עס איז אויך ניט באַוואוסט, וואָס איז דאָס פאָרגעקומען פאַר אַ שינוי, וואָס פאַר אַ צעטרייסלונג אין דעם איינגעשטעלטן סדר פון די טעג און די צייטן פון יאָר, אַז זיי האָבן שוין מער ניט געקאָנט לעבן. עס לעבט שוין ניט קיין איין מין פון די אַמאָניטן פון די אַלע פילצאָליקע מינים, עס עקסיסטירט אָבער נאָך איין מין אַ נאָענטער קרוב פון די אַמאָניטן, דאָס איז דער פּערל־נאַוטילוס. מען געפינט אים — דאָס מוז באַמערקט ווערן, אין די וואַרעמע וואַסערן פון אינדישן און שטילן אָקעאַן.

וואָס איז שייך דער קאָנקורענץ צווישן די זויגערס און די ווינציקער צוגעפּאַסטע רעפּטילן, וואָס מכוח איר רעדט מען טיילמאָל, אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף זאָלן די רעפּטילן זיין אונטער-

געגאַנגען, איז ניטאָ קיין שום באַווייז, אַז אַזאַ דירעקטע קאָנקורענין זאָל טאַקע זיין געווען. אייב מען זאָל משפטן לויט דער כראָניק פון די פעלזן, ווי מיר ווייסן דאָס ביי היינטיקן טאָג, איז פאַראַן מער יסוד צו גלויבן, אַז צוערשט זיינען די רעפּטילן אומגעקומען אויף אַן אופן, וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן, און אַז שפּעטער, נאָכ־דעם ווי עס איז אַוועק אַ זייער שווערע צייט פאַר אַלץ, וואָס לעבט אויף דער ערד, און די תנאים זיינען ווידער געוואָרן מער גינס־טיקע פאַרן לעבן, האָבן די זויגערס זיך אַנטוויקלט, אויסגעשפּרייט זיך און פאַרפולט דעם פרייען אָרט.

עס איז קיין זאַך ניט באַוואוסט וועגן די סיבות פון דער דאָ־זיקער רעוואָלוציע אין די ערדישע תנאים. אין פריערדיקן פּאַראַגראַף איז געווען געזאָגט, אַז אייב די פּאָלוסן־ליניע פון דער ערד וואָלט געווען פּערפּענדיקולאַר צו איר אָרביטע, וואָלט ניט געווען קיין בייט פון די צייטן פון יאָר. לאָמיר משער זיין, אַז אין די פריערדיקע טיילן פון דער געשיכטע פון דער וועלט איז דער ערד־עקוואַטאָר ניט געווען איינגעבויגן אָדער ווייניק איינגעבויגן צו דער אָרביטע, דעמאָלסט וואָלטן טאַקע געהערשט אַזעלכע גלייכמעסיקע תנאים פון פּאָנע און פלאָרע, ווי די, וואָס עס ווייזט די מעזאָזאָישע תקופה. לאָמיר ווייטער משער זיין, אַז וואָסער עס איז אומבאַוואוסטע סיבה האָט אַ בייג געטאָן דעם דריי־אַקס צו דער איצטיקער איינגעבויגנ־קייט. דעמאָלסט וואָלט באַלד געקומען איבער דער גאַנצער ערד צו אַן אומענדערונג פון זומער און ווינטער, היץ און קאַלט, און דאָס לעבן וואָלט געמוזט זיך פון דאָס ניי צופּאַסן אָדער אונ־טערגיין. די רעפּטילן זיינען טאַקע אומגעקומען צום גרעסטן טייל, די אַמאָניטן און אַ כך אַנדערע לעבעדיקע ברואים זיינען אונטערגע־גאַנגען, און נאָר פּאַמעלעך איז ווידער דאָס לעבן אויפגעריכט גע־וואָרן אין זיין פולער רייכקייט. נאָך איז קיינער ניט געווען מבוגל אָנצומערקן דעם כוח, וואָס קאָן האָבן פלוצים אויף דעם אופן אַ שטופּ געטאָן אונזער דרייענדיק וועלטל. מיר ווייסן ניט, וואָסערע טרייסלענישן און דרייענישן עס האָט געקאָנט דורכמאַכן די זון־סיסטעם אין פאַרגאַנגענער צייט. מיר קאָנען מער ניט ווי פּרובירן טרעפן. אַ גרויסער טונקעלער וועלט־קערפּער פון אַ יסוויינקסטן חלל

האָט זיך געקאָנט אַריינרייסן צווישן די פּלאַנעטן און אַ קערעווע טאָן אָדער אַפילו אַ שטופּ טאָן אונזער וועלט און אַזוי אַרום ווענדן דעם גאַנצן גאַנג פון דער עוואָלוציע אין אַ נייער ריכטונג.

קליינע וועלט־קערפּערס פון דעם מין באַרירן אונז כמעט שטענדיק. זיי קומען צו פליען אין אונזער אַטמאָספער אַריין, צינדן זיך אָן דורך דער היץ פון זייער רייבן אָן דער לופט און ווערן פאַרברענט — דאָס זיינען די פאַלנדיקע שטערן. דאָס גרעסטע רוב פון די דאָזיקע מעטעאָרן ווערן פאַרברענט צו גאָרנישט, איידער זיי גרייכן צו דער ערד, נאָר אַ סך זיינען געקומען און קומען נאָך איצט אָן אויף דער ערד. טייל פון זיי אין אונזערע מוזייען האַלטן ביז עטלעכע יאַרדן אין דיאַמעטער.

אפשר איז אַמאָל איינער פון די מעטעאָרן געווען גרויס גענוג, בכדי צו מאַכן אַזאַ שינוי, ווי מיר האָבן דאָ משער געווען.

נאָר דאָ פאַלן מיר אַריין אין ריינער חקירה. לאָמיר זיך אומקערן צו אונזערע פאַקטן.

---

5. די ערשטע פעלץ־פעלן און די ערשטע פעדערן.

צי זיינען געווען זויגערס אין מעזאָזאָישן פּעריאָד?

זיי זיינען אָן ספק געווען, נאָר זיי זיינען געווען קליין, פאַרשלאָגן אין ווינקעלעך און זעלטן, און די פּאַלעאָנטאָלאָגיע האָט זייער ווייניק וואָס צו זאָגן וועגן זיי. מיט געדולד און שטאַנדהאַפטיקייט קלייבן די געאָלאָגן צונויף פרישע ראַיות און דרינגען אַרויס פולערע אויספירן. אין אַ צייט אַרום קאָן אַ נייער שיכט אויפדעקן פאָסילן, וואָס קאָנען באַלייכטן די פראַגע. געוויס האָבן אין מעזאָזאָישן פּעריאָד געלעבט אָדער זויגערס, אָדער די פאָרגייערס פון די זויגערס. אין דעם אַריינפיר־קאַפּיטל פון דעם מעזאָזאָישן באַנד פון די כראָניקעס זיינען געווען יענע טעריאָמאָרפע רעפּטילן, וואָס מיר האָבן זיי שוין דערמאָנט, און אין דער שפּעטערדיקער מעזאָזאָישער צייט האָט מען געפונען אַ געוויסע צאָל קין־ביינער, וואָס זיינען לויט זייער כאַראַקטער גלייך צו די ביינער פון זויגערס.

אָבער עס איז ניטאָ קיין סימן, קיין ביין, וואָס זאָל אויסבאַדערן די השערה, אַז עס זאָל האָבן געלעבט אין דער מעזאָזאָישער צייט אַזאַ זייגער, וואָס זאָל קאָנען זיך שטעלן אַנטקעגן אַ דינאָזאַוור. די מעזאָזאָישע זייגערס אָדער זויגער־עגלעכע רעפּטילן — וואָרעם מיר קאָנען ניט וויסן קלאָר, וואָס זיי זיינען געווען — זיינען, משמעות, אַלע געווען קליינע חיהלעך אין דער גרייס פון מייז און שטשורעס, ענלעך מער צו אַ פאַרשטופּטן סוג פון רעפּטילן, איידער צו אַ זעלבשטענדיקן קלאַס; זיי האָבן נאָך מסתמא געלייגט אייער און האָבן נאָר פּאַוואָליע אַנטוויקלט זייער באַזונדערן סימן — דעם האָר־צודעק. זיי האָבן געלעבט ווייט פון גרויסע וואַסערן, און אפשר אין אָפּגעלעגענע הייכלענדער, ווי איצטער די ליזל־מייז; מסתמא האָבן זיי געלעבט דאָרט, ווייל אַהין האָבן ניט געקאָנט דערלאַנגען די פלייש־פרעסנדיקע דינאָזאַווערן. טייל פלעגן אפשר אַרומגיין אויף אַלע פיר, טייל פלעגן דער עיקר גיין אויף די הינטערשטע פיסלעך און קאַראַפּקען זיך מיט די פאָדערשטע פיסלעך. זיי זיינען געוואָרן פאָסילן נאָר אַזוי צופעליק, אַז אין דער גאַנצער לאַנגער כראָניק פון די מעזאָזאָישע פעלזן איז נאָך ניט געפינען געוואָרן קיין איינציקער גאַנצער סקעלעט, וואָס דורך אים וואָלט מען געקאָנט קאָנטראָלירן די דאָזיקע השערות.

די דאָזיקע קליינע טעריאָמאָרפן, די דאָזיקע עלטערזיידעס פון די זייגערס, האָבן אַנטוויקלט האָר. האָר זיינען, פונקט ווי פעדערן, לאַנגע און ספּעציעל אויסגעאַרבעטע ליסקעס. דאָס האָר איז אפשר די סיבה דערפון, וואָס די עלטסטע זייגערס זיינען געבליבן לעבן. לעבנדיק אויף די ברעגעס פון עקסיסטענץ, ווייט פון די זומפּן און וואַרעמקייט, האָבן זיי אַנטוויקלט אַן אויסווייניקסטן צודעק, וואָס שטייט אָפּ אין זיין כוח צו האַלטן וואַרעם (אָדער אָפּצושטויסן היץ) נאָר פון די פוך און פעדערן פון די אַרקטישע*) ים־פייגלען. אַזוי אַרום האָבן די זייגערס, צוגלייך מיט די פייגלען, אויסגעהאַלטן אין דער שווערער צייט צווישן דער מעזאָזאָישער און דער קאַינאָזאָישער תקופה, וואָס דעמאָלסט זיינען דער גרעסטער רוב פון די אמתע רעפּטילן אומגעקומען.

*) אַרום צפונדיקן אייז־אָקעאַן.

אַלע די הויפּט־סימנים פון דער פלאָרע און פון דער ים־ און יבשה־פאַונע, וואָס איז פאַרשוואונדן צום סוף פון דער מעזאָזאָישער תקופה, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו אַ גלייכמעסיקן קלימאַט און צו פלאַכע וואַסערן און זומפּיקע ערטער. נאָר זייערע קאַינאָזאָישע יורשים האָבן דורך די האָר און די פעדערן געקראָגן אַ ווידערשטאַנד־כּוח צו וואַריאַבלע, זיך בייטנדיקע, טעמפּעראַטורן, וואָס קיין איין רעפּטיל האָט אַזוינעם ניט פאַרמאָגט, און זיי האָבן דערגרייכט צו אַזאַ אויסשפּרייטונג, וואָס קיין איין לעבעדיקע באַשעפעניש האָט צו איר ביז איצט ניט געהאַט דערגרייכט.

דער לעבנס־אויסשפּרייט פון אונטערשטן פּאַלעאָזאָישן פּעריאָד איז געווען באַגרענעצט מיט וואַרעם וואַסער.

דער לעבנס־אויסשפּרייט פון אייבערשטן פּאַלעאָזאָישן פּעריאָד איז דער עיקר באַגרענעצט מיט וואַרעם וואַסער אָדער מיט וואַרעמען זומפּ און פייכטן ערד־באָדן.

דער לעבנס־אויסשפּרייט פון מעזאָזאָישן פּעריאָד איז, ווי וויט מיר ווייסן, אין גרויסן און גאַנצן געווען באַגרענעצט מיט וואַסער און מיט נידעריק געלעגענע טאָל־געגנטן אונטער גלייכמעסיקע תּנאים.

נאָר אין איטלעכן פון די דאָזיקע פּעריאָדן זיינען געווען טיפּן, וואָס זיינען ניט ווילנדיק געווען געצוואונגען צו פאַרברייטערן דעם לעבנס־אויסשפּרייט אַריבער די הערשנדיקע גרענעצן; און אַז עס זיינען געקומען תקופות פון עקסטרעמע תּנאים, זיינען גראָד די דאָזיקע גרענעץ־טיפּן געווען בכוח איבערצולעבן, בכדי אָפּצוירשען די פּוסט געוואָרענע וועלט.

דאָס איז אפשר די אַלגעמיינסטע קאָנסטאַטירונג, וואָס מיר קאָנען מאַכן אויפן סמך פון די געאָלאָגישע מקורים; דאָס איז אַ געשיכטע פון אַן אויסשפּרייט, וואָס פאַרברייטערט זיך כּסדר. עס באַווייזן זיך קלאַסן, גאַטונגען און מינים פון בעלי־חיים און פאַרשווינדן, נאָר דער אויסשפּרייט ווערט אַלץ ברייטער. ער פאַרברייטערט זיך אויס שטענדיק. לעבן האָט ניט געהאַט קיינמאָל אַזאַ גרויסן אויסשפּרייט, ווי ביי היינטיקן טאָג. לעבן, אין דער געשטאַלט פון מענטשן, שטייגט

היינט העכער אין דער לופט, ווי דאָס איז געשען פריער; דעם
מענטשנס געאָגראַפישע אויסשפרייטונג גרייכט פון פּאָלוס צו פּאָלוס,
ער גייט אונטער וואַסער און טונק-שיפלעך, ער פאָרשט אויס
די קאַלטע פינסטערנישן פון די טיפסטע ימים. וואו קיין לעבן איז
ניט בנמצא, ער גראָבט זיך אַריין אין די פאַרבאָרגנסטע שיכטן
פון די פעלזן, און אין דענקען און וויסן עקבערט ער זיך דורך ביזן
צענטער פון דער ערד און דערלאַנגט ביז צום ווייטסטן שטערן. נאָר
אין אַלע רעשטן פון דער מעזאָזאָישער צייט געפינען מיר ניט קיין
שום זיכערן אָנדענק פון זיינע אבות. זיינע אבות, פונקט ווי די עלטער-
זיידעס פון אַלע זויגערס, האָבן געמוזט זיין אָזעלכע זעלטענע, אַזעל-
כע נעבעכדיקע ברואים, און אַזוי ווייט פאַרוואָרפן, אז זיי האָבן קוים
איבערגעלאָזט אַ סימן צווישן די רייכע שפורן פון די בייז-וואונ-
דערס, וואָס האָבן אַרומגעטאָפּטשעט אין דער צעפאַרעטער לופט
און דעם רייכן געוויקסטום פון די מעזאָזאָישע לאַגונעס, אָדער
האָבן זיך געדראַפּעט אָדער געשפרונגען אָדער זיינען אַרומגעפלאַטערט
איבער די גרויסע טייך-פליינען פון יענער צייט.

קאַפּיטל 5

די תקופה פון זויגערס

1. אַ נייע תקופה פון לעבן. 2. טראַדיציע באַווייזט זיך אין דער וועלט. 3. דער מאַרך וואַקסט אויס. 4. ווידער אַ שלעכטע צייט. 5. די אייזפּעריאָדן.

די דריטע גרויסע אָפּטיילונג פון דער געאָלאָגישער כראָניק, וואָס איז אָנגעצייכנט אויף אונזער דיאַגראַם, די קאַינאָזאָישע, עפנט זיך אויף מיט אַ וועלט, וואָס איז פיזיקאַליש שטאַרק גלייך צו דער וועלט, וואָס אין איר לעבן מיר ביי היינטיקן טאָג. דער טאָג איז מסתמא די ערשטע צייט געווען נאָך קענטיק קירצער, אָבער די לאַנדשאַפט איז געוואָרן זייער מאָדערן אין איר כאַראַקטער. דער קלימאַט פלעגט, פאַרשטייט זיך, פון צייט צו צייט זיך אומביטן אַהין און אַהער, אָן אַ באַשטימטן כלל; לענדער, וואָס האָבן איצט אַ געמעסיקטן קלימאַט, האָבן דורכגעמאַכט, זינט דעם אָנהייב פון דער קאַינאָזאָישער תקופה, פּאַזיסן פון גרויסער וואַרעמקייט, פון שטאַרקער קעלט און עקסטרעמער טריקעניש; עס האָבן נאָך געקאָנט זיין שינויים אין דער לאַנדשאַפט, נאָר אויב זי האָט זיך געביטן, האָט זי זיך ניט געביטן אַזוי, אַז מען זאָל נישט קאָנען געפינען עפּעס ענלעכס אין וואָסער עס איז טייל פון דער וועלט.

אָנשטאָט די אויסטערלישע בערעלעך-געוויקסן פון דער מעזאָזאָישער צייט, זיינען די נעמען פון די געוויקסן, וואָס באַווייזן זיך איצט אויף די רשימות פון די פּאָסילן, כולל בערקן, בוקן, שאַרפּלבעטער-בוים, טולפּן-בוים, האָפּן, קאַמעד-בוים, ברויט-בוים. פּאַלעם-ביימער ווערן איצט זייער וויכטיק. עס אַנטוויקלען זיך בלומען אין איינעם מיט בינען און פלעדערלעך. מיר זיינען געקומען צו דער תקופה פון

בלומען. בלומען-געוויקסן האָבן זיך שוין באַוויזן אין די שפּעטערדיקע שיכטן פון דער מעזאָזאָישער צייט, דאָס איז אין די אַמעריקאַנער קרייט-שיכטן, אָבער איצט באַהערשן זיי דעם פּלאַץ אומעטום אינגאַנצן. גראָז איז געוואָרן אַ גרויסער פאַקט אין דער וועלט, אויך געוויסע גראָזן האָבן זיך באַוויזן אין דער שפּעטער מעזאָזאָישער צייט, אָבער ערשט אין קאַינאָזאָישן פּעריאָד האָבן זיך באַוויזן גראָז-פּליינען, און גרינגע לאָנקעס שפּרייטן זיך אויס איבער דער וועלט, וואָס איז פריער געווען וויסטער שטיין.



עאָהיפּוס, דער עלטסטער שטאַם-פאָטער פון פערד. ער האָט געהאַט פיר פינגער אין די פאָדערשטע פיס און דריי אין די הינטערשטע.

דער פּעריאָד הייבט זיך אָן מיט אַ לאַנגן פּאַזיס פון היפּשער וואַרעמקייט; דערנאָך האָט די וועלט זיך אָפּגעקילט. אין אָנהייב פון דעם דאָזיקן דריטן טייל פון דער ערד-כראָניק, פון דעם קאַינאָזאָישן פּעריאָד, איז געגאַנגען אַ ריזיקער פּראָצעס פון קנייטשונג פון דער ערד-קאָרע און אויפהייבונג פון בערג-רייען. די אַלפּן, די אַנדן, די הימאַלאַיען, זיי זיינען אַלע קאַינאָזאָישע בערג-רייען; דער הינטערגרונט פון אַ פּרי-קאַינאָזאָישער סצענע, צו זיין

טיפּיש, האָט געמוזט פאָרשטעלן אַ וואולקאַן אָדער ענלעכס. עס האָט געמוזט זיין אויך אַ תקופה פון גרויסע ערד-ציטערנישן.

די געאָלאָגן באַשטימען די הויפּט-איינטיילונגען פון דעם קאַינאָזאָישן פּעריאָד, און עס איז כדאי זיי אָנצורופן דאָ און אָנצוּווייזן זייער קלימאַט. צוערשט קומט די עאָצען-תקופה (דאָס באַטייט „באַגינען פון לעבן"), אַ תקופה פון אויסנאַמלעכער וואַרעמקייט אין דער געשיכטע פון דער וועלט, וואָס ווערט נאָך איינגעטיילט אין אַן עלטערן און נייערן עאָצען; דערנאָך גייט די אָליגאָצען-תקופה (דאָס איז טייטש: „ווינציק ניי לעבן"), וואָס דעמאָלט איז דער קלימאַט נאָך געווען גלייכמעסיק. די מיאָצען-(לעבעדיקע ברואים זיינען נאָך אַ מיעוט) תקופה איז געווען די גרויסע תקופה, ווען בערג זיינען געבויט געוואָרן, און די אַלגעמיינע טעמפּעראַטור האָט געהאַלטן אין פאַלן. אין דער פּליאָצען-תקופה (מער לעבעדיקע, איידער פאַרשוואונדענע מינים) איז דער קלימאַט געווען כמעט אַזוי ווי אין זיין איצטיקן פאַזיס? אָבער מיט דעם פּלייסטאָצען (אַ גרויסער רוב פון לעבעדיקע מינים) הייבט זיך אָן אַ לאַנגער פּעריאָד פון עקסטרעמע תנאים — דאָס איז געווען די גרויסע אַייז-תקופה. גלעטשערס האָבן זיך אויסגעשפּרייט פון די פּאָלוסן צום עקוואַטאָר אַראָפּ, אַזוי אַז ענגלאַנד ביז צו דער טעמזע איז געווען באַדעקט מיט אַייז.

נאָכדעם ביז צום היינטיקן טאָג ווערט דער קלימאַט אַלץ וואַרעמער. עס איז מעגלעך, אַז מיר רוקן זיך איצטער צו אַ וואַרעמערן פאַזיס. עס קאָן זיין, אַז אין אַ האַלב מיליאָן יאָר אַרום וועט די וועלט זיין אַ סך זוניקער און אָנגענעמער צו לעבן ווי איצט.

---

2. אין דער וועלט באַווייזט זיך טראַדיציע.

אין די וועלדער און אויף די גראָזיקע פּליינען פון דער עאָצען-תקופה באַווייזן זיך דאָס ערשטע מאָל אַ סך זויגערס פון פאַרשיידענע מינים. איידער מיר טרעטן צו צו באַשרייבן די דאָזיקע זויגערס, איז כדאי צו באַשטימען אין אַלגעמיינע שטריכן וואָס איז דאָס אַזוינס אַ זויגער.

זינט עס האָבן זיך באַוויזן די שדרהדיקע בעלי-חיים אין דער אונ-טערשטער פּאַלעאָזאָישער תקופה, אַז די פיש האָבן צוערשט גענומען זיך ווידמען אין די ימים, האָבן די שדרהדיקע בעלי-חיים געהאַלטן אין איין פּראָגרעסירן. אַ פיש איז אַ שדרהדיקער בעל-חי, וואָס אָטעמט דורך זשאַברעס און קאָן לעבן נאָר אין וואַסער. אַן אַמפיביע קאָן ווערן באַשריבן ווי אַ פיש, וואָס האָט צוגעקראָגן צו זיין אָטעמען דורך די זשאַברעס דעם כוח דערוואַקסענערהייט אַריינצואָטעמען לופט מיט זיין שווים-בלאָז, און וואָס האָט אויך אַנטוויקלט פיסלעך מיט פינף פינגער אויפן אָרט פון די פלאָספעדערן פון אַ פיש.

אַ קאָפּעקל איז אַ געוויסע צייט אַ פיש; ער ווערט אַ יבשה-באַ-שעפעניש, בעת ער אַנטוויקלט זיך. אַ רעפּטיל איז אַ ווייטערדיקע מדרגה אין דער דאָזיקער אָפּשיידונג פון וואַסער; ער איז אַן אַמפיביע, וואָס קאָן שוין מער ניט לעבן אין וואַסער; ער מאַכט דורך זיין קאָפּעקל-סטאַדיע — דאָס הייסט זיין פיש-סטאַדיע — אין איי. ער קאָן קיינמאָל ניט אָטעמען אונטערן וואַסער, ווי אַ קאָפּעקל.

און אַ זויגער איז בעצם אַ מין רעפּטיל, וואָס האָט אַנטוויקלט אַ באַזונדער ווירקונגספולן שויץ-צודעק, די האָר, און וואָס האַלט איין זיינע אייער אין גוף, ביז די וולדות גייען אַרויס פון זיי, אַזוי אַז זיי געבוירן לעבעדיקע יונגע, און אַפילו נאָכן געבוירן ווערן זאָרגט ער פאַר די יונגע און דערנערט זיי ביי דער ברוסט אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט. אייניקע שרצים, אייניקע וויפּערס, למשל, געבוירן לעבעדיקע קינדער, אָבער קיין איינע פון זיי בלייבט ניט ביי די יונגע, ווי עס טוען זויגערס. די זויגערס און די פייגלען, וואָס זיינען ניצול געוואָרן פון דעם חורבן, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו די מעזאָ-זאָישע רעפּטילן, און וואָס האָבן געקראָגן די הערשאַפט אין דער קאַי-נאָזאָישער וועלט, האָבן צוויי זאַכן גלייכע - אַן אַ סך מער ווירקונגס-פולן שויץ אַנטקעגן שינויים אין דער טעמפּעראַטור, איידער וואָסער עס איז וואַריאַציע פונם רעפּטיל-טיפּ האָט ווען עס איז אַרויסגעבראַכט, און צווייטנס, אַ באַזונדער זאָרג פאַר זייערע אייער צו שיצן זיי קעגן קעלט, דער פויגל דורכן אויסזיצן און דער זויגער דורך איינהאַלטן, און די פעיקייט אויפצופּאַסן די יונגע אַ געוויסע צייט, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַרויסגעפּיקט פון איי, אָדער זיי זיינען געבאָרן געוואָרן.

אין פאַרגלייך מיטן זויגער גיט דער רעפּטיל אינגאַנצן ניט קיין אַכט אויף זיינע וולדות.

האָר איז באַשיימפּערלעך געווען דער פּריסטער סימן, וואָס האָט אָפּגעשיידט די זויגערס פון די איבעריקע רעפּטילן. עס איז אַ ספק, צי פליגן די אייגנטימלעכע טעריאָדאָנט-רעפּטילן, וואָס האָבן אַנטוויקלט האָר אין דער פּרי-מעזאָזאָישער צייט, געבוירן לעבעדיקע קינדער. ביזן היינטיקן טאָג האָבן איבערגעלעבט צוויי זויגערס, וואָס לאָ די וואָס זיי זויגן ניט זייערע יונגע מיט דער ברוסט, נאָר זיי לייגן אויך אייער, דאָס זיינען דער קאַטשקענאָז און די עכידנע, און אין דער עאָצען-צייט זיינען געווען אַ גאַנצע צאָל ענלעכע פאָרמען. די דאָזיקע צוויי באַשעפענישן, הגם זיי זויגן ניט זייערע יונגע מיט דער ברוסט, שיידן דאָך אַרויס אַ דערנער-פליסיקייט פון גלאַנדעס, וואָס זיינען אויסגעזעצט אויף דער הויט פון בויך. אָבער די גלאַנדעס זיינען ניט צונויפגעקליבן אין בריסט מיט ציצן צום זויגן ווי ביי די איבעריקע זויגערס. די פליסיקייט זייט זיך דורך, בעת די מוטער ליגט אויפן רוקן, און די יונגע לעקן אַרום איר נאַסע הויט. זיי זיינען מסתמא די לעצטע איבערגעבליבענע פון אַ סך אַ גרעסערער צאָל פאַרשיידענע מינים קליינע אייער-לייגנדיקע באַהאָרטע באַשעפענישן, האָריקע רעפּטילן, שפּרינגערס, קלעטערערס און לויפערס, וואָס זיינען כולל אין זיך די מעזאָזאָישע אבות פון אַלע עקסיסטירנדיקע זויגערס און איינגעשלאָסן אויך דעם מענטש. אַמאָל וועט מען נאָך אפשר אין אַן אָפּגעלעגענער שיכט געפינען עפּעס פון דער פאַרלאָרענער „רינגל אין קייט".

מיר קאָנען אויך איינזעצן די הויפּט-פאַקטן מכּוח דער רעפּראָדוקציע פון די זויגערס אויף אַן אַנדער אופן. *דער זויגער* איז *אַ משפּחה-בעל-חי*. און דער משפּחה-שטייגער האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר אַ נייעם אופן פון פאַרלענגערן און אויפהאַלטן ערפאַרונג אין דער וועלט. פאַרגלייכט דאָס פולע אָפּגעשלאָסענע לעבן פון אַן אינדיוויד פון דעם עקדיש-מין מיטן לעבן פון גאָר דעם נידעריקסטן זויגער פון וואָסער מין איר ווילט. דער ערשטער איז ניט פאַרבונדן גייסטיק מיט קיין זאַך אויסער אים אַליין; ער איז אַ קליין, פאַר זיך איינגעצאַמט פּעקל ערפאַרונג, וואָס

דינט די אייגענע צוועקן; דער לעצטער אָבער „קלייבט אויף“ פון דער מוטער און „ענטפערט איבער“ צו זיינע קינדער.

אַלע זויגערס, חוץ די צוויי מינים וואָס מיר האָבן אָנגערופן, זיינען שוין פאַר דער אונטערשטער עאָצען-תקופה געקומען צו דער מדרגה, ווען די נישט-דערוואַקסענע בעלי-חיים בלייבן אָפּהענגיק



דיאַטרימאַ — אַ ריזיקער פויגל, געלעבט אין איין צייט מיטן פיר-פינגערדיקן פערד.

פון די עלטערע און מאַכן זיי נאָך. אַלע זיינען זיי יונגערהייט מסוגל אין אַ געוויסן אופן צו דערציִונג דורך נאָכמאַכן. זיי אַלע קריגן, ווי אַ טייל פון זייער אַנטוויקלונג, אַ געוויסן סכום האָדעוואַניע פון זייער מוטער. דאָס איז ריכטיק פאַר דער היענע און פאַרן נאָזהאָרן, פונקט ווי פאַרן הונט און פאַרן מענטשן; דער אונטערשייד אין

פעיִקייט צו ווערן דערצויגן איז גוואַלדיק, אָבער דער עצם פאַקט, אַז אַלע די דאָזיקע בעלי־חיים קריגן יונגערהייט שוץ און דערציונג, איז ניט אָפּצולייקענען.

ווי ווייט דאָס איז שייך צו שדרהדיקע בעלי־חיים, האָבן אָט די נייע זויגערס, מיט זייער פעיִקייט צו געבוירן לעבעדיקע יונגע און צו באַשיצן זיי אַ געווויסע צייט, און די דאָזיקע נייע פייגלען מיט זייער פעיִקייט אויסצוזיצן די יונגע און צו באַשיצן זיי, אַריינגעבראַכט צום אָנהייב פון דער קאַינאָזאָישער תקופה אַ נייס אין דער זיך אויסברייטערנדיקער געשיכטע פון לעבן — נעמלעך סאָציאַלע פאַרבינדונג, דאָס צוקומען פון דער טראַדיציע צום פעסטן, ניט־ביי־געוודיקן אינסטינקט, און די נערוון־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נייטיק אויפצונעמען טראַדיציע.

אַלע נייסן, וואָס קומען אַריין אין דער געשיכטע פון לעבן, הייבן זיך אָן זייער באַשיידן. דאָס, וואָס דער שווים־פּענבער פון דעם שלאַם־פיש אין דעם שטראָם־טייך פון דער אונטערשטער פּאַלעאָזאָישער תקופה איז פאַרזאָרגט געווען מיט בלוט־געפעס, וואָס דורך דעם איז ער געוואָרן מסוגל אויסצוהאַלטן די צייט פון טריקעניש, וואָלט אויסגעוויזן בשעתו אין די אויגן פון יענעם רואה ואינו נראה, וואָס האָט, ווערליך מיר האָבן דאָס שוין אויסגעמעלט פריער, באַזוכט אונזער פּלאַנעט אין יענער צייט, פאַר אַ זייער ניט וויכטיקן זייטיקן פאַקט אין יענער אַלטער וועלט פון גרויסע היי־פיש און ים־סקאָרפּיאָנען און קאָראַל־ריפן און ים־גראָזן. אָבער דאָס האָט דאָך געעפנט דעם שמאָלן וועג, וואָס דורך אים האָבן די שדרהדיקע דערגרייכט צו זייער הערשאַפט. אין יענער צייט וואָלט דער שלאַם־פיש אויסגעוויזן ווי אַן אָרעמער אַנטרונענער, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעכאַפּט פון דעם שרעקלעכן שטורמישן לעבן אין ים. אָבער ווי באַלד אַז לונגען זיינען שוין געווען אין דער וועלט, האָט שוין איטלעכער מין, וואָס האָט געהאַט לונגען, זיי ווייטער אַלץ מער אַנטוויקלט.

דאָס נעמלעכע אין דער אייבערשטער פּאַלעאָזאָישער צייט וואָלט דער פאַקט, וואָס עטלעכע אַמפיביעס האָבן אָנגעוואָרן זייער „אַמפּיבישקייט" הירך דעם, וואָס זיי האָבן פאַרהאַלטן דאָס

לייגן פון זייערע אייער, אויסגעוויזן ניט מער, ווי א פשוטער שוץ קעגן די גרויסע סכנות, וואס האבן געדרויט דעם יונגן קאפעקל. אבער בעצם האט דאך דאס צוגעגרייט די איינעמונג פון דער יבשה דורך די מעזאזאישע רעפטילן. דאס האט געעפנט א נייע ריכטונג צו א פרייען און שטארקן יבשה-לעבן, וואס אין איר האבן זיך געלאזט גיין אלע רעפטילן.

---

3. דער מוח וואקסט.

א געוויסע צאל טיפן פון די זויגערס באווייזן זיך שוין אין דעם עאצען-פעריאד. אייניקע האבן זיך דיפערענצירט אין איין ריכטונג, אנדערע אין אן אנדערער; טייל האבן זיך פארפולקומט צו גראז-פרעסנדיקע פירפיסלער, טייל זיינען געשפרונגען און געקלעטערט צווישן די ביימער, טייל האבן זיך אומגעקערט צוריק צום וואסער צו שווימען, נאר אלע טיפן האבן ניט באוואוסטערהייט עקספלואטירט און אנטוויקלט דעם מוח, וואס ער איז דאס געצייג פון דעם נייעם כוח זיך אנצושאפן דערציינג. די דאזיקע תקופה פון בלומען, די תקופה פון פייגלען און זויגערס, די קאינאזאישע תקופה קאן אויך אנגערופן ווערן די תקופה פון וואקסנדיקן מוח. אין די עאצען-פעלזן זיינען געפונען געווארן קליינע פריע פארגייערס פון פערד (עאהיפוס), קליינינקע קעמלען, חזירים, פריע טאפירס, פריע יאזשיקעס, מאלפעס און לעמורן, אפאסומעס און פליישפרעסערס. אט די אלע זיינען מער אדער ווייניקער די פארגייערס פון די פארמען, וואס לעבן נאך, און זיי אלע האבן געהאט ניט אין אן ערך קלענערע מוחות, ווי זייערע לעבנדיקע פארשטייער. עס איז געווען, למשל, א פריע חיה, ענלעך צו א נאזהארן, דער טיטאנאטעריום, האט זי אבער געהאט א מוח, וואס באטרעפט אפילו ניט א צענט-חלק פון דער גרייס פון מוח פון די עקזיסטירנדיקע נאזהארנס. מכוח דעם לעצטן קאן מען ניט זאגן, אז ער זאל האבן א פלינקערן קאפ אין זיך לאזן גרינג לערנען, נאר בכל-אופן איז ער צען מאל א גרינגערער תלמיד, ווי זיין דערמאנטער

פאָרגייער. דאָס דאָזיקע איז ריכטיק בנוגע צו אַלע אָרדענונגען און פאַמיליעס, וואָס האָבן איבערגעלעבט ביזן היינטיקן טאָג. אַלע קאַינאָזאָישע זויגערס האָבן דאָס נעמלעכע געטאָן אונטער דעם צוואַנג פון דער גלייכער נויטווענדיקייט; ביי אַלעמען איז אויסגעוואַקסן דער מוח. אַלע האָבן זיך גערוקט פאָרויס אין אַ גלייכער מאָס. אין דער זעלביקער אָרדענונג אָדער פאַמיליע איז דער מוח ביי היינטיקן טאָג געוויינטלעך זעקס ביז צען מאָל גרעסער, איידער ביי דעם פאָרגייער אין דער עאָצען-צייט.



דער ריזיקער שאַרבן פונעם באַלוכיטעריום, געפונען אין מדבר גאָבי אין מאָנגאָליע (פרגל. ז. 101).

דער עאָצען-פעריאָד באַווייזט אַ גאַנצע ריי גראָז-פרעסנדיקע חיות, וואָס פון זיי איז קיין איין פאָרשטייער ניט געבליבן ביז היינטיקן טאָג. אַזעלכע זיינען געווען דער אוינטאַטער און דער טיטאַנאָטער. זיי זיינען אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך מער ספּעציאַליזירטע גראָזפרעסער-פאָרמעס, ווי ווייט גראָז האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער ערד. צו יאָגן אַזעלכע חיות זיינען געקומען גרויסע טשאַטעס פרימיטיווע הינט, טייל פון זיי אַזוי גרויס ווי

בערן, און די ערשטע קעץ, באַזונדערס איינע (סמילאָדאָן), אַ קליין, ווילד אויסקוקנדיק באַשעפעניש מיט גרויסע רייס-ציין ווי מע-סערס, דער ערשטער שווערד-ציינ׳קער טיגער, וואָס האָט געדאַרפט זיך אַנטוויקלען צו גרעסערע זאַכן. אַמעריקאַנער אָפּלעגערונגען אין מיאָצען באַווייזן קעמל׳ען פון פאַרשיידענע מינים: זשיראַף-קעמל׳ען מיט



דער באַלוכיטעריום רעקאָנסטרויִרט, דער גרעסטער פון אלע זויגערס. זיין קאָפּ איז געווען 18 פוס הייך פון דער ערד.

לאַנגע העלזער, גאַזעל-קעמלען, לאַמאַס און אמתע קעמלען. אין דעם גרעסטן טייל פון קאַינאָזאָישן פעריאָד איז צפון-אַמעריקע, קענטיק, געווען פאַרבונדן מיט אַזיע, און צולעצט, אַז די גלעטשערס פון דער גרויסער אייז-תקופה, און דערנאָך דער בערינג-דורכגוס, האָבן

אָפּגעשיידט די צוויי גרויסע קאָנטינענטן, זיינען די לעצטע קעמלען געבליבן אין דער אַלטער וועלט און די לאַמאַס אין דער נייער וועלט.

אין עאָצען באַווייזן זיך די ערשטע אָבות פון די העלפאַנדן אין צפון־אַפריקע אין דער געשטאַלט פון באַשנויצטע באַשעפעניש; דער ספּעציפישער העלפאַנד־ריסל באַווייזט זיך אויף דער וועלט אין דער מיאָצען־תקופה און ווערט אין משך פון דער צייט לענגער.

---

4. ווידער שווערע צייטן אויף דער ערד.

דורך מיליאָנען דורות בעלי־חיים האָט די ערד זיך געדרייט אַרום דער זון; פּאַוואָליע איז איר אָרביטע, וואָס איז געווען כמעט אַ קרייז־ליניע אין די גלייכמעסיקע צייטן פון דעם פריען עאָצען, אויסגעצויגן געוואָרן דורך דער אָנציונג פון די אויסווייניקסטע פּלאַנעטן צו אַ מער עליפּטישער פאָרם. איר דריי־אַקס, וואָס האָט זיך גרינג געוויגט איבער דעם פלאַך פון איר אָרביטע, אַזוי ווי דער זעגל־בוים פון אַ יאַכט, וואָס שווימט, וויגט זיך איבערן וואַסער, האָט זיך געוויגט אַלץ מער און מער, אומבאַמערקט זיך אָפּגענייגט אויף עטלעכע גראַד. מיט איטלעכן יאָר האָט איר זומער־פּונקט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט פונם פּעריהעליאָן אַרום איר וועג.

דאָס זיינען געווען קליינע שינויים, אויב זיי וואָלטן געווען נוגע אַ פּילקע פון איין צאָל, וואָס דרייט זיך אויף אַ מהלך פון 322 יאַרד פון אַ פלאַמיקער זון פון ניין פוס אין דורכמאָס, אין משך פון עטלעכע מיליאָן יאָר. אַן אומשטאַרבלעכער אַסטראָנאָם, וואָס וואָלט פון נעפּטון אויס געקוקט אויף דער ערד פון תקופה צו תקופה, וואָלט כמעט די דאָזיקע שינויים ניט באַמערקט. אָבער פונם שטאַנדפּונקט פון די זויגערס, וואָס האָבן געלעבט אין דער מיאָצען־צייט, האָבן זיי געהאַט אַ טיפן באַטייט. פון תקופה צו תקופה זיינען די ווינטערס אין גרויסן און גאַנצן געוואָרן קעלטער און שטרענגער און לענגער אין פאַרגלייך מיט די זומערס; פון

תקופה צו תקופה זיינען די זומערס געוואָרן קירצער. דורכן גאַנק איז דער ווינטערדיקער שניי מיט איטלעכן יאָרהונדערט געלעגן אַ ביסל שפּעטער אין פרי-יאָר, און די גלעטשערס פון די צפונדיקע בערג האָבן פאַרכאַפּט אַ צאָל דאָס יאָר, זיינען אָפּגעטראָטן אויף אַ האַלבן צאָל דאָס קומענדיקע יאָר, ווידער אָנגערוקט זיך אויף עטלעכע צאָל.

די פעלזן-כראָניק דערציילט אונז מכּוח דער וואַקלענדיקער קעלט. די פליאָצען איז געווען אַ געמעסיקטע צייט, און אַ סך גע-וויקסן און בעלי-חיים, וואָס האָבן ליב וואַרעם, האָבן פאַרלאָזן די געמעסיקטע ברייטן. דערנאָך איז דאָס אייז געקומען, צו עטלעכע מאָל אָדער עטלעכע צאָל איטלעכס יאָר, אויך אין די געמעסיקטע געגנטן פון דער ערד.

אַן אַרקטישע פאַונע — מאָשוס-אָקס, וואָליקער מאַמאָנט, וואָ-ליקער נאָזהאָרן, לעמינג — פירט אַריין דעם פּלייסטאָצען-פּעריאָד. איבער צפון-אַמעריקע און אייראָפּע און אַזיע רוקט זיך אָן דאָס אייז. אין טויזנטער יאָרן רוקט עס זיך אָן, און דערנאָך טרעט עס אָפּ אויף טויזנטער יאָרן, און רוקט זיך ווידער פאָרויס. אייראָפּע ביז צו די באַלטישע ברעגעס, בריטאַניע אַראָפּ ביז צו דער טעמזע, צפון-אַמעריקע ביז צו ניי-ענגלאַנד און אין מער צענטראַלע געגנטן אַזוי ווייט קיין דרום ביז אָהייאָ — דאָס אַלץ איז געלעגן אונטער גלעטשערס תקופות לאַנג. גוואַלדיקע מאַסן וואַסער זיינען אַרויס-געשלעפּט געוואָרן אין מוראדיקע אייז-בערג, אַזוי אַז איבער גאָר דער ערד זיינען געוואָרן שינויים אין דער פונאַנדערטיילונג פון ים און יבשה. גרויסע שטחים זיינען דעמאָלט געווען אַנטפּלעקט, וואָס איצט זיינען זיי ווידער דער גרונט פון ים.

די היינטיקע וועלט הויבט זיך איצט אַרויס פון אַ פינצטערע קעלט-כוואַליעס. עס איז ניט געוואָרן וואַרעמער אין כסדרדיקן אײַנ-שטייג. עס זיינען געווען און איצט קומען פאָר וואַקלונגען אַהין און אַהער. רעשטן פון זומפּ-דעמבעס, למשל, וואָס זיינען געוואַקסן מיט צוויי אָדער דריי טויזנט יאָר צוריק, זיינען געפונען געוואָרן אין שאָטלאַנד אין אַזעלכע ברייטן, וואו אַפילו אַ קליינ-געוויקסיקער דעמב וויל ביי היינטיקן טאָג ניט וואַקסן. צו דער אונ-



צייט-דיאגראַם פון די אייז-צייטן.

באַשטימטער ביים גייט צו וואַרעם אָדער ניט, דאָס קאָנען מיר ניט וויסן.

אינמיטן דעם וואַקסן און פאַלן פון פראָסט און שניי אין דער אייז-תקופה דערקענען מיר צום ערשטן מאָל פאָרמען, וואָס זיינען ענלעך צו מענטשלעכע פאָרמען. די תקופה פון זויגערס האָט איר שפּיץ אין אייז און שווערניש און אין מענטשן.

---

5. די אייז-פעריאָדן.

עס איז אָנגענומען צו אונטערשיידן פיר הויפּט-אויפשטייגן פון קעלט אין אייראָפּע, די ערשטע, צווייטע, דריטע און פערטע אייז-תקופה, און צווישן זיי מילדערע צווישן-צייטן, אינטערגלאַציאַלע פעריאָדן. די דאָזיקע איינטיילונגען נעמען צונויף אין אַכט פאַזיסן גיכער מכתמא צו אַלגעמיין דאָס, וואָס האָט געבילדעט אַן אַ סך מער קאָמפּליצירטע סיסטעם פון וואַקלונגען. זיי זיינען נוציק נאָך ווי צייט-איינטיילונגען. ווי לאַנג זיי האָבן געדויערט, שטייט נאָך אונטער דיסקוסיע. די פּליאָצען-צייט ווערט באַשטימט צווישן 600.000 און 200.000 יאָר פאַר קריסטוס.

בוך II

די באַשאַפונג פון מענטשן

ק אַ פּ י ט ל 6

מאַלפּעס און אונטער־מענטשן און מענטשן

1. דער אָפּשטאַם פֿון מענטש. 2. די ערשטע שפּורן פֿון מענטשן־ענלעכע באַשעפֿענישן. 3. דער היידלבערגער אונטער־מענטש. 4. דער פּילטדאַונער אונטער־מענטש.

דער אָפּשטאַם פֿון מענטש און זיין שייכות צו אַנדערע בעלי־חיים איז געווען די טעמע פֿון גרויסע מחלוקתן אין משך פֿון די לעצטע הונדערט יאָר. די הערשנדיקע מיינונג צווישן די וויסנשאַפֿט־מענטשן איז, אַז דער מענטש איז, פּונקט ווי אַלע איבעריקע זויגערס, אַרויסגעקומען פֿון אַבות פֿון אַ נידעריקערן מין, אַז ער און די גרויסע מאַלפּעס, דער שימפּאַנזע, דער אָראַנג־אוטאַנג און דער גאָרילאַ, האָבן געהאַט אַ בשותּפֿישן עלטערזיידע, און אַז דער דאָזיקער עלטער־זיידע קומט אַרויס פֿון נאָך נידעריקערע פֿאָרמען, פֿון אַ פֿריערן טיפּ זויגערס, וואָס שטאַמט פֿון זיין זייט אָפּ פֿון אַ טעריאָמאָרפֿן רעפּטיל, אין דער לעצטער ווידער פֿון אַ סאָרטע אַמפֿיביעס, און די דאָזיקע ווידער פֿון פּרימיטיווע פֿיש. די דאָזיקע גענעאַלאָגיע איז באַגרינדעט אויף דער פֿאַרגלייכונג פֿונם מענטשנס אַנאַטאָמיע מיט דער אַנאַטאָמיע פֿון אַנדערע וואַרבלדיקע בעלי־חיים, און ווערט באַשטעטיקט דורך די טשיקאַווע פֿאַזיכן, וואָס עס מאַכט דורך זיין קערפּער פֿאַרן געבוירן ווערן. וואָרעם ער זעט אויס אין אָנהייב, ווי ער וואָלט באַדאַרפֿט ווערן אַ פֿיש, מיט זשאַברע־שפּאַלטן און מיט פֿיש־ענלעכע האַרץ און נירן, ער מאַכט דורך פֿאַזיכן, וואָס דערמאָנען אַן אַמפֿיביע און אַ רעפּטיל, און דערנאָך חזרט ער איבער דעם בוי פֿון די נידעריקערע זויגערס. אַ געוויסע צייט האָט ער אַן עק. ער הייבט ניט אָן ווי אַ מענטש, אַפֿילו ניט

אין זיין אינדיווידועלער אַנטוויקלונג; ער מוז זיך ערשט דורכקעמפן צו מענטשלעכקייט. אין אַ סך קליניקייטן, וואָס זיינען פאַר אים



דער גאָרילאַ. ער גייט געוויינטלעך אויף אלע פיר פיס.

קיין מעלה ניט, אין די האָר און אין דער ריכטונג פון די האָר אויף זיינע הענט און פיס, למשל, דערמאָנט ער אָן אַ מאַלפּע.

דורך מילע-מיליאָנען לעבנס איז דער מענטש אויסגעפורעמט געוואָרן צו אָט דער מאַכט און גייסט, וואָס ער פאַרמאָגט היינט. ער איז געקומען צו דעם פון אַ ציטער און באַוועגונג אין די וואַסערן, און איצט, מיט שטייגנדיקן באַוואוסט און ווילן, קוקט ער אַרויס אויף דעם קומענדיקן גורל פון זיין ראַסע, וואָס איז ניט פאָראויסצוזען. דער מחבר האַלט אויך מיט דער דאָזיקער מיינונג מכּוח דעם מענטשנס אָפּשטאַם. אים דאַכט זיך, אַז זי איז גענוג פעסט באַגרינדעט. נאָר עס איז כּדאַי צו האָבן אין זינען, אַז אַ סך פאַרשטאַנדיקע און אַפילו געלערנטע מענטשן זיינען נאָך איצט הייסע געגנערס פון דער מיינונג, אַז דער מענטש שטאַמט אַרויס פון בעלי-חיים. למשל, די רעגירונג פון שטאַט טענעסי איז אַזוי זיכער, אַז דאָס איז ניט ריכטיק, אַז זי האָט פאַרבאָטן צו לערנען די דאָזיקע מיינונג אין די שולן. און דער אַוטאָריטעט פונם פאַרטיי-לידער בריאַן (וואָס איז אין דעם ענין נאָכגעגאַנגען זיין גרויסן פראָטאָטיפּ דזשעפערסאָן) איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואָגשאָל קעגן דער ביאָלאָגישער וועלט אין דעם פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דייטאָן.

מען האָט טיילמאָל אַרויסגעשטעלט די טענה, אַז פאַרשיידענע רעליגיעזע קאָרפּאָראַציעס, און בפרט די רוימיש-קאַטוילישע קירך, זיינען קעגן אָט דעם קוק, אַז דער מענטש שטאַמט אָפּ פון אָבות בעלי-חיים, נאָר דאָס איז, דאַכט זיך, ניט ריכטיק. די רוימיש-קאַטוילישע קירך איז ניט מער פאַרבונדן מיטן קוק, אַז דער מענטש איז ספּעציעל באַשאַפן געוואָרן, ווי צו דער דאָקטרינע, אַז די ערד איז פלאַך אָדער, אַז זי איז דער צענטער, וואָס אַרום אים דרייט זיך די זון. אַמאָל האָבן מענטשן זיך איינגערעדט, אַז דאָס זיינען די דאָקטרינעס פון דער קירך, נאָר זינט דעמאָלסט איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז דאָס איז אַ טעות. אַ סך איינציקע מאַמינים זיינען ניט מסכּים מיט דער מיינונג פון דער וויסנשאַפט, ווייל זיי פילן, אַז עס איז מער פּאַסיק משער צו זיין, אַז דער מענטש איז געפאַלן, איידער אַז ער האָט געשטייגט. נאָר זייער אָפּפרעג האָט דאָך ניט קיין שייכות צו זייער קירך ווי אַ גאַנצע. די אויפגאַבע פון היסטאָריקער איז צו דערציילן ניט דאָס, וואָס עס פּאַסט, נאָר

דאָס, וואָס איז אמת. ניטאָ איצט קיין קריסטלעכע קאָרפּאָראַציע, וואָס זאָל באַשטיין דווקא אויף דעם ווערטלעכן איבטייטש פון דער דערציילונג פון דער ביבל; יענע האָט זיך די פרייהייטן פון דער גרויסער פּאָעטישער שאַפונג. און כל־זמן דער ביאָלאָג באַשטייט ניט דערויף, אַז די מענטשלעכע נשמה שטאַמט פון דער חוה, איז בעצם ניטאָ קיין מחלוקת צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע אין דעם ענין. עס איז אָבער ניט פּאַסיק צוצוטרעטן צו דעם באַריכט איבער דעם אָפּשטאַם פון מענטשן אָן דער דאָזיקער פאַרבאַמערקונג. דער מחבר דערציילט, וואָס ער גלייבט, אַז דאָס איז אמת, און ער איז ניט מחויב צו ברענגען די סברות פון אָפּאָנענטן, וואָס ווייזן אים ניט אויס שטאַרק גענוג און וואָס ער קאָן זיי ניט גערעכט געבן.

בנוגע צו אַ סך פון די גרויסע זויגערס איז מעגלעך אָנצוצייכענען דעם יחוס־בריוו זייערן כמעט טראָט נאָך טראָט פון אַן עאָצענישן עלטערפאָטער אָן. דאָס איז דער פאַל, אַ שטייגער, מיט די העלפאַנדן, מיט די קעמלען און פערד. אין די דאָזיקע ביישפּילן זיינען די רייען אינגאַנצן געשלאָסן. עס זיינען פאַראַן זייער אַ פולע מוסטערן און נאָענטע גראַדאַציעס. נאָר בנוגע צום מענטשן מוז מען געדענקען, אַז רעשטן פון זיינע פאָסילע אָבות זיינען זעלטן און ניט פולקום און אַז עס בלייבן נאָך איבער ברייטע ריסן אויף אויסצופילן. אין יענע טעג, ווען דער גרויסער נאַטורפאָרשער טשאַרלז דאַרווין האָט צוערשט געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף דער דאָזיקער פראַגע דורך זיין „אָפּשטאַם פון מענטשן“, זיינען די פּרעהיסטאָרישע רעשטן פון מענטשן געווען זעלטן און אומבאַהאָלפן. צווישן דעם מענטשן און צווישן די גרויסע מאַלפּעס האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ גרויסער תהום, און דאָס „אויספעלנדיקע רינגל“ איז געוואָרן אַ שטענדיק וואָרט אין פּאָפּולערע דיסקוסיעס. ערשט גאָר ניט לאַנג זיינען געפונען געוואָרן שפּורן, וואָס עס ווייזט אויס, אַז זיי וואַרפן אַריבער אַ בריק איבער דעם תהום. די הפלאדיקסטע פון זיי איז דער טאַונגס־שאַרבן, וואָס איז געפונען געוואָרן אין יאָר 1924 און דערנאָך באַשריבן פון פּראָפעסאָר דאַרט אין יאָהאַנעסבורג. דאָס איז אַ שאַרבן פון אַ באַ-

שעפעניש, וואָס איז אין אַ סך פּרטים געווען אויפֿן האַלבן וועג צווישן מענטש און מאַלפּע. זיינע ציין, זיין מאַרך-חלל, די האַלטונג פֿון זיין קאָפּ און דער אײַנבייג פֿון זיין פּנים איז מער פֿון אַ מענטש איידער ווי פֿון אַ מאַלפּע, אָבער דאָך מער מאַלפּיש ווי פֿון איינעם פֿון די באַוואוסטע מענטשלעכע עקזעמפּלאַרן.

מען האָט אָפּטמאָל געזאָגט, אַז דאַרווין לערנט, אַז דער מענטש שטאַמט אָפּ פֿון אַ מענטש-ענלעכער מאַלפּע, אַ שטייגער ווי דער שימפּאַנזע. דער אָראַנג-אוטאַנג אָדער גאָרילאַ. נאָר דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, פּונקט אַזוי שכלדיק, ווי עמעצער וואָלט געזאָגט, אַז איך „קום אַרויס“ פֿון אַ האָטנטאָט אָדער עסקימאָס, וואָס איז פּונקט אַזוי יונג ווי איך, אָדער נאָך יינגער. אַנדערע, ווידער זאָגן, אַז דער מענטש שטאַמט אָפּ פֿון בשותּפֿישן עלטער-פֿאָטער פֿון דעם שימפּאַנזע, גאָרילאַ און אָראַנג-אוטאַנג. איניקע „אַנטראָפּאָלאָגן“ האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין אַ חקירה, צי שטאַמט ניט אפֿשר די מענטשהייט פֿון צוויי אָדער דריי אָבות; דער נעגער זאָל אָפּשטאַמען פֿון אַ גאָרילאַ-ענלעכן עלטערפֿאָטער, דער כינעזער פֿון אַן אַמאָליקן אָראַנג-אוטאַנג, און די „ווייסע“ ראַסע פֿון אַ שימפּאַנזע-ענלעכן עלטערפֿאָטער, וכדומה. דער שימפּאַנזע איז, לויט אָט דער גלענצנדער טעאָריע, דעם אייראָפּעער'ס יינגערער ברודער, מיט אַ גרעסערן רעכט צו מיטאָגן און זיך משדך צו זיין מיט די בעסטע „נאָרדישע“ פֿאַמיליעס, איידער דער געבילדעטסטער נעגער אָדער כינעזער. דאָס זיינען אַבסורדע געדאַנקען, וואָס מען באַדאַרף זיי דערמאָנען נאָר בכדי זיי אָפּצוּוואַרפֿן. מען האָט פֿריער משער געווען, אַז דעם מענטשנס עלטערפֿאָטער איז געווען „מסתּמא אַ בוים-זיצער“, נאָר די אָנגענומענע אידעע צווישן די, וואָס זיינען קוואַליפֿיצירט צו האָבן אַ מיינונג, איז, דאַכט זיך, די, אַז ער איז געווען אַן „ערד-מאַלפּע“; און אַז די איצטיקע מאַלפּעס האָבן זיך אַנטוויקלט צו בוים-זיצערס פֿון אַ פֿריערדיקן ווינציקער ביימערדיקן אָפּשטאַם.

אַז מען שטעלט אַוועק זייט ביי זייט דעם סקעלעט פֿון אַ מענטש און דעם סקעלעט פֿון אַ גאָרילאַ, איז זייער אַלגעמיינע ענלעכקייט אַזוי גרויס, אַז עס איז גרינג צו קומען צום אויספֿיר,



דער סקעלעט פון א מענטשן (3), פארגלייכט מיטן סקעלעט פון א שימ־פאנזע (2). דער שארבן אויבן איז געפונען געווארן אין פילטדאון אין סאסעקס.

אַז דער ערשטער קומט אַרויס פֿון אַזאַ טיפּ ווי דער לעצטער אויף דעם וועג, וואָס זיין מוח איז גרעסער געוואָרן און ער האָט זיך בכלל אויסגעפֿיינערט. אָבער ווען מען פֿאָרשט אויס גענויער אייגעם אָדער צוויי אָפּשייד־סימנים, ווערט דער אָפּשטאַנד גרעסער. אַ באַזונדער דרוק האָט מען לעצטנס געלייגט אויפֿן טראָט פֿון פֿוס. דער מענטש גייט אויף זיינע פֿיס־פֿינגער און אויף זיין פּיאַטע; זיין גרויסער פֿינגער איז דער הויפּט־הויבל ביים גיין, דאָס קאָן איטלעכער אויספּרוּוון אויף זיין אייגענעם גאַנג.

צווישן אַלע מאַלפּעס זיינען די איינציקע, וואָס זייערע גרויסע פֿינגער זיינען אַנטוויקלט אין אַ געוויסער מאָס ענלעך, ווי ביים מענטשן, עטלעכע פֿון די לעמורן. דער פּאַוויאַן טרעט אויף אַ פּלאַכן פֿוס אין אַלע זיינע פֿינגער, אין באַניצט זיין מיטלסטן פֿינגער, ווי דעם הויפּט־שטיץ ביים גיין, ענלעך צו דעם, ווי עס טוט דער בער. און די דריי גרויסע מאַלפּעס טרעטן אַלע אויף דער אויסווייניקסטער זייט פֿון די פֿיס נאָר אַנדערש ווי דער מענטש.

די גרויסע מאַלפּעס זיינען וואַלד־איינוואוינער; זיי פֿאַרמאָגן ניט די געשיקטקייט פֿון די בוים־מאַלפּעס צום קלעטערן, נאָר זיי זיצן דאָך אָפֿט און גערן אין דער הייך. דער גאָרילאַ איז דער שווערסטער און זיצט צום מייסטנס אונטן. ווען זיי זיינען אויף דער ערד, נוצן זיי אָפֿט זייערע פֿאָדערשטע פֿיס אין לויפֿן אויף זייערע געלענקען, גאָרניט אויף אַ מענטשלעכן שטייגער. זייערע אָרעמס זיינען ניט אַן ערך לענגער ווי דעם מענטשנס. זיי האָבן זייערע באַזונדערע מעטאָדעס צו קלעטערן; זיי הייבן זיך מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אַ סך מער ווי די קלענערע מאַלפּעס, און גיבן זיך ניט אַ הייב אויף, ווי די לעצטע, דורך אַ שפּרונג מיט די הינטערשטע פֿיס. זיי האָבן ניט קיין עקן צו העלפֿן די פֿיס. זיי האָבן אַ ספּעציעל אַנטוויקלטן אייגענעם קלעטער־סטיל. אָבער דער מענטש גייט אַזוי גוט און לויפֿט אַזוי גרינג, אַז מען מוז אָננעמען, אַז שוין זינט לאַנג האָבן זיינע אָבות געלעבט אויפֿן ערד־באָדן. ער קלעטערט אויך ניט גוט; ער קלעטערט פֿאָרזיכטיק און געהיט.

מען מעג משער זיין, אַז דער פֿאָרגייער פֿון די מענטשן אין אונטערמענטשן, וואָס מיר וועלן איצט באַשרייבן, איז אין אָנהייב

פון דעם קאַנאַזאָישן פעריאָד געווען אַ לויפנדיקע מאַלפּע, וואָס לעבט דער עיקר אויף דער ערד, באַהאַלט זיך צווישן פעלזן מער, איידער אויף ביימער. ער האָט געקאָנט זייער גוט קלעטערן אויף ביימער און אָננעמען זאַכן צווישן גראָבן פּוסטפינגער און דעם צווייטן פוסטפינגער (ווי דער יאַפּאַנער קאָן נאָך היינט), אָבער ער איז שוין געזעסן אויף דער ערד, און נאָר זיין פריערדיקער עלטער־פאָטער, פון דער מעזאָזאָישער צייט, איז געווען אַ בוים־וויצער.

חוץ דעם איז צו פאַרצייכענען, אַז דער מענטש קאָן ניט שווימען נאַטירלעך; ער מוז זיך אויסלערנען שווימען, און דאָס באַווייזט קענטיק, אַז ער איז גאָר אַ סך דורות געווען אָפּגעשיידט פון טייכן און אָזערעס און ימים. דערפאַר איז זייער פאַרשטענד־לעך, וואָס אַזאַ באַשעפעניש איז זייער זעלטן געשטאָרבן אין וואַ־סער אין אַזעלכע אומשטאַנדן, עס זאָלן בלייבן פון דעם ביינער, וואָס זאָלן פאַרשטיינערט ווערן.

דאָס מוז מען שטענדיק האַלטן אין זינען, אַז אַחוץ אַלע אַנדערע חסרונות האָט די געאָלאָגישע כראָניק געקאָנט בהכרח פאַר־באַהאַלטן אַ גרויסע צאָל שפּורן נאָר פון וואַסער־אָדער זומפּ־באַ־שעפענישן אָדער פון באַשעפענישן, וואָס זיינען גרינג און אָפט דער־טרונקען געוואָרן. די זעלביקע סיבות, פאַרוואָס די שפּורן פון די עלטערפאָטערס פון די זויגערס זיינען זעלטן אין די מעזאָזאָישע פעלזן, און מען קאָן זיי פון דאָרט ניט אַרויסקריגן, האָבן מסתמא גורם געווען דערצו, אַז אין די קאַינאָזאָישע פעלזן זאָלן ניט בלייבן די סימנים פון די מענלעכע פאָרגייערס פון מענטשן. די ידיעות, וואָס מיר האָבן פון די עלטסטע מענטשן, למשל, שטאַמען כמעט אינגאַנצן פון עטלעכע היילן, וואָס זיי פלעגן קומען אַהין און וואו זיי האָבן איבערגעלאָזן סימנים פון זיך. ביז צו דער אַלטער פליסטאָ־צען־צייט האָבן זיי געלעבט און געשטאָרבן אין פרייען פעלד אָדער אין וואַלד, און זייערע גופים זיינען פאַרלענדט געוואָרן ביז צו אַ לעצטן רעשט.

חוץ דעם זיינען מסתמא די עלטערזיידעס פון מענטשן, פונקט ווי די איצטיקע גרויסע מאַלפּעס, קיינמאָל ניט געווען קיין זייער פילצאָליקע ראַסע. זיי זיינען ניט געווען, אַזוי ווי די ווילדע הירשן

אָדער פערד, למשל, וואָס קאָנען אַרומגיין אין גרויסע טשערעדעס און זיינען געווען פאָרגעשטעלט דורך הונדערטער טויזנטער און אפשר אַפילו מיליאָנען אינדיווידן אין יעדער דור. אַ סך פון די דאָזיקע גראָזפרעסערס האָבן שטענדיק געקאָנט ווערן דערטרונקען אָדער אַריינגעשלעפּט אין וואַסער דורך קראָקאָדילן אָדער דערהרגעט אין שלאַם לעבן אַ טרינק-אָרט. דערפאַר זיינען זיי גרינג פאַרשטיינערט געוואָרן. די גרויסע מאַלפּעס, פאַרקערט, גייען אַרום איינציקווייז אָדער פּאָרווייז מיט איין יונגס אָדער צוויי; זיי בלאָנקען אַרום איבער ווייטע שטחים צו זוכן שפּייז און טרייבן אַוועק אַנדערע קאָנקורענטן פון דעם אייגענעם מין. זיי זיינען איינזאַמע באַשעפענישן, וואָס איטלעכער פון זיי גענייטיקט זיך אין זיין אייגענער טעריטאָריע. זיי גענייטיקן זיך אין ספּעציעלער שפּייז. עס איז אַ ספק, צי זיי זיינען בכלל פאַראַן מער פון עטלעכע טויזנט, און עס זיינען מסתמא פאַראַן ניט מער ווי עטלעכע הונדערט גאָרילעס אויף דער וועלט. גאַנצע דורות זייערע קאָנען פאַרגיין, אָן אַז איין איינציקער זאָל זיין געוואָרן פאַרשטיינערט. עס זיינען פאַראַן אַ סך טעמים אָנצונעמען, אַז דעם מענטשנס עלטערפאָטער איז געווען אַן איינזאַם-לעבנדיקע מאַלפּע פון אַן ענלעכן טיפּ. ער פלעגט אַרומבלאָנקען איינער אַליין אָדער אין קליינע משפחות איבער גרויסע שטחים. טויזנטער פאַרשיידענע מינים, וואָס האָבן געלעבט אין אַזעלכע תנאים, האָבן געקאָנט אינגאַנצן פאַרשוואונדן ווערן אָן צו לאָזן עפּעס אַ סימן נאָך זיך, און עס זיינען טאַקע פאַראַן זייער קנאַפּע שאַנסן, אַז פּאַלעאָנטאָלאָגן וועלן זיך נאָך אָנשטויסן אויף שפּורן פון זיי.

מען דאַרף נאָך אויך נעמען אין אַכט, אַז די פעלזן-כראָניק מוז נאָך פון גרונט אויס שטודירט ווערן. מען האָט זי שטודירט נאָר עטלעכע דורות, און נאָר ווינציק מענטשן פאַרנעמען זיך מיט דעם שטודיום. פּאַקטיש האָט מען נאָר מערב-אייראָפּע אויסגעפאָרשט אין דעם פּרט. עס קאָנען נאָך זיין, עס זיינען מסתמא פאַראַן טויזנטער אָפּלאַגערונגען, וואָס מען האָט זיך צו זיי נאָך ניט צוגערירט און וואָס האָבן רעשטן און שפּורן פונם מענטש און זיינע אָבות. די צום מיינסט אויפקלערנדיקע אָנווייזן זיינען נאָך פאַרבאָרגן אין אַזיע, אין

אינדיע, אין אַפריקע. אין אַמעריקע, ווייזט אויס, וועט מען קיים געפינען עפּעס פון דעם אינטער־מענטשן. אָבער דאָס, וואָס מיר ווייסן איצט וועגן דעם ערשטן מענטשן, קאָן זיין נאָר אַ ברעקל דערפון, וואָס עס וועט נאָך ווערן באַוואוסט.

די מאַלפּעס האָבן קענטיק זיך דיפערענצירט שוין ביים אָנהייב פון דער קאַינאָזאָישער תקופה, און עס איז פאַראַן אַ געוויסע צאָל אָליגאָצענישע און מיאָצענישע מאַלפּעס, וואָס זייער שייכות צו אַנאַנד און צום אונטערמענטש באַדאַרף נאָך ווערן אויפגעקלערט. צווישן זיי קאָנען מיר דערמאָנען דעם דריאָפּיטעקוס פון דער מיאָצען־תקופה, מיט אַ קינבאַק, וואָס זעט אויס זייער ענלעך צו אַ מענטשנס. אין די סיוואַליק־בערגלעך פון צפון־אינדיע האָט מען געפונען רעשטן פון זייער אינטערעסאַנטע מאַלפּעס, וואָס פון זיי באַווייזן דער סיוואַפּיטעקוס און דער פּאַלעאָפּיטעקוס געוויסע שטריכן, וואָס דערמאָנען אָן מענטשן. דער פּראָפּליאָפּיטעקוס, פון דעם עגיפּטישן פליאָצען, האָט געמוזט זיין אַ זייער אינטערעסאַנט באַשעפעניש. דאָס איז געווען אַ קליינער מאַלפּע־זכר, די גרייס ווי אַ קליין קעצל, און פון אים קאָן מען אפשר פירן אַ דירעקטע יחוס־ליניע ביז צו די אַנטראָפּאָידע מאַלפּעס פון היינט. ער איז אויך געווען זייער נאָענט צום שטאַם פונם מענטשנס פאָרגייער.

אָט די אַלע בעלי־חיים, די דאָזיקע כמעט־מענטשן, האָבן באַנוצט געצייג. טשאַרלז דאַרווין שילדערט די פּאַוויאַנעס, אַז זיי צעהאַקן נים מיט שטיינער, נוצן אוים שטעקנס אויף זיך אַרויפצוכאַפּן אויף פעלזן אין געיעג נאָך אינזעקטן, און זיי גיבן קלעפּ מיט פלעקענער און שטיינער. דער שימפּאַנזע מאַכט זיך אַ סאָרט בוים־ביידל דורך צונויפפלעכטן צווייגן. שטיינער, באַשיימפערלעך אָפּגעשפּליטערט צום נוצן, זיינען געפונען געוואָרן אין אָפּלעגערונגען פון דער אָליגאָצען־תקופה אין באָנכעל אין בעלגיע. עס איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע נטיה צו נוצן געצייג איז שוין געווען אין די מעזאָזאָישע אור־עלטערן, וואָס פון זיי קומען מיר, משמעות, אַרויס.

2. די ערשטע שפורן פון מענטש-ענלעכע ברואים.

צווישן די פריכטע סימנים פון אַ באַשעפעניש, וואָס איז מער ענלעך צו אַ מענטשן, איידער וואָבער עס איז מאַלפּע, וואָס לעבט אויף דער וועלט, זיינען אַ געוויסע צאָל פייערשטיינער, וואָס זיינען זייער גראָב אַרומגעשפּליטערט און געפורעמט אַזוי, אַז מען זאָל זיי קאָנען האַלטן אין האַנט. זיי זיינען מסתמא געווען געברויכט ווי העקלעך. די דאָזיקע פריסטע געצייג („עאָליטן") זיינען אָפּטמאָל אַזוי רוי און פּראָסט, אַז אַ לאַנגע צייט איז געגאַנגען אַ וויכוח, צי מען דאַרף זיי באַטראַכטן ווי נאַטירלעכע שטיינער אָדער ווי קינסטלעכע פּראָדוקטן. צווישן די ערשטע פּיאָנערן פון אָט דער לעצטער מיינונג איז געווען מר. העריסאָן, אַ בשמים-קרעמער, פון אייטעם אין קענט, איינער פון יענע באַשיידענע און געטרייע אַכט-געבערס, וואָס די בריטישע געאָלאָגיע האָט זיי אַזוי פיל צו פאַר-דאַנקען. צוערשט האָבן די געאָלאָגן זיך אויסגעלאַכט און חוזק גע-מאַכט איבער זיינע עאָליטן, אָבער ביי היינטיקן טאָג האָט ער די ווּיסנשאַפטלעכע וועלט אויף זיין צד, אין דער אָנערקענונג פון דעם כמו-מענטשלעכן אָפּשטאַם פון אַ סך פון זיינע מוסטערן. צוזאַמען מיט אים מוזן מיר אָפּגעבן כבוד מר. וו. דזש. לויס עבאָט, אַ יוּוועלירער, פון סט. ליאָנאַרדס, וואָס זיינע טיפע ידיעות אין בוי פון שטיינער האָבן געהאַט דעם גרעסטן באַטייט אין די דאָזיקע דיסקוסיעס; בעת די פאָרשונגען פון מר. דזש. ריד מאָיר אין די פּליאָצענישע און פּלייסטאָצענישע אָפּלייערונגען פון מזרח-ענגלאַנד זיינען געווען די וויכטיקסטע פאַר דער גאַנצער פּראָבלעם.

די דאַטע פון דעם פריכטן פון די דאָזיקע עאָליטן האָבן די געאָלאָגן איינגעשטעלט אין דער פּליאָצען-צייט, ד"ה פאַר דעם ערשטן אייז-פּעריאָד. זיי באַגעגענען זיך אויך אינגאַנצן ערשטן צווישן אייז-פּעריאָד. מיר ווייסן ניט פון קיין ביינער אָדער אַנדערע רעשטן אין אייראָפּע אָדער אַמעריקע פון די דאָזיקע כמו-מענטשלעכע באַשעפענישן מיט אַ האַלב-מיליאָן יאָר צוריק, וואָס האָבן גע-מאַכט און באַנוצט די דאָזיקע געצייג. אַ מכופּקדיקער אויסנאַם איז אַ באַק-צאָן, וואָס איז געפונען געוואָרן צווישן זאַמדן אין אייבערשטן

פּליאָצען־שיכט אין סנייק־קריק, נעבּרעסקאַ, וואָס אַנדערע מיינען, אַז ער האָט געהערט צו אַ באַשעפעניש, וואָס מען האָט דעם געגעבן אַ נאָמען העספּעראָפּיטעקוס (מערבדיקע מאַלפּע). ער איז שטאַרק צעשעדיקט און האָט אפשר גאָרניט געהערט צו אַן אַנטראָפּאָיד, נאָר צו אַן אַנדער פּאָסילן בעל־חי.

נאָר אין טריניל, אין יאַוואַ, אין אָפּלעגערונגען, וואָס מען האַלט, אַז זיי געהערן אָדער צום שפּעטערדיקן פּליאָצען אָדער צו דער אַמעריקאַנער אָדער אייראָפּעיִשער ערשטער אייז־תּקופה, האָט מען געפונען צעשפּרייט ביינער פון אַ באַשעפעניש, וואָס האָט געקאָנט זיין אַזעלכס ווי די, וואָס האָבן געמאַכט די דאָזיקע פּריסטע געציַיג. מען האָט געפונען דעם אייבערדעק פון אַ שאַרבן, עטלעכע ציין און אַ ליטקע־ביין. דער שאַרבן ווייזט אויף אַ מאַרך־קאַסטן אַן ערך אויפן האַלבן וועג לויט דער גרייס צווישן מאַרך־קאַסטן פון אַ שימפּאַנזע און פון אַ מענטש, נאָר דער ליטקע־ביין איז פון אַ באַשעפעניש, וואָס איז פּונקט אַזוי צוגעפּאַסט צום שטיין און צום לויפן, ווי אַ מענטש, און דעריבער פּונקט אַזוי פריי אין באַנוצן די הענט. דאָס באַשעפעניש איז ניט געווען קיין מענטש, אָבער אויך ניט קיין בוים־מאַלפּע, ווי דער שימפּאַנזע. עס איז געווען אַן אַרומגייענדיקע מאַלפּע. די נאַטור־פאָרשער האָבן דעם געגעבן אַ נאָמען פּיטעקאַנטראָפּוס ערעקטוס (דער גראַד גייענדיקער מאַלפּע־מענטש).

פון די מאַכערס פון די אייראָפּעיִשע עאָליטן האָבן מיר נאָך גאָר קיין ביינער ניט. מיר קאָנען נאָר אין דער פאַנטאַזיע זיך אויסמעלן זייערע געשטאַלטן.

אין דער צייט ווען די דאָזיקע פריע מענטשן אָדער „אונטער־מענטשן“ אָדער „פּסעוודאָמענטשן“ פון די עאָליטן זיינען אַרומגעלאָפן איבער אייראָפּע מיט פיר אָדער פינף מאָל הונדערט טויזנט יאָר צוריק, זיינען דאָרט געווען מאַמאָנטן, נאָזהאָרנס, אַ גרויסער היפּאָפּאָטאַם, אַ ריזן־ביבער און אַ ביזאָן און ווילדע קי. עס זיינען אויך געווען דאָרט ווילדע פערד, און דער שווערד־צייניקער טיגער איז נאָך געווען אין גרויסער צאָל. ניטאָ אין אייראָפּע פון יענער צייט קיין סימנים פון לייבן און פון אמתע טיגערן, נאָר עס זיינען געווען בערן, ווידרעס,

וועלף און אַ ווילדער חזיר. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז דער אונטער־מענטש פלעגט אַמאָל נאָכגיין דעם שווערד־טיגער ווי אַ שאַקאַל, און פאַרענדיקן די רעשטן פון די פגרים, וואָס יענער האָט געהאַט אָוועק־געלייגט.

---

3. דער היידלבערגער אונטערמענטש.

נאָך אָט דעם פּיטעקאַנטראָפּוס, דעם ערשטן אויפשטיין פון אַ זכר פון לכל־הפחות אַן אונטערמענטש אין דער כראָניק פון געאָלאָגיע, גייט פאַרביי אַ צווישנצייט פון הונדערטער טויזנטער יאָר, ווען עס איז ניט באַוואוסט קיין ברעקל פון אַ מענטשלעכן אָדער מענטשלעך־ענלעכן ביין. מען געפינט גאָרנישט מענטשלעכס אָדער אונטערמענטשלעכס, חוץ שטיין־געצייג, וואָס ווערט צאָל וואַקסט אַלץ מער. זיי בעסערן זיך אויס אויך אין איכות. ערשט אַז מיר קומען צו אָפּלייגערונגען, וואָס מען נעמט אָן, אַז זיי געהערן צום צווייטן צווישן־אייז־פעריאָד, 200.000 יאָר שפּעטער, ד"ה מיט 200.000 אָדער 250.000 יאָר צוריק, באַווייזט זיך ווידער אַמאָל אַ שטיקל ביין. מיר געפינען דעמאָלט אַ קינבאַק.

דער קינבאַק איז געפונען געוואָרן אין אַ זאַמד־גרוב ניט ווייט פון היידלבערג, אין אַ טיף פון 80 פוס פון אייבערפלאַך, און עס איז ניט דער קינבאַק פון אַ מענטשן ווי מיר פאַרשטייען אַ מענטש, נאָר ער איז מענטש־ענלעך אין כמה פּרטים, חוץ דעם, וואָס ער האָט לחלוטין ניט קיין סימן פון אַ בערדל; ער איז מער מאַסיוו ווי דעם מענטשנס קינבאַק, און זיין שמאָלקייט הינטן האָט, ווערליג, מען איז משער, ניט געקאָנט געבן דער צונג גענוג באַוועג־פרייהייט צוליב אַרטיקולירטן ריידן. עס איז ניט דער קינבאַק פון אַ מאַלפּע; די ציין זיינען מענטשלעכע. די בריאה, וואָס צו איר האָט געהערט דער דאָזיקער קינבאַק, איז אָנגערופן געוואָרן פאַרשיידן: האָמאָ היידלבערגיענזיס און פּאַלעאָאַנטראָפּוס היידלבערגיענזיס, געווענדט אָן דעם, ווי אַזוי פאַרשיידענע אויטאָריטעטן האָבן געשאַצט זיין מענטשלעכקייט אָדער אונטערמענטשלעכקייט. ער

האָט געלעבט אין אַ וועלט, וואָס איז ניט שטאַרק געווען פאַרשיידן פון דער וועלט פון דעם פריערן אונטערמענטש פון די ערשטע געצייג; די אָפּלעגערונגען, וואָס אין זיי איז ער געפונען געוואָרן, באַווייזן, אַז עס זיינען דאָרט געווען העלפאַנדן, פערד, נאָזהאָרנס, דער ביזאָן, אַמוס־הערש און אַז. ווייטער, נאָר דער שוועדן־טיגער האָט געהאַלטן אין אונטערגיין און דער לייב האָט געהאַלטן אין פאַרשפּרייטן זיך איבער אייראָפּע. די געצייג פונם דאָזיקן פעריאָד (באַוואוסט ווי דער שעל־פעריאָד) זיינען שטאַרק פאָרוים לגבי די געצייג פון דער פליאָצען־תקופה. זיי זיינען גוט געמאַכט, נאָר זיי זיינען זייער אַ פּולע גרעסער, ווי אמתע מענטשישע געצייג. דער היידלבערג־מענטש האָט געקאָנט האָבן אַ זייער גרויסן קערפּער און לאַנגע הענט אין הסכם מיט דער גרייס און דעם מאַסיוון כאַראַקטער פון זיין קינבאַק. ער האָט באַדאַרפט זיין אַ האָריקע, ווילדע אויסזעענדיקע, אוממענטשלעכע בריאה.

---

4. דער פּילטדאַונער אונטערמענטש.

מיר מוזן אַריבערהיפּן אין דער געאָלאָגישער כראָניק אפשר נאָך 100.000 יאָר, ביז מיר קומען ווידער צו רעשטן פון אַ מענטשלעכן אָדער אונטערמענטשלעכן באַשעפעניש. אין אַן אָפּלעגערונג, וואָס מען האַלט, אַז זי געהער צום דריטן צווישן־אייז־פעריאָד, וואָס האָט געקאָנט זיך אָנהייבן אין 100.000 יאָר אַרום און געדויערן 50.000 יאָר, האָט מען אויפגעדעקט צעבראָכענע שטיקער פון אַ גאַנצן שאַרבן.

די אָפּלעגערונג איז פון זשוויר, וואָס שטאַמט אפשר אָפּ פון אַ נאָך פריערער זשוויר־אָפּלעגערונג, וואָס איז אַראָפּגעטראָגן געוואָרן דורך וואַסער־שטראָמען, און דער דאָזיקער שטיק שאַרבן קאָן אפשר זיין אין דער אמתן אַלט ווי די ערשטע אייז־תקופה. די ביין־רעשטן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין פּילטדאַון אין סאָסעקס, באַווייזן אַ באַשעפעניש, וואָס שטייט נאָר מיט אַ קנאַפּן שטאַפּל העכער פון די אונטערמענטשן.



עאָאַנטראָפּוס, דער באַגינען-מענטש, רעקאָנסטרויִרט לויט א טייל קינבאַק און טיילן שאַרבן, געפונען אין פּילטדאַון סאַסעקס. אין זעלביקן אָרט זיינען געפונען געוואָרן ביינער פון פאַרשוואונדענע חיות.

די ערשטע שטיקלעך פונם דאָזיקן שאַרבן זיינען געפונען געוואָרן, בעת מען האָט געגראָבן זשוויר פאַר אַ וועג אין סאָסעקס. שטיק נאָך שטיק האָט מען אַרויסגעפאַנגען אַנדערע פראַגמענטן פונם דאָזיקן שאַרבן פון אונטער די שטיין־הויפנס, ביז מען האָט אים געקאָנט צונויפשטעלן צום גרעסטן טייל. עס איז אַ דיקער שאַרבן, דיקער איידער ביי וואָסער עס איז מענטשן־ראַסע וואָס לעבט איצט, און זיין מוח איז געווען אַ מיטלשטאַנד צווישן מוח פון פּיטעקאַנטראָפּוס און פון מענטשן. דעם דאָזיקן באַשעפעניש האָט מען געגעבן אַ נאָמען עאָאַנטראָפּוס, דער באַגינען־מענטש. אין די זעלביקע זשוויר־גריבער האָט מען געפונען ציין פון נאָזהאָרן, היפּאָפּאָטאַם. און דעם פוס־ביין פון אַ הירש מיט צייכנס אויף אים, וואָס קאָנען זיין איינגעקריצט. עס איז געפונען געוואָרן אַ טשיקאַווע געצייג פון העלפאַנד־ביין, וואָס האָט די פאָרם פון אַ שטעקן.

צווישן די צעזייטע רעשטן האָט מען געפונען אויך אַ קין־באַק, וואָס מען האָט נאַטירלעך אָנגענומען צוערשט, אַז ער געהער דעם עאָאַנטראָפּוס, אָבער שפּעטער האָט מען משער געווען, אַז עס איז געווען מסתּמא דער קינבאַק פון אַ שימפּאַנזע. עס איז שטאַרק ענלעך צום קינבאַק פון שימפּאַנזע, אָבער סער אַרטור קיטה, איינער פון די גרעסטע בר־סמכאס אין די דאָזיקע פראַגן, האָט באַשטימט, נאָכדעם ווי ער האָט אים גענוי אויסגעפאָרשט, אַז ער געהערט צום שאַרבן, וואָס צוזאַמען מיט אים איז ער געפונען געוואָרן. ווי אַ קינבאַק איז ער ווינציקער מענטשלעך אין זיין כאַראַקטער, איידער דער קינבאַק פונם עלטערן האָמאָ היידלבערגעניזם, אָבער די ציין זיינען אין כּמה פּרטים מער ענלעך צו די ציין פון איצט לעבנדיקע מענטשן.

געשטיצט אויף דעם קינבאַק, האַלט סער אַרטור קיטה, אַז דער עאָאַנטראָפּוס געהער, ניט געקוקט אויף זיין נאָמען, ניט צו די דירעקטע אבות פונם מענטשן. פיל ווינציקער איז ער אַ מיטל־פאָרם צווישן דעם היידלבערגער מענטש און דעם נעאַנדערטאַלער מענטש, וואָס מיר וועלן אים באַלד באַשרייבן. ער מיינט, אַז ער איז נאָר געווען אַ קרוב פון מענטשנס דירעקטן עלטער־זיידן, אַזוי ווי דער אָראַנג איז אַ קרוב מיטן שימפּאַנזע. ער איז געווען איינער צווישן אַ סך מינים פון אונטערמענטשלעכע לויפנדיקע מאַלפּעס, וואָס

זייער פאַרשטאַנד איז געשטאַנען העכער ווי דער פאַרשטאַנד פון די מאַלפּעס, און אויב ער געהער ניט צו דער הויפּט-ליניע פונם מענטשנס יחוס, געהער ער צו אַ נאָענטער זייטן-ליניע.

נאָך אָט דער שיין פון אַ שאַרבן גיט די כראָניק פאַר זייער אַ פולע יאָרהונדערטער נישט מער ווי פייערשטיין-געצייג, וואָס ווערט אַלין פיינער אין איכות. אַלע ביינער פון די ברואים, וואָס האָבן זיי גע-פורעמט, זיינען פאַרשוואונדן, אויך אַלע זאַכן פון האָלץ און פעל, וואָס די באַשאַפערס האָבן גענוצט; דאָס אַלץ איז צעשטערט אין פאַר-לאָרן, און וואָלט געוואָרן אויסגעמעקט פון זיכרון, אויב עס וואָלטן ניט געבליבן יענע שטיינער. די אַרכעאָלאָגן ווייסן איצט צו אונטערשיידן צווישן זיי שאָבערס, עקבערס, מעסערס, פיילן, וואַרף-שטיינער און כדומה.

דער פראָגרעס גייט איצט צו גיכער; אין ווינציק יאָרהונדערטער באַווייזט די האַק בפירושע און קענטיקע אויסבעסערונגען.

און דערנאָך קומט אַ היפּשע צאָל רעשטן. די פערטע אייז-תקופה איז געקומען צו איר מאַקסימום. דער מענטש פאַרנעמט זיך אין היילן און לאָזט איבער דאָרט שפּורן; אין קראַפּינאַ אין קראָאַציע, אין נעאַנדערטאַל ביי דיסעלדאָרף, אין ספּי, זיינען געפונען געוואָרן רעשטן פון מענטשן, שאַרבנס און ביינער פון אַ באַשע-פעניש, וואָס איז זיכער אַ מענטש. אַן ערך מיט 50.000 יאָר צוריק (אויב ניט פריער) האָט זיך באַוויזן דער האָמאָ נעאַנדער-טאַלענזיס, וואָס קאָן שוין גוט אָנגיין פאַר אַ מענטשן. זיין גראָבער פינגער איז נאָך ניט אַזוי ביי־געוודיק און אַזוי נוצלעך, ווי ביים מענטשן, ער איז געגאַנגען איינגעבויגן אין פאָרויס און האָט ניט געקאָנט האַלטן זיין קאָפּ גלייך, ווי אַלע מענטשן וואָס לעבן איצט, ער האָט ניט געהאַט קיין קין און איז אפשר ניט געווען פעיק צו ריידן, עס זיינען געווען אינטערעסאַנטע אונטערשיידן אין דער עמאַל, אין חללים, אין די וואָרצלען פון די ציין צווישן אים און צווישן די לעבעדיקע מענטשן, ער איז געווען נידעריק געוואַקסן. ער האָט, בעצם, ניט געהערט צום מין מענטש; אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט געהערט צו דער גאַטונג האָמאָ. ער האָט זיכער ניט אָפּגע-

שטאַמט פון דעם עאָאַנטראָפּוס, נאָר זיין קינבאַק איז אַזוי ענלעך צום היידלבערגער קינבאַק, אַז מען מעג משער זיין, אַז דער מער האַמעטנער און שווערער האָמאָ היידלבערגענזיס, וואָס האָט געלעבט מיט אַ טויזנט יאָרהונדערטער פריער, איז געווען פון זיין בלוט און ראַסע.

ק אַ פּ י ט ל 7

די נעאַנדערטאַל-ראַסע — אַן אונטערגעגאַנגענע ראַסע

(די פּרי-פּאַלעאָליטישע תּקופה)

1. די וועלט מיט 50.000 יאָר צוריק. 2. דאָס טעגלעכע לעבן פון די נעאַנדערטאַל-מענטשן. 3. די לעצטע פּאַלעאָליטישע מענטשן. 4. דער שאַרבן פון ראָדעזיאַ.

בעת דעם דריטן צווישן-אייז-פּעריאָד זיינען די קאָנטורן פון אייראָפּע און פון מערב-אַזיע געווען שטאַרק פאַרשיידן פון זייערע איצטיקע קאָנטורן. גרויסע שטרעקעס אין מערב און צפונית-מערבית, וואָס געפינען זיך איצט אונטער די אַטלאַנטישע וואַסערן, זיינען דעמאָלט געווען יבשה; דער אירישער ים און דער צפון-ים זיינען געווען טייך-טאָלן. איבער די דאָזיקע צפונדיקע שטרעקעס האָט זיך אויסגעשפּרייט און אָפּגעטראָטן און ווידער אויסגעשפּרייט אַ גרויסער אייז-צודעק, אַזוי ווי דער, וואָס באַדעקט צענטראַל-גרענלאַנד ביי היינטיקן טאָג. דער דאָזיקער, גרויסער אייז-צודעק, וואָס האָט באַדעקט ביידע פּאָלאַר-געגנטן פון דער ערד, האָט אַרויסגעצויגן גרויסע מאַסן וואַסער פון אָקעאַן, און דער ים-שפּיגל איז, בכן, געפאַלן און האָט אַנטפּלעקט גרויסע שטחים ערד, וואָס זיינען איצט ווידער אונטערן וואַסער. דער שטח פון מיטללענדישן ים איז מסתמא געווען אַ גרויסע נידערונג אונטער דעם אַלגעמיינעם ים-שפּיגל, וואָס אין איר מיטן זיינען געווען צוויי איינגעשלאָסענע ימים, וואָס זיינען געווען אָפּגעשניטן פון אָקעאַן. דער קלימאַט פון אָט דעם מיטללענדישן בעקן איז אפשר געווען מעסיק-קאַלט, און דאָס געביט פון סאַהאַרע אין דרום-זייט איז ניט געווען אַ מדבר פון געברענטע פעלזן און שיטעוודיקן זאַמד, נאָר אַ גוט באַוואַסערט און פרוכפּעריק לאַנד. צווישן

די אַייז-פּליינען אין צפון און די אַלפּן אין דער מיטללענדישער ני-
דערונג אין דרום האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ווילד אָפּן לאַנד,
וואָס זיין קלימאַט האָט זיך געביטן פון רויקייט צו מילדער פריינט-



פּאַלעאָליטישע געווער און געצייג, אויבן פון דער שעל-צייט, אונטן
פון דער מוסטיער-צייט.

לעכקייט, און איז דערנאָך ווידער געוואָרן שטרענג אין דער פערטער אַייז-תּקופה.

אין אָט דער ווילדערניש, וואָס איז איצט דער גרויסער פּליין פון אייראָפּע, האָט אַרומגעוואַנדרעוועט אַ פאַרשיידנאַרטיקע פאַונע. צו-ערשט זיינען דאָ געווען היפּאָפּאָטאַמען, נאָזהאָרנס, מאַמאָנטן, העלפאַנדן. דער שווערדציייניקער טיגער איז געוואָרן אַלץ ווינציקער. דערנאָך, אַז די לופט איז אָפּגעקילט געוואָרן, האָבן די היפּאָפּאָטאַמען און אַנדערע חיות, וואָס האָבן ליב וואַרעמקייט, אויפגעהערט צו קומען קיין צפון אַרויף. און דער שווערדציייניקער טיגער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. עס פאַרנעמען דעם אויבנאָן דער האָריקער מאַמאָנט, דער האָריעקר נאָזהאָרן, דער מאָשוס-אָקס, דער ביזאָן, דער אויעראָקס און דער פּאָלאַר-הירש, און אָנשטאָט דעם געוויקסטום פון מעסיקן קלימאַט האָבן זיך אַנטוויקלט געוויקסן פון אַ מער אַרקטישן טיפּ. די גלעטשערס האָבן זיך אויסגעשפּרייט קיין דרום ביז צום מאַקסימום פון דער פערטער אַייז-תּקופה (אַרום 50.000 יאָר צוריק), און דערנאָך זיינען זיי אָפּגעטראָטן צוריק.

אין דעם פריערן פּאַזיס, בעת דעם דריטן צווישן-אַייז-פּעריאָד, האָט אַ געוויסע צאָל קליינע פאַמיליען-גרופּעס פון מענטשן (האָמאָ נעאַנדערטאַלענזיס) און מסתּמא אויך פון אונטערמענטשן (עאָאַנטראָפּוס) אַרומגעוואַנדרעוועט איבער יענע געגנטן; זיי האָבן איבערגעלאָזן נאָר זייערע פייערשטיין-געצייג פאַר אַן עדות, אַז זיי האָבן געלעבט. עס זיינען אפשר געווען אויך אַנדערע מינים פון געצייג-מאַכערס, נאָר איצט האָבן מיר פון זיי קיין זכר ניט. זיי האָבן מסתּמא גענוצט אויך פאַרשיידענע הילצערנע געצייג; זיי האָבן מסתּמא אַ סך געוואוסט מכּוח די פאָרמען פון אָביעקטן און פאַרשטאַנען אויסצונוצן פאַרשיידענע פאָרמען פון האָלץ, און אָט די דאָזיקע ידיעות האָבן זיי דערנאָך אָנגעווענדט אויף שטיין; אָבער פון די דאָזיקע הילצערנע מאַטעריאַלן איז גאָרנישט ניט געבליבן; מיר קאָנען מער ניט תּקירהן זיך מכּוח זייערע פאָרמען און געברויך.

אַז דער קלימאַט האָט דערגרייכט צום מאַקסימום פון זיין שטרענגקייט, האָבן די נעאַנדערטאַל-מענטשן — וואָס זיינען, משמעות,

שוין געווען באַקאַנט מיטן געברויך פון פייער — אָנגעהויבן צו מאַכן זיך היימען אונטער פעלזן־אַרויסשטאַרצונגען און אין היילן, און אַזוי אַרום האָבן זיי געלאָזן רעשטן נאָך זיך. ביז דעמאָלט זיינען זיי געווען געוויינט צו זיצן אַרום פייער אונטערן פרייען הימל און אַרום זייער וואַסער־פלאַץ. נאָר זיי זיינען שוין געווען גענוג פאַרשטאַנדיק, כדי זיך צוצופאַסן צו די נייע און שווערע תנאים.

וואָס איז שייך די אונטערמענטשן, זיינען זיי אינגאַנצן אומגעקומען אונטער דעם דרוק פון דער פערטער אַייז־תקופה. די גרעבסטע געצייג פאַרשווינדן איצט.

ניט נאָר מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די היילן. דער דאָזיקער פעריאָד האָט געהאַט אויך אַ היילן־לייב, אַ היילן־בער און אַ היילן־היענע. די דאָזיקע באַשעפענישן האָבן געמוזט ווערן אַרויסגעטריבן און אָפּגעטריבן פון די היילן, וואו די פריע מענטשן האָבן געוואָלט זיך באַזעצן און אויסבאַהאַלטן, און עס איז קיין ספק ניט, אַז פייער איז געווען אַ גוטער מיטל צו פאַרטרייבן די חיות און צו באַשיצן פון זיי. די ערשטע מענטשן זיינען מסתמא ניט אַריינגעגאַנגען טיף אין די היילן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין מיטלען צו באַלויכטן זייער באַהעלטעניש. זיי זיינען אַריין ווייט גענוג, בכדי צו זיין געשיצט קעגן נעץ און קעלט, און זיי האָבן אָפּגעלייגט זייער האָליץ און שפּייז אין די פינסטערע ווינקעלעך. אפשר פלעגן זיי נאָך פאַרלייגן די עפענונגען פון די היילן. אויף אַריינצוגיין טיפער אין די היילן, האָבן זיי געהאַט נאָר איין באַלייכטונג: שטורקאַצן פון האָליץ.

אויף וואָס זיינען די דאָזיקע נעאַנדערטאַל־מענטשן געגאַנגען אויף געיעג? זייער איינציק געווער אויף צו הרגען אַזעלכע ריזן־באַשעפענישן ווי דער מאַמאָנט אָדער דער היילן־בער אָדער אַפילו דער פאָלאַר־הירש זיינען געווען הילצערנע שפּיזן, הילצערנע פלעקער און יענע גרויסע שטיקער פייערשטיין, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך, די „שיל“־און „מוסטיער“־געצייג; און זייער געווינלעכער פאַנג איז מסתמא געווען קלענער געווילד. נאָר זיי פלעגן געוויס עסן דאָס פלייש פון די גרויסע חיות, ווען עס האָט זיך זיי געמאַכט אַ שאַנס, אפשר פלעגן זיי זיי אויפפּאַסן דעמאָלט, ווען זיי זיינען געווען קראַנק אָדער פאַרוואונדעט אין קאַמף, אָדער זיי


ווי האָט געקאָנט אויסזען
די קאַרטע פון
איי ראָ פּ ע און מערב־אַז י ע
בעת דער 4טער אייז־תּקופה
(אַן ערך מיט 50.000 יאָר צוריק)
נעאַנדערטאַל מענטשן
יבשה
וואַסער
אייז
איצטיקע ברעג־ליניע

פלעגן זיי בייקומען אין אַזעלכע פאַלן, ווען זיי פלעגן אַיינזינקען אין אַ זומפּ אָדער פאַרשלאָגן ווערן פון אַייז און וואַסער. די אינדיאַנער פון לאַבראַדאָר טויטן נאָך איצט דעם קאַריבו=הירש מיט שפּיזן בעת אַ שווערן איבערגאַנג איבער אַ טייך. אין דיוליש, אין דאָרסעט, האָט מען געפונען אַ קינסטלעכע גרוב, וואָס מען איז משער, אַז דאָס איז געווען אַ פּאַלעאָליטישע פאַנג=גרוב פאַר העלפאַנדן. מיר ווייסן, אַז די נעאַנדערטאַלער פלעגן צום טייל אויפעסן זייער רויב אויפן אָרט, וואו זי איז געפאַלן; נאָר זיי פלעגן אַוועקטראָגן די גרויסע מאַרך=ביינער אין די היילן, כּדי זיי צו צעשפּאַלטן און אויפצועסן די מאַרך אין אַ רויִקער צייט, וואָרעם אין די היילן האָט מען געפונען ווייניק ריפּן און רוקן=וואַרבלען, דערפאַר אָבער אַ סך צעשפּאָלטענע און צעשפּליטערטע ביינער פון די פיס. זיי פלעגן אויסנוצן פעלן, כּדי זיך אַיינצוּוויקלען בעתן ליגן, און די פרויען פלעגן מסתּמא אָנטאָן די פעלן.

מיר ווייסן אויך, אַז זיי פלעגן באַנוצן די רעכטע האַנט אַזוי ווי די מאָדערנע מענטשן, וואָרעם די לינקע זייט פון מוח (וואָס באַדינט די רעכטע זייט פון גוף) איז גרעסער, ווי די רעכטע. אָבער בעת די הינטערשטע טיילן פון מוח, וואָס פירן דעם זע=חוש, דעם טאַפּ=חוש און די קערפּער=ענערגיע, זיינען ניט אַנטוויקלט זיינען די פאָדערשטע טיילן, וואָס האָבן אַ שייכות צום דענקען און ריידן, לפי=ערך קליין. עס איז געווען פּונקט אַזאַ גרויסער מוח ווי אונזערער, נאָר פאַרשיידן פון אונזערן. דער דאָזיקער מין פון האָמאָ האָט געוויס געהאַט גאָר אַן אַנדער מענטאַליטעט ווי מיר; זייערע אינדיווידן זיינען געווען לא די וואָס פּראָסטער און נידעריקער פאַר אונז, נאָר זיי זיינען געווען גאָר פון אַן אַנדער ריכטונג. זיי האָבן מסתּמא גאָרניט געקאָנט ריידן, אָדער גאָר קנאַפּ. זיי האָבן גאָרנישט ניט געהאַט פון דעם, וואָס מען זאָל קאָנען אָנרופן אַ שפּראַך.

---

2. דאָס טעגלעכע לעבן פון די נעאַנדערטאַל=מענטשן.

אין וואָרטהינגטאָן סמיטס „דער פּרימיטיווער ווילדער מענטש“ איז פאַראַן אַ לעבעדיק געשריבענע שילדערונג פון פרי=פּאַליאָליטישן לעבן, וואָס פון איר איז אַ סך גענומען פאַר

דער ווייטערדיקער באַשרייבונג. מר. וואָרטהינגטאָן סמיטה נעמט
אָן אַמער אַנטוויקלטן סאָציאַלן לעבן, אַגרעסערע געמיינשאַפט
און אַמער באַשטימטע אַיינטיילונג פון דער אַרבעט פון אירע מיט=
גלידער, ווי מען מעג דאָס משער זיין, געמענדיק אין אַכט אַזעלכע
שפּעטערדיקע שריפטן ווי י. י. עטקינסאָנס באַמערקנסווערטן טראַק=
טאַט איבערן פרימיטיוון געזעץ. דערפאַר איז דאָ אָנשטאָט דעם
קליינעם שבט, וואָס מר. וואָרטהינגטאָן סמיטה באַשרייבט, אָנגענומען
אַמשפחה=גרופּע אונטער דער פירונג פון איין זקן, און די השערות
פון מר. עטקינסאָן בנוגע דעם איפּפּיר פונם זקן זיינען דאָ אַריינגע=
בראַכט געוואָרן אין דער איבערזיכט.

מר. וואָרטהינגטאָן סמיטה באַשרייבט אַרו=פּלאַץ נים וויים
פון אַטייך, וואָרעם דער פּרימיטיווער מענטש, וואָס האָט נים געהאַט
קיין טאָפּ אָדער אַן אַנדער כּלי, האָט זיך געמוזט האַלטן נאָענט לעבן
אַוואַסער=זאַמלונג, וואָס ביי איר ברעג זיינען געווען קרייט=פעלזן,
וואָס פון זיי האָט ער געקאָנט אַרויסקריגן פייערשטיינער צו דער
אַרבעט. די לופט איז געווען קאַלט, און פייער איז געווען זייער אַוויכ=
טיקע זאַך, וואָרעם טאָמער האָט זיך דאָס פייער אויסגעלאָשן, איז
נים געווען אַזוי גרינג דאָס ווידער אָנצוצינדן. אויב מען פלעגט נים
באַדאַרפן די פלאַם, פלעגט מען מסתמא דאָס פייער האַלטן צוגעדעקט
אונטערן אַש, עס זאָל דאָרטן טליען. אויף צו מאַכן פייער פלעגט
מען גיכער פון אַלץ אַזוי טאָן: אַוועקלייגן אַשטיק פייערשטיין
צווישן פאַרטריקנטע בלעטער און קלאַפּן דערויף מיט אַשטיק
אַייזן=פּיריט; פאַרבינדונגען פון אַייזן=פּיריט און פייערשטיין געפינט
מען אין ענגלאַנד דאָרט, וואו עס דערנענטערן זיך צו אַנאַנד מערגל=
און קרייט=שיכטן. די קליינע מענטשן=גרופּע קאָן זיין אויסגעזעצט
אַרום אויף אַן אונטערבעט פון פעדער=גראָז, מעך און כּדומה נאָך
אַזאַ טרוקענעם מאַטעריאַל. טייל פרויען און קינדער מוזן זיך פאַר=
נעמען שטענדיק מיט קלייבן ברען=שטאָף אויף אונטערצוהאַלטן
די פייערן. דאָס האָט געקאָנט זיין אַטראַדיציע, וואָס איז אויסגעוואַקסן.
די יונגע האָבן נאָכגעמאַכט די אַלטע אין דער דאָזיקער באַשעפטי=
קונג. עס האָבן אפשר אויך געקאָנט זיין פּשוטע, גראָבע שויץ=דע=
כער פון צווייגן אויף צו באַשיצן קעגן ווינט אין איין זייט פון דעם
לאַגער.

דער זקן, דער פֿאָטער און האַר פֿון דער גרופּע, איז אפֿשר פֿאַרנומען מיט אַרומהאַקן פֿייערשטיינער זיצנדיק בײַם פֿייער. די קינדער מאַכן אים נאָך און לערנען זיך אויס צו באַנוצן די אָנגעשאַרפֿטע שטיקלעך. טייל פֿרויען פֿלעגן מסתּמא אויסזוכן גוטע פֿייערשטיינער; זיי פֿלעגן זיי אַרויסקראַצן מיט שטעקנס פֿון קרייט אַרום און ברענגען זיי צו דעם לאַגער־פּלאַץ.

עס האָבן דאָרט געקאָנט ליגן אַרום פֿעלן. עס לאָזט זיך משער זיין, אַז גאָר אין אַ פֿריער צייט האָבן פּרימיטיווע מענטשן אָנגעהויבן צו נוצן פֿעלן. מסתּמא פֿלעגט מען איינוויקלען אין זיי די קינדער, און מען פֿלעגט זיי אויך באַנוצן אונטערצובעטן, ווען די ערד איז געווען נאַס און קאַלט. אפֿשר האָט אַ פֿרוי נאָך צוגעגרייט געמאַכט די פֿעל. די אינעווייניקסטע זייט פֿון פֿעל האָט מען געקאָנט אַרומשקראָבען מיט צוגעשאַרפֿטע פֿייערשטיינער פֿון די ברעקלעך פֿלייש וואָס זיינען געבליבן הענגען, דערנאָך אָנגעשפּאַנט און אויסגעצויגן און צוגעהעפֿט מיט קלעצלעך צום גראָז און אויסגעטריקנט אין די זון־שטראַלן.

ווייט פֿון פֿייער האָבן אַרומגעבלאָנקעט טייל מאַנסבּיל, צו זוכן שפּייז, אָבער ביינאַכט פֿלעגן זיי אַלע זיך צונויפֿקלייבן נאָענט אַרום פֿייער און האָבן דאָס אונטערגעהאַלטן, וואָרעם דאָס איז געווען זייער איינציקער שוץ קעגן וואַנדערנדיקן בער און כּדומה נאָך אַזעלכע רויב־חיות. דער זקן איז געווען דער איינציקער פֿולקום דערוואַקסענער מאַנסבּיל אין דער קליינער גרופּע. דאָ זיינען געווען ווייבער, יינגלעך און מיידלעך, אָבער ווי נאָר די יינגלעך זיינען אויסגעוואַקסן גרויס גענוג, בכדי צו רייצן דעם זקנס איפֿערזוכט, פֿלעגט ער אָנפֿאַלן אויף זיי און אָדער אַוועקטרייבן זיי אָדער הרגענען זיי. עטלעכע מיידלעך האָבן אויך אַמאָל געקאָנט אַוועקגיין מיט די פּאַרטרייבענע, אָדער אַ צוויי־דריי פֿון די יינגלעך האָבן געקאָנט האַלטן זיך אַ צייט צוזאַמען, ביז זיי פֿלעגן אָנטרעפֿן אַ צווייטע גרופּע, וואָס זיי האָבן געקאָנט פֿרווון אַרויסצוגנבֿען פֿון איר אַ פֿרוי. דערנאָך פֿלעגן זיי מסתּמא זיך צעקריגן צווישן זיך. און אַמאָל, ווען דער זקן איז געוואָרן אַלט פֿערציק יאָר אָדער אפֿשר מער, און זיינע ציין זיינען שוין געווען אָפּגעריבן און זיין כּוח אָפּגעשוואַכט, האָט אַ יינגערער

מאַנסביל געקאָנט אויפשטיין קעגן אים, אָוועקהרגענען אים און גע-
וועלטיקן אויף זיין אָרט. מיט די אַלטע לייט האָט מען געמאַכט



די נעאַנדערטאַלער אויף געיעג אויף אַ מאַמאָנט. זיי טרייבן אים
אַריין אין אַ פאַנג-גרוב.

קורצע מחזקות אויפן לאַגער־פּלאַץ. ווי נאָר זיי זיינען געוואָרן אַלט און שלעכט געשטימט, זיינען באַלד געקומען אויף זיי פּיין און טויט.

וואָס פלעגן זיי עסן אויפן לאַגער־פּלאַץ?

„דער פּרימיטיווער מענטש ווערט געוויינטלעך געשילדערט ווי אַ יעגער פונם גרויסן וואָלהאָריקן מאַמאָנט, פונם בער און פון לייב, אָבער עס איז ניט צו גלויבן, אַז דער ווילדער מענטש זאָל ווען עס האָבן געיאָגט בעלי־חיים, וואָס זיינען אַ סך גרעסער פאַרן האָז, קיניגל און דעם שטשור. דער מענטש איז מסתמא גיכער אַ געיאָגטער, איידער אַ יעגער.

„דער פּרימיטיווער ווילדער איז געווען צוגלייך אַ גראָזפרעסער און פליישפרעסער. ער האָט זיך געשפּייזט מיט וואַלד־נים, זיסע קאַשטאַנעס, ערד־נים און אייכל־נים. ער האָט געהאַט וואַלד־עפּלעך, ווילדע באַרן, ווילדע קאַרשן, ווילדע אַגרעסן, ווילדע פלוימען, קוויטשן, דאָרן־יאַגדעס, שוואַרצע יאַגדעס, טאַקסוס־יאַגדעס, קרעסאָן, שוועמלעך, פאַרשיידענע קרייטעכער און גרינסן. ער האָט געהאַט פייגל־אייער, יונגע פייגלען און האָניק פון די ווילדע בינען. ער האָט געהאַט שנעקן און פרעש—אין נאָרמאַנדיע און בריטאַן האַלט מען נאָך דאָס איצט פאַר אַ געשמאַקן מאכל. ער האָט געהאַט פיש, טויטע און לעבעדיקע, און מושלען פון זים־וואַסער, ער האָט געקאָנט גרינג פאַנגען פיש מיט די הענט, שווימען, זיך אונטערטוקן און כאַפּן זיי. ביים ברעג ים האָט ער געקאָנט האָבן פיש, מאָלוסקעס, ים־גראָזן. ער האָט געקאָנט האָבן אַ סך פון די גרעסערע פייגלען און די קלענערע זויגערס, וואָס ער האָט זיי געקאָנט קריגן דורך וואַרפן שטיינער אָדער שטעקנס אָדער דורך אויפשטעלן פשוטע פאַסטקעס. ער האָט געקאָנט האָבן דעם שלאַנג, דעם קריכער און דעם קרעפּס. ער האָט געקאָנט האָבן פאַרשיידענע ווערעם און אינזעקטן, הוסעניצעס פון פאַבעלעך און פאַרשיידענע פלעדערלעך. דער געשמאַק פאַר פלעדערלעך איז נאָך געבליבן ביז איצט אין כינע, וואו מען קאָן זיי קויפן אין געטריקנטע בינטלעך אויפן מאַרק. איינער פון די הויפּט־מאכלים, וואָס איז געווען שטאַרק נערעוודיק, זיינען בלי ספק געווען ביינער צעריבן צו אַ שטייפער קאַשע.

„זייער וויכטיק איז געווען דער פאַקט, וואָס דער פּרימיטיווער

מענטש האָט ניט שטאַרק מקפיד געווען, אַז די פלייש-שפּייז זיינע זאָל זיין דווקא פריש. ער פלעגט זי שטענדיק געפינען אין אַ טויטן צושטאַנד, און אויב זי איז געווען האַלב צעפוילט, האָט ער זי דאָך ניט געלאָזט ליגן — דער געשמאַק פאַר גאַנץ אָדער האַלב צעפוילט געווילד איז נאָך געבליבן. געטריבן פון הונגער און שטאַרק צוגעדריקט, פלעגט ער אפשר אַמאָל אויפעסן זיינע שוואַכערע חברים אָדער ניט קיין געזונטע קינדער, וואָס זיינען געווען שוואַך אָדער מיאוס אָדער שווער צו האָדעווען. אָן אַ ספק, מען האָט געזוכט צו כאַפּן די גרעסערע בעלי-חיים אין אַ צושטאַנד פון שוואַכקייט אָדער ווען זיי האַלטן ביים שטאַרבן; אויב אַזעלכע פלעגן זיך ניט טרעפן, זיינען געווען גוט אויך טויטע און האַלב צעפוילטע עקזעמפּלאַרן. אַ ניט-געשמאַקער ריח האָט ניט אָפּגעשטויסן; ער שטויסט ניט אָפּ אויך איצט אין טייל קאָנטינענטאַלע האָטעלן.

„די ווילדע זיינען געזעסן נאָענט אַרום זייער פייער אינמיטן פירות, ביינער און האַלב-צעפוילטע פלייש. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן ווי דער זקן מיט זיינע ווייבער פלעגן קראַצן די הויט פון זייערע אַקסלען, שטערן און די באַקן, ווען עס פלעגן זיי פאַרטשעפּען אָדער בייסן פליגן אָדער אַנדערע אינסעקטן. מיר קאָנען זיך אויסמאָלן די ברייטע מענטשלעכע נאָזלעכער, וואָס ווייזן אויף אַ שאַרפן חוש-הריח, ווי זיי שלעפּן אין זיך אַריין האַסטיק דעם ריח פון פוילן פלייש פאַרן עסן; דער שלעכטער ריח פון פלייש און די אַנדערע עיפּושדיקע ריחות, וואָס גייען אַרויס פון אַ לאַגער פון ווילדע, זיינען פאַר יענע מענטשן קיין חסרון ניט געווען.

„דער מענטש איז אין יענער צייט ניט געווען קיין געפאַלענער בעל-חי, ווארעם ער איז קיינמאָל ניט געשטאַנען העכער; ער איז געווען פאַרקערט אַ געהויבענער בעל-חי, ווארעם ווי נידעריק מיר שאַצן אים איצט האָט ער דאָך פאָרגעשטעלט די העכסטע אַנטוויקלונגס-מדרגה פונם בעל-חיים-קיניגרייך פון יענער צייט".

אַזאַ שילדערונג פון אַ נעאַנדערטאַלער לאַגער-פּלאַץ איז טאַקע קרוב לאמת. אָבער איידער די נעאַנדערטאַלער זיינען פאַרשוואונדן פון דער וועלט, האָבן זיי באַוויזן נאָך אַ סך צו לערנען און זיינען געגאַנגען ווייטער.

וואָס דער אַלטער פּאַלעאָליטישער מענטש פלעגט טאָן מיט זיינע טויטע, דאָס ווייסן מיר ניט, אָבער עס איז פאַראַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז דער שפּעטערדיקער האָמאָ נעאַנדערטאַלענזיס האָט לכל-הפּחות עטלעכע אינדיווידן באַגראָבן מיט כּיבודים און צערעמאָניעס. איינער פון די צום בעסטן באַוואוסטע נעאַנדערטאַלער סקעלעטן איז דער סקעלעט פון אַ יונגנמאַן, וואָס איז באַגראָבן געוואָרן קענטיק מיט געהיטקייט. מען האָט אים אַוועקגעלייגט אין דער פּאָזע פון אַ שלאָפעדיקן, מיטן קאָפּ אויפן רעכטן אָרעם. דער קאָפּ און דער אָרעם ליגן אויף שטיקלעך פייערשטיין צונויפגעלייגט אין אַ רייפל ווי אַ „קישן". לעבן זיין קאָפּ ליגט אַ גרויסע האַק און אַרום אים ליגן אַ סך פאַרקוילטע און צעשפּליטערטע ביינער פון אָקסן, אַזוי ווי דאָרט וואָלט זיין געווען אָפּגעריכט אַ טויטן-סעודה.

דער דאָזיקער מין מענטשן האָבן אפשר אַרומגעוואַנדערט, געלאַגערט אַרום זייערע פייערן און געשטאָרבן אין אייראָפּע אין אַ פּעריאָד, וואָס האָט געדויערט 100.000 יאָר און מער, אויב מיר נעמען אָן, אַז דער היידלבערגער קינבאַק געהערט צו אַ מיטגליד פון דעם זעלביקן מין. לגבי דעם דאָזיקן גרויסן פּעריאָד זעט די גאַנצע געשיכטע פון אונזער איינענער ראַסע אויס ווי אַ מעשה פון נעכטיקן טאָג. אין משך פון אָט דער צייט האָט דער דאָזיקער מין מענטש אַנגעקליבן אַ מטושטשע טראַדיציע און אויסגעאַרבעט זיינע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן. זיין דיקער שאַרבן האָט געהאַלטן פאַרשפּאַרט דעם מאַרך, און נאָך צום סוף האָט ער מיט זיין נידעריקן שטערן אויסגעזען גאָר מעשה חיה.

די מיינונג, אַז די נעאַנדערטאַלער ראַסע איז אַ פאַרשוואונדענער מין און האָט ניט אַרויסגעבראַכט פון זיך דעם אמתן מענטשן (האָמאָ סאַפּיענס), ווערט אונטערגעהאַלטן פון פּראָפעסאָר אָסבאָרן; צום דאָזיקן קוק איז נוטה אויך דער מחבר און אין דעם זין באַהאַנדלט ער דעם ענין. נאָר פאַרן לעזער איז כּדאַי צו וויסן, אַז אַ סך שרייבערס האַלטן ניט פון דער דאָזיקער מיינונג. זיי באַטראַכטן געוויסע פּרעהיסטאָרישע שאַרבנס ווי קרייץ-פאָרמען צווישן דעם נעאַנדערטאַלער און אַנדערע טיפּן. ווייטער שרייבן זיי און ריידן מכּוח לעבעדיקע „נעאַנדערטאַלער" צווישן מאָדערנע מענטשן. איין

אַכטגעבער האָט געשריבן אַמאָל וועגן אַזעלכע טיפּן אין מערב־אירלאַנד; אַ צווייטער האָט זיי געזען אין גריכנלאַנד. די דאָזיקע אַזוי אָנגערופענע „לעבעדיקע נעאַנדערטאַלער“ האָבן ניט די אייגנטימלעכקייטן פון האַלז, פון גראָבן פינגער אָדער פון די ציין, וואָס צייכענען אויס די נעאַנדערטאַלער ראַסע פון די פאַרמענטשן. די באַקציינער פון אמתן מענטשן, למשל, האָבן לאַנגע וואָרצלען; דעם נעאַנדערטאַלערס באַקצאָן איז מער קאָמפּליצירט און ספּעציאַליזירט, אַ לאַנגער צאָן מיט קורצע וואָרצלען, און זיינע רייסציינער זיינען געווען ווינציקער ענלעך צו הינט־ציינער ווי אונזערע. עס איז קלאָר, אַז ער איז געווען אויף אַן אַנדער אַנטוויקלונגס־ליניע ווי מיר. ביז איצט איז נאָר מערב־אייראָפּע געוואָרן גרינטלעכער אויסגעפאָרשט נאָך פּאַלעאָליטישע רעשטן. חוץ דעם געפינס פון קראַפּינאַ אין קראָאַציע און דעם ניט לאַנג געפונענעם גלילער שאַרבן, קומט אַלץ וואָס מיר ווייסן מכּוח דעם נעאַנדערטאַלער מין פון יענעם שטח. ס'איז קיין ספק ניט, אַז דער פאָרגייער פונם האָמאָ סאַפּיענס (וואָס צו דעם מין געהערן אויך די טאַסמאַניער) איז געווען אַ זייער ענלעך און פּאַראַלעל באַשעפעניש צום האָמאָ נעאַדערטלענזיס. און מיר זיינען ניט אַזוי ווייט פונם דאָזיקן עלטערפאָטער, אַז מיר זאָלן האָבן אַרויסגעוואָרפן אויב ניט „נעאַנדערטאַלער“ טיפּן, איז דאָך „נעאַנדערטאַל־ענלעכע“. דאָס וואָס אַזעלכע טיפּן זיינען פאַראַן איז ניט קיין גרעסערער באַווייז, אַז די נעאַנדערטאַלער טיפּן, די באַשעפער פון די שעל־און מוסטיער־געצייג, זיינען בלוט־קרובים מיטן האָמאָ סאַפּיענס אין אייראָפּעישן שטח, ווי מענטשן מיט מאַלפּע־פּנימער באַווייזן אויף דער בלוט־קרובישאַפט מיט מאַלפּעס; אָדער מענטשן מיט פערדישע פּנימער, אַז עס איז פאַראַן אַ פערדישער שטריך אין אונזער באַפעלקערונג.

---

3. דער לעצטער פּאַלעאָליטישער מענטש.

אַז די האָלענדער האָבן אַנטדעקט טאַסמאַניע, האָבן זיי געפונען אַן אָפּגעזונדערטע מענטשלעכע ראַסע, וואָס איז ניט באַזונדערס שטאַרק ווייטער אַוועק פון דער אונטערשטער פּאַלעאָליטישער מדרגה. נאָר איבערן גרעסטן טייל פון דער וועלט האָט די אונטערשטע פּאַלעאָליטישע קולטור זיך אַנטוויקלט צו אַ קאָמפּליצירטערן און העכערן לעבן מיט אַ צוואַנציק אָדער דרייסיק טויזנט יאָר צוריק. די טאַסמאַניער זיינען לויט זייער ראַסע ניט געווען קיין נעאַנדערטאַלער; דאָס באַווייזן זייער מאַרך־קאַסטן, זייערע האַלז־ביינער, זייערע קינבאַקן און ציינער; זיי זיינען ניט קיין קרובים מיט די נעאַנדערטאַלער; זיי געהערן צו דעם זעלביקן מין וואָס מיר אַליין. זיי שטעלן פאָר אַ נעאַנדערטאַלאָידע סטאַדיע אין דער עוואָלוציע פון אמתן מענטשן. עס קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז אין משך פון די פיל צענדליקער טויזנטער יאָרן, וואָס דעמאָלט זיינען די צעזייטע קליינע גרופּעס פון נעאַנדערטאַל־מענטשן געווען אַליין וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם מענטשן־מין אין אייראָפּע, האָבן אין אַנדער טייל וועלט אמתע מענטשן פון אונזער אייגענעם מין זיך אויסגעאַרבעט זייער וועג אין פּאַראַלעלע ליניעס, אָנגעהייבן פון דער זעלביקער מדרגה, וואָס אויף איר האָבן די נעאַנדערטאַלער געענדיקט און די טאַסמאַניער זיינען אויף איר געבליבן, ביז צו אַ העכערן שטאַנד פון מאַכט און שלמות. די טאַסמאַניער, וואָס האָבן געלעבט אין תנאים, וואָס האָבן זיי ניט געשטופּט צו אַנטוויקלונג, ווייט אָפּגעשיידט פון דער קאָנקורענץ פון אַנדערע מענטשן אָדער פון זייער ביישפּיל נאָכצומאַכן, זיינען אָפּגעשטאַנען פון דער איבעריקער מענטשלעכער ברודערשאַפט. אָבער אַפילו אין דעם אָפּגעלעגענעם ווינקל פון דער ערד, זאָגט סער אַרטור קיטה, באַווייזן פריע פּאָסילע רעשטן, אַז דער מענטש האָט פּראָגרעסירט. די טאַסמאַניער פון אָנהייב נייַנצנטן יאָרהונדערט זיינען געווען ווינציקער לעפּיש און חיהש, ווי זייערע עלטערע קרובים.



רעקאָנסטרוקציע פונעם ראָדעזיע-מענטש שטייענדיק און זיצנדיק. דער שאַרבן, חוץ דעם אונטערשטן קין, און טייל ביינער זיינען אין יאָר 1921 געפונען געוואָרן אין ראָדעזיע-לאַנד אין דרום-אַפריקע.

4. דער שאַרבן פון ראָדעזיע.

זומער 1921 איז געמאַכט געוואָרן אַ זייער אינטערעסאַנט געפינס אין אַ הייל פון בראָקן היל אין דרום-אַפריקע. דאָס איז געווען אַ שאַרבן, וואָס אים האָט געפעלט דער אונטערשטער קינבאַק, און אויך ביינער פון אַ נייעם מין האָמאָ, וואָס איז געווען אַ מיטלפאָרם צווישן דעם נעאַנדערטאַל-מענטש און דעם אמתן מענטש (האָמאָ סאַפּיענס), וואָס מיר וועלן פון אים איצט דערציילן. דער שאַרבן איז געווען נאָך ווייניק מינעראַליזירט, זיין באַלעבאָס האָט קענטיק געלעבט ערשט מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק. די באַשטימונג פון די געאָלאָגישע שיכטן אין יענער געגנט איז נאָך ניט פעסט. דער ראָדעזישער מענטש האָט געקאָנט גיין אויף גלייך אויף די מענטשלעכע מאַלפּעס פונם טאַונגס-טיפּ. דאָס ניי אַנטדעקטע באַשעפעניש (האָמאָ ראָדעזיענזיס), דער דאָזיקער הייל-מענטש פון ראָדעזיע, הגם ער ווייזט ענלעכקייטן צום נעאַנדערטאַלער מענטש און געוויסע שטריכן, האָט, ווי ווייט די דאָזיקע רעשטן באַווייזן, קיין איינעם ניט פון די ספּעציעלע סימנים פון אַ נעאַנדערטאַלער; זיין מאַרך-קאַסטן, זיין האַלז, ציין און פיס געהערן צו דער מענטשלעכער ליניע (מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זיינע הענט). נאָר די גרייס פון אייבערשטן קינבאַק און זיינע גלעצנ-פּלאַכן באַווייזן אויף אַן אונטערשטן קינבאַק פון אַ גרעסערער מאַסיווקייט ווי דעם היידלבערגערס און ער פאַרמאָגט אויגן-גליעס, ווי ביי אַ מאַלפּע, און דורך דעם ווערט ער ענלעך צום נעאַנדערטאַל-מענטש. דאָס דאָזיקע באַשעפעניש איז, ווייזט אויס, געווען אַ כמעט מענטשלעך ווע׳ן מיט אַ מאַלפּישן פּנים. ער האָט אפשר נאָך געלעבט ביז צום מענטש-פּעריאָד און איז געווען אין דרום-אַפריקע אין איין צייט מיטן אמתן מענטש. מיט אים האָט מען אפשר געשראָקן די קינדער פון אמתן מענטש.

פון אייניקע ערטער אין דרום-אַפריקע שטאַמען אויך רעשטן פון אַן אמת-מענטשלעכער ראַסע, דער באָסקאָפּ-ראַסע, וואָס איז זייער אַלט, נאָר ווי אַלט איז נאָך ניט געוואָרן באַשטימט. די באָסקאָפּ-מענטשן האָבן געהאַט שאַרבנס מער ענלעך צו די איצט לעבנדיקע

בושמענער, איידער צו אַנדערע איצטיקע מענטשן, נאָר זיי זיינען געווען גרעבער און אַ סך גרעסער, זיי האַלטן מער איידער אַ מאָדערנער שאַרבן. זיי זיינען געווען גרעסערע, מסתמא מער פאַרשטאַנדיקע בושמענער. זיי זיינען אפשר די פריסטע אמתע מענטשן, וואָס זיינען אונז באַקאַנט. שאַרבנס, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין וואַדזשאַק אויפן אינזל יאַוואַ, קורץ איידער עס איז אַנטדעקט געוואָרן דער פּיטעקאַנטראָפּוס, און מסתמא פון דער פליסטאָצען-תּקופה, פאַרפולן, משמעות, דעם ליידיקן אָרט צווישן דעם ראָדעזיע-מענטש און די אַווסטראַלישע אָרט-געבוירענע; דער טאַלגאַי-שאַרבן, וואָס איז געפונען געוואָרן אין פליסטאָצען-אָפּלעגערונגען אין קווינסלענד, שטעלט פאָר אַן אַוסטראַלאָידן טיפּ, וואָס אונטערשיידט זיך פון דעם איצטיקן אָרט-געבוירענעם דער עיקר אין דעם גרעסערן היקף פון קינבאַק.

קאַפּיטל 8

די לעצטע פּאַלעאָליטישע מענטשן פון נאָך דער אײַז-צײַט

(שפּעט-פּאַלעאָליטישע תקופה)

1. דער אויפקום פון מענטשן גלייך צו אונז. 2. די געאָגראַפיע פון דער פּאַלעאָליטישער וועלט. 3. דער סוף פון דער פּאַלעאָליטישער תקופה. 4. אין אַמעריקע זיינען ניטאָ קיין אונטערמענטשן.

דער נעאַנדערטאַל-טיפּ פון מענטשן האָט געהערשט אין אייראָפּע לכל-הפּחות אין משך פון צענדליקער טויזנטער יאָרן. אין משך פון תקופות, וואָס לגבי זיי איז די גאַנצע געשיכטע אַ מעשה פון איין טאָג, האָבן געהערשט די דאָזיקע כמעט-מענטשן. אויב דער היידלבערגער קינבאַק געהערט צו אַ נעאַדערטאַלער, און אויב עס איז ניטאָ קיין טעות אין דעם אָפּשאַץ פונם עלטער פון דאָזיקן קינבאַק, האָט די נעאַנדערטאַלער ראַסע זיך געהאַלטן איבער 200.000 יאָר! צולעצט, האָט אין דער צייט צווישן 40.000 און 25.000 יאָר צוריק, בעת די פערטע אײַז-תקופה האָט גענומען ווייכער ווערן און עס האָט זיך אָנגערוקט אַ צייט פון מעסיקערע תנאים, זיך באַוויזן אויף דער אייראָפּעישער סצענע אַ נייער טיפּ מענטש, און עס ווייזט אויס, אַז ער האָט דאָס פאַרטיליקט דעם הָאָמאָ נעאַנדערטאַלענזיס.

דער דאָזיקער נייער טיפּ האָט זיך מסתמא אַנטוויקלט אין דרום-אַזיע אָדער אַפריקע, אָדער אין די לענדער, וואָס זיינען איצט איינגעזונקען אין מיטללענדישן ים. אַז עס וועלן זיין צונויפגעקליבן מער רעשטן און אָנגעזאַמלט ווערן מער באַווייזן, וועלן מענטשן מער דערגיין וועגן זייער צושטאַנד אויף פריערע סטאַדיעס. ביי היינטיקן

טאָג קאָנען מיר מער ניט פּרוּוון טרעפן, וואו און ווי אַזוי זיינען אָט די דאָזיקע אמתע מענטשן, אין משך פון פּאַוואָליע פליסנדיקע דורות, אַרויסגעוואַקסן, פּאַראַלעל מיט זייערע נעאַנדערטאַלער שוועסטערקינדער, פון אַמער מאַלפּע-ענלעכן עלטערפאָטער. אין משך פון די צענדליקער טויזנטער יאָרן האָבן זיי זיך אָנגעשאַפט פלינקייט פון האַנט און פוס, און קראַפט און גרייס פון מוח, אין אַ נאָך אומבאַקאַנטער סביבה. זיי האָבן שוין געהאַט ווייט אַריבערגעשטייגט די נעאַנדערטאַל-מדרגה פון שלמות און פאַרשטאַנדיקייט, ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין אונזער זע-קרייז, און זיי זיינען שוין געווען צעשפּאָלטן אין צוויי אָדער מער פאַרשיידענע ראַסעס.

די דאָזיקע נייע אָנגעקומענע האָבן ניט אַיינגעוואַנדערט אין אייראָפּע אין שטרענגן זין פון וואָרט, נאָר זיכער איז דאָס געווען אַזוי, אַז יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט, ווי עס האָט זיך געבעסערט דער קלימאַט, זיינען זיי נאָכגעגאַנגען נאָך דער שפּייז און געוויקסן, וואָס זיי זיינען געווען צוגעוויינט צו זיי ווי נאָר יענע האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער נייע געביטן, וואָס האָבן זיך געעפנט פאַר זיי. דאָס אייז האָט געהאַלטן אין אָפּטרעטן צוריק, דאָס געוויקסטום איז געוואַקסן, גרויס געווילד פון אַלע מינים איז געוואָרן מער. סטעפּ-ענלעכע תנאים, פּאַשע-גראָז און קוסטעס האָבן געבראַכט מיט זיך גרויסע הערטן ווילדע פערד. עטנאָלאָגן (פאָרשער פון ראַסע) שטעלן אַריין די דאָזיקע נייע ראַסעס אין דעם זעלביקן מין, וואָס מיר געהערן צו אים, און צוזאַמען מיט אַלע מענטשלעכע ראַסעס, וואָס קומען נאָך זיי, ווערן זיי צוגערעכנט צום מין, וואָס הייסט, ה אָ מ אָ ס אַ פּ י ע נ ס. זיי האָבן געהאַט גאָר מענטשלעכע מאַרך-קאַסטנס און הענט. זייערע ציין און זייערע העלזער זיינען אַנאַטאָמיש געווען גלייך צו אונזערע.

מיר ווייסן פון צוויי פאַרשיידענע סאָרטן סקעלעט-רעשטן אין יענעם פּעריאָד, דער ערשטער איז באַוואוסט אונטערן נאָמען קראָ-מאַניאָן-ראַסע, און דער צווייטער גרימאַלדי-ראַסע; אָבער די גרעסטע מאַסע פון מענטשלעכע שפּורן, וואָס מיר געפינען, זיינען אָן מענטשלעכע ביינער אָדער פאַרמאָגן ניט גענוג ביינער, אַז מיר זאָלן קאָנען לויט

זיי באַשטימען דעם פיזישן טיפ פון די מענטשן. עס זיינען אפשר געווען מיטל-טיפן. אין דער פעלזן-הייל פון קראָ-מאַניאָן האָט מען צוערשט געפונען גאַנצע סקעלעטן פון איין הויפט-טיפ פון די דאָזיקע נייערע פאַלעאָליטישע מענטשן, וואָס זיינען שוין אמתע מענטשן, און לויט דעם אָרט רופט מען זיי אָן די קראָ-כאַניאָן-מענטשן.

די דאָזיקע קראָ-מאַניאָן-מענטשן זיינען גרויס-געוויקסיקע מיט זייער ברייטע פנימער, בולטע נעזער, און מיט לפי-ערך וואונדערלעך גרויסע מוחות. דער מוח-אינהאַלט פון דער פרוי אין דער הייל פון קראָ-מאַניאַן איז געווען גרעסער פאַרן מוח פון אַ דורכשניטלעכן מאַנסביל ביי היינטיקן טאָג. איר קאָפ איז געוואָרן צעבראָכן פון אַ שווערן קלאַפ. אין דער זעלביקער הייל איז פאַראַן אויך דער גאַנצער סקעלעט פון אַן עלטערן מאַנסביל קרוב צו זעקס פוס די הייך, שטיקלעך פון אַ קינדערשן סקעלעט און די סקעלעטן פון צווי יונגע מענטשן. דאָרט זיינען געווען אויך פייערשטיין-געצייג און דורכגעשטאָכענע ים-מושלען, וואָס זיינען בלי-ספק באַנוצט געוואָרן פאַר אַ צירונג. דאָס איז איין מוסטער פון די ערשטע אמתע מענטשן. נאָר אין דער גרימאַלדי-הייל ניט ווייט פון מענטאָן האָט מען געפונען צוויי סקעלעטן אויך פון דעם שפעטערן פאַלעאָליטישן פעריאָד, נאָר פון אַ שטאַרק פאַרשיידענעם טיפ, מיט נעגראָידע כאַראַקטעריסטישע סימנים, וואָס באַצייכענען גיכער אַ נעגראָידן טיפ. זיי גלייכן זיך אין טיפ מיט דער באָסקאָפ-ראַסע אין דרום-אַפריקע, וואָס וועגן איר האָבן מיר שוין גערעדט. עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז מיר האָבן אין דעם פעריאָד צו טאָן לכל-הפחות מיט צוויי, און מסתמא מיט מער, שטאַרק פאַרשיידענע ראַסעס פון אמתע מענטשן. אפשר איז איינע פון זיי געווען פריער, די אַנדערע שפעטער, די קראָ-מאַניאָן-ראַסע האָט געקאָנט קומען נאָך דער גרימאַלדי-ראַסע, און איינע פון זיי אָדער ביידע האָבן געקאָנט זיין אין איין צייט מיט די נעאַנדערטאַל-מענטשן. פאַרשיידענע אַווטאָריטעטן האָבן פאַרשיידענע מיינונגען מכוח די זאַכן, אָבער זיי זיינען, צום רוב, נאָר מיינונגען.

דאָס, וואָס עס באַווייזן זיך די דאָזיקע אמתע פאַלעאָליטישע מענטשן פון נאָך דער אַייז-צייט, איז זיכער געווען אַ גוואַלדיקער


ווי אזוי האט געקאנט אויסזען
די קארטע פון
אייראפע און מערב־אזיע
אין דער שפעט־פאלעאליטישער צייט
(מיט 35.000—25.000 יאר צוריק)
איצטיקע ברעגליניע
אייז
טרעט אפ
סטעפעס
וועלדער
שפרייטן זיך
אויס
געפרוירן לאנד
וואסער
הויכלאנד
זייער הויכע
בערג
J.F.H.

שפּרונג פאָרויס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ביידע הויפּט-ראַסעס האָבן געהאַט אַ מענטשלעכן שטערן-מאַרך, אַ מענטשלעכע האַנט, אַ פאַרשטאַנד ווייער ענלעך צו אונזערן. זיי האָבן צוגעטומען ביים האַמאָ נעאַנדערטאַלענזיס זיינע היילן און זיינע שטיין-בראָכן. און זיי זיינען, ווייזט אויס, געווען מסכים מיט די היינטיקע עטנאָלאָגן, אַז ער געהער צו אַן אַנדער מין ווי זיי. ניט אַזוי ווי דאָס רוב ווילדע באַצווינגערס, וואָס נעמען צו פאַר זיך די ווייבער פון דעם באַצוואונגענעם שונא און האָבן מיט זיי קינדער, האָבן די אמתע מענטשן, קענטיק, גאָרניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט דער נעאַנדערטאַל-ראַסע, ניט מיט די מאַנסביל ניט מיט די פרויען. ניטאָ קיין שפּור פון אויסמישונג צווישן די ראַסעס, ניט געקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס די ניי-געקומענע, וואָס האָבן אויך באַנוצט פייערשטיין, האָבן זיך באַזעצט אין די זעלביקע ערטער, וואָס זייערע פאָרגייער האָבן געהאַט פאַרנומען.

מיר ווייסן גאָרנישט מכּוח דעם אויסגאַנג פון דעם נעאַנדערטאַל-מענטש, נאָר דער פאַקט, וואָס עס איז קיין אויסמישונג פון די ראַסעס ניט פאָרגעקומען, ווייזט משמעות, אַז ער איז געווען שטאַרק האָריק, מיאוס, אָפּשטויסנדיק מיט זיין נידעריקן שטערן, אָנגעבּרוגזטע ברעמען, מיט זיין מאַלפּישן האַלז און נידעריקן וואוקס. אָדער ער — און אויך זי — איז אפשר געווען צו ווילד אויף זיך צו לאָזן איינצאַמען.

די דאָזיקע אמתע מענטשן פון דער פאַלעאָליטישער תּקופה, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אָרט פון די נעאַנדערטאַלער, זיינען געקומען אין אַ מילדערן קלימאַט, און הגם זיי האָבן אויסגענוצט די היילן און באַהעלטענישן פון זייערע פאָרגייערס, האָבן זיי שוין געלעבט אַ סך אויף דער פרייער לופט. זיי זיינען געווען יעגערס, און טייל פון זיי אָדער אַלע זיינען געגאַנגען אויף געיעג אויף מאַמאָנטן און ווילדע פערד, און אויך אויף פּאָלאַר-הירשן, ביזאָנען, אוראָקסן. זיי האָבן געגעסן אַ סך פערד. אויף אַ גרויסן פרייען פעלד אין סאָליטרע*), וואו זיי פלעגן, ווי עס ווייזט אויס, אָפּהאַלטן יאָר-פאַר-זאַמלונגען אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער, זיינען פאַראַן, לויט אָפּשאַצונג, ביינער פון 100.000 פערד, חוץ ביינער פון פּאָלאַר-הירשן, מאַמאָנטן און ביזאָנען. זיי פלעגן מסתּמא נאָכגיין די הערטן פערד, די קליינע פאָניס

*) אַ דאָרף אין דרום-פראַנקרייך.

פון יענער צייט, ווען יענע פלעגן גיין זוכן זיך פיטער=פלעצער; זיי פלעגן נישט אָפּשטיין פון די פלאַנגען פון אַזעלכע הערטן, און האָבן אַ סך אָפּגעלערנט צו פאַרשטיין זייערע געוויינהייטן און זייער טבע. אַ גרויסן טייל פון זייער לעבן האָבן די דאָזיקע מענטשן געמוזט פאַרברענגען אין אָפּשטאַטעווען בעלי=חיים.

צי זיי האָבן דאָס פערד צוגעוויינט און געמאַכט פאַר אַ שטוביקער בהמה, איז נאָך אַן אָפענע פראַגע. אפשר האָבן זיי דאָס בהדרגה געלערנט אין משך פון יאָרהונדערטער. מיר געפינען שפּעטער פּאַלעאָליטישע געמעלן פון פערד מיט צייכנס אַרום די קעפּ, וואָס מאַכן דעם אַיינדרוק פון ציימלעך, און עס איז פאַראַן אַן אויסגעשניצטער קאָפּ פון אַ פערד מיט שטריכן, וואָס באַטייטן אפשר אַ שנור צונויפגעדרייט פון אַ שטיקל פעל אָדער אַן אָדער. אָבער אַפילו אויב זיי האָבן געצאַמט דאָס פערד, איז עס נאָך מער אַ ספק, צי זיי האָבן אויף דעם געריטן אָדער אַזוי עס אויסגענוצט צאַמערהייט. דאָס פערד, וואָס זיי האָבן געקענט, איז געווען אַ ווילדער פּאָני מיט אַ בערדל אונטערן קין, וואָס איז גאָרניט געווען בכוח צו טראָגן אַ מענטשן אַ געוויסע שטרעקע. עס איז ניט צו גלויבן, אַז די דאָזיקע מענטשן זאָלן שוין האָבן זיך אויסגעלערנט דעם גיכער אומנאַטירלעכן מנהג צו באַנוצן מילך פון בעלי=חיים אויף שפּייז. אויב זיי האָבן סוף=כל=סוף צאַם געמאַכט דאָס פערד, איז דאָס משמעות, געווען דער איינציקער בעל=חי, וואָס זיי האָבן צוגעוויינט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין הינט, און האָבן געהאַט ווינציק צו טאָן מיט אַ מין שטוביק שאָף אָדער רינד.

איין זאַך העלפט אונז שטאַרק פאָרצושטעלן זיך די דאָזיקע מענטשן ווי מענטשן פון אונזער מין: דאָס וואָס זיי האָבן געקאָנט מאָלן. און זיי האָבן געמאָלט הפלאדיק גוט. זיי זיינען געווען אין אַלע פּרטים ווילדע, אָבער זיי זיינען געווען אַרטיסטישע ווילדע. זיי האָבן געמאָלט בעסער ווי וואָסערע עס איז פון די שפּעטערדיקע מענטשן ביז צו די אָנהייבן פון דער געשיכטע. זיי האָבן געצייכנט און געמאָלט אויף די פעלזן און אויף די ווענט פון די היילן, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען ביי די נעאַנדערטאַל=מענטשן. און די איבערגעבליבענע געמעלן קומען צום עטנאָלאָג, וואָס קאָן זיך קוים פונאַנדערקלייבן אין די הויפנס ביינער און שטיין=שפּליטערס, — ווי אַ שיינענדיקע

בשורה פון טרעפעריי און פינסטערניש אַרויס. זיי פלעגן צייכענען אויף ביינער און הירש־האָרן; זיי פלעגן אויסשניצן קליינע פיגורן.

די דאָזיקע שפּעטערע פּאַלעאָליטישע מענטשן האָבן לאַ די וואָס געצייכנט מערקווערדיק גוט און מיט אַליין אַ בעסערער געשיקט־



וואַנט־מאָלעריי פון דער שפּעט־פּאַלעאָליטישער צייט אין טונקל רויט. געפונען אין אַ הייל אין שפּאַניע.

קייט אין משך פון די יאָרהונדערטער, נאָר זיי האָבן אויך איבערגע־לאָזן נאָך זיך אַ זכר פון זייער לעבן אין זייערע קברים. זיי פלעגן זייערע

טויטע באַגראָבן. אָפֿטמאָלס פֿלעגן זיי באַגראָבן די טויטע מיט באַפּוצונגען, מיט כּלי־זיין, מיט שפּייז; זיי פֿלעגן באַנוצן פֿאַרב ביים באַגרעבעניש, זיי פֿלעגן, קענטיק, באַמאָלן דעם טויטן גוף. דערפֿון מעג מען דרינגען, אַז זיי פֿלעגן באַמאָלן זייערע קערפּערס אויך ביים לעבן. מאָלעריי איז געווען אַ חשובער פֿאַקט אין זייער לעבן. זיי זיינען געווען געניטע מאָלערס; זיי פֿלעגן באַנוצן שוואַרצע, ברוינע, רויטע, געלע און רויטע פֿאַרבן, און די פֿאַרבן, וואָס זיי האָבן באַנוצט, האַלטן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין די היילן און אויף די פֿעלזן פֿון פֿראַנקרייך און שפּאַניע. קיין איינע פֿון אַלע מאָדערנע ראַסעס האָט ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ פֿעיִקייט צו מאָלן; די אַמעריקאַנער אינדיאַנער דערנענטערן זיך אַ ביסל צו דער דאָזיקער ראַסע אין דעם פּרט.

די דאָזיקע צייכענונגען און מאָלערייען פֿון די שפּעט־פּאַלעאָליטישע מענטשן זיינען געשאַפֿן געוואָרן אין משך פֿון אַ לאַנגן צייט־פּעריאָד, און עס זיינען פֿאַראַן גרויסע אונטערשיידן אין זייער קינסטלערישן ווערט. אין די פֿריִע סטאַדיעס איז די צייכענונג אָפֿטמאָלס פּרימיטיוו, אַזוי ווי די צייכענונגען פֿון געראָטענע קינדער; פֿירפֿיסיקע בעלי־חיים ווערן געוויינטלעך געצייכנט מיט איין הינטערשטן פֿוס און מיט איין פֿאָדערשטן פֿוס, אַזוי ווי קינדער צייכענען נאָך דאָס ביי היינטיקן טאָג; די פֿיס אויף דער אַנדער זייט האָט דעם קינסטלערס טעכניק שוין ניט געקאָנט בייקומען. עס קאָן זיין, אַז די ערשטע צייכענונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, אַזוי ווי עס הייבן זיך אָן די קינדערשע צייכענונגען, פֿון קריצערייען פֿון ליידיקגיין. דער ווילדער האָט אַרומגעקריצלט מיט אַ פֿייערשטיין אויף אַ גלאַטן פֿעלז־אייבערפֿלאַך, און עפּעס אַ ליניע אָדער אַ תּנועה האָט אים דערמאָנט אַ באַקאַנטע זאַך. אָבער זייערע שניצערייען זיינען לכל־הפּחות אַזוי אַלט ווי זייערע ערשטע געמעלן. די עלטערע צייכענונגען אַנטפּלעקן אַ פֿולקומע אומפֿעיִקייט צו גרופּירן בעלי־חיים.

אין משך פֿון די יאָרהונדערטער האָבן זיך באַוויזן געשיקטערע קינסטלער. די שילדערונג פֿון חיות איז געוואָרן הפֿלאדיק לעבעדיק און ענלעך. נאָר אַפֿילו אויפֿן שפּיץ פֿון זייער קינסטלערישער צייט האָבן זיי נאָך געצייכנט אין פּראָפֿיל, ווי עס טוען קינדער; די פּערס־

פעקטיווע און די פארקירצונג, וואס איז נייטיק פאר רוקן-און פראנט-בילדער, איז געווען צופיל פאר זיי. דער מאמאנט און דאס פערד זיי-נען פון די געווינטלעכסטע טעמעס. אין די היילן פון צפון-שפאניע זיינען ניטא קיין צייכענונגען פון מענטשן, נאר פון חיות; נאר אין מזרח-שפאניע זיינען פאראן א סך געמעלן, וואס שטאמען פון די שפעטערדיקע טיילן פון דעם פעריאד, וואס אויף זיי זיינען געצייכנט אויך מענטשלעכע פיגורן. עטלעכע האבן אויך געמאכט סטאטועטן פון העלפאנד-ביין אדער זייף-שטיין, און צווישן זיי זיינען פאראן אייניקע זייער פעטע פרויען-פיגורן. זיי זיינען זייער ענלעך צו בוש-מען-פרויען. די מענטשלעכע סקולפטור פון די עלטערע צייטן איז גע-ווען נוטה צו קאריקאטור, און בדרך כלל שטייען אזעלכע מענטש-לעכע פיגורן, ווי זיי שטעלן פאט, א סך נידעריקער פאר די צייכענונגען פון די חיות אין קראפט און אמתקייט.

שפעטער איז געווען מער חן און ווינציקער גראבקייט אין די בילדער פון די מענטשן. איין קליין העלפאנד-ביינערן קעפל, וואס איז געפונען געווארן, איז פון א מיידל מיט א קונציק געמאכטער פריזור. די דאזיקע מענטשן פלעגן אין א שפעטערדיקער צייט אויסקריצן און איינגראווירן אויף העלפאנדביין און ביין. עטלעכע פון די אינטע-רעסאנטסטע פיגורן-גרופעס זיינען אויסגעקריצט זייער טשיקאווע ארום ביין, און באזונדערס ארום שטעקלעך פון הירש-ביין, אזוי אז מען קאן ניט זען מיט אמאל דאס גאנצע בילד. מען האט געפונען אויך פיגורן מאדעלירט אין ליים, הגם די פאלעאליטישע מענטשן האבן נאך ניט געוואוסט פון קיין טעפעריי.

א סך פון די געמעלן זיינען געפונען געווארן אין די טיפע-נישן פון פינסטערע היילן. עס איז אפט שווער צוצוקומען צו זיי. די קינסטלער האבן געמוזט באנוצן באלייכטונג, בכדי צו טאן זייער ארבעט, און עס זיינען געפונען געווארן פלאכע לעמפלעך פון זייף-שטיין, וואס אין זיי האט געקאנט ברענען חלב. צי איז דאס אנקוקן פון די הייל-געמעלן געווען עפעס א צערעמאניע אדער ביי וואסערע אומשטאנדן האט מען זיי אנגעקוקט, מכוח דעם קאנען מיר איצט נאר פאנטאזירן. אין דרום-און אין מזרח-שפאניע, פארקערט, געפינען זיך די געמעלן ניט אין היילן, נייערט אויף באשיצטע פעלזן-ווענט, גוט באלייכטן.

די אַרכעאָלאָגן אונטערשיידן איצט דריי הויפּט-סטאַדיעס פון דער געשיכטע פון די דאָזיקע נייערע פּאַלעאָליטישע מענטשן, די דאָזיקע אמתע מענטשן, אין איראָפּע, און מיר מוזן דאָ אָנרופן די דאָזיקע סטאַדיעס. נאָר עס איז נייטיק צו באַמערקן צוגלייך, אַז עס איז זייער שווער צו באַשטימען, וואָסערע פון צוויי אָפּלעגערונגען אין פאַרשיידענע ערטער איז עלטער און וואָסערע יינגער. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט דער אַרבעט פון פאַרשיידענע ראַסעס מער ווייניקער אין איין און דער זעלביקער צייט, בעת מיר מיינען, אַז מיר האָבן פאַר אונז מענטשן פון פאַרשיידענע צייטן. דער לעזער דאַרף האָבן אין זינען, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט לפי-ערך גאָר קליינעם מאַטעריאַל, וואָס איז צעוואָרפן אין אַ פולע ערטער.

די פריסטע סטאַדיע וואָס ספּעציאַליסטן אונטערשיידן, איז די אָריניאַק-צייט (נאָך דער הייל פון אָריניאַק, אין דרום-פראַנקרייך); זי איז כאַראַקטעריזירט דורך זייער גוט געמאַכטע פייערשטיין-געצייג און דורך אַ גיכער אַנטוויקלונג פון קונסט און באַזונדערס פון סטאַטועטעס און וואַנט-געמעלן. די צום מיינסט געשאַצטע פון די געמאָלטע היילן ווערט צוגערעכנט צום לעצטן טייל פון דער דאָזיקער ערשטער סטאַדיע פון די דריי סטאַדיעס פון דער נייערער אַלט-שטיין-צייט. די צווייטע סטאַדיע פונם דאָזיקן פעריאָד ווערט אָנגערופן די סאָליטרע-צייט (לויט דעם אָרט סאָליטרע), און איז באַזונדערס אויסגעצייכנט דורך דער קוואַליטעט און שיינקייט פון איר שטיין-געצייג; טייל פון אירע קלינגען, וואָס זיינען ענלעך אויף גאָלמעסערס זיינען ניט ערגער ווי די, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער נעאָליטישער צייט. זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, ניט פּאָלירט, אָבער די בעסטע מוסטערן זיינען אַזוי דין ווי שטאָל-קלינגען און כמעט אַזוי שאַרף. צולעצט איז, משמעות, געקומען די מאַדלען-צייט (פון דעם ישוב לאַ-מאַדלען). ווען דאָס פערד און דער פּאָלאַר-הירש זיינען געמינערט געוואָרן אין צאָל און עס איז אָנגעקומען אין איראָפּע דער רויט-הירש. די שטיין-געצייג זיינען קלענער, און עס איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל ביינערנע האַרפּונעס, שפּיז-שפּיצן, נאָדלען וכדומה.

די יעגערס פון דער דאָזיקער דריטער און לעצטער סטאַדיע



דיאַגראַמע פון דער מענטשן-צייט, לויט ש צונג. די דאָזיקע דיאַגראַמע איז געמאַכט לויט א גרעסערן מאַסשטאַב ווי די ערשטע; לויט דעם מאַסשטאַב וואָלט די דיאַגראַמע אויף ז. 105 באַדאַרפט האַלטן 3 פוס אין דער לענג, און די דיאַגראַמע פון דער געאָלאָגישער צייט אויף ז. 37 — 4000 פוס (און אפשר גאַנצע 8000 פוס).

פון דער שפּעט=פּאַלעאָליטישער תקופה האָבן, ווייזט אויס, געמוזט ממלא זיין זייער שפּיז הורך פישפאַנג, ווייל פון געיעג אַליין האָט זיי ניט געקלעקט. די כאַראַקטעריסטישע קונסט פון יענעם פּעריאָד באַשטייט פון באַרעליעפן געמאַכט אויף ביין און ליניען=גראַווירונגען אויף ביין. צום דאָזיקן פּעריאָד געהערן די געמעלן, וואָס זיינען געצייכנט אַרום ביינער, און מען האָט משער געווען, אַז די דאָזיקע צייכענונגען, וואָס זיינען געווען איינגראַווירט אויף קיילעכדיקע ביינער, זיינען געווען באַנוצט אויף אויפצודרוקן קאָלירטע געמעלן אויף לעדער. טייל פון די דאָזיקע אויסאַרבעטונגען פון ביין זיינען געווען ניט געוויינטלעך פיין. אַ פראַנצויזישער געלערנטער שרייבט, אַז די ביינערנע נאָדלען פון דער מאַדלען=צייט „זיינען אַ סך העכער ווי די פון שפּעטערדיקע, אַפילו היסטאָרישע צייטן. די רוימער, למשל, האָבן קיין מאָל ניט געהאַט קיין נאָדלען, וואָס מען זאָל קאָנען זיי צוגלייכן צו די נאָדלען פון דער מאַדלען=תקופה".

עס איז ניט מעגלעך איצט משער צו זיין, וויפל עס האָט געדויערט איטלעכע פון די דאָזיקע תקופות. מיר זיינען אַפילו ניט קלאָר אין זייער פאַרהעלטעניש צו אַנאַנד. איטלעכע האָט געדויערט אפשר פיר אָדער פינף טויזנט יאָר און מער, צוויי מאָל אַזוי פיל ווי פון דער קריסטלעכער ערא ביז צו אונזערע טעג. נאָך מער, די דאָזיקע איינטיילונג איז באַזירט דער עיקר אויף די רעשטן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין פראַנקרייך און אין צפון=שפּאַניע. אַז מיר גייען ווייטער אַראָפּ קיין דרום=שפּאַניע, איטאַליע און צפון=אַפריקע, זיינען די כאַראַקטעריסטישע סימנים זייערע מער ניט צו זען. אין דרום=זייט איז געווען אַן אַנדער טיפּ לעבן, אַנדערע שפּיז און אַנדערע געצייג און כלים.

צולעצט מאַכט דאָס דעם איינדרוק ווי די אומשטאַנדן וואָלטן זיך אַ קער געטאָן אינגאַנצן קעגן די דאָזיקע פּאַלעאָליטישע יעגערס, וואָס האָבן אַזאַ לאַנגע צייט געלעבט אין אייראָפּע. זיי זיינען פאַרשוואונדן. עס האָבן זיך באַוויזן נייע מינים מענטשן פון דרום= און פון מזרח=זייט, וואָס האָבן פאַרנומען זייער אָרט. די דאָזיקע לעצטע האָבן, משמעות, געבראַכט מיט זיך פייל און בויגן; זיי האָבן צוגעוויינט בעלי=חיים און באַאַרבעט די ערד. איבער אייראָפּעישע

שטרעקעס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ נייער שטייגער לעבן, דער נעאָליטישער שטייגער לעבן; און דאָס לעבן פון דער פּאָלאַרהירש-צייט און די שפּעט-פּאַלעאָליטישע מענטשן, נאָכדעם ווי עס האָט געהערשט אַ סך אַלענגערע צייט, ווי דער אָפּשטאַנד צווישן אונז און די פריסטע התחלות פון פאַרשריבענער געשיכטע, גייט אַראָפּ פון דער אייראָפּעיִשער סצענע.

טייל שרייבערס זיינען אפשר נוטה מגזם צו זיין די אינטעלעקטועלע און פיזישע מעלות פון די דאָזיקע שפּעט-פּאַלעאָליטישע מענטשן און מאַכן פון זיי אַ וואונדער. אין איינעם גענומען, האָבן די דאָזיקע מענטשן געהאַט מערקווערדיקע כשרונות, אָבער אַז מען באַטראַכט זיך אַ ביסל, דערזעט מען, אַז זיי האָבן אויך געהאַט כמעט אַזעלכע מערקווערדיקע חסרונות. דער גוואַלדיקער פּראָגרעס, וואָס זיי ווייזן אַרויס אַנטקעגן זייערע נעאַנדערטאַלער פאָרגייער און זייערע באַזונדערע קינסטלערישע פעיִקייטן באַדאַרפן אונז ניט פאַרשטעלן די אויגן אויף צו זען זייער בפירושע באַגרענעצטקייט. לגבי דער קערפּערלעכער גרייס פון זייערע מוחות איז זייער גייסטיקע מהות געווען שמאָל און באַגרענעצט. זיי האָבן געהאַט אַ לעבעדיקע פאָרשטעל-קראַפט, אַ שאַרפן חוש פאַר בעלי-חיים-פאָרמען, זיי האָבן געהאַט דעם אימפּולס פון אמתן קינסטלער איבערצוגעבן איינדרוקן; אַזוי ווייט זיינען זיי געווען פול אויסגעוואַקסענע מענטשן. אָבער די זעלביקע נטיה צו מאָלן און צייכענען באַווייזן ביי היינטיקן טאָג אויך די בושמענער, די קאַליפאָרנישע אינדיאַנער, די אַוסטראַלישע שוואַרצע; דאָס איז ניט קיין סימן פון אַלזייטיק הויכער אינטעלעקטועלער מדרגה.

דער אַלגעמיינער איינדרוק פון זייערע צייכענונגען און געמעלן איז זייער גרויס, נאָר מיר טאָרן ניט באַגיין דעם טעות צונויפצונעמען אַלע די דאָזיקע דערגרייכונגען אין אונזער גייסט צו איין בילד, אַזוי ווי זיי וואָלטן פּלוצים אויפגעבליצט אין דער וועלט אין אַ קורצן משך צייט, אָדער אַזוי ווי זיי וואָלטן אַלע געווען דערגרייכונגען פון איין פאָלק. די דאָזיקע ראַסן פון פּאָלאַרהירש-מענטשן האָבן געוועלטיקט איבער אייראָפּע אָן אַ שטער אין אַ פּעריאָד צייט, וואָס איז לכל-הפחות צען מאָל אַזוי לאַנג ווי דער צייט-אָפּשטאַנד

צווישן אונז און דעם אָנהייב פון דער קריסטלעכער ערע, און אין משך פון דער גאַנצער געוואַלדיקער צייט האָבן זיי געהאַט די פולע פרייהייט צו אַנטוויקלען און צו פאַרענדערן זייער לעבן ביז צו די לעצטע מעגלעכקייטן. זיי זיינען געווען אין נאָענטער באַרירונג מיט בעלי-חיים, אָבער זיי זיינען, ווייזט אויס, ניט געקומען אין קיין שום באַציונגען מיט בעלי-חיים, חוץ דעם פערד. זיי האָבן ניט געהאַט קיין הינט. זיי האָבן בעצם גאָרניט געהאַט קיין שטוביקע בעלי-חיים. זיי פלעגן זיי אָפּשאַטעווען, כאַפּן, טויטן און אויפעסן. זיי האָבן קענטיק ניט געקאָכט זייער שפּייז. אפשר פלעגן זיי דאָס לאָזן אָנברענען און בראָטן אויף אַ שפּיז, אָבער מער האָבן זיי ניט געקאָנט טאָן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין כלים אויף צו קאָכן.

הגם זיי האָבן געהאַט טויגלעכן ליים, און הגם עס זיינען פאַראַן עטלעכע פּאַלעאָליטישע ליים-פיגורן אויף אַ געדערכעניש, האָבן זיי דאָך ניט געהאַט קיין טעפּעריי. הגם זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע צאָל פאַרשיידענע געצייג פון פייערשטיין און ביין, זיינען זיי קיינמאָל ניט געקומען צום געדאַנק אויסצוניצן געהילץ צוליב אַ שטענדיקער וואוינונג אָדער כדומה אַזעלכע בנינים. זיי האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין העק מיט הענטלעך, וואָס וואָלט זיי געקאָנט ברענגען אין שטאַנד צו באַאַרבעטן געהילץ. עס איז פאַראַן אַ השערה, אַז אויף עטלעכע פון די געמעלן איז פאַראַן אַ פּלויט פון פלעקלעך, וואָס אין אים זאָל כלומרשט זיין געפאַנגען אַ מאַמאָנט. אָבער די דאָזיקע שטריכן קאָנען זיין פשוט קראַצן אויפן געמעל. זיי האָבן קיין בנינים ניט געהאַט. עס איז אויך ניט געוויס, צי זיי האָבן געהאַט געצעלטן אָדער בויידלעך. אפשר האָבן זיי געהאַט פשוטע געצעלטן פון פעל. לכל-הפחות אייניקע געמעלן דערלויבן דאָס משער צו זיין. עס איז אַ ספק, צי זיי האָבן געקענט דעם בויגן. זיי האָבן ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין גוטע פייל-שפּיצן. טייל געלערנטע האַלטן געוויסע געצייג זייערע פאַר „שפּיז-אויסגלייכערס", אָבער דאָס איז נאָר אַזוי ווייט קלאָר, ווי ווייט מיר נעמען אָן, אַז זיי זיינען געווען פייל. אפשר האָבן זיי באַנוצט אָנגעשפּיצטע שטעקנס פאַר פייל. זיי האָבן ניט קולטיווירט קיין איין סאָרט קאָרן-געוויקסן אָדער גרינסן. זייערע פרויען זיינען געווען קלענער געוואַקסן ווי די מאַנספּיל. די עלטערע סטאַטועטעס שטעלן

זיי פאָר ווי זייער פעטע, כמעט אַזוי פעט ווי די בושמענישע ווייבער זיינען ביי היינטיקן טאָג. זיי ווערן אַזוי אָפגעפיטערט צוליב חתונה האָבן און אפשר איז דאָס אויך אַזוי געווען אין דער אַלטער שטיין-צייט. זיי זיינען געווען, בלי ספק, קלענער געוואַקסן פאַר די מאַנסביל דערפאַר, ווייל זיי פלעגן אָנהייבן האָבן קינדער, איידער זיי האָבן דערגרייכט צו זייער פולער צייטיקייט. די פרימיטיווע פרוי איז געווען אַ פאַרשקלאַפט באַשעפעניש.

די דאָזיקע מענטשן פון דער שפעט-פּאַלעאָליטישער צייט פלעגן זיך אָנטאָן, ווייזט אויס, אין פעלן, אויב זיי פלעגן בכלל זיך אָנטאָן אין וואָס. זייערע פעלן זיינען געווען אויסגעאַרבעט קונציק און געשיקט, און צום סוף פון דער תקופה האָבן זיי גענוצט נאָדלען פון ביין, בלי ספק, כדי צו נייען זייערע פעלצן. מען מעג משער זיין מיט אַ געוויסן גרונט, אַז זיי פלעגן אויסמאָלן די דאָזיקע פעלן, און עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז זיי פלעגן אויפדרוקן געמעלן מיט ביינערנע צילינדערס. זייער קליידונג איז געווען בלויז קאָלדרעס; מען האָט ניט געפונען קיין העקלעך צו פאַרשפּילען. משמעות, אַז זיי האָבן ניט באַנוצט קיין גראָז אָדער ענלעכע פעדעם צו געוועבן. זייערע סטאַטועטעס זיינען נאַקעט. זיי זיינען אין דער אמתן געווען נאַקעטע באַמאָלטע ווילדע מענטשן, אַחוץ וואָס אין אַ שלעכט וועטער פלעגן זיי זיך איינהילן אין אַ פעל-פּלאַכטע. לויט זייערע פרויען און זייער מאָלעריי זיינען זיי ענלעך צו די בושמענער אין דרום-אַפריקע; אין זייער יאָגן די הערטן פאָלאַר-הירשן זיינען זיי געווען ענלעך צו די אינדיאַנער פון לאַבראַדאָר.

די דאָזיקע יעגערס האָבן געלעבט אין פרייע סטעפּעס אַן ערך אַ פּאָר צענדליק טויזנט יאָר, צען מאָל אַזאַ לאַנגע צייט, ווי די קריסטלעכע ערע. זיי האָבן אפשר ניט געקאָנט באַשטיין אַנטקעגן דעם וואוקס פון די אייראָפּעישע וועלדער, בעת דער קלימאַט האָט גענומען ווערן מילדער און פייכטער. אַז עס איז קלענער געוואָרן די צאָל ווילדע פערד און פאָלאַר-הירשן אין אייראָפּע, און עס איז אויפגעקומען אַ נייער טיפּ פון מענטשלעכער קולטור, מיט אַ גרעסערן כוח איבער דעם שפּייז-זאַפּאַס, מיט אַ גרעסערער שטאַנדהאַפ=

טיקייט פון ישוב, מסתמא אויך מיט אַ ברייטערער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, האָט דער פּאָלאַרהירש-מענטש באַדאַרפט זיך אויסלערנען נייע לעבנס-וועגן אָדער ער האָט געמוזט פאַרשווינדן.

---

2. געאָגראַפיע פון דער פּאַלעאָליטישער וועלט.

עס איז זייער וויכטיק צו פאַרגעדענקען די אונטערשיידן צווישן דער געאָגראַפיע פון דער פּאָלאַר-הירש-תקופה און פון דער איצטיקער צייט. דאָס איז אַן ענין, וואָס מען פאַרזעט אים צו אָפט. אַפילו אַזאַ מאַן, ווי דר. פערפילד אָסבאָרן, איז אַריינגעפאַלן אין דעם פרט. ער שרייבט, אַ שטייגער, מכּוח דער „אינוואַזיע“ פון דער שעל- און מוסטיער-קולטור קיין שפּאַניע, וואָס זאָל זיין געקומען דורך צפון-אַפריקע פון עגיפטן — אַזוי ווי עס וואָלט דעמאָלט, פּונקט ווי היינט, געווען נאָר דער איינציקער וועג. פּראָפעסאָר אָבערמאַיער גייט ווייטער. ער חקירהט זיך, צי די שעל-קולטור איז געקומען קיין שפּאַניע פון אַפריקע „אויף אַ מין פרימיטיוון פּראָם“!

דער דאָזיקער פּראָם איז לחלוטין ניט געווען נייטיק. די קאַרטע פון איירָאָפּע און פּאָדעראַזיע מיט דרייסיק טויזנט יאָר צוריק באַווייזט, אַז שפּאַניע איז גאָרניט געווען דעמאָלט אַ באַזונדער טייל יבשה, אָפּגעשיידט פון אַפריקע דורך אַ ים.

נאָר דאָס איז אַ באַמערקונג דרך אגב; בכלל קאָן מען דרינגען, אַז די דאָזיקע פּאַלעאָליטישע מענטשן פון איירָאָפּע האָבן בפירוש געוואוינט אין גרענעץ-געביטן. מיר ווייסן נאָך ניט די מענטשלעכע געשיכטע און אירע הויפּט-שטריכן. דאָס לעבן פון די פּאָלאַרהירש-מענטשן איז געווען אַ גרענעץ-לעבן. זיי האָבן געלעבט אויף אָפענע הויכלענדער אין צפון-זייט פון די בעסערע געביטן פון דער ערד. אין דרום-זייט און אין מערב-זייט איז געווען דער מיטללענדישער בעקן. דאָ, פאַרבאָרגן אפשר אויף אייביק אונטער די בלויע וואַסערן, מוזן זיך געפינען רעשטן פון די בני-דור פון די פּאָלאַרהירש-מענטשן, וואָס זיינען מסתמא געווען מער אַנטוויקלט און געקליגט. די דאָזיקע גרויסע טאָלן אַרום די אָזערעס פון מיטללענדישן בעקן און אין

דעם דרייעק פון רויטן ים האָבן מסתמא פאַרגעשטעלט וואונדער־לעכע תנאים פאַר מענטשלעכער אַנטוויקלונג. די הויפּט־סצענע פון דער מענטשלעכער געשיכטע מיט 20.000 יאָר צוריק איז געלעגן דרומית־מזרחית פון פראַנצויזיש־שפּאַנישן געביט, דעם איינציקן געביט אין אייראָפּע, וואָס מען האָט ביז איצט ווי געהעריק אויסגעפאָרשט צו זוכן שפּורן פונם אור־מענטש.

מען האָט דאָ צו פאַרדאַנקען אַ סך די אַרבעטן פון פּראָפעסאָר אָבערמאַיער פון מאַדריד, וואָס מיר הייבן אָן צו פאַרשטיין, אַז אין דער צייט ווען די פּאַלאַרהירש־מענטשן האָבן געהערשט אין פראַנקרייך און צפון־שפּאַניע, זיינען די מענטשן, וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער דעם גרעסערן טייל פון דער שפּאַנישער טעריטאָריע און צפון־אַפריקע, געווען מענטשן פון אַן אַנדער קול־טור, וואָס ער רופט זיי אָן (לויט אַ ישוב אין טוניס) די קאַפּסי־קולטור. די קאַפּסי־קולטור איז אַ שפּעטערע פון די אָריניאַק־סאָליטרע־און מאַדלען־סטאַדיעס אין אייראָפּע, נאָר זי איז געווען אין איין צייט מיט זיי. זי איז געווען אַן אַנדערע, און אינגאַנצן זעצט זי פאָרויס מער אַנטוויקלטע סאָציאַלע תנאים. איר פעלט אפשר די רעפּרעזענ־טאַטיווע קרעפטיקייט פון דער צפונדיקער קונסט (וואָס איז כולל אין זיך די הפלאדיק אויסגעמאָלטע אַלטאַמיראַ־היילן), נאָר פון דער אַנדער זייט באַווייזט זי אַ היפּשע צאָל געמעלן פון מענטשן פאַר־נומענע מיט פאַרשיידענע אַרבעטן. זיי זיינען על־פּי רוב אויסגעמאָלט אויפן אייבערפלאַך פון פעלזן און זיי זיינען ענלעך אין כאַראַקטער און באַהאַנדלונג צו אַ סך פאַרצייטיקע און היינטיקע פעלזן־מאָלערייען געמאַכט פון די בושמענער אין דרום־אַפריקע. קאַפּסישע מאָלערייען האָט מען געפונען אויך אין איטאַליע.

דאָס לעבן, וואָס די קאַפּסישע מאָלערייען האָבן געבראַכט צו אונז, איז אַ גרינגער לעבן אונטער אָנגענעמערע קלימאַטישע תנאים, איידער דאָס לעבן פון די פּאָלאַרהירש־יעגערס אין צפון. פּאָלאַר־הירשן, בערן און ביזאָנען זיינען ניט צו זען, און די הויפּט־בעלי־חיים זיינען דער געוויינטלעכער הירש און דער ווילדער אָקס. עס באַווייזן זיך אויך נאָזהאָרן, ווילדער־אייזל און שטיינבאָק. מאַנספּיל טראָגן בויגנס און זיינען נאַקעט, נאָר דער רוב פרויען־פיגורן זיינען אויס־

געמעלט אָנגעטאָן אין שערצן. פעדער=פאַרפּוצן זיינען פאַראַן אָפּט. איין סצענע ווייזט אַ געיעג אויף אַ ווילדן חזיר און אַ צווייטע, ווי אַזוי מען רייכערט אויס אַ פאַסיקע ווילדע בינען. עס זיינען אויך פאַראַן גרופעס וואָס שטעלן פאָר מסתמא צערעמאָניעלע טענץ, און פיגורן פון מענטשן, וואָס טראָגן מאַסקעס פון בעלי=חיים אויף זייערע קעפּ און אַקסלען. אַז פּראָפעסאָר אָבערמאַיער האָט מיט אַ יאָר מיט עפּעס צוריק באַוויזן דעם מחבר עטלעכע צייכענונגען פון די דאָזיקע געמעלן אין מאַדריד, האָט ער באַצייכנט אַ אינטערעסאַנטע נטיה, צו פאַרדרייען די מענטשלעכע פיגור, בעת די בעלי=חיים ווערן אויסגעמעלט זייער געטריי און קענטלעך. אַלע מאָל איז דעם מענטשנס רומפּ אויסגעצויגן און שטאַרק צונויפגעדריקט, און אָפט זיינען די פיס שטאַרק פאַרגרעסערט. די דאָזיקע קאָנווענציאָנאַליטעט גייט אַריבער אין די שפּעטערדיקע געמעלן כמעט אין אַ דיאַגראַמאַטישער באַהאַנדלונג פון מענטשן. די געמעלן הערן אויף צו זיין געמעלן און ווערן סימבאָלן.

---

3. דער סוף פון דער פּאַלעאָליטישער תקופה.

עס האָט באַדאַרפט זיין אַרום 12.000 אָדער וויניקער יאָר פאַר אונזער צייט, ווען עס האָט זיך, מיט דער אויסשפּרייטונג פון די וועלדער און מיט אַ גרויסן שינוי פון דער פאַונע, צוגערוקט דער סוף פון דער הערשאַפט פונם יעגער=לעבן אין אייראָפּע. דער פּאָלאַר=הירש איז פאַרשוואונדן. אומגעביטענע תנאים ברענגען אָפט מיט זיך נייע שוועריקייטן. עס האָבן געקאָנט זיין פּרעהיסטאָרישע מגפות. אין פראַנקרייך איז, ווייזט אויס, געווען אַ פינסטערע צייט, איידער עס האָט זיך באַוויזן די נייע באַפעלקערונג. נאָר אין דרום=אייראָפּע גייט די שפּעט=קאַפּסישע קולטור אַריבער דורך דער סטאַדיע, וואָס אָבערמאַיער רופט אָן די עפּיפּאַלעאָליטישע, אין דער אַזילישער (נאָך דער הייל פון מאַס ד'אַזיל). די קאָנווענציאָנעלע מאָלעריי פון די קאַפּסי=מענטשן איז נאָך מער דיאַגראַמאַטיש אין דער אַזילישער סטאַדיע, און עס זיינען געפונען געוואָרן גרויסע מאַסן שטיינער באַ=

מאָלט מיט פענזל־שטריכן, וואָס איצט קאָנען מיר זיי אונטערשיידן פאַר מוסטער־טיפּן פון מענטשן און חיות. פאַרשיידענע אויסטראַלישע שבטים האָבן אויך איצט ענלעכע באַמאָלטע שטיינער, וואָס ווערן אָנגערופן „נשמה־שטיינער", און מען האַלט, אַז זיי פאַרקערפּערן אַ טייל אָדער די גאַנצע נשמה אָדער איינגנשאַפט פון אַ פאַרשטאָרבענעם עלטערפאָטער.

די דאָזיקע נייע מענטשן זיינען געווען אַ טונקעלע ראַסע מיט פיינע פּנים־שטריכן; זיי זיינען געווען די ערשטע אבות פון דער מיטללענדישער טונקל־ווייסער אָדער איבערישער ראַסע, וואָס איז נאָך איצט די הערשנדיקע ראַסע אין דרום־אייראָפּע. זייערע געמיינדעס האָבן זיך אויסגעשפּרייט קיין צפון אין איינעם מיט דער אויסשפּרייטונג פון די וועלדער אויפן אָרט פון די סטעפּעס, און מיטן פאַרשווינדן פון די יעגערס, מיט אַ 10 ביז 12 טויזנט יאָר צוריק.

די ערד־קאַרטע האָט גענומען זיך דערנענטערן אין אירע שטריכן צו דעם איצטיקן אויסזען, די לאַנדשאַפט, די פלאָרע און די פאַונע האָבן גענומען קריגן זייערע איצטיקע כאַראַקטערים־טישע סימנים. די הערשנדיקע בעלי־חיים אין די וועלדער, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין אייראָפּע, זיינען געווען דער קיניג־הירש, דער גרויסער אָקס און דער ביזאָן; דער מאַמאָנט און דער מאָשוס־אָקס (אַרקטישע פאָרמען) זיינען פאַרשוואונדן. דער גרויסער אָקס, אָדער אויעראָקס איז איצט פאַרטיליקט, ער האָט אָבער נאָך געלעבט אין די גערמאַנישע וואַלדער אין דער צייט פון דער רוימישער אימפּעריע און אפשר אַ סך שפּעטער. אים האָט מען קיינמאָל ניט געמאַכט צאַם. שטוביקע בהמות זיינען אריינגעבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע שפּעטער און קומען אַרויס פון אַ פאַרשיידענעם אָפּשטאַם. דער גרויסער אָקס האָט געהאַלטן עלף פוס אין דער הייך, אַזוי הויך ווי אַ העלפאַנד.

עס זיינען נאָך געווען לייבן אויפן באַלקאַנישן האַלב־אינזל, און זיי זיינען דאָ געבליבן ביז אַרום 1000 אָדער 1200 פאַר קר. די לייבן פון ווירטעמבערג און דרום־דייטשלאַנד אין יענע צייטן זיינען געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די איצטיקע לייבן. דרום־רוסלאַנד און צענטראַל־אַזיע זיינען געווען דעמאָלט באַדעקט מיט געדיכטע

פעלזן-געמעל אין שפאניע: א טאנצנדיקער שבט-עלטסטער.

וועלדער, און עס זיינען געווען העלפאנדן אין מעסאפאטאמיע און סיריע, און די פאונע אין אלזשיר איז געווען א טראפיש אפריקא-נישע לויט איר כאראקטער.

ביז דעמאלט זיינען מענטשן קיינמאל ניט אוועק צפונדיקער ווי דער באלטישער ים אדער די בריטישע אינזלען, נאר איצט איז שוין דער סקאנדינאווישער האלב-אינזל און אפשר אויך גרויס-רוסלאנד געווארן צוטריטלעך פאר א מענטשלעכן ישוב. עס זיינען ניטא קיין פאלעאליטישע רעשטן אין שוועדן אדער נארוועגן. אז דער מענטש איז אריינגעקומען אין יענע לענדער, איז ער שוין געווען אין דער נעאליטישער סטאדיע פון סאציאלער אנטוויקלונג.

4. אין אַמעריקע ניטאָ קיין אונטערמענטשן.

ניטאָ קיין דייטלעכע סימנים, אַז אין אַמעריקע זאָלן זיין געווען מענטשן פאַרן סוף פון דער פליסטאָצען=תקופה. מען זאָגט, אַז מען האָט געפונען אין עטלעכע ערטער עאָליטן, אָבער ניט קיין סך. די זעלביקע מילדערונג פונם קלימאַט, וואָס האָט געגעבן די פּאָלאַרהירש=יעגערס די מעגלעכקייט זיך צוריקצוציען קיין רוסלאַנד און סיביר, בעת עס האָבן זיך אָנגערוקט די נעאָליטישע שבטים, האָט זיי געקאָנט אויך דערלויבן דורכצוגיין דאָס לאַנד, וואָס איז איצט צעטיילט דורך דעם בערינג=דורכגוס, און צוקומען קיין אַמעריקע. פון דאָרט האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט מיט דער צייט קיין דרום. אַז זיי האָבן דערגרייכט ביז דרום=אַמעריקע, האָבן זיי געפונען דעם ריזן=קריכער (מעגאַטעריום), דעם גליפּטאָדאָן און אַ סך אַנדערע פאַרשוואונדענע באַשעפענישן, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געבליט. דער גליפּטאָדאָן איז געווען אַ ריזיקער דרום=אַמעריקאַנישער אַרמאַדיל, און מען דערציילט, אַז עס איז געפונען געוואָרן אַ מענטשלעכער סקעלעט באַגראָבן אונטער זיין גרויסן פאַנצער, וואָס איז ענלעך צום פאַנצער פון אַ שילד=קרייט.

אַלע מענטשלעכע רעשטן פון אַמעריקע טראָגן באַשיימפּערלעך אַן אַמעריקאַניש=אינדיאַנישן כאַראַקטער. אין אַמעריקע איז, ווייזט אויס, ניט געווען פריער קיין ראַסע פון אונטערמענטשן. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט דאָס שטיקל באַוויז פאַר דער עקסיסטענץ פון דעם אונטערמענטש, אַיין איינציקער מסופּקדיקער צאָן. דער מענטש איז געווען אַ פולקומער מענטש, בעת ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אַלע די ראַסן פון אונטערמענטש זיינען אויסגעוואַקסן אין דער אַלטער וועלט. ערגעץ וואו צווישן דרום=אַפריקע און מזרח=אינדיע אין דעם מיטללענדישן בעקן איז געווען דער אָרט, וואו די דאָזיקע אונטערמענטש=ראַסעס האָבן געשמידט זייער גורל, בעת יבשה=שטרעקעס זיינען אויפגעגאַנגען און אונטערגעגאַנגען, און וועלדער זיינען געוואָרן צו מדבריות און מדבריות צו וועלדער. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען דער אָרט, וואו עס שפּרייט זיך יעצט אויס דער אינדישער אָקעאַן. מען באַדאַרף נאָך אַמאָל איבערחזרן, אַז דער באַ=

ריכט איבער דעם פּאַלעאָליטישן מענטשן איז נאָר אַ טייל-באַריכט, וואָס איז גענומען פון דעם איצט ווערטפולן מאַטעריאַל, דעם אייראָפּעיִשן מאַטעריאַל. צו דעם מאַטעריאַל פאַר דער הויפּט-געשיכטע איז מען נאָך ניט צוגעקומען. די הויפּט-געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער צייט, ווען דער נעאַנדערטאַלער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער אייראָפּע, אין אַ געגנט וואָס איז נאָך ניט באַשטימט און וואָס איז אפשר נאָך אַיינגעזונקען אין ים, אַזוי אַז מיר קאָנען זי ניט אויספאָרשן.

קאַפּיטל 9

דער נעאָליטישער מענטש אין אייראָפּע

1. עס הייבט זיך אָן די קולטור־תּקופה. 2. וואו איז אויפגעקומען די נעאָליטישע קולטור? 3. טעגלעך לעבן פון דער נעאָליטישער צייט. 4. פּרימיטיווער האַנדל. 5. די פאַרפּלייצונג פון דער מיטללענדישער נידערונג.

דער נעאָליטישער פּאַזיס פון דער מענטשלעכער געשיכטע הייבט זיך אָן אין אייראָפּע מיט 10 אָדער 12 טויזנט יאָר צוריק. נאָר אין די לענדער וואָס אין דרומית־מזרחית האָבן מענטשן דערגרייכט צו דער נעאָליטישער מדרגה מסתּמא מיט עטלעכע טויזנט יאָר פריער. נעאָליטישע מענטשן זיינען בהדרגה אַריינגעקומען אין אייראָפּע פון דרום אָדער פון דרומית־מזרחית אין דער מאָס וואָס דער פּאָלאַרהירש און די פרייע סטעפּעס האָבן אָפּגעטראָטן זייער אָרט פאַר די וועלדער און היינטוועלטיקע אייראָפּעיִשע תּנאים.

די נעאָליטישע מדרגה אין דער קולטור ווערט כאַראַקטעריזירט:

1) דורך דעם, וואָס עס זיינען פאַראַן געשליפענע שטיין־געציג, און ספּעציעל די שטיינערנע האַק, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו אַ הילצערנעם הענטל. שפּעטער איז דאָס דאָזיקע געציג מסתּמא געברויכט געוואָרן מער אויף צו האַקן האָלץ, איידער ווי אַ כּלי־זיין אין מלחמה. עס זיינען פאַראַן אַ סך פיילן־שפּיצן. דאָס, וואָס איניקע געציג זיינען אַרומגעשליפן, שליסט ניט אויס דעם פאַקט, אַז עס זיינען פאַראַן גאָר אַ פולע געציג פון ניט געשליפענעם שטיין. נאָר עס זיינען פאַראַן אונטערשיידן אין דער אויסאַרבעטונג אַפילו צווישן די ניט אַרומגעשליפענע געציג פון דער נעאָליטישער צייט און צווישן די געציג פון דער פּאַלעאָליטישער צייט.

2) דורך דעם, וואָס עס הייבט זיך אָן אַ מין ערד-אַרבעט, און מען נעמט אויסנוצן געוויקסן און זאָט. נאָר צוערשט זיינען פאַראַן נאָך אַ סך סימנים, אַז געיעג איז געווען שטאַרק וויכטיק אין דער נעאָליטישער תקופה. דער נעאָליטישער מענטש איז אין אָנהייב ניט געזעסן פעסט בײַ זיין ערד-אַרבעט. ער פלעגט אַראָפּנעמען נאָר געכאַפּטע שניטן; אָדער געניויער, די פרויען זיינע האָבן צוערשט געקליבן ווילדע זאָמען און שפּעטער, פלעגן זיי אפשר אויך אַליין זייען און אַראָפּנעמען דעם שניט, אין דער צייט ווען ער אַליין איז געגאַנגען אויף געיעג. ערשט שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט פעסט.

3) דורך טעפּעריי און דורך קאָכן. קיין פערד-פלייש עסט מען מער ניט.

4) דורך צוגעוויינטע בעלי-חיים. דער הונט באַווייזט זיך זייער פרי. דער נעאָליטישער מענטש האָט געהאַט שטוביקע בהמות, שאָף, ציגן און חזירים. ער איז געווען אַ יעגער, וואָס איז געוואָרן צו אַ פּאַסטוך פון די ווילדע, וואָס פריער איז ער געגאַנגען אויף זיי אויף געיעג.

5) דורך פלעכטעריי און וועבעריי.

די דאָזיקע נעאָליטישע מענטשן זיינען מסתמא „אַריינגעוואַנדערט“ קיין אייראָפּע אויפן זעלביקן וועג, ווי די פּאַלאַר-הירש-מענטשן זיינען אַריינגעוואַנדערט פאַר זיי; דאָס הייסט, אַז דור נאָך דור און יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט, אין דער מאָס ווי דער קלימאַט האָט זיך אומגעביטן, האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט נאָכגייענדיק זייער געוויינטער שפּיז. זיי זיינען ניט געווען קיין „נאָמאַדן“. דאָס נאָמאַדנטום האָט זיך ערשט באַדאַרפט אַנטוויקלען צוגלייך מיט דער ציוויליזאַציע. נאָמאַדנטום איז אויך אַזאַ נייער און דורך-אַנטוויקלטער מצב, ווי ציוויליזאַציע.

בײַ היינטיקן טאָג זיינען מיר נאָך ניט אין שטאַנד אָפּצושאַצן, ווי ווייט די נעאָליטישע מענטשן זיינען אויסגעוואַקסן פון זיך און ווי ווייט זיי האָבן זייערע מלאכות און קונסטן געלערנט אָדער איבערגענומען בײַ די קינדסקינדער פון טייל יעגערס און פישערס פון דער שפּעט-פּאַלעאָליטישער תקופה. מעגלעך, אַז די יעגערס פון פּאַלאַרהירש זיינען אונטערגעגאַנגען, נאָר די קאַפּסי-מענטשן האָבן

צום טייל זיך אַנטוויקלט אַליין און צום טייל זיך אויסגעלערנט בײ די מער אַנטוויקלטע פעלקער אין דרום און אין מזרח די נייע וועגן פון לעבן.

צו וואָסערע מסקנות מיר זאָלן אויך קומען אין דעם ענין, נאָר איינס מעגן מיר זאָגן מיט זיכערקייט, אַז פון דער צייט, ווען עס האָט זיך באַוויזן דער נעאָליטישער לעבנס־שטייגער און צווישן אונזער צייט, איז ניטאָ קיין איבערבראָך, ווען עס זאָל זיין געוואָרן פאַרלענדט איין מין מענטשן, און גאָר אַ נייער מין זאָל פאַרנעמען זייער אָרט. עס זיינען פאַראַן אָנפאַלן, באַצווינגונגען, גרויסע וואַנדערונגען און אויסמישונגען, אָבער די ראַסעס ווי אַ גאַנצהייט בלייבן איבער און פאַסן זיך צו צו די געגנטן, וואו זיי הייבן אָן זיך צו באַזעצן מיטן אָנהייב פון דער נעאָליטישער תקופה. די נעאָליטישע מענטשן פון איראָפּע זיינען געווען ווייסע מענטשן, עלטערפאָטערס פון די מאָדערנע איראָפּעער. זיי זיינען אפשר געווען טונקעלער אין זייער קאָליר, איידער אַ פולע פון זייערע קינדסקינדער; מכוח דעם קאָנען מיר ניט ריידן מיט זיכערקייט. אָבער עס איז ניטאָ קיין איבעררייס אין דער קולטור פון זייער צייט, ביז מיר קומען צו דער תקופה פון קויל, דאַמף און דורך קראַפט געטריבענע מאַשינעריע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַכצנטן יאָרהונדערט.

אין אַ לאַנגער צייט אַרום באַווייזט זיך גאָלד, מן־הסתם דער ערשטער באַוואוסטער מעטאַל צווישן די ביינערנע באַפּוצונגען צוזאַמען מיט אַכאַט און בורשטין. אירישע פּאַרהיסטאָרישע רעשטן זיינען באַזונדערס רייך מיט גאָלד. אפשר מיט 6000 אָדער 7000 יאָר צוריק האָבן נעאָליטישע מענטשן אָנגעהויבן נוצן קופּער אין אייניקע צענטרען, געמאַכט דערפון געצייג לויט די זעלביקע מוסטערן, ווי זייערע שטיין־געצייג. זיי פלעגן אַריינגיסן דאָס קופּער אין פאָרעמס געמאַכט לויט די שטיין־געצייג. מעגלעך אויך, אַז זיי האָבן געפונען שטיקער ריין קופּער און האָבן דאָס אויסגעהאַמערט אין דער פאָרם. ריין קופּער געפינט מען נאָך היינט אין איטאַליע, אונגאַרן, קאָרנוואַל און אַ סך אַנדערע ערטער. אָבער ריין קופּער איז אַן ערגערער מאַטעריאַל פאַר געצייג ווי פייערשטיין; ער קאָן קיין שאַרף ניט האַלטן. קופּער צעמישט מיט צין (ביז צו אַ צענטל צין) איז אַ סך האַר־

טער. שפּעטער — מיר וועלן זיך ניט אײַנשטעלן צו זאָגן, ווען — האָבן מענטשן אַרויסגעפונען, ווי אַזוי מען קריגט אַרויס קופּער פון אַרץ. עס קאָן זיין, אַזוי ווי לאָרד אייוובערי איז משער, אַז זיי האָבן אַרויסגעפונען דעם סעקרעט פון שמעלצן דורך אַ צופאַל, ווען זיי האָבן אַוועקגעלייגט שטיקער קופּער=אַרץ צוזאַמען מיט געוויינטלעכע שטיינער, וואָס פון זיי האָבן זיי געמויט די פייער=הרובעס, וואָס זיי האָבן גענוצט אויף צו קאָכן.

אין כינע, קאָרנוואַל און אַנדערשוואו באַגעגנט זיך קופּער=אַרץ און צין=שטיין אין איין און דער זעלביקער אָדער; אין אונגאַרן איז קופּער פאַרבונדן מיט אַנטימאָניום; בכן, איז מעגלעך, אַז די פּאַרצייטיקע שמעלצערס האָבן ניט דורך זייער געשיקטקייט, נאָר דורך זייער ניט קענען זיך ניט ווילנדיק אָנגעשטויסן אויף דער האַרטערער און בעסערער בראָנזע, וואָס איז אַ געמיש פון קופּער און צין. בראָנזע איז ניט נאָר האַרטער פאַר קופּער, דאָס געמיש פון צין און קופּער לאָזט זיך גרינגער שמעלצן און טיילן. די אַזוי אָנגערופענע „ריינע קופּער=געצייג" האַלטן געוויינטלעך אַ קליינע פּראָפּאָרץ צין, און קיין צינערנע געצייג זיינען ניט באַוואוסט, און עס זיינען ניטאָ קיין ראיות צו באַווייזן, אַז דער פּאַרצייטיקער מענטש האָט געקענט צין ווי אַ באַזונדער מעטאַל. אַ שטיק צין איז געפונען געוואָרן אין די אָפּלעגערונגען פון די שווייצער פּאַליעס=בנינים, און צין איז געווען באַוואוסט ווי אַן אימפּאָרט=אַרטיקל אין עגיפּטן אונטער דער 18טער דינאַסטיע. עס איז פאַראַן (זעלטן) צין אין דער מיקענישער* צייט און עס זיינען פאַראַן (מסתמא שפּעטערע, נאָר מען קאָן זייער צייט ניט באַשטימען גענוי) צינערנע זאַכן אין קאַווקאַז. עס איז זייער שווער צו אונטערשיידן צין פון אַנטימאָן. עס זיינען פאַראַן אַ היפּשער טייל בראָנזע=זאַכן פון קיפּרוס, וואָס האַלטן אין זיך אַנטימאָן; אַ היפּשער טייל פון דעם וואָס זעט אויס ווי, צין, איז אויך דער אמתער אַנטימאָן — די אַנטיקע מענטשן האָבן געפּרוווט צו געפינען צין, נאָר פּאַקטיש האָבן זיי געקראָגן אַנטימאָן און האָבן געמיינט, אַז דאָס איז צין. אין שפּאַניע האָט מען געפונען די אַרבעט געצייג פון אַ פּרעהיסטאָרישן קופּער=שמעלצער, און אין פאַרשיידענע ערטער האָט מען געפונען מאַטעריאַלן פון בראָנזע=גיסערייען. די שמעלץ=מעטאָדן, וואָס די

דאָזיקע געפינסן באַווייזן, באַשטעטיקן לאָרד אייוובערים השערה. אין אינדיע, וואו עס באַגעגענען זיך צוזאַמען צינק און קופּער-אַרצן, האָט מען אויפן זעלביקן וועג זיך אויסגעלערנט צו גיסן מעש (וואָס איז אַ געמיש פון די דאָזיקע צוויי מאַטעריאַלן).

אַזוי שוואַך איז געווען דער אומבייט אין די אופנים און מע-טאָרן, וואָס איז אַרויסגעקומען דורך דער דערשיינונג פון בראָנזע, אַז נאָך אַ לאַנגער צייט פלעגט מען אַזעלכע בראָנזענע העק און אַנדערע כלים גיסן אין פורעמס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן לויט דער געשטאַלט פון די שטיינערנע געצייג, וואָס זיי האָבן זיי באַדאַרפט פאַרבייטן.

צולעצט, אפשר מיט אַ 3000 יאָר צוריק אין אייראָפּע, און פריער אין קליין אַזיע, האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו שמעלצן אייזן. אייזן איז געווען באַוואוסט לאַנג פאַר דער דאָזיקער צייט, אָבער דאָס איז געווען מעטעאָריש אייזן. ווי באַוואוסט, זיינען מעטעאָר-שטיינער על-פּי-רוב קלומפּעס אייזן און ניקל. עס איז געווען זעלטן און פלעגט באַנוצט ווערן פאַר צירונג אָדער צוליב כישוף. וויבאַלד אַז מענטשן האָבן שוין געוואוסט דעם שכל פון שמעלצן מעטאַל, איז שוין ניט געווען פון די גרויסע זאַכן אַרויסצוקריגן אייזן. זיי פלעגן שמעלצן אייזן דורך אויפבלאָזן פייער פון האָלץ-קוילן און פלעגן דאָס באַאַרבעטן דורך האַמערן צעגליטערהייט. צוערשט פלעגן זיי אויסאַרבעטן לפי-ערך קליינע שטיקער; עס האָט בהדרגה אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש אין געווער און געצייג; נאָר עס איז ניט געווען גענוג, בכדי איבערצובייטן בכלל די סביבה פון מענטשן. ס'איז גע-ווען גאָר אַ קנאַפּער אונטערשייד צווישן דעם טעגלעכן לעבן, וואָס עס האָבן געפירט די מער אַיינגעזעסענע נעאָליטישע מענטשן מיט 10.000 יאָר צוריק, און צווישן דעם לעבן פון פויערים אין אָפּגע-לעגענע ווינקעלעך פון אייראָפּע אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט.

מען שמועסט מכוח דער שטיין-צייט, בראָנזע-צייט און אייזן-צייט אין אייראָפּע, עס פירט אָבער אַריין אין טעות, אויב מען זאָל באַטראַכטן די דאָזיקע תקופות, ווי זיי וואָלטן געהאַט איין און די זעלביקע וויכטיקייט אין דער געשיכטע. ריכטיקער איז צו זאָגן, אַז עס איז געווען:

1) אַ פרי־פּאַלעאָליטישע תקופה, וואָס האָט גע־דויערט זייער לאַנג;

2) אַ שפּעט־פּאַלעאָליטישע תקופה, וואָס האָט ניט געדויערט אַפילו אַ צענטחלק צייט דערפון;

3) די קולטיווירט־תקופה, די תקופה פון די ווייסע מענטשן אין אייראָפּע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 10 אָדער העכסטנס 12 טויזנט יאָר צוריק, וואָס דער נעאָליטישער פּעריאָד איז געווען איר אָנהייב, און איצט געדויערט זי נאָך. עליאָט סמיטה לייגט פאָר אָנ־צורופן דעם 1טן פונקט „פּאַלעאַנטראָפּיש" און אַלץ וואָס דערנאָך „נעאָאַנטראָפּיש".

---

2. וואו איז אויפגעקומען די נעאָליטישע קולטור.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז מיר קענען נאָך ניט די געגנט, וואו די אבות פון די ברוינלעכע נעאָליטישע מענטשן האָבן זיך אַרויס־געאַרבעט פון דער פּאַלעאָליטישער סטאַדיע פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. מסתמא איז דאָס געווען ערגעץ אַרום דרומית־מערבית אַזיע אָדער אין אַ געגנט, וואָס איז איינגעזונקען אונטער דעם מיטל־לענדישן ים אָדער אין אינדישן אָקעאַן, וואָס דאָרט האָבן די עלטער־עלטערזיידעס פון די ווייסע מענטשן אַנטוויקלט די פּרימיטיווע קונסטן פון זייער שפּעט־פּאַלעאָליטישן פּעריאָד, בעת די נעאַנדערטאַל־מענטשן האָבן נאָך געלעבט זייער שווער לעבן אין דעם פייכטן קלימאַט פון דער פּאַראייזיקטער אייראָפּע. און אין משך פון די 10 טויזנט יאָר, בעת די פּאָלאַרהירש־מענטשן האָבן געלעבט אין סטעפּעס פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און שפּאַניע ביי אַזעלכע תנאים, וואָס האָבן ניט געלאָזט זיי גיך אַנטוויקלען זיך, האָבן די מענטשן פון דרומית־מזרחית אין גינסטיקערע תנאים געקאָנט אויסלערנען זיך ערד־אַרבעט, צאַם געמאַכט דעם הונט, אויסגעלערנט זיך האָדעווען בהמות, און אַז דער קלימאַט אין צפון איז געוואָרן ווייכער און דער קלימאַט אַרום עקוואַטאָר איז געוואָרן הייסער, האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט קיין צפון.

אַלע די דאָזיקע פריע קאַפּיטלען פון דער מענטשלעכער געשיכטע מוזן ערשט אויסגעגראָבן ווערן פון אונטער דער ערד. דער מאַטעריאַל וועט מסתמא ווערן געפונען אין קליין-אַזיע, פּערסיע, אַראַביע, אינדיע אָדער צפון-אַפריקע, אָדער עס ליגט אונטער די וואַסערן פון מיטללענדישן ים אָדער פון רויטן ים אָדער פון אינדישן אָקעאַן. מיט צוועלף טויזנט יאָר צוריק, אָדער אַן ערך אין דער צייט — מיר זיינען נאָך צו פרי, אַז מיר זאָלן קאָנען האָבן אַ גענויערע כראָנאָלאָגיע — זיינען די נעאָליטישע מענטשן געווען צעשפּרייט איבער אייראָפּע, צפון-אַפריקע און אַזיע. זיי זיינען געשטאַנען אַן ערך אויף דער זעלביקער מדרגה, ווי אַ סך איינוואוינער פון די פּאָלינעזישע אינזלען אין לעצטן יאָרהונדערט, און זיי זיינען דעמאָלט געווען די צום מיינסט אַנטוויקלטסטע מענטשן אין דער וועלט.

---

3. טעגלעך לעבן אין נעאָליטישער צייט.

עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו געבן דאָ אַ קורצע שילדערונג פונם לעבן פון די נעאָליטישע מענטשן אין אייראָפּע, איידער זיי האָבן זיך באַקענט מיט מעטאַל. מיר קריגן ידיעות איבער דעם דאָזיקן לעבן פון פאַרשיידענע מקורים. זיי האָבן אומעטום צעוואָרפן זייערע אָפּפאַלן, און אין עטלעכע ערטער (למשל, אויפן דענישן ברעג) זיינען זיי צונויפגעקליבן אין גרויסע הויפנס, וואָס זיינען באַוואוסט אונטערן נאָמען „קיכן-הויפנס“. זיי פלעגן באַגראָבן אייניקע פון זייערע מענטשן, אָבער ניט פונם המון, עס מיט גרויס פּאַראַד און אויפשיטן הויכע הויפנס ערד איבער זייערע קברים; די דאָזיקע קברים-בערגלעך גיבן צו אַ באַזונדער שטריך דער לאַנדשאַפט אין אַ סך ערטער פון אייראָפּע אינדיע און אַמעריקע ביזן היינטיקן טאָג. אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע קברים, אָדער ניט פאַרבונדן מיט זיי, פלעגן זיי אויפשטעלן גרויסע שטיינער (מעגאַליטן), איינציקווייז אָדער גרופּעסווייז, אַזעלכע זיינען פאַראַן, למשל, אין אייניקע ערטער אין ענגלאַנד. אין פאַרשיידענע ערטער קאָן מען נאָך געפינען די סימנים פון זייערע דערפער.

אַסך ווערטפולע ידיעות מכּוח נעאָליטישן לעבן האָט מען געפונען אין דער שווייץ. צוערשט איז דאָס אַרויסגעקומען אין דעם שטאַרק טרוקענעם ווינטער פון יאָר 1854, ווען אין איין אָזערע איז שטאַרק אָפּגעפאַלן דאָס וואַסער און עס זיינען אויפגעדעקט געוואָרן די פונדאַמענטן פון פּרעהיסטאָרישע פּאַליעס־בנינים פון דער נעאָליטישער און פּרי־בראָנזענער תּקופה, וואָס זיינען געווען געבויט איבערן וואַסער אויפן שטייגער פון ענלעכע הייזער, וואָס זיינען נאָך איצט פאַראַן אין צעלעבעס און נאָך ערגעץ. עס זיינען ניט נאָר געבליבן גאַנץ די באַלקנס פון יענע אַלטע פּלאַטפאָרמעס, נייערט



שפּעטע שטיין־געצייג און ליימענע כּלים. 1. אַ פּראָסטע שטיינערנע האַק. 2. אַ קלינג מיט איינגעזעגטע שאַרפן. 3. אַ טאָפּ געפונען אין דער טעמזע. 4, 7, 11 — דורכגעלעכערטע האַק־האַמערס פון דענעמאַרק. 5. אַ קינזשאַל פון פייערשטיין. 6. אַ געשליפענע שטיינערנע האַק. 8, 9, 10. שפּיז־שפּיצן פון פייערשטיין, געפונען אין אירלאַנד. די שטיינערנע האַק־האַמערס זיינען קאָפּירט פון מעטאַל־מאָדעלן, פון בראָנזע און אפשר פון אייזן.

מען האָט אויך געפונען אין די זומפּיקע הויפנס אונטער זיי זייער אַ פולע הילצערנע, ביינערנע, שטיינערנע און ליימענע כּלים און צירונג, רעשטן פון שפּייז וכּדומה. מען האָט אַפילו אַנטדעקט שטיקלעך נעצן און קליידער.

ענלעכע אָזערע־הייזער האָבן עקסיסטירט אין שאָטלאַנד, אירלאַנד און נאָך אַנדערע לענדער; אין אירלאַנד זיינען אָזערע־הייזער געוועזן באַוואוינט פון פּרעהיסטאָרישע צייטן אָן ביז צו דער רעגירונגס־צייט פון קיניג יעקב I אין ענגלאַנד. אַזעלכע אָזערע־דערפער זיינען זייער באַקוועם צו פאַרטיידיקן קעגן אַ שונא, און עס איז געווען גע־זינטער צו וואוינען איבער פליסנדיק וואַסער.

מסתמא האָבן אין אָט די שווייצער נעאָליטישע פּאַליעס־הייזער ניט געוואוינט די גרעסטע געמיינשאַפטן, וואָס האָבן עקסיסטירט אין יענע טעג. זיי זיינען געווען היימען פון קליינע פּאַטריאַרכאַלישע גרופּעס. אַנדערשוואו אין פרוכפּעריקע פליינען און אין פרייערע געגנטן זיינען שוין מסתמא געווען גרעסערע קיבוצים מענטשן, אייִדער אין יענע באַרג־טאָלן. אין וועלטשייר אין ענגלאַנד זיינען פאַראַן שפּורן פון אַזאַ גרויסער פאַמיליען־פאַראייניקונג; למשל, די רעשטן פונם שטיינער־קרייז פון אייוובערי. ניט ווייט פונם קבר־בערגל פון זילבערי, זיינען אַמאָל געווען די „שענסטע מעגאַליטישע חורבה פון אייראָפּע". עס באַשטייט פון צוויי קרייזן שטיינער, אַרומגערינגלט פון אַ גרעסערן קרייז און אַ גראָבן, וואָס פאַרנעמען אינ־אינגאַנצן אַ שטח פון אַכט און צוואַנציק מיט אַ האַלב אַקר. פון דאָרט האָבן זיך געצויגן צוויי אַלעען שטיינער, איטלעכער צו אַ מייל און אַ האַלב די לענג, איינע קיין מערב און די צווייטע קיין דרום פון דעם זילבערי־בערגל. דער זילבערי־בערגל איז דער גרעסטער פּרע־היסטאָרישער קינסטלעכער קבר־בערגל אין ענגלאַנד. די גרייס פון דעם דאָזיקן צענטער פון אַ גלויבן און פון אַ סאָציאַלן לעבן, וואָס מענטשן האָבן אים אינגאַנצן פאַרגעסן, זאָגט עדות, אַז אַ סך מענטשן האָבן דאָ קאָנצענטרירט אָנשטרענגונגען און אינטערעסן, הגם זיי האָבן געקאָנט זיין צעשפּרייט ווייט און ברייט איבער דעם מערב און דרום און צענטער פון ענגלאַנד. אפשר פלעגן זיי זיך צונויפ־קלייבן אין אַ באַשטימטער צייט פון יאָר צו אַ פּרימיטיוון יריד. מסתמא האָט די גאַנצע געמיינשאַפט „צוגעלייגט אַ האַנט" אויף צו בויען די קברים־בערגלעך און אָנשלעפּן די שטיינער. די איינ־וואוינער פון די שווייצער פּאַליעס־בנינים, פאַרקערט, האָבן, משמעות געלעבט אָפּגעזונדערט איטלעכער פאַר זיך.

די דאָזיקע אַיינוואוינער פון די אָזערע-דערפער זיינען געווען אַ סך ווייטער געקומען אין זייערע מעטאָדן און אין זייער וויסן, און מסתמא זיינען זיי אויך געווען שפעטער אין צייט, איידער די פרי-נעאָליטישע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעקליבן די מושל-בערגלעך, וואָס זיינען באַוואוסט ווי קיכן-הויפנס אויף די ברעגעס פון דענעמאַרק און שאָטלאַנד. די מענטשן פון די קיכן-הויפנס האָבן געלעבט אפשר אַרום 10.000 פאַר קר. אָדער פריער; די אָזערע בנינים אָבער זיינען געווען פאַרנומען כסדר פון 5.000 אָדער 4000 פאַר קר. כמעט אַראָפ ביז צו די היסטאָרישע צייטן. יענע פריע קיכן-הויפן-מענטשן געהערן צו די באַרבאַרישסטע צווישן די נעאָליטישע מענטשן, זייערע שטיין-העק זיינען געווען גראָב באַאַרבעט און זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום שטובּיקע בעלי-חיים, חוץ דעם הונט. די אַיינוואוינער פון די אָזערע-הייזער, פאַרקערט, האָבן געהאַט חוץ דעם הונט, וואָס איז געווען פון מיטעלער גרייס, נאָך אָקסן, ציגן און שאָף. שפעטער, אַז זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער בראָנזע-תקופה, האָבן זיי גענומען האָדעווען אויך חזירים. צווישן זייערע חורבות געפינט מען דער עיקר רעשטן פון בהמות און ציגן, און אַז מען נעמט אין אַכט דעם קלימאַט און די געגנט אַרום, מעג מען משער זיין, אַז מען פלעגט די דאָזיקע בעלי-חיים אויף ווינטער אַריינעמען אין די שטיבלעך אויף פאַליעס און מען פלעגט פאַר זיי צוגרייטן פיטערונג. מסתמא פלעגן די בהמות לעבן צוזאַמען מיט די מענטשן אין זייערע שטיבער, פונקט ווי מענטשן און בהמות לעבן איצט צוזאַמען אין די פויערשע הייזער אין דער שווייץ.

עס קאָן זיין, אַז די מענטשן פלעגן אין די הייזער דעמאָלט שוין מעלקן די קי און די ציגן, און מילך האָט אפשר פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין זייער ווירטשאַפט, פונקט ווי היינט אין די שווייצער-בערג. נאָר זיכער קאָן מען דאָס ניט זאָגן. מילך איז ניט קיין נאַטירלעכע שפייז פאַר דערוואַקסענע מענטשן; צוערשט האָט דאָס מסתמא באַדאַרפט אויסקומען פריקרע צו טרינקען מילך; און חוץ דעם האָט מען באַדאַרפט האָדעווען אַ סך דורות פון די בהמות, ביז זיי האָבן גענומען געבן גענוג מילך פאַרן געברויך פון זייער באַלעבאָס. אייניקע האַלטן, אַז מענטשן האָבן גענומען נוצן מילך, קעז,

פוטער און אַנדערע מילך-פּראָדוקטן ערשט שפּעטער, ווען זיי זיינען געוואָרן נאָמאַדן. דער מחבר אָבער איז נוטה צו דער מיינונג, אַז שוין די נעאָליטישע מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט דעם קונץ פון מעלקן בהמות. די מילך, אויב זיי האָבן זי גענוצט (און בלי-ספק אויך זויערמילך, אָבער נאָך ניט קיין גוט געמאַכטע קעז און פוטער), האָבן זיי געמוזט האַלטן אין ליימענע כלים, וואָרעם זיי האָבן שוין געהאַט טעפּעריי, הגם זיי האָבן נאָך געאַרבעט זייער גראָב.

דעם שפּייז-באַדאַרף זייערן האָבן זיי ממלא געווען דורך גע-יעג. זיי פלעגן טויטן און עסן הירשן און אינדן, ביזאָנען און ווילדע חזירים. זיי פלעגן עסן אויך דעם פוקס, וואָס גיט ניט קיין צו פיל געשמאַק פלייש, און אין אַ וועלט פון גענוגער שפּייז וואָלט מען דאָס ניט געגעסן. מאָדנע גענוג איז, וואָס זיי האָבן, משמעות, ניט געגעסן קיין האָזן. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז פון עסן דאָס פלייש פון אַ האָז וועלן זיי זיך אָננעמען מיט זיין פּחדנות; נאָך ביי היינטיקן טאָג זיינען פאַראַן ווילדע שבטים, וואָס האַלטן זיך אָפּ פון צו עסן האָזן-פלייש איבער דעם טעם.

וועגן זייערע מעטאָדעס פון ערד-אַרבעט ווייסן מיר גאָר ווייניק. עס זיינען ניט געפונען געוואָרן ניט קיין אַקערס, ניט קיין גראָב-שטיקער. זיי זיינען געווען פון האָלץ, און דערפאַר זיינען זיי צעניש-טעט געוואָרן. נעאָליטישע מענטשן האָבן קולטיווירט און געגעסן ווייץ, גערשטן און הירש, זיי האָבן אָבער גאָרנישט ניט געוואוסט פון האָבער און קאָרן. זיי פלעגן די קערנער אָנברענען, צעמאָלן צווישן שטיינער און אָנקלייבן דאָס מעל אין טעפּ, בכדי צו עסן, ווען זיי האָבן באַדאַרפט. און זיי האָבן געמאַכט זייער פעסט און שווער ברויט, וואָרעם קיילעכדיקע פלאַכע פענעצעס דערפון האָט מען געפונען אין זייערע אָפּלעגערונגען. קיין הייוון האָבן זיי באַ-שיימפערלעך ניט געהאַט. אויב זיי האָבן קיין הייוון ניט געהאַט, האָבן זיי אויך קיין יוירנדיקע געטראַנקען ניט געהאַט.

איין סאָרט גערשטן, וואָס זיי האָבן געהאַט, איז דערזעלביקער סאָרט, וואָס איז געוואָרן קולטיווירט ביי די פאַרצייטיקע גריכן, רוימער און עגיפּטער, זיי האָבן אויך געהאַט אַן עגיפּטישן מין

איין סאָרט גערשטן, וואָס זיי האָבן געהאַט, איז דער ווילדיקער סאָרט, וואָס איז געוואָרן קולטיווירט ביי די פּאַרצייטיקע גריכן, רוימער און עגיפּטער. זיי האָבן אויך געהאַט אַן עגיפּטישן מין ווייץ, דאָס איז אַ ראיה, אַז זייערע עלטערפּאָטערס האָבן געבראַכט אָדער איבערגענומען די דאָזיקע קולטור פון דרומית־מזרחית. דער צענטער, פון וואַנען ווייץ האָט זיך אויסגעשפּרייט, איז געווען ערגעץ אין אַ מזרחדיקער מיטללענדישער געגנט. אַ ווילדע פאָרם געפינט מען נאָך איצט בשכנות פון באַרג חרמון. ווען די אָזערעס־איינוואוינער האָבן פאַרזייט מיט ווייץ זייערע קליינע שטיקלעך ערד אין דער שווייץ, האָבן זיי דאָס געטאָן לויט אַ פּראַקטיק, וואָס די מענטשהייט האָט פאַרמאָגט שוין זינט דורות אָן אַ צאָל. די זאַט האָט באַדאַרפט ווערן געבראַכט פון תקופה צו תקופה פון אָט דעם ווייטן אויסשפּרייט־צענטער. אין די שטאַם־לענדער אין דרומית־מזרחית האָבן מענטשן שוין געזייט ווייץ אפשר טויזנטער יאָרן. אַלע פעלקער פון דער אַלטער וועלט, וואָס זיינען געקומען צו דער נעאָליטישער סטאַדיע, האָבן קולטיווירט און געגעסן ווייץ, נאָר די אינדיאַנער פון אַמעריקע האָבן זיכער אַנטוויקלט ערד־קולטור זעלבשטענדיק, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגעשיידט פון די שבטים פון דער אַלטער וועלט. זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין ווייץ. זיי האָבן קולטיווירט מאַיס, דעם אינדיאַנישן קאָרן, אַ תבואה־געוויקס פון דער נייער וועלט. יענע אָזערעס־איינוואוינער האָבן אויך געגעסן באָב און ווילדע עפּעלעך — די איינציקע עפּל, וואָס האָבן דעמאָלט עקסיסטירט אויף דער וועלט. קולטיווירונג און אָפּקלייב האָבן נאָך ניט געהאַט אַרויסגעבראַכט דעם עפּל פון היינטיקן טאָג.

זיי פלעגן זיך אָנטאָן דער עיקר אין פעלן, נאָר זיי פלעגן מאַכן אויך גראָבע געוואַנטן פון פלאַקס. שטיקער פון אַזאַ פלאַקסענעם געוואַנט האָט מען געפונען. זייערע נעצן זיינען געווען געמאַכט פון פלאַקס; זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין ידיעה פון קאָנאָפּלעס און קאָנאָפּלע־פאָדעם. אַז עס האָט זיך באַוויזן בראָנזע, ווערט גרעסער די צאָל פון זייערע שפּילקעס און צירונג. עס איז פאַראַן אַ יסוד צו מיינען, אַז זיי האָבן שטאַרק אַכט געגעבן אויף דער פריזור פון

זייערע האָר, וואָס זיי פֿלעגן דאָס טראָגן אין גרויסע קודלעס. פֿאַרשטאָכן מיט ביינערנע, און שפּעטער מעטאַלענע שפּילקעס. וועדליג עס זיינען ניטאָ קיין רעאַליסטישע שניצערייען, גראַווירונגען און געמעלן, מעג מען אָננעמען, אַז אָדער זיי האָבן גאָרניט באַפּוצט זייער אָנטאָן, אָדער זיי פֿלעגן דאָס באַפּוצן מיט קעסטעלעך, פּינטעלעך, געפֿלאָכטענע צייכענונגען און כדומה אַזעלכע קאָנווענציאָנעלע אָרנאַמענטן. איידער עס איז געווען בראָנזע, איז ניטאָ קיין סימן פֿון אַ בענקל אָדער אַ טיש. די נעאָליטישע מענטשן פֿלעגן מסתמא זיצן אויף זייער ליימענער פּאָדלאָגע מיט די פֿיס אונטער זיך. אין די דאָזיקע אָזערע-בנינים זיינען קיין קעץ ניט געווען; קיין מייז אָדער שטשורעס האָבן זיך נאָך ניט געהאַט צוגעפּאַסט צו מענטשלעכע וואוינונגען; דער הונס קלאָכטשען האָט מען ניט געהערט צווישן מענטשן, און קיין אייער פֿון שטוב-עופֿות זיינען ניט אַריין אין מענטשנס שפּייז.

הינער-פֿלייש און אייער זיינען זייער שפּעט אַריין אין דער מענטשלעכער קיך, ניט געקוקט אויף דער גרויסער ראָלע, וואָס זיי שפּילן היינט אין אונזער דיעטע. די הון ווערט ניט דערמאָנט אין תּנ״ך (נאָר ס'איז פֿאַראַן אַ רמז אויף אַן איי אין איוב 6,6) און ניט ביי האָמערן. אַן ערך ביז 1500 פֿאַר קר. זיינען די איינציקע שטוב-עופֿות אין דער וועלט געווען אַיינוואוינער פֿון דזשאָנגל אין אינדיע און בורמאַ.

גלאַספּירד פֿאַרצייכנט אין זיין הפֿלאַדיקער באַשרייבונג פֿון אַ טיגער-געיעג דאָס קרייען פֿון די דזשאָנגל-הענער ווי דעם שטענדיקן זיכערן אָנזאָג פֿון טאָג-באַגינען אין אַ אינדישן דזשאָנגל. צוערשט צוגעוויינען הינער האָט מען אָנגעהויבן מסתמא אין בורמאַ. קיין כינע זיינען זיי געקומען, לויט די כראָניקעס, אַרום 1.100 פֿאַר קר. זיי זיינען געקומען קיין גריכנלאַנד דורך פּערסיע פֿאַר סאָקראַטעס צייט. אין דער ברית-החדשה ווערט דערציילט, אַז דאָס קרייען פֿון האָן האָט דערמאָנט פּעטרוסן, אַז ער האָט פֿאַרלייקנט זיין רבין.

דאָס הויפּט-געצייג און הויפּט-געווער פֿונם נעאָליטישן מענטשן איז געווען זיין האַק; דערנאָך גייט דער פֿייל און בויגן. זיינע פֿייל-שפּיצן זיינען געווען פֿון פֿייערשטיין, פֿיין אויסגעאַרבעט, און ער



א לאגער פון מענטשן אין דער פרי-נעאָליטישער צייט. די חיה, וואָס זיי האָבן צוגעוויינט צו זיך, איז א שאקאל. אזעלכע מענטשן זיינען געווען צעשפרייט איבער איירָאָפּע, צפון-אפריקע און אזיע. זיי האָבן זיך געפונען אַן ערך אויף דער זעלביקער מדרגה, וואָס א סך פון די איינוואוינער פון די פּאָלינעזישע אינזלען אין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט.

פֿליגט זיי פֿעסט צוצובינדן צו זייערע שטילן. די ערד צום זייען פֿליגט ער מסתמא דורכגראָבן מיט אַ פֿלאָקן אָדער מיט אַ פֿלאָקן מיט אַן אַרויפֿגעזעצטן הירש־האָרן. פֿיש פֿליגן ער כאַפּן מיט אַ האַרפּונע. די דאָזיקע געצייג זיינען מסתמא געשטאַנען אינעווייניק אין זיין שטיבל, בעת אויף זיינע ווענט זיינען געהאַנגען זיינע נעצן צו כאַפּן פֿייגלען. אויפֿן דיל, וואָס איז געווען פֿון ליים אָדער אַיינגעטראָטענעם קו־מיסט (ווי עס זיינען איצט געמאַכט די דילן פֿון די שטיבלעך אין אינדיע), זיינען געווען צעשטעלט טעפּ און קריג און געפֿלאָכטענע קערב מיט קערנער, מילך און אַנדערע שפּייז. טייל טעפּלעך און שיסלען זיינען געהאַנגען אויף שטריקלעך אַרום די ווענט. אין איין עק שטיבל זיינען געווען איינגעמאָשטשעט די בעלי־חיים, וואָס פֿליגן ווינטער אויך אָנוואַרעמען דאָס שטיבל מיט זייער נאַטירלעכער וואַרעמקייט. די קינדער פֿליגן אַרויסטרייבן די קו און ציגן פֿאַשען זיך אין גראָז און ברענגען זיי אַהיים אויף דער נאַכט, איידער די וועלף און בערן גייען אַרויס זוכן רויב.

זינט דער נעאָליטישער מענטש האָט געהאַט דעם בויגן, האָט ער מסתמא געהאַט אויך סטרונע־אינסטרומענטן, וואָרעם די ריטמישע ציטערונגען פֿונם בויגן־שנור האָבן, קענטיק, געמוזט פֿירן דערצו. ער האָט אויך געהאַט ליימענע פֿייקלעך, וואָס אויף זיי זיינען געווען אַריבערגעצויגן פֿעלן; ס'קאָן זיין אויך, אַז ער האָט געמאַכט פֿייקלעך דורך אַריבערציען פֿעל איבער אויסגעהוילטע בוים־שטאַמען. ביינערנע פֿייפֿלעך זיינען באַוואוסט נאָך פֿון דער פּאַלעאָליטישער צייט. מען מעג משער זיין, אַז ראָר־פֿייפֿעלעך זיינען פֿרי געמאַכט געוואָרן. מיר ווייסן ניט, ווען דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו זינגען, נאָר ער האָט באַשיימפּערלעך מוזיצירט, און זינט ער האָט געהאַט ווערטער, האָט ער בלי־ספק געמאַכט לידער. צווערשט פֿליגט ער אפֿשר נאָר לאָזן זיין שטים פֿריי, אַזוי ווי מען קאָן אַמאָל הערן איטאַליענישע פֿויערים זינגען לידער אָן ווערטער גייענדיק הינטערן אַקער. ווינטער־צייט, ווען עס פֿליגט ווערן פֿינסטער, פֿליגט ער זיך זעצן אין זיין שטיבל און שמועסן און זינגען און מאַכן זיינע געצייג, גיכער טאַפּנדיק איידער זעענדיקערהייט. זיין באַלייכטונג האָט געמוזט זיין אַן אָרעמע, און דער עיקר פֿון ברענענדיקן פֿייער; מסתמא איז אין

דאָרף שטענדיק געווען פייער, סיי ווינטער סיי זומער. עס איז גע=
ווען אַ צו שווערער עסק פאַר מענטשן צו מאַכן פייער, בכדי זיי זאָלן
לאָזן דאָס אויסגיין. אַמאָל פלעגט טרעפן אַ חורבן אין די פאַליעס
דערפער; דאָס פייער פלעגט זיך אַרויסכאַפּן און זיי פלעגן פאַרברענט
ווערן. די שווייצער אָפּלעגערונגען ווייזן סימנים פון אַזעלכע קאַטאַס=
טראָפעס.

דאָס אַלץ קלייבן מיר צונויף פון די רעשטן פון די שווייצער
פאַליעס=בנינים, און דאָס איז געווען דער כאַראַקטער פון מענטשלעכן
לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אייראָפּע, געקומען
אין איינעם פון די וועלדער פון דרום און פון מזרח, נאָכדעם ווי
די פּאָלאַר=הירשן און די פּאָלאַרהירש=מענטשן האָבן זיך געפעלט.
עס איז באַשיימפּערלעך, אַז מיר האָבן דאָ אַ לעבנס=שטייגער, וואָס
איז אָפּגעשיידט פון דער פּאַלעאָליטישער אָנהייב=סטאַדיע דורך
אַ גוואַלדיקן מהלך פון טויזנטער יאָרן. די איינציקע מדרגות, וואָס
איבער זיי האָט דאָס מענטשלעכע לעבן אַרויפגעשטייגט פון יע=
נעם לכתחילהדיקן צושטאַנד, קאָנען מיר מער ניט פּרוּוון אויסמעלן
אין אונזער פאַנטאַזיע. צוערשט אַ יעגער, וואָס משאַטעוועט
אַרום די טשערעדעס און הערטן ווילדע רינדער און שאָף, אַ
יעגער, וואָס קאָנקורירט אין יאָגן מיטן הונט, האָט דער מענטש בהדרגה
קוים צו מערקן אַנטוויקלט אַ חוש פאַר אייגנטום איבער די בעלי=חיים
און האָט געשלאָסן פריינטשאַפט מיט זיין קאָנקורענט דעם הונט.
ער האָט זיך אויסגעלערנט צוריקצוטרייבן די רינדער, ווען זיי זיינען
אַוועק צו ווייט; זיין שכל האָט אים געלערנט אויסצוגעפינען פאַר זיי
פרישע וייד=ערטער און צו פירן זיי אַהין. ער האָט איינגעצאַמט די
בהמות אין טאָלן און איינצאַמונגען, וואו ער האָט געקאָנט זיין זיכער,
אַז ער וועט זיי געפינען. ער האָט זיי געפיטערט, ווען זיי זיינען איי=
נגעגאַנגען פון הונגער, און האָט זיי פאַרזאָרגט אַזוי אַרום צאַם גע=
מאַכט. אפשר האָט זיין ערד=קולטור זיך אָנגעהויבן מיטן אָנקלייבן
פיטערונג פאַר די בהמות. ער האָט בלי=ספק געשניטן פריער, איי=
דער ער האָט געזייט. דער פּאַלעאָליטישער עלטערפאָטער וויִיט אין
יענעם אומבאַקאַנטן שטאַם=לאַנד אין דרומית=מזרחית פלעגט צו=
ערשט ממלא זיין דעם יעגערס אומזיכערן פלייש=זאַפּאַס דורך עסן

וואָרצלען און פרוכט און ווילדע קערנער. עס איז אַ ספק, צי איז דער מענטש געווען אויף וואָסער עס איז סטאַדיע אינגאַנצן אַ פליישעסער.

ביז עס איז געקומען אַ צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן סוף־כּל־סוף צו זייען.

עס איז איינער פון די טשיקאַווסטע און גרונטיקסטע פאַקטן אין דעם וואוקס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי סער דזש. ג. פרייזער האָט באַוויזן אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק „גאָלדענער צווייג“, וואָס דער געדאַנק פון זייען איז אין פּרימיטיוון נעאָליטישן גייסט פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן געדאַנק פון אַ מענטשלעכן קרבן. דאָס איז געווען דער פלאָנטער פון דעם קינדישן, חלומענדיקן, מיטאָס־שאַפנדיקן גייסט; קיין שום שכלדיקער פּראָצעס קאָן דאָס ניט דערקלערן. אין דער וועלט וואָס מיט 10.000 יאָר צוריק פלעגט אַלע מאָל, ווי עס איז געקומען די צייט פון זייען, ווערן געבראַכט אַ מענטשלעכער קרבן. און דאָס איז ניט געווען אַ קרבן פון עפּעס אַ געמיינעם אָדער פאַרשטויסענעם פאַרשוין; דאָס איז געווען געוויינטלעך אַ קרבן פון אַן אויסדערוויילטן יונגן בחור אָדער בתולה, אָפטער פון אַלץ אַ בחור, וואָס ביז צום מאָמענט פון זיין שעכטונג האָט מען אים באַהאַנדלט מיט טיפן דרך־ארץ און אַכטונג. עס איז אָפט געווען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ גאָט־קיניג, און אַלע פּרטים פון זיין קוילען זיינען געוואָרן אַ ריטואַל, געפירט פון אַלטע ווייסנדיקע לייט און געהייליקט דורכן מנהג פון דורות.

וואו נאָר דער מענטש האָט דערגרייכט אָדער אַריבערגעטראָטן דעם אָנהייב פון אַגריקולטור, באַווייזט זיך דער דאָזיקער מענטשלעכער קרבן אָדער אַן איבערבלייבנדיקער רעשט פון אים.

---

4. פּרימיטיווער האַנדל.

אַלע די דאָזיקע פריע אָנהייבן האָבן געמוזט פאָרקומען מיט אַ סך צייט צוריק און אין געגנטן פון דער וועלט, וואָס די אַרכעאָלאָגן דאַרפן זיי נאָך ווי געהעריק אויספאָרשן. נעאָליטישע מענטשן זיינען

געווען אַ לאַנגע צייט נאָך די דאָזיקע אָנהייבן; זיי זיינען שוין געווען נאָענט, עטלעכע טויזנט יאָר פאַרן באַגינען פון אַ געשריבענער טראַדיציע אין דער באַוואוסטער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָן אַ זייער גרויסער צעטרייסלונג אָדער אַ בראָך איז די בראָנזע אַריינגעטראָטן אין מענטשלעכן לעבן, וואָס דורך איר האָבן די שבטים, וואָס האָבן זי צוערשט פאַרמאָגט, געקראָגן אַ גרויסע איבערוואָג אין ענינים פון קריג. געשריבענע געשיכטע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן, איידער אין אייראָפּע זיינען אַריינגעקומען אייזערנע כלי-זיין אויף צו פאַרבייטן די בראָנזע.

שוין אין יענע טעג איז אויפגעקומען אַ פּרימיטיווער האַנדל. בראָנזע און בראָנזענע כלי-זיין און אַזעלכע זעלטענע און האַרטע שטיינער ווי בעריל, גאָלד, וואָס קאָן מחמת זיינע פּלאַסטישע אייגנשאַפטן דינען צוליב צירונג, בורשטין פון וועגן זיין דורכלויכטיקער שיינקייט, פעלן און פלאַקסענע נעצן און געוואַנטן — דאָס אַלץ פלעגט ווערן אויסגעביטן און גענגבעט און איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט איבער גרויסע שטרעקעס לאַנד. מיט זאַלץ פלעגט מען אויך מסתמא האַנדלען. בײַ אַ פליישדיעטע קאָנען מענטשן אויסקומען אָן זאַלץ, אָבער מענטשן וואָס עסן זאַמען מוזן האָבן זאַלץ, פּונקט ווי עס מוזן דאָס האָבן גראָזפרעסנדיקע בעלי-חיים. האָפף דערציילט, אַז שווערע מלחמות זיינען געפירט געוואָרן צווישן די מדבר-שבטים פון סודאַן אין די לעצטע יאָרן איבער דעם, ווער עס וועט זיין באַלעבאָס פון די זאַלץ-לאַגונעס אין פעזאַן. אין אָנהייב איז כמעט ניט צו שפּירן קיין אונטערשייד צווישן בייט-האַנדל, נאַטור-צינז, אָפּגאָב און רויבערײַ. מענטשן פלעגן זיך אָנשאַפן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט, אויף אַזעלכע וועגן, ווי עס האָט זיך געלאָזט.

5. פאַרפלייצונג פון דער מיטללענדישער נידערונג.

ביז אַהער האָבן מיר דערציילט אַ היסטאָריע אָן געשעענישן, אַ היסטאָריע פון תקופות און פעריאָדן און אַנטוויקלונגס-סטאַדיעס. נאָר איידער מיר פאַרענדיקן אָט דעם טייל פון דער מענטשלעכער

געשיכטע, מוזן מיר פֿאַרצייכענען אַ געשעעניש, וואָס האָט מסתּמא דעם גרעסטן באַטייט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהייט און וואָס האָט צוערשט געהאַט אַ טראַגישע ווירקונג אויפֿן גורל פֿון מענטשן; דאָס איז דאָס אַריינרייסן זיך פֿון די אַטלאַנטישע וואַסערן אין דעם גרויסן מיטללענדישן טאָל אַריין... עס איז זיכער, אַז צום סוף פֿון דער לעצטער אייז-תּקופֿה זיינען אין דער מיטללענדישער נידערונג געווען אַ פּאָר וואַסער-בעקנס איינגעשלאָסן דורך יבשה, וואָס זיינען ניט געווען פֿאַרבונדן אָדער פֿאַרבונדן נאָר דורך אַ שטאַרק פֿליסנדיקן טייך. דער מזרחדיקער בעקן איז געווען מער זיס-וואַסערדיק; ער איז געוואָרן געשפּייזט דורך דעם נילוס, דעם „אַדריאַטישן" טייך, דעם „ים-סוף"-טייך און אפֿשר נאָך דורך אַ טייך, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די בערג, וואָס זיינען איצט דער גריכישער אַרכיפּעלאַג, פֿון דעם זייער גרויסן ים פֿון צענטראַל-אַזיע, וואָס האָט דעמאָלט עקסיסטירט עס איז כּמעט ווי זיכער, אַז נעאָליטישע מענטשן האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער דעם דאָזיקן איצט פֿאַרלאָרענעם מיטללענדישן גן-עדן.

די מאָטיוון, פֿאַרוואָס מען זאָל דאָס אָננעמען פֿאַר ריכטיק, זיינען זיכערע און קלאָרע. ביז היינטיקן טאָג ווערט דער מיטללענדישער ים בּסדר אויסגעדעמפּט. די טייכן, וואָס פֿליסן אין אים אַריין, קלעקן ניט אויף צו פֿאַרפֿולן דאָס, וואָס זיין איבערפֿלאַך דעמפּט אויס. דערפֿאַר איז פֿאַראַן אַ שטענדיקער וואַסער-שטראָם, וואָס שפּאַרט פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן אין מיטללענדישן ים אַריין, און נאָך אַ לויפֿנדיקער שטראָם ציט פֿון באָספּאָרוס און שוואַרצן ים. וואָרעם דער שוואַרצער ים קריגט אַריין מער וואַסער, ווי ער באַדאַרף האָבן, פֿון די גרויסע טייכן, וואָס פֿליסן אין אים אַריין; דאָס איז אַ ים מיט צופֿיל וואַסער, בעת דער מיטללענדישער ים האָט צו ווייניק וואַסער. דערפֿון מוז זיין קלאָר, אַז דעמאָלט, בשעת דער מיטללענדישער ים איז געווען אָפּגעשניטן סיי פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן און סיי פֿון שוואַרצן ים, האָט ער געמוזט אויסטריקענען, און זיין וואַסער-שפּיגל האָט געמוזט אַראָפּזינקען אונטער דעם וואַסער-שטאַנד פֿונם אָקעאַן אין דרויסן. דאָס איז דער פֿאַל היינט מיטן קאַספּישן ים. נאָך מער איז דאָס דער פֿאַל מיטן טויטן ים.

נאָר אויב דאָס געזאָגטע איז ריכטיק, דעמאָלט האָבן געמוזט

זיין אַמאָל דאָרט, וואו עס כוואַליען זיך איצט די בלויע וואַסערן פון מיטללענדישן ים, גרויסע שטרעקעס יבשה, אַלאַנד מיט זייער אַ געשמאַקן קלימאַט. דאָס איז מסתמא געווען אַזוי אין דער צייט פון דער לעצטער אייז־תקופה, און מיר ווייסן ניט, ווי נאָענט צו אונזער צייט האָט געטראָפן די אומענדערונג, וואָס האָט געבראַכט צוריק די וואַסערן פון אָקעאַן אין מיטללענדישן בעקן. געוויס האָבן אַזילישע און נעאָליטישע מענטשן געמוזט אַרומגיין אין די טאָלן און וועלדער פון יענע געגנטן, וואָס זיינען איצט אונטער וואַסער. די נעאָ־



א פארצייטיק אָזערע־דאָרף אין בריטאַניע.

ליטישע טונקל־ווייסע מענטשן, דאָס פאָלק פון דער מיטללענדישער ראַסע, זיינען אפשר שוין געווען ווייט אַוועק אין די התחלות פון ישוב און ציוויליזאַציע אין דעם דאָזיקן פאַרשוואונדענעם מיטללענדישן טאָל.

מר. וו. ב. רייט האָט געמאַכט עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע השערות מכוח דעם ענין. ער איז משער, אַז אין מיטללענדישן בעקן זיינען געווען צוויי אָזערעס, „איינע אַ זיס־וואַסער־אָזערע, אין דער

מזרחדיקער פּאַרטיפונג, וואָס האָט פּאַוואָליע געלאָזט אַריינשטראָמען
אירע וואַסערן אין דער אַנדערער, אין דער מערבדיקער פּאַרטיפונג.
עס איז אינטערעסאַנט אַ קלער צו טאָן, וואָס עס האָט געמוזט פּאַסירן,
ווען דער וואַסער־שפּיגל פון אָקעאַן האָט געשטייגט, מחמת דעם וואָס
די אַייז־פעלדער האָבן זיך צעשאָטן, און זיינע וואַסערן האָבן זיך
אַריינגעריסן אין דער מיטללענדישער נידערונג. דער אַריינשטראָם,
וואָס איז צוערשט געווען קליין, האָט געמוזט גוואַלדיק אויסוואַקסן,
אין דער מאָס וואָס דער קאַנאַל איז פּאַוואָליע געוואָרן פאַרטיפט דורך
דורך אויסשווענקונג און דער אָקעאַן־שפּיגל האָט זיך געהויבן. אויב
ביים שוועל פון דורכגוס זיינען געווען וואָסערע עס איז ניט־פעסטע
מאַטעריאַלן, האָט דער רעזולטאַט געמוזט זיין אַן אמתער חורבן; און
אויב מיר באַטראַכטן זיך ווי לאַנג עס האָט באַדאַרפט געדויערן, אַז
אַפילו אַ גוואַלדיקער שטראָם זאָל אָנפילן אַזאַ בעקן, ווי דער מיטל־
לענדישער, מוזן מיר קומען צו דער מסקנא, אַז צום ערלעדיקן רע־
זולטאַט וואָלט דאָס געמוזט קומען אויף יעדן פאַל. איצט קאָן
דאָס אויסווייזן ווי אַ ווילדע חקירה, אָבער עס איז לגמרי ניט אַזוי,
וואָרעם אַז מיר שטודירן די קאָנטורן־קאַרטע פון ים־גרונט ביים
גיבראַלטאַר־אויסגוס, געפינען מיר דאָרט אַ גוואַלדיקן טאָל, וואָס
הייבט זיך אַרויף פון די טיפענישן פון מיטללענדישן ים, גלייך
דורכן דורכגוס, און וואָס גראָבט זיך אַריין אויף אַ געוויסן מהלך
אין זאַמד־באַנק פונם אַטלאַנטישן אָקעאַן. דער דאָזיקער טאָל איז
מסתמא געמאַכט געוואָרן דורך די אַריינשטראָמענדיקע וואַסערן פונם
אָקעאַן, ווען עס האָט זיך געענדיקט אַ פּעריאָד פון אינעווייניקסטער
אויסשווענקונג".

די דאָזיקע אָנפילונג פונם מיטללענדישן בעקן, וואָס לויט
דער לערכדיקער כראָנאָלאָגיע, וואָס מיר באַנוצן אין דאָזיקן בוך,
האָט זי באַדאַרפט טרעפן אַן ערך צווישן 15.000 און 10.000 פאַר קר.,
איז געווים געווען איינע פון די גרעסטע געשעענישן אין דער פאָרגע־
שיכטע פון אונזער ראַסע. אויב די לעצטע דאַטע איז ריכטיקער, דע־
מאָלט שטאַמען די רויע התחלות פון ציוויליזאַציע, די ערשטע אָזע־
רע־בנינים און די ערשטע ערד־קולטור, פון אַרום יענער מזרח־
דיקער לעוואַנטינער אָזערע, דעם זיס־וואַסער־ים, וואָס אין אים זיינען אַריינ־

געפלאָסן ניט נאָר דער נילוס, נייערט אויך יענע צוויי גרויסע טייכן, וואָס איצט זיינען זיי דער אַדריאַטישער ים און דער רויטער ים.

פלוצים האָבן די וואַסערן פון אָקעאַן אָנגעהויבן אַריינצורייסן זיך איבער די מערבדיקע בערגלעך און צו פאַרפלייצן יענע פרי-מיטיווע באַפעלקערונג — די אָזערע, וואָס איז געווען זייער היים און גוטער פריינד, איז געוואָרן זייער שונא; אירע וואַסערן האָבן גע-שטייגט און זיינען קיינמאָל ניט געפאַלן; זייערע ישובים זיינען גע-וואָרן פאַרפלייצט; די וואַסערן האָבן זיי נאָכגעיאָגט, ווען זיי זיינען אַנט-לאָפן. טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר האָבן די וואַסערן פאַרפלייצט די טאָלן און געטריבן די מענטשן פאַר זיך. אַ סך זיינען געווים געוואָרן פאַרכאַפּט און אַרומגערינגלט דורך דעם געזאַלצענעם שטראָם, וואָס איז כסדר געוואַקסן. ער האָט קיין אָפּהאַלט ניט געוואוסט; ער איז געקומען אַלץ האַסטיקער און האַסטיקער; ער האָט אַריבערגעשטייגט די שפּיצן פון די ביימער, די בערגלעך, ביז ער האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן בעקן פון איצטיקן מיטללענדישן ים און ביז ער האָט אַרומ-גענומען די בערג-פעלזן פון אַראַביע און אַפריקע. מיט יאָרטויזנ-טער צוריק, אַ צייט פאַרן באַגינען פון דער געשריבענער געשיכטע, האָט פּאַסירט די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע.

דורך דעם איז אַריבערגעצויגן געוואָרן אַ וואַסער-פאָרהאַנג אי-בער אפשר די כשופדיקסטע סצענעס אין דער דראַמע פון דער מענטש-לעכער געזעלשאַפט.

קאַפּיטל 9

עלטסטער געדאַנק

1. פרימיטיווע פילאָסאָפיע. 2. דער אור=מענטש אין דער רעליגיע. 3. שרעק און האָפענונג אין דער רעליגיע. 4. שטערן און ציימן פון יאָר. 5. מעשיות=דערציילונג און מיטאָס=שאַפונג. 6. קאָמפּליצירטער אָפּשטאַם פון רעליגיע.

איידער מיר טרעטן צו צו דערציילן, ווי אַזוי מענטשן האָבן מיט 6 אָדער 7 טויזנט יאָר צוריק אָנגעהויבן צונויפקלייבן זיך אין די ערשטע שטעט און אַנטוויקלען אַ פעסטערן פאַרבאַנד, אָנשטאָט די לויז פאַרבונדענע שבטים, וואָס זיינען ביז דעמאָלט געווען זייער העכסטע פאָליטישע אַסאָציאַציע, מוז מען זאָגן עפּעס מכּוח דעם, וואָס עס איז פאָרגעגאַנגען אינעווייניק אין די מוחות, וואָס זייער וואוקס און אַנטוויקלונג האָבן מיר אָנגעצייכנט פאַר אַ משך צייט פון 500.000 יאָר זינט דער סטאַדיע פון מאַלפּע=מענטש.

וואָס האָט דער מענטש געטראַכט וועגן זיך און וועגן דער וועלט אין יענע ווייטע צייטן?

צוערשט האָט ער געטראַכט גאָר ווינציק וועגן אַנדערע זאַכן, חוץ די סאַמע נאָענטסטע. צוערשט איז ער געווען אינגאַנצן פאַרנומען אַן ערך מיט אַזעלכע געדאַנקען: „דאָ איז אַ בער; וואָס זאָל איך טאָן?" אָדער: „דאָ איז אַ וועווערקע; ווי כאַפּ איך זי?" ביז די שפּראַך האָט זיך אַנטוויקלט ביז צו אַ געוויסן גראַד, האָט מען געקאָנט קלערן ווינציק מכּוח אָרדענען אַ פּאַקטישע ערפאַרונג, וואָרעם שפּראַך איז פּונקט אַזאַ אינסטרומענט פאַרן געדאַנק, ווי בוך=האַלטונג פאַר געשעפט. זי פאַרגעדענקט און פיקסירט און מאַכט דעם געדאַנק פעיק צו דערלאַנגען צו אַלץ מער קאָמפּליצירטע אידעעס. דאָס איז די האַנט פון גייסט אָנצונעמען און איינצוהאַלטן.

דער אור-מענטש, איידער ער האָט געקענט ריידן, האָט מסתמא געזען זייער שאַרף, נאָכגעמאַכט זייער געראָטן, באַוויזן תנועות, געלאַכט, געטאַנצט און געלעבט זיך אָן צו חקירהן זיך אַ סך, פון וואַנען ער קומט אָדער צוליב וואָס ער לעבט. ער האָט בלי-ספק זיך געשראָקן פאַר פונסטערניש, פאַר דונער און בליץ, פאַר גרויסע חיות, פאַר ניט-געוויינטלעכע, אויסטערלישע זאַכן און פאַר זיינע אייגענע אויסגעחלומטע פאַנטאַזיעס; ער פלעגט בלי-ספק עפּעס פּרווון צו טאָן, בכדי לייטזעליק צו מאַכן די, וואָס ער האָט פאַר זיי זיך געשראָקן אָדער איבערצובייטן זיין מזל און געפינען חן ביי די פאָרגעשטעלטע כוחות אין שטיין און חיה און טייך. ער האָט ניט געשפּירט קיין דייטלעכן חילוק צווישן באַלעבטע און ניט-באַלעבטע זאַכן: אויב אַ שטעקן אָדער אַ צווייג האָט אים פאַרטשעפּעט, פלעגט ער אים נעמען שלאָגן; אויב אַ טייך האָט גערוישט און געשוימט, האָט ער געמיינט, אַז ער איז פיינטלעך געשטימט. זיין שכל איז געווען מסתמא אויף דער מדרגה פונם שכל פון אַ היינטיקן געראָטענעם פיר-אָדער פינף-יאָריקן קינד. ער האָט געהאַט די זעלביקע פיינע, אומגעריכטע איבערגענג און די זעלביקע באַגרענעצטקייט. כל זמן ער האָט שוואַך אָדער גאָרניט געקאָנט ריידן, האָט ער גאָרנישט ניט געטאָן אויף אָפּצושטופּן פון זיך די פאַנטאַזיעס, וואָס זיינען געקומען צו אים, און צו אַנטוויקלען אַרום זיי אַ טראַדיציע אָדער באַטראַכטע מעשׂים.

די צייכענונגען אַפילו פון דעם שפּעט-פּאַלעאָליטישן מענטשן לאָזן ניט אויפקומען די השערה, אַז ער זאָל האָבן געווענדט וואָסער עס איז אויפמערקזאַמקייט אויף דער זון אָדער לבנה אָדער שטערן אָדער ביימער. ער איז געווען פאַרנומען נאָר מיט מענטשן און מיט בעלי-חיים. מסתמא האָט ער אָנגענומען טאָג און נאַכט, זון און שטערן, בערג און ביימער, ווי נאַטירלעכע זאַכן, וואָס זיינען קיין חידוש ניט — אַזוי ווי אַ קינד נעמט אָן פאַר אַ זאַך, וואָס דערוועקט ניט קיין שאלות, די צייטן פון זיינע מאָלצייטן און דאָס אויסזען פון זיין קינדערצימער. ווי ווייט מיר קאָנען משפּטן, האָט ער ניט געצייכנט קיין פאַנטאַזיע-בילדער, קיין גייסטער אָדער כדומה אַזעלכע זאַכן. צייכענונגען פון פּאָלאַרדיש-מענטשן שטעלן פאָר זאַכן,

וואָס ער איז געווען צו זיי געוויינט און האָט זיך פֿאַר זיי ניט געשראָקן, און עס איז ניטאָ אין זיי קיין רמז אויף פֿאַרגעטערונג. מעגלעך, אַז ער האָט געפֿילט, אַז דורך צייכענען אַ חיה רופֿט ער זי אַהער; זיינע צייכענונגען זיינען אפֿשר געווען כּישוף-צייכענונגען צוליב הצלחה אין געיעג, אָבער זיי זעען ניט אויס ווי צייכענונגען צוליב בוקן זיך. עס איז מסתּמא ניטאָ דאָרט קיין זאַך אין אַלע זיינע פּראָדוקציעס, וואָס מיר זאָלן מעגן משער זיין, אַז דערין שטעקט אַ רעליגיעזער אָדער מיסטישער סימבאָל.

עס איז קיין ספֿק ניט, אַז ער האָט געהאַט אין זיין לעבן אַ געוויסן סכום פֿון דעם וואָס מען רופֿט אָן פֿ ע ט י ש י ז ם; ער האָט געטאָן זאַכן, וואָס איצט וואָלטן מיר געהאַלטן, אַז על פּי שכל קאָן מען ניט דערלאַנגען דורך דעם צום געוואונטשענעם ציל — וואָרעם דאָס איז דאָך דער זין פֿונם באַגריף פֿעטישיזם; דאָס איז נאָר פֿאַלשע וויסנשאַפֿט, וואָס איז באַזירט אויף טרעפֿעניש אָדער פֿאַלשער אַנאַלאָגיע און איז לויט איר עצם מהות אינגאַנצן פֿאַרשיידן פֿון רעליגיע. עס איז קיין ספֿק ניט, אַז ער איז געווען אויפֿגערעגט דורך זיינע חלומות, און זיינע חלומות פֿלעגן זיך צייטנווייז אויסמישן אין זיין גייסט מיט זיינע איינדרוקן אויף דער וואָר און פֿלעגן אים פֿאַרטומלען. וויבאַלד ער האָט גענומען פֿאַרגראָבן זיינע טויטע — עס ווייזט אויס, אַז אַפֿילו די שפּעטערע נעאַנדערטאַל-מענטשן פֿלעגן באַגראָבן זייערע טויטע — און באַשיימפּערלעך מיט שפּייז און מיט געווער, האָט מען משער געווען, אַז ער האָט געגלייבט אין אַ קומענדיקן לעבן. אָבער מען מעג מיטן זעלביקן גרונט משער זיין, אַז די אור-מענטשן פֿלעגן באַגראָבן זייערע טויטע מיט שפּייז און מיט געווער, ווייל זיי זיינען געווען מסופּק, צי זיי זיינען מיט אַן אמת טויט; דאָס איז ניט דאָס זעלביקע ווי גלייבן, אַז זיי האָבן אומשטאַרבלעכע גייסטער; דער גלייבן, אַז די לעבנס-קראַפֿט זייערע האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט, האָט געקאָנט ווערן געשטאַרקט דורך די חלומות, וואו דער פֿאַרשטאָרבענער האָט זיך געחלומט. עס איז מעגלעך, אַז זיי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז דער טויטער עקסיסטירט ווי אַ מין וואָוקולאַק, און האָבן געוואָלט אים באַגיטיקן.

דער פּאָלאַרהירש-מענטש איז געווען, ווי מיר פֿאַרשטייען, צו אינטעליגענט און צו פֿיל ענלעך צו אונז, אַז ער זאָל אינגאַנצן ניט האָבן געהאַט קיין שפּראַך, נאָר מסתּמא האָט זי ניט געקאָנט דינען אויף קיין סך, סיידן אויף קאָנסטאַטירן עפּעס און דערציילן עפּעס אַ פֿאַקט. ער האָט געלעבט אין אַ גרעסערער געמיינשאַפֿט, ווי דער נעאַנדערטאַלער אָדער זיין אייגענער נעאַנדערטאַלאָידער עלטערפֿאָטער אָדער וואָסער עס איז פֿון די גרויסע מאַלפּעס, אָבער ווי גרויס דער שבט איז געווען, ווייסן מיר ניט. חוץ דעמאָלט, ווען דאָס געווילד קלייבט זיך אין טשאַטעס, קאָנען יעגער-געמיינשאַפֿטן זיך ניט האַלטן אין אַ גרעסערער צאָל, וואָרעם זיי קאָנען ניט קריגן גענוג שפּייז פֿאַר אַלעמען. די אינדיאַנער, וואָס זיינען אָפּהענגיק פֿונם קאַריבו-הירש אין לאַבראַדאָר, לעבן אַן ערך אין די זעלביקע תּנאָים, ווי עס האָט געלעבט דער פּאָלאַרהירש-מענטש. זיי צעשפּרייטן זיך אין קליינע פֿאַמיליען-גרופּעס, ווי נאָר דער קאַריבו פֿאַרשפּרייט זיך צו זוכן פֿוטער; אָבער ווי נאָר די הערטן קלייבן זיך צונויף צוליב זייער סעזאָן-וואַנדערונג, קלייבן זיך אויך די אינדיאַנער צונויף. דאָס איז די צייט פֿאַר האַנדל און ימים-טובֿים און חתונות.

דער פּשוטסטער אַמעריקאַנער אינדיאַנער איז מיט 10.000 יאָר מער געניט און געקליגט, ווי דער פּאָלאַרהירש-מענטש, אָבער מסתּמא איז אָט דער מין צונויפֿקלייבן זיך און צעשפּרייטן געווען אויך דער מנהג פֿון פּאָלאַרהירש-מענטש. אין כאָליטרע אין פֿראַנקרייך זיינען פֿאַראַן שפּורן פֿון אַ גרויסן פּלאַץ פֿאַר אַלאַגער און אָפּריכטן יום-טובֿ. דאָ איז בלי-ספֿק געווען אַן אָרט אויף בייטן זיך מיט נייסן, אָבער מען מעג מסתּפּק זיין, צי דאָ איז געווען עפּעס ענלעכס צו אַ בייט פֿון געדאַנקען. מען זעט אין אַזאַ לעבן ניט קיין אָרט פֿאַר אַ טעאָלאָגיע אָדער פֿילאָסאָפֿיע אָדער אָבערגלויבן אָדער חקירה. שרעקנס, דאָס יאָ; אָבער שרעקנס אָן אַ סיסטעם; פֿאַנטאַזיעס און קאַפּריזן פֿונם כּוח-הדמיון, אָבער פּערזענלעכע און פֿאַרבייגייענדיקע קאַפּריזן און פֿאַנטאַזיעס.

אפשר איז געווען אַ געוויסער כּוח פֿון סוגעסטיע אין די דאָזיקע באַגעגענישן. אַ שרעק, וואָס מען פֿילט מיט אַן אמת, באַדאַרף האָבן ווינציק ווערטער אויף צו ווערן איבערגעגעבן; אויב עס ווערט גע-

האַלטן פון עפּעס אַזאַך, קאָן דאָס זיין פּשוט אונטערן אײַנפלוס פון אַרומיקע מענטשן.

אין די דאָזיקע פראַגן וועגן פּרימיטיוון געדאַנק און רעליגיע מוזן מיר געדענקען, אַז די נידעריק שטייענדיקע און ווילדע פעלקער פון אונזער צייט קאָנען מסתמא נאָר ווינציק העלפן באַלויכטן דעם גייסטיקן צושטאַנד פון מענטשן, איידער ער האָט געהאַט אַ פולקום אַנטוויקלטע שפּראַך. דער אורמענטש האָט געקאָנט האָבן ווינציק טראַדיציע אָדער גאָר קיין טראַדיציע ניט, איידער די שפּראַך האָט זיך אַנטוויקלט. אַלע ווילדע און פּרימיטיווע פעלקער פון היינטיקן טאָג זיינען, פאַרקערט, דורכגעזאַפּט מיט טראַדיציע — מיט דער טראַדיציע פון טויזנטער דורות. זיי קאָנען האָבן געוועז ווי זייערע ווייטע אבות און מעטאָדעס ענלעך צו זייערע, אָבער דאָס וואָס עס זיינען געווען גרינגע און פלאַכע אײַנדרוקן אויף די נשמות פון זייערע עלטער-עלטערזיידעס, זיינען איצט טיפע און פאַרפלאָנטערטע אײַנשניטן, געמאַכט אין משך פון יאָרהונדערטער איין דור נאָך אַן אַנדערן.

---

2. דער אורמענטש אין דער רעליגיע.

געוויסע פונדאַמענטאַלע זאַכן זיינען געווען אפשר אין מענטשנס נשמה אַ צייט פריער, איידער ער האָט געקאָנט ריידן. דאָס נשמה-לעבן פון דעם שפּעט-פּאַלעאָליטישן מענטשן איז געווען נאָענט צו אונזערן, און גלייך ווי אונזערס איז עס געווען געבויט אויף די יסודות פון יענעם אַלטן, מער אײַנזאַמען, מער חיהשן, מאַלפּישן עלטער-פאָטער. די וויסנשאַפט פון פּסיכאָאַנאַליז, וואָס האַלט זיך האַסטיק אין אַנטוויקלען, זוכט אין אונזערע חלומות, אין די אומבאַוואוסטזיניקע תנועות אונזערע, אין קינדערשע אידעען, אין דעם וואָס מען קאָן דערגיין פון דער געדאַנקען-וועלט פון די ווילדע, אַרויסצוגעפינען דעם גרונט-מהות פון יענעם מער פּרימיטיוון וועזן, וואָס שטעקט אין אונז אַלעמען, און אויפן סמך פון דער דאָזיקער אויספאָרשונג וויל זי דערקלערן אונזערע געפילן. די גרויסע

מאַלפּעס פּאָרען זיך און האָדעווען זייער יונגוואַרג. די יונגע האָבּן שטענדיק מורא פאַרן אַלטן זכר, אַז די יונגע דערוועקן זיין אייפערזוכט, דערהרגעט ער זיי אָדער פאַרטרייבּט זיי. די נקבות זיינען די געשיצטע שקלאַפינס פון אַלטן זכר. דאָס איז דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון די בעלי-חיים, וואָס לעבּן ניט אין פעסטע משפּחות, און עס איז ניטאָ קיין יסוד משער צו זיין, אַז דער אונטערמענטש איז געווען אַנדערש אין דעם פּרט.

די שרעק פאַרן זקן אין געווען דער אָנהייבּ פון יעדער סאָציאַלן באַוואוסטזיין. דער יונגער מענטש פון דעם פּרימיטיוון לאַגערפּלאַץ איז אויסגעוואַקסן אונטער דער דאָזיקער שרעק. זאַכן, וואָס האָבּן געהאַט אַ שייכות צום אַלטן, זיינען געווען מסתּמא פאַרבּאָטן. קיינער האָט ניט געטאָרט זיך צורירן צו זיין שפּיז אָדער זיצן אויף זיין אָרט, פּונקט אַזוי ווי בּיי היינטיקן טאָג טאָרן קליינע יינגלעך ניט אָנרירן דעם פאָטערס ליולקע אָדער זעצן זיך אויף זיין שטול. ער איז מסתּמא געווען דער האַר פון אַלע ווייבּער. די יונגען פון דער קליינער געמיינשאַפט האָבּן דאָס געמוזט געדענקען. זייערע מוטערס האָבּן זיי געלערנט דאָס צו געדענקען. זייערע מוטערס האָבּן זיי איינגעגעבּן מורא און דרך-ארץ און אַכטונג פאַרן זקן.

די אידעע, אַז עפּעס איז פאַרבּאָטן, די אידעע פון זאַכן, וואָס זיינען, ווי מען רופט דאָס, טאַבּו, וואָס מען טאָר זיך צו זיי ניט צורירן, וואָס מען מאָר זיי ניט אָנקוקן, האָט געקאָנט אַריין אין מוח פונם אונטערמענטש גאָר אין אַ פריער סטאַדיע. דזש. עטקינסאָן האָט אין זיין ווערק „פּרימיטיווו געזעץ“ געגעבּן אַ גענייאַלן אַנאַליז פון די פּרימיטיווע טאַבּוס, וואָס געפינען זיך בּיי די ווילדע פעלקער אין גאָר דער וועלט, די טאַבּוס, וואָס שיידן אָפּ אַ בּרודער און אַ שוועסטער, די טאַבּוס וואָס בּרענגען דערצו, אַז אַ יונגער מענטש אַנטלויפט און בּאַהאַלט זיך פאַר זיין שטיפמוטער, און ער בּאַווייזט די הויפּט-סיבּה, פון וואַנען די טאַבּוס נעמען זיך. נאָר דורך אָפּהיטן דאָס דאָזיקע פּרימיטיווע געזעץ האָט דער יונגער מענטש געקאָנט האָפן אויסצומיידן דעם זקנס גרימצאָרן.

און עס איז אויך צו פאַרשטיין, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען די נטיה, צו בעטן גענאָר ביים זקן אַפילו נאָך זיין טויט. ער האָט זיך געמוזט באַווייזן אין די נאַכטישע חלומות און קאָשמאַרן פונם פרי־מיטיוון מענטשן. מען איז ניט געווען זיכער, צי ער איז מיט אַן אמת טויט. ער האָט געקאָנט נאָך שלאָפן אָדער מאַכן אַן אָנשטעל פון טויט. נאָך לאַנג נאָכדעם ווי דער זקן איז געווען טויט, ווען פון אים איז נישט געבליבן מער ווי אַ קבר־בערגל מיט אַ מענאַליט, האָבן די פרויען ניט אויפגעהערט מסתמא צו דערווייזן די קינדער, ווי שרעקלעך און וואונדערפול ער איז געווען. און אַזוי ווי ער איז שוין געווען אַ שרעק פאַר זיין אייגענעם שבט, האָט מען געקאָנט גרינג משער זיין, אַז ער וועט זיין אַ שרעק אויך פאַר אַנדערע פיינטלעכע מענטשן. בעתן לעבן האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַר זיין שטאַם, אויב אַפילו ער פלעגט קיין קלאַפּ ניט זשאַלעווען פאַר זיינע אייגענע. היינט פאַרוואָס זאָל ער איצט נאָכן טויט זיך ניט אָננעמען פאַר זיי? מען זעט, אַז די אידעע פון זקן איז געווען אַ זייער נאַטירלעכע אידעע פאַרן פרימיטיוון גייסט און פעיק צו גרויסער אַנטוויקלונג. די מורא פאַרן פאָטער איז בהדרגה, ניט צו מערקן אַריבער אין מורא פאַרן שבט־גאָט.

אַנטקעגן דעם זקן, מענטשלעכער און ליבלעכער, איז געווען די מוטער, וואָס האָט געהאָלפן און באַשירעמט און געוויזן וואָס צו טאָן. זי האָט דאָך דאָס געלערנט אירע קינדער צו פאָלגן אים און מורא צו האָבן פאַר אים. זי פלעגט זיך שושקען אין די ווינקעלעך און אויסלערנען סודות. דער פסיכאָאַנאַליז פון פרייד און יונג האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אונז צו געבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע עס שפילן אין דער צופאַסונג פון דער מענטשלעכער נשמה צו די סאָציאַלע נויטבאַדערפעונישן די מורא פאַרן פאָטער און דער מוטערס ליבע. זייערע אויסשעפנדיקע פאָרשונגען פון די חלומות און פאַנטאַזיעס פון קינדער און יונגע בחורים האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן צו דער רעקאָנסטרוקציע פון דעם פרימיטיוון מענטשנס נשמה. זי איז געווען די נשמה פון אַ מאַכטפולן קינד. ער האָט געזען די וועלט אין די גרענעצן פון דעם פאַמיליע־האַר. זיין מורא פאַרן זקן, זיין הכנעה פאַר אים איז געווען אויסגעמישט מיט דער מורא פאַר געפערלעכע חיות רעות אַרום אים. אויך איצט מעלט זיך דעם קינד

אַמאָל אויס דער פּאַפּאַ אין דער געשטאַלט פון אַ בער. דעם פּאַרגייס־טיקטן זקן, וואָס האָט ביים פּרימיטיוון מענטשן געשפּילט די ראָלע פון גאָט, איז דעריבער גרינג געווען אָנצוטאָן אין דער געשטאַלט פון אַ חיה.

די ווייבלעכע גאָטהייטן זיינען געווען ליבלעכער און איידעלער. זיי פלעגן העלפן, באַשירעמען, באַגיטיקן און טרייסטן. נאָר אין דער זעלביקער צייט האָט אַרום זיי געשוועבט עפּעס ווינציקער פאַר־שטענדלעכס, ווי אַרום דער פּשוטער ברוטאַליטעט פונם זקן, אַ גרעסערער סוד האָט אין זיי געשטעקט. אַזוי אַז די פרוי האָט אויך פאַר־מאָגט דעם כוח צו דערוועקן שרעק ביים פּרימיטיוון מענטשן. מען האָט מורא געהאַט אויך פאַר געטינס. זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט פאַר־באָרגענע זאַכן.

---

3. שרעק און האָפענונג.

נאָך אַ צווייטע גרונט־אידעע איז מסתמא פרי אויפגעקומען אין מענטשנס גייסט, וואָס האָט זיך גענומען פון די כּוּדותפולע אָנפאַלן פון קלעפּיקע קרענק, דאָס איז די אידעע פון אומריינקייט, טומאה, און פון פאַרשאָלטן זיין. דערפון ווידער האָט זיך געקאָנט נעמען אַ ווייטערדיקע אידעע, אַז מען מוז אויסמיידן געוויסע ערטער און פּערזאָנען, אָדער פּערזאָנען אין אַ געוויסן געזונט־צושטאַנד. דאָ זיינען געווען די וואָרצלען פון אַ צווייטן מין טאַבּוס.

דערנאָך האָט דער מענטש, פון דעם סאַמע באַגינען פון זיין גייסטיקן לעבן אָן, מסתמא געהאַט אַ געפיל, אַז דער און דער אָרט, די און די זאַך ברענגט אומגליק. חיות, וואָס האָבן מורא פאַר פאַנ־געצן, האָבן דאָס זעלביקע געפיל. אַ טיגער פאַרלאָזט זיין געוויינטלעכן וועג אין דזשאָנגל, ווען ער דערזעט עטלעכע פאָדעם באַוול. פּונקט ווי דאָס רוב יונגע בעלי־חיים, האָבן אויך יונגע מענטשלעכע בּרואים גע־קאָנט גרינג ווערן שרעקעוודיק אונטער דער השפּעה פון דערציערס און עלטערע. האָבן מיר דאָ נאָך אַ גאַנג אידעען, אידעען פון אָפּשטויסן און אויסמיידן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין מענטשן כּמעט מיט נויטווענדיקייט.

ווײַבאַלד די שפּראַך האָט אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען, האָט זי געמוזט נעמען זיך פאַר די דאָזיקע גרונט־געפילן, אָנהייבן צו סיסטעמאַטיזירן זיי און פאַרפעסטיקן זיי אין דער נשמה. ביים ריידן צווישן אַנאַנד האָבן מענטשן געמוזט שטאַרקן איינער דעם

א פליטע פון די מאיאס מיט סקולפטורן און אויפשריפטן. א מענטש בוקט זיך צו א שלאנג; דער שלאנג איז א הויפט־מאָטיוו אין די דע־קאָראציעס פון די מאיאס.

אַנדערנס שרעקנס, און אַזוי אײַנשטעלן אַ בשותּפישע טראַדיציע פון טאַבוס, פון זאַכן וואָס זיינען פאַרבאָטן, אסור, און פון זאַכן אומריינע, טמא. מיט דער אידעע פון טומאה האָבן געמוזט קומען

אידעען וועגן ריינקייט, טהרה, און וועגן אויסלייזן פון אַ קללה. די ריייניקונג האָט געמוזט ווערן געפירט לויטן אָנווייז און מיט דער הילף פון אַ ווייסנדיקן זקן אָדער אַ ווייסנדיקער זקנה, און אין דער דאָזיקער ריייניקונג האָט געקאָנט זיין דער שורש פון דער עלטסטער כהונה און כישוף. אויף מבטל זיין קללות, פאַרטרייבן קרענק, אויף



געצייג פון דער בראָנזע־תקופה.

צו שטאַרקן און אַיינגעבן מוט — דערצו האָט מען באַדאַרפט קאָנען טאָן שווערע זאַכן. און וואָס איז געווען מעכטיקער ווי טויטן, ווי פאַרגיסן בלוט, וואָס איז דאָס לעבן.

די שפּראַך איז קודם־כל געווען אַ מעכטיקער הילפס־מיטל

פאַר דערציונג, וואָס איז פריער געגאַנגען נאָר דורך נאָכמאַכן אָדער דורך סטוסאַקעס און קלעפּ פון די עלטערן, וואָס האָבן ניט געקאָנט ריידן. די מוטערס האָבן געקאָנט ריידן צו זייערע קינדער און זאָגן מוסר זייערע קינדער. אַז די שפּראַך האָט זיך אַנטוויקלט, האָבן מענטשן איינגעזען אָדער עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז זיי האָבן געקראָגן נייע כּוחות. האָבן זיי אויך דערפון געמאַכט סודות.

אין דער מענטשלעכער נשמה איז פאַראַן אַ צווייענדיקער שטריך, אַ פאַרלאַנג פון סודותדיקייט, אויסצוקלערן פאַרשיידענע סעקרעטן, און אַ שטריך, וואָס שטאַמט אפשר פון אַ שפּעטערער צייט, וואָס טרייבט אונז צו שמועסן מיט אַנאַנד און צו פאַרחידושן און צו מאַכן אַן איינדרוק. אַ סך מענטשן האָבן סעקרעטן, נאָר בכדי צו האָבן צו דערציילן סודות. די דאָזיקע סודות זייערע פלעגן די פּרימיטיווע מענטשן איבערגעבן צום יינגערן דור, וואָס איז געווען מסוגל אויפצונעמען די השפּעה פון די עלטערע, מיט אַ מער אָדער ווייניקער ערלעכער כּוונה. זיי אַ[illegible] איז אַ וואָסער עס איז באַזונדערן שטאַנד. נאָך וואָס: דער גייסט פון פּעדאַגאָגיק שטאַמט אַריבער אין דעם מענטשנס נשמה; דאָס רוב מענטשן האָבן ליב צו זאָגן מוסר אַנדערע מענטשן. פאַרשיידענע איסורים אָן אַ פאַרוואָס, וואָס יינגלעך טאָרן ניט, וואָס מיידלעך טאָרן ניט, וואָס פרויען טאָרן ניט, זיינען מסתּמא אויך אויפגעקומען זייער פרי אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

קרבנות האָבן אַ טאָפּעלן אָפּשטאַם. דערין האָט געמוזט שטעקן אַ פאַרלאַנג צו באַגיטיקן דעם זקן און צוגלייך דער רצון צו טאָן עפּעס אַ גבורה. אַ קרבן איז אפשר געווען גיכער אַ כּישוף־זאַך, איידער אַ מיטל אויסצובעטן עפּעס. ער טרייבט אָפּ שלעכטס, ער שטאַרקט, און אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן, ווען מען האָט וועגן דעם געטראַכט, האָט מען געדרונגען, אַז ער האָט באַדאַרפט געפעלן ווערן דעם גייסט פון דעם זקן, וואָס איז געוואָרן דער שבט־גאָט. נאָר געטאָן איז דאָס געוואָרן נאָר צוליב טאָן, און ווייל עס איז געווען אַ מוראדיקע זאַך דאָס צו טאָן.

4. שטערן און צייטן פון יאָר.

אַט פון די דאָזיקע געדאַנקען אַרויס און פון אַ שלל אַנדערע פון דעם מין זיינען אויסגעוואַקסן די ערשטע כמו-רעליגיעזע עלעמענטן אין מענטשלעכן לעבן. מיט איטלעכער אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך איז געוואָרן מעגלעך צו פאַרשטאַרקן און צו אַנטוויקלען די טראַדיציע פון די טאַבוס און פון די איסורים און פון די צערעמאָניעס. ניטאָ ביי היינטיקן טאָג נאָך אַזאַ ווילדע אָדער באַרבאַרישע ראַסע, וואָס איז ניט איינגעצאַמט אין אַ נעץ פון אַזאַ טראַדיציע.

אַז דער פּרימיטיווער מענטש איז געוואָרן אַ פּאַסטעך, האָט זיך אַט דער מין טראַכטן געמוזט שטאַרק פאַרמערן. זאַכן, וואָס מען האָט פריער אויף זיי זיך ניט אומגעקוקט, האָבן געקראָגן גרויס חשיבות אין מענטשנס לעבן. דער נעאָליטישער מענטש איז געווען אַ נאָמאַד, דאָס הייסט אַנדערש ווי דער פּרימיטיווער יעגער, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך זיין שפּייז ביי העלן טאָג. ער איז געווען אַ מענטש פון הערטן, און אין זיין גייסט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ חוש פאַר דער ריכטונג, און ער איז געווען מער צוגעבונדן צום אָרט. ער האָט געהיט זיין טשערעדע ביינאַכט, פּונקט ווי בייטאָג. די זון בייטאָג און איצט אויך די שטערן ביינאַכט האָבן אים געהאָלפן אין זיינע וואַנדערונגען: אין אַ געוויסער צייט האָט ער גענומען אייַנזען, אַז די שטערן זיינען נאָך אַ מער שטאַנדהאַפטיקער פירער ווי די זון. ער האָט אָנגעהויבן פאַרצייכענען איינציקע שטערן און גרופּעס שטערן, און פאַרן פּרימיטיוון מענטשן האָט אונטערשיידן אינדיווידועלע זאַכן געהייסן אַזוי גוט ווי זיי אינדיווידואַליזירן און פּערזאָניפיצירן. באַזונדערע אויסגעצייכנטע שטערן האָט ער גענומען באַטראַכטן ווי פּערזאָנען, וואָס שיינען און זיינען זייער חשוב און באַגליבט, און זיי קוקן אויף אים מיט ליכטיקע אויגן אין דער פינסטערער נאַכט. זיי קומען זיכער צוריק נאַכט אויף נאַכט. זיי העלפן אים, פּונקט ווי דער שבט-גאָט העלפט אים.

אַז ער האָט גענומען ביסלעכווייז באַאַרבעטן די ערד, האָט זיך געשטאַרקט אין אים דער חוש פאַר די צייטן פון יאָר. געוויסע שטערן רעגירן אין זיינע הימלען, ווען עס קומט די צייט פון זייען.

ביז צו אַ געוויסן פּונקט, צום שפּיץ פון באַרג אָדער כדומה, האָט זיך אַ שטערן גערוקט, נאַכט אויף נאַכט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פלעגט דערנאָך נאַכט אויף נאַכט אָפּטרעטן צוריק. געוויס איז דאָס געווען אַ צייכן, אַ שווייגנדיקע, וואונדערלעכע התראה, פאַר דעם וואָס וויס. די התחלות פון ערד־קולטור, באַדאַרפן מיר געדענקען, זיינען געווען אין דעם סובטראָפּישן גאַרטל, אָדער נאָך נעענטער צום עקוואַטאָר, וואו די שטערן פון דער ערשטער מדרגה שיינען מיט אַזאַ גלאַנץ, וואָס אין די מער געמעסיקטע ברייט־גראַדן וויס מען דאָס ניט. די צייטן פון יאָר זיינען דאָ ניט אַזוי דייטלעך אָפּגעצייכנט דורך שניי און שטורעם, ווי אין צפון. עס איז געווען שווער צו וויסן גענוי, ווען עס וועלן זיין די רעגנס און די געוויסערן. אָבער די שטערן זאָגן ניט קיין ליגן.

און דער נעאָליטישער מענטש האָט געציילט און איז געפאַלן אונטערן כּישוף פון די צאָלן. עס זיינען פאַראַן שפּראַכן פון ווילדע, וואָס האָבן ניט קיין וואָרט פאַר אַ צאָל איבער פינף. אייניקע פעלקער קאָנען ניט גיין אַריבער צוויי. נאָר דער נעאָליטישער מענטש אין לאַנד פון זיין אָפּשטאַם, אין אַזיע און אין אַפריקע אַפילו מער ווי אין אייראָפּע, האָט שוין געציילט זיין באַלעבאַטישקייט. ער האָט אָנגעהויבן צו באַנוצן קאָרב־העלצלעך, און האָט זיך געוואונדערט איבער דער דרייעקיקייט פון דריי און איבער דעם קוואַדראַט פון פיר, און פאַרוואָס לאָזן געוויסע צאָלן, ווי צוועלף אַ שטייגער, זיך גרינג טיילן אויף פאַרשיידענע אופנים, און אַנדערע, ווי דרייצן, לאָזן זיך גאָרניט טיילן. צוועלף איז געוואָרן אַ פיינע, איידעלע און ליבע צאָל פאַר אים, און דרייצן איז געוואָרן אַ שלעכטע צאָל, וואָס מען מוז זיך דערווייטערן פון איר.

רעכענען די צייט האָבן מענטשן אָנגעהויבן מסתמא לויט דער לבנה. לבנה־שיין איז אַ וויכטיקער ענין פאַר פאַסטעכער, וואָס ניט זיי זוכן צו כאַפּן די בהמות פון דער טשערעדע, ווי יעגערס, נאָר זיי היטן זיי און פאַסן זיי אויף. לבנה־שיין איז, חוץ דעם, געווען אפשר די צייט פאַר ליבע, פונקט ווי דאָס איז אפשר געווען פאַרן אורמענטש און פאַר דעם ערשטן עלטערפאָטער, דער מאַלפּע אין איר צייט. וואָס מער די ערד־אַרבעט האָט זיך אַנטוויקלט, האָט

דער מענטש זיך געווענדט פון די חשבונות פון די לבנה־פאַזיסן צו רעכענען די צייטן פון יאָר. דער אורמענטש פלעגט אָנהייבן אָפּצולייגן שפּייז ערשט האַרט פאַרן ווינטער, אַז די טעג זיינען געוואָרן קאַלט. דער נעאָליטישער מענטש האָט געוואוסט אויף געוויס, אַז דער ווינטער וועט קומען, און האָט געקליבן צוליב דעם זיין שפּייז און איצט זיין קאָרן. ער האָט באַדאַרפט איינשטעלן אַ צייט צום זייען, וואָס איז גינסטיק, אַז די זאַט זאָל אויפגיין, זיסט וואָלט זיין מי אַוועק לאיבוד. די צוערשט באַוואוסטע רעכענונג איז לויט חדשים (ירחים = לבנות) און לויט מענטשן־דורות. מיט דער ערד־קולטור איז אויפגעקומען די האַרבע אויפגאַבע אויסצוגלייכן דעם לבנה־חודש מיט דעם זון־יאָר; די דאָזיקע אויפגאַבע האָט נאָך דער היינטצייטיקער קאַלענדאַר ניט פאַרענטפערט אינגאַנצן. די קריסטלעכע פּאַסכע רוקט זיך נאָך איצט אַרום פון יאָר צו יאָר; אַמאָל געפאַלט זי ניט געווינטלעך פרי און אַמאָל אין אַ שפּעטער צייט דאָס איז דערפאַר, וואָס פאַרצייטנס האָט זי געהאַט אַ שייכות צו דער לבנה־צייט.

און אַז מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך צו רוקן פון אָרט צו אָרט מיט אַ פּאָרוים באַשטימטער כוונה אינאיינעם מיט זייערע בהמות און מיט גאָר זייער האָב און גוטס, האָט זיך ביי זיי געקאָנט אָנהייבן אַנטוויקלען די אידעע פון אַנדערע ערטער, וואו זיי זיינען איצט ניטאָ, און זיי האָבן אָנגעהויבן טראַכטן מכוח דעם, וואָס עס האָט געקאָנט זיין אין יענע אַנדערע ערטער. און אין אַ טאָל, וואו זיי האָבן געלעגערט אַ געוויסע צייט, האָבן זיי געקאָנט זיך דערמאָנען, ווי אַזוי זיי זיינען געקומען אַהער, און פרעגן זיך: „ווי האָט דאָס אָדער יענס פּאַסירט?“ זיי האָבן גענומען זיך חידושן, וואָס האָט דאָס געקאָנט זיין הינטער די בערג, און וואו קומט אַהין די זון, ווען זי זעצט זיך, און וואָס טוט זיך דאָרט הינטער די כמאַרעס.

---

5. מעשיות־דערציילן און מיטאָס־שאַפן.

וואָס מער ווערטער עס איז צוגעקומען אין זייער שפּראַך, אַלץ מער זיינען זיי געוואָרן מסוגל צו דערציילן זאַכן. די פּשוטע אינדי־

ווידועלע פאַנטאַזיעס, די ניט סיסטעמאַטישע פעטישיסטישע אײַנפאַלן און פונדאַמענטאַלע טאַבוס פון די פּאַלעאָליטישע מענטשן זײַנען געוואָרן באַאַרבעט און געבראַכט אין אַ פעסטערער סיסטעם. מענטשן האָבן אָנגעהויבן דערציילן זיך מעשיות וועגן זיך אַליין, וועגן שבט, וועגן זײַנע טאַבוס און פאַרוואָס מוזן זיי זײַן, מכּוח דער וועלט און פון וואַנען קומט די וועלט. עס איז אויפגעקומען אַ שבט־גײַסט, אַ טראַדיציע. דער פּאַלעאָליטישער מענטש איז זיכער געווען מער אַ פרייער אינדיווידואַליסט, מער אַ קינסטלער און צוגלייך מער אַ ווילדער מענטש, איידער דער נעאָליטישער מענטש. דער נעאָליטישער מענטש איז געשטאַנען אונטער דער מאַכט פון געבאָטן; מען האָט אים געקאָנט פון יונגערהייט אָן לערנען, ווי צו פירן זיך און זאָגן אים, וואָס ער מעג טאָן און וואָס ער טאָר ניט טאָן. ער האָט געהאַט געדאַנקען, וואָס זײַנען אים געגעבן געווען; ער איז געשטאַנען אונטער אַ נײַער מאַכט פון סוגעסטיע.

צו האָבן מער ווערטער און זיך צוצוהערן מער צו ווערטער באַטײַט ניט פשוט אַן אויסוואַקס פון גײַסטיקן כּוח; די ווערטער פאַר זיך זײַנען מעכטיקע זאַכן און געפערלעכע זאַכן. די ווערטער פונם פּאַלעאָליטישן מענטשן זײַנען אפשר געווען, דער עיקר, נאָר נעמען. נאָר דער נעאָליטישער מענטש האָט געטראַכט וועגן די ווערטער, ער האָט געטראַכט וועגן אַ סך זאַכן און געפּלאָנטערט זיך אין ווערטער, און געמאַכט מאָדנע אויספירן. אין דער שפּראַך האָט ער אויסגעשטריקט אַ נעץ, בכדי צונויפצובינדן זײַן דאַסע, אָבער צוגלייך אַ נעץ צו בינדן די אייגענע פיס. דער מענטש האָט זיך, אמת, געבונדן אין נײַע און אַלץ ברייטערע און אַלץ שטאַרקערע פאַרבינדונגען, אָבער עס האָט געלוינט.

איינע פון די מערקווערדיקסטע זאַכן פון דער נעאָליטישער תּקופה איז דאָס, וואָס אין איר האָט לחלוטין געפעלט יענער פרייער דירעקטער קינסטלערישער אימפּולס, וואָס איז געווען די העכסטע מעלה פונם שפּעט־פּאַלעאָליטישן מענטשן. מיר געפינען אַ סך פלייס, אַ סך קונציקייט, געשליפענע אינסטרומענטן, ליימענע כּלים מיט קאָנווענציאָנעלע צייכענונגען, צוזאַמען־אַרבעט אין אַלע געביטן פון לעבן, נאָר עס זײַנען ניטאָ קיין סימנים פון פריִערדיקער שאַ-

פונג. עס הייבט זיך אָן פאַרן מענטשן די צייט פון זעלבסט-באַגרענעצונג. דער מענטש איז אַרויסגעטראָטן אויפן לאַנגן און פּיינפולן און שווערן וועג, וואָס פירט צו אַ לעבן לטבת הכלל, מיטן צוואַנג מקריב צו זיין דעם פּערסאָנאַלן אימפּולס, אויפן וועג, וואָס ער גייט נאָך אויף אים היינטיקן טאָג.

געוויסע זאַכן באַווייזן זיך כסדר פון דאָס ניי אין דער מיטאָלאָגיע פון דער מענטשהייט. דער נעאָליטישער מענטש האָט גוואַלדיק מורא געהאַט פאַר שלאַנגען — און ער האָט אַפילו די זון ניט געהאַלטן פאַר געזיכערט. כמעט אומעטום, וואו עס האָט דערלאַנגט די נעאָליטישע קולטור, איז אויפגעקומען אַ נטיה צו פאַרבינדן די זון און דעם שלאַנג אין דעקאָראַציע און אין קולט. דער פּרימיטיווער שלאַנגען-קולט האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט איבער די גרענעצן פון יענע געגנטן, וואו דער שלאַנג האָט אַן ערנסטן פּראַקטישן באַטייט אין מענטשלעכן לעבן. אָבער אז מען וועט באַשטימען סוף-כל-סוף דעם צענטער, פון וואַנען דער נעאָליטישער שטייגער לעבן האָט זיך פאַרשפּרייט, וועט דאָס געוויס זיין אַ לאַנד, וואָס אין דעם זיינען דער שלאַנג און זון-שיין פאַקטן פון ערשטער וויכטיקייט.

---

6. דער קאָמפּליצירטער אָפּשטאַם פון רעליגיע.

מיט די אָנהייבן פון אַגריקולטור איז אין די מענטשנס נשמה אויפגעקומען אַ נייער קאָמפּלעקס אידעען. מיר האָבן פאַרצייכנט אַ לאַנג איינגעשטעלטע שייכות צווישן דעם אַקט פון זייען און צווישן ברענגען אַ קרבן. זייען איז געוואָרן דער וויכטיקסטער אַקט אין דער ווירטשאַפט; איז עס געווען נאַטירלעך צו פאַרבינדן מיט אים דעם בולטסטן צווישן די פאַרשטענדלעכע אַקטן, דאָס טויטן אַ מענטשן. סער דזש. פרייזער האָט אויסגעפאָרשט די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער אַסאָציאַציע, וואָס מיט איר פאַרבינדט זיך נאָך די באַרשטעלונג פון ספּעציעל געהייליקטע פּערזאָנען, וואָס ווערן געטויט אין דער צייט פון זייען, די פאָרשטעלונג פון אַ קלאַס מענטשן, וואָס זיינען זיך ספּעציעל מטהר צו טויטן די דאָזיקע קרבנות, דעם

קלאַס פון כּוהנים, און די פאָרשטעלונג פון אַ סאַקראַמענט, אַ צערעמאָניעלן פייערלעכן אַקט, וואָס אויף אים האָט דער שבט געגעסן שטיקער פלייש פונם קרבן, כּדי צו האָבן אין אים אַ חלק און זיך צו אידענטיפיצירן אַזוי נאָענט ווי מעגלעך מיט דער גענאָד, וואָס שטאַמט אַרויס פון קרבן.

פון אָט די דאָזיקע התחלות זיינען אַרויסגעקומען די גרויסע צייט־ימים־טובים פון די רעליגיעס, וואָס עקסיסטירן ביז היינטיקן טאָג.

פון אָט די אַלע פאַקטאָרן, פון דער זקן־טראַדיציע, פון די עמאָ־ציעס, וואָס רינגלען אַרום ווייבער לגבי מאַנסביל און מאַנסביל לגבי ווייבער, פון דעם פאַרלאַנג זיך צו ראַטעווען פון קרענק און טומאה, פון דעם ווילן צו קומען צו מאַכט און הצלחה דורך כּישוף, פון דער קרבן־טראַדיציע אין דער זיי־צייט און פון אַ סך אַנדערע ענלעכע גלויבונגען און גייסטיקע עקספּערימענטן און פאַלשע פאָרשטעלונגען איז אויסגעוואַקסן אין לעבן פון מענטשן אַ קאָמפּליצירטער עפּעס, וואָס האָט אָנגעהויבן צוצובינדן זיי איינעם צום אַנדערן גייסטיק און עמאָציאָנעל אין לעבן אוןווירקן. דעם דאָזיקן עפּעס קאָנען מיר אָנרופן רעליגיע (פונם לאַטיינישן וואָרט רעליגאַרע, פאַרבינדן). דאָס דאָס איז ניט געווען קיין פּשוטע זאַך און ניט קיין לאָגישער עפּעס, דאָס איז געווען אַ פּלאָנטער פון אידעען מכּוח מאַכט־וועזנס און מכּוח גייסטער, מכּוח געטער, מכּוח כּלערליי „מוז" און „מען טאָר ניט". פונקט ווי אַלע מענטשלעכע אינטערעסן, איז רעליגיע אַ געוואָרענע זאַך. פון אַלץ וואָס פריער איז געזאָגט געוואָרן מוז זיין קלאָר, אַז דער אורמענטש — און אַ פּשיטא שוין די מאַלפּעס, וואָס ער קומט פון זיי אַרויס, און די מעזאָזאָישע ווינערס, וואָס ער שטאַמט פון זיי — האָט ניט געקאָנט האָבן קיין השגה פון גאָט אָדער רעליגיע. זייער פאַוואָליע נאָר איז זיין מוח און זיין כּוח־התּפיסה געוואָרן מסוגל צו אַזעלכע אַלגעמיינע פאָרשטעלונגען. רעליגיע איז אַ זאַך, וואָס איז אויפגעוואַקסן מיט און דורך דער מענטשלעכער געזעלשאַפט: גאָט איז דורכן מענטשן געוואָרן אַנטדעקט און ווערט נאָך איצט אַנטדעקט.

דאָס דאָזיקע בוך איז ניט קיין טעאָלאָגיש בוך, און עס איז ניט אונזער עסק זיך אַריינצולאָזן אין אַ טעאָלאָגישן וויכּוח; אָבער

עס איז אַ טייל, אַ נויטווענדיקער און צענטראַלער טייל פון דער מענטשלעכער געשיכטע צו באַשרייבן די התחלות און די אַנטוויקלונג פון די רעליגיעזע אידעען און זייער אײַנפלוס אויף דעם מענטשנס ווירקן. אַלע יענע פאַקטאָרן, וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט, האָבן געווים מיטגעווירקט ביי דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, און פאַרשיידענע שרייבערס שטעלן די טראָפּ ווער אויף איינעם, ווער אויף אַן אַנדערן פאַקטאָר. סער דזש. פרייזער איז דער הויפּט־פאָרשער, וואָס האָט באַוויזן, ווי אַזוי די סאַקראַמענטן, די הייליקע רעליגיעזע אַקטן, זיינען אַרויסגעקומען פון מאַגישע קרבנות. גרענט עלן, וואָס גייט אין די וועגן פון ספּענסער, שטעלט אין זיין ווערק „די עוואָלוציע פון דער אידעע וועגן גאָט“ דעם טראָפּ דעם עיקר אויפן טויטן־קולט פונם „זקן“. סער ע. ב. טיילאָר („פּרימיטיווע קולטור“) ווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט דער עיקר דער נטיה פונם אורמענטש אַריינצוזעצן אַ נשמה אין איטלעכער זאַך, באַלעבט צי אומבאַלעבט. מר. א. ע. קראַולי, אין זיין „לעבנס־בוים“, האָט געווענדט די אויפמערקזאַמקייט צו אַנדערע צענטערס פון אימפּולס און עמאָציע, און באַזונדערס צו דעם סעקסועלן געביט, וואָס איז אַ מקור פון טיפער באַוועגונג. דאָס וואָס מיר מוזן האַלטן אין זינען איז, אַז דער נעאָליטישער מענטש איז גייסטיק נאָך געווען ניט אַנטוויקלט, ער האָט געקאָנט זיין מבולבל און אומלאָגיש ביז צו אַזאַ גראַד, וואָס קיין איין מאָדערנער מענטש, וואָס האָט געקראָגן אַ שטיקל דערציונג, קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן. ווידעראַנאַנדיקע און סותרדיקע געדאַנקען לייגן זיך איין אין זיין מוח צוזאַמען, אָן צו שטערן איינער דעם אַנדערן; אָט האָט איין זאַך פאַרנומען זיין געמיט אינגאַנצן, און אָט אַן אַנדער זאַך; זיינע שרעקנס, זיינע טועכצן זיינען געווען אַזוי צעריסן און ניט געבונדן, ווי קינדערשע.

מבולבל, געשטופּט פון נויט און פון דער מעגלעכקייט צו פירן אַ לעבן פון צוזאַמענאַרבעט און חברותא, האָט די נעאָליטישע מענטשהייט געגאַרט נאָך פירונג און וויסן. מענטשן זיינען געוואָר געוואָרן, אַז איטלעכער פאַר זיך גענייטיקט זיך אין שוץ און אין פירונג, אין לייטערונג פון טומאה, אין אַ קראַפט וואָס זאָל אַריבערשטייגן זיינע אייגענע כוחות. צו באַפרידיקן דאָס דאָזיקע באַדערפעניש זיינען אויפ־

געקומען צופעליק, מבולבל, מענטשן מיט העזה, מיט שאַרפערע קעפ, מענטשן כיטרע און דרייקעפּ, וואָס זיינען געוואָרן מכשפים, כוהנים, עלטסטע, מלכים. מען דאַרף זיך אָבער ניט פאָרשטעלן, אַז זיי זיינען געווען אָפּנאַרערס אָדער פאַרכאַפּערס פון מאַכט, און די איבעריקע מענטשן זיינען אָפּגענאַרטע, וואָס ווערן געפירט פאַר דער נאָז. די מאָטיוון פון מענטשנס טועכצן זיינען ניט אַזוי פשוט, ווי מען קאָן מיינען; הונדערט פאַרשיידענע זאַכן באַוועגן מענטשן צו זוכן צו קריגן מאַכט איבער אַנדערע מענטשן, אָבער ניט אַלע אַזעלכע מאָטיוון זיינען שלעכטע און נידעריקע. די מכשפים האָבן געוויינטלעך אַליין געגלייבט אין זייער כישוף, און כוהנים אין זייערע צערעמאָניעס, די עלטסטע אין זייער רעכט. זינט יענער צייט באַשטייט די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט אין מער אָדער ווייניקער בלינדע פּרוּוון איינצושטעלן אַ שותּפישן ציל, וואָס לגבי אים זאָלן אַלע מענטשן לעבן גליקלעך, און צו שאַפן און אַנטוויקלען אַן אַלגעמיינעם באַוואוסטזיין און אַן אַלגעמיינעם סכום פון וויסן, וואָס זאָלן באַדינען און באַשיינען דעם דאָזיקן ציל.

אויף פאַרשיידענע אופנים און אין פאַרשיידענע געשטאַלטן באַווייזן זיך מלכים, כוהנים, מכשפים אָדער מאַגיער אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד אין דער שפּעט־פּאַלעאָליטישער און נעאָליטישער צייט. אומעטום האָבן מענטשן געזוכט דעם אָרט, וואו עס געפינען זיך וויסן און הערשאַפט און מאַגישער כוח; אומעטום האָבן איינציקע מענטשן געוואָלט, ערלעך אָדער אומערלעך, רעגירן, פירן אָדער זיין יענע מאַגישע באַשעפענישן, וואָס זיינען באַרופן איינצושטילן די מהומות אין דער געמיינשאַפט.

אַ מאָדנער מנהג האָט זיך געהאַט אַנטוויקלט אין דער שפּעט־פּאַלעאָליטישער און אין דער נעאָליטישער צייט — דאָס איז דער מנהג זיך צו קאַלעטשען. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו שניידן זייער אייגן פלייש: אָפּצושניידן זיך נעזער, אויערן, פינגער, אויסרייסן ציין, וכדומה, און צו פאַרבינדן געוויסע אָבערגלויבישע אידעעס מיט די דאָזיקע אַקטן. אַ סך קינדער גייען דורך ביי היינטיקן טאָג דורך אַן ענלעכן פאַזיס אין זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג. עס איז פאַראַן אַ צייט אין לעבן פון אַ רוב קליינע מיידלעך, ווען מען טאָר

זיי ניט לאָזן אַליין מיט אַ שער אין האַנט, וואָרעם זיי קאָנען אָפּשניידן זיך די האָר. קיין בעל-חי טוט ניט אַזוינס, וואָס זאָל זיין ענליך דערצו. דאָס האָט אויך איבערגעלאָזט אַ שפּור אין דעם מנהג פון מילה אין דער יידישער און איסלאַמישער רעליגיע.

אין אַ סך פּרטים איז דעם מאָדערנעם מענטשן סימפּאַטישער די פּשוטקייט און תּמימות פון דעם פעלזן-מאָלער אין דער שפּעט-פּאַלעאָליטישער צייט, איידער דער געמיט-צושטאַנד פון יענע נעאָליטישע מענטשן, פול מיט מורא פאַרן אַלטן זקן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ שבט-גאָט, אַיינגענומען פון אידעען וועגן לייטערונג-קרבנות, גוף-שעדיקונגען און מאַגישע מאָרדן. דער פּאָלאַרהירש-יעגער איז אָן ספק געווען אַן אָנרחמנותדיקער יעגער און אַ קעמפעריש און ליידנשאַפטלעך באַשעפעניש, אָבער אויב ער האָט געטויט, קאָנען מיר פאַרשטיין, צוליב וואָס ער האָט געטויט: דער נעאָליטישער מענטש האָט אונטער דער השפּעה פון גערייד און פון צעטומלטן דענק-פּראָצעס געהרגעט לויט אַ טעאָריע. ער האָט געהרגעט צוליב משונהדיק ווילדע אידעעס, וואָס איצט קאָן מען זיי גאָרניט נאָכטראַכטן, ער האָט געהרגעט פון ליבשאַפט און מורא, מיט אַ כוונה און ציטער. די נעאָליטישע מענטשן האָבן ניט נאָר געבראַכט מענטשלעכע קרבנות אין דער זיי-צייט; עס איז פאַראַן אַ פעסטער יסוד אָנצונעמען, אַז זיי פלעגן קוילען ווייבער און שקלאַפן ביי דער באַגרעבעניש פון אַ שטאַם-עלטסטן; זיי פלעגן הרגען מענער, פרויען און קינדער אַלע מאָל, ווען זיי זיינען געווען אין אַ צרה, און זיי האָבן געמיינט, אַז די געטער זיינען דאָרשטיק. אַלע די דאָזיקע זאַכן זיינען אַריבערגעגאַנגען אויך אין דער בראָנזע-תּקופה. ביז דער צייט איז סאָציאַל באַוואוסטזיין געשלאָפן אין דער מענטשלעכער געשיכטע און האָט אַפילו קיין חלומות ניט געזען. איידער עס האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט עס אַרויסגעבראַכט קאָשמאַרן.

פאַר באַגינען פון דער געשיכטע, מיט 3 אָדער 4 טויזנט יאָר צוריק, שטעלט מען זיך פאָר אַ פּלאַץ אינמיטן דעם ענגלישן הויכלאַנד-ווילטשיר אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן. ביי דער אויפגייענדיקער שיין פאַרבלאַסן די פייערן. מען זעט פון דער ווייטנס אין נעפּל אַ פּראָצעסיע גייענדיק דורך דער שטיינער-אַלייע: עס גייען כּוהנים, אפשר אָנגעטאָן פאַנטאַסטיש אין פעלן, מיט הערנער און שיעקלען בא-

	אייראָפּע	עגיפּטן	מעסאָפּאָטאַמיע
18,000 פּ. קר.	סטעפּעס־פּעריאָד פּאַלארהירש־מענטשן פאַרשווינדן		מענטשן טרעטן אריין אין דער נעאָליטישער סטאַדיע. אָנהייב פון אגריקולטור
15,000 „ „	וואַלד (איבער־גאַנגס)־פּעריאָד		
13,000 „ „	אזילישע צייט		
10,000 „ „	נעאָליטישע מענטשן פאַרשפּרייטן זיך אין אייראָפּע	העליאָליטישע קולטור	
8,000 „ „	ערשטע אָזערע־בנינים	אַנטוויקלט זיך	באַגינען פון שומערי־שער ציוויליזאַציע בראָנזע ניפּור און ערידו ערשטע שומערישע שריפט
6,000 „ „			
5,000 „ „			
4,000 „ „	בראָנזע	I דינאַסטיע פּיראַמידעס	
3,000 „ „	אויסשפּרייטונג פון אַרישע שפּראַכן		סרגון I
2,000 „ „	אַייזן		אַייזן
1,000 „ „			
320 „ „	אלכסנדר דער גרויסער		
50 „ „	יוליוס קיסר		
0	קריסטלעכע ערע		
1920			

צייט־דיאַגראַמע, וואָס ווייזט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט דער נעאָליטישער פּעריאָד. לויט דעם מאַסשטאַב, וואָס איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי דער מאַסשטאַב פון ז. 154, האָט די דיאַגראַמע פון ז. 104 באַדאַרפט זיין 10 פוס די לענג און די דיאַגראַמע אויף ז. 39 צווישן 450 יאַרד און $2^1/_2$ ענגל. מייל.

מאָלטע מאַסקעס — ניט ווי די לאַנג געקליידטע ־רויזן מיטן פיינעם
הדרת פנים, וואָס די אייראָפּעישע אַרטיסטן זיינען זיך נוהג פאָרצו-
שטעלן—עס גייען עלטסטע אין פעלן, אויסגעפוצט אין האַלז-בענדער
פון ציינער, מיט שפּיזן און העק אין די הענט, זייערע גרויסע קעפּ
האָר זיינען אויפגעהאַלטן מיט ביינערנע שפּילקעס, עס גייען פרויען
אָנגעטאָן אין פעלן אָדער לייוונטענע קליידער, נאָך זיי אַ גרויסער
המון מענטשן מיט צעפּאַטלטע האָר און נאַקעטע קינדער. זיי האָבן
זיך צונויפגעקליבן פון פאַרשיידענע ערטער; דער פּלאַץ אויף אַ
גרויסן שטח אַרום איז באַלייגט פון זייערע לאַגערס. עס הערשט אַ גע-
וויסע יום-טובדיקע פייערלעכקייט. און אינמיטן אָט דעם געזעמל גייען
זיך די אָנגעמערקטע מענטשלעכע קרבנות, אונטערטעניק, הילפלאָז,
קוקנדיק פאַרשטאַרט צו דעם רויכערנדיקן מזבח פון דער ווייטנס, וואָס
אויף אים האָבן זיי באַדאַרפט שטאַרבן — בכדי אַז דאָס גערעטעניש
זאָל זיין גוט און דער שבט זאָל וואַקסן.

אַזוי האָט דאָס לעבן געהאַט זיך אַנטוויקלט 3 ביז 4 טויזנט
יאָר צוריק פון זיין אָנהייב אין שליים פון די פלאַכע ים-ברעגעס.

קאפּיטל 11

די מענטשן-ראַסעס

1. צי די מענטשהייט דיפערענצירט זיך. 2. די מענטשלעכע הויפּט-ראַסעס. 3. די ברונעטע פעלקער. 4. די אַזוי גערופענע „העליאָליטישע קולטור". 5. די אַמעריקאַנער אינדיאַנער.

איצט איז נייטיק קלאָר אַרומצורעדן, וואָס עס באַטייט דער אויסדרוק „די מענטשן-ראַסעס", וואָס מען געברויכט אָפט ניט איבערצוקלערן אַ סך.

פון דעם וואָס דאָ איז שוין אויפגעקלערט געוואָרן, מוז זיין קלאָר, אַז מענטשן, וואָס זיינען אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט און לעבן אין די פאַרשיידענע קלימאַטן, באַנוצן זייער פאַרשיידענע שפּייז אין פאַרשיידענע געגנטן, האָבן צו טאָן מיט פאַרשיידענע שונאים, — האָבן שטענדיק געמוזט זיך מאָדיפיצירן און דיפערענצירן. פונקט ווי אַלע מינים לעבעדיקע באַשעפענישן, האָבן זיי שטענדיק געהאַט די נטיה זיך צו דיפערענצירן אין עטלעכע מינים; וואו נאָר אַ געוויסע גרופּע מענטשן איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער איבעריקער מענטשהייט אויף אינזלען דורכן אָקעאַן אָדער דורך מדבריות אָדער דורך בערג, האָט די דאָזיקע גרופּע באַלד געמוזט אַנטוויקלען באַזונדערע כאַראַקטעריסטישע סימנים, וואָס זיינען ספּעציעל צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע תנאים. נאָר פון דער אַנדער זייט איז דער מענטש געווינטלעך אַ וואַנדערנדיק און אונטערנעמענדיק באַשעפעניש, וואָס פאַר דעם עקסיסטירן ווייניק מחיצות, וואָס ער זאָל ניט קאָנען זיי בייקומען. מענטשן מאַכן נאָך מענטשן, שלאָגן זיך מיט זיי און נעמען זיי איין, איין פאָלק איז זיך מתחתן מיטן אַנדערן. אין משך פון טויזנטער יאָרן האָבן צוויי קרעפטן-סיסטעמעס געקעמפט קעגן אַנאַנד.

איינע האָט געשטרעבט צו צעשיידן מענטשן אין אַ סך אָרטיקע וואַריאַציעס, און אַ צווייטע אויסצומישן און צונויפשמעלצן אין איי־נעם די דאָזיקע וואַריאַציעס, איידער אַ באַזונדער מין האָט זיך איינגע־פּעסטיקט אין זיין באַזונדערקייט.

פון די דאָזיקע צווי קרעפטן־סיסטעמעס האָט אין עבר זיך גע־שטאַרקט אַמאָל איינע און אַמאָל די אַנדערע. דער פּאַלעאָליטישער מענטש, למשל, איז געווען מער וואַנדערער, ער האָט זיך מסתמא אַרומגעטריבן איבער אַ גרעסערן שטח, איידער דער שפּעטערדיקער נעאָליטישער מענטש; ער איז געווען ווייניקער צוגעבונדן צו אַ מין היים אָדער הייל, ער איז געווען ווייניקער באַשווערט דורך האָב־און־גוטס. זייענדיק אַ יעגער, איז ער געווען געצוואונגען מיטצומאַכן די וואַנדערונגען פון זיין געוויינלעכן געפאַנג. עטלעכע שלעכטע צייטן פון יאָר האָבן געקאָנט פּאַרטרייבן אים אויף הונדערטער מיילן. דערפאַר האָט ער זיך שטאַרק אויסגעמישט און האָט אַנטוויקלט גאָר ווייניק וואַריאַציעס אין גרעסטן טייל פון דער וועלט.

דער אויפקום פון ערד־קולטור האָט געהאַט די טענדענץ צו־צובינדן יענע מענטשלעכע קיבוצים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, צו אַ באַשטימטן געביט, וואו זיי האָבן געלעבט און גע־אַרבעט, און אַזוי אַרום צו באַגינסטיקן די דיפערענצירונג. אויס־מישונג און דיפערענצירונג איז ניט געווענדט פון העכערער אָדער נידעריקערער מדרגה פון ציוויליזאַציע; אַ סך ווילדע שבטים וואַנדערן איצט אַרום אויף הונדערטער מיילן; פאַרקערט: אַ סך ענגלישע דאָרפסלייט אין אַכצנטן יאָרהונדערט זיינען קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָרן ווייטער ווי אויף אַכט אָדער צען מייל פון זייערע דערפער, ניט זיי און ניט זייערע טאַטעס און זיידעס. יעגער־שבטים מאַכן אָפט זייער ווייטע נסיעות. דאָס לאַנד לאַבראַדאָר, למשל, איז באַוואוינט פון עטלעכע טויזנט אינדיאַנער, וואָס גייען נאָך דעם איינציקן הערט פון קאַריבו־הירשן, בעת ער וואַנדערט איבער אַלע יאָר קיין צפון און דערנאָך צוריק קיין דרום, צו זוכן זיך שפייז. דאָס דאָזיקע הייפל מענטשן פאַרנעמט אַ טעריטאָריע, וואָס איז גרויס אַזוי ווי פראַנקרייך. נאָמאַדן־פעלקער וואַנדערן אויך אַרום איבער גרויסע שטרעקעס. מען זאָגט, אַז עטלעכע קאַלמיקן־שבטים שפּאַצירן זיך אַרום אַ

קנאַפּע טויזנט מייל צווישן דעם זומערדיקן און דעם ווינטערדיקן פּיטער-פּלאַץ.

די השערה, אַז דער פּאַלעאָליטישער מענטש האָט אַרומגעוואַנדערט ווייט און איז געווען צעטיילט שיטער, אָבער איינפאָרמיק איבער דער וועלט, קאָן ווערן אַרויסגעדרונגען דערפון, וואָס די פּאַלעאָליטישע רעשטן וואָס מיר געפינען זיינען אומעטום חידושדיק איינפאָרמיק. צו ציטירן סער דזשאָן איווענס: „די געצייג אין פאַרשיידענע לענדער זיינען אַזוי ענלעך אין כאַראַקטער און אין פאָרמען צו די בריטישע מוסטערן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין געמאַכט פון די זעלביקע הענט... אויף די ברעגעס פון נילוס, עטלעכע הונדערט פוס איבער זיין איצטיקן וואַסער-שפּיגל, האָט מען אַנטדעקט געצייג פון איראָפּעיִשע טיפּן; און אין סאָמאַלי-לאַנד, אין אַן אַלטן טייך-טאָל אין אַ גרויסער הייך איבערן ים, האָט מר. ה. מ. סעטאָן-קאַר צונויפגעקליבן אַ גרויסע צאָל געצייג, געמאַכט פון פייערשטיין און קוואַרץ-שטיין, וואָס אויב מען זאָל משפּטן לויט זייער פאָרם, האָבן זיי געקאָנט זיין אויסגעגראָבן פון די אָפּלייגערונגען ביי דער סאָמע און סענע, פון טעמזע אָדער פון אַלטן סאָלענט".

אין דער היסטאָריע פון דער מענטשהייט האָבן זיך מסתּמא געביטן פּאַזעס פון אויסשפּרייטונג און אויסמישונג מיט פּאַזעס פון איינגעזעסנקייט און ספּעציאַליזירונג. נאָר מען מעג משער זיין, אַז לכל הפּחות ווינט דעם סוף פון דער פּאַלעאָליטישער תּקופה ביז מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק איז די מענטשהייט אין גרויסן און גאַנצן געווען דיפערענצירט. די מינים האָבן אין יענעם פּעריאָד זיך דיפערענצירט צו אַ גרויסער צאָל וואַריאַצעס, וואָס אַ סך פון זיי האָבן זיך ווידער אַמאָל צונויפגעשמאָלצן מיט אַנדערע, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט און האָבן זיך ווידער דיפערענצירט אָדער זיינען אונטערגעגאַנגען. אומעטום, וואו עס איז געווען אַ שטרענג אָנגעצייכנטע פאַרשיידנקייט פון אָרטיקע תּנאים און עס זיינען געווען שטערענישן פאַרן פאַרקער, דאָרט איז מען כמעט געצוואונגען אָנצונעמען, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַ וואַריאַציע פון דער מענטשהייט. אַזעלכע אָרטיקע וואַריאַציעס האָבן געמוזט זיין זייער אַ פּולע.

אין אַן אָפּגעלעגענעם ווינקל פון דער ערד, אין טאַסמאַניע, איז אַ קליין פעלקל געבליבן אָפּגעשניטן אין דעם פרי-פּאַלעאָליטישן צושטאַנד, ביז די האָלענדער האָבן אַנטדעקט דעם אינזל אין יאָר 1642. איצט זיינען זיי, צום באַדויערן, אונטערגעגאַנגען. דער לעצ-

די איינוס, א מאן אין א פרוי. זיי זיינען כאראקטעריסטיש מיט זייער האר-וואוקס. זיי זיינען אפשר ווייטע קרובים פון דער צפונדיקער ראסע.

טער טאַסמאַניער איז געשטאָרבן אין יאָר 1876. זיי האָבן געקאָנט ווערן אָפּגעשניטן פון דער איבעריקער מענטשהייט מיט 15, 20 אָדער 25 טויזנט יאָר צוריק.

נאָר צווישן די פיל מניעות און מחיצות פאַרן פאַרקער זיינען געווען געוויסע הויפּט־באַריערן, אַ שטייגער ווי דער אַנטלאַנטישער אָקעאַן, דער הויכלאַנד און די איצט פאַרשוואונדענע אָזערס פון צענטראַל־אַזיע און כדומה אַזעלכע, וואָס האָבן אָפּגעשניטן גרויסע גרופּעס פון וואַריאַציעס פון אַנדערע גרויסע גרופּעס פון וואַריאַציעס



א בושמען פון אפריקע. איצטער געפינען זיי זיך כמעט נאָר אין מדבר קאַלאַהאַרי.

אַ משך פון לאַנגע פעריאָדן צייט. די דאָזיקע אָפּגעשיידטע וואַריאַציע־גרופּעס, האָבן זייער פרי אַנטוויקלט געוויסע ברייטע ענלעכקייטן און פאַרשיידנקייטן. דער גרעסטער טייל פון די מענטשן־וואַריאַציעס אין מזרח־אַזיע און אַמעריקע, אָבער ניט אַלע, האָבן איצט אַזעלכע שותּפישע סימנים — זיי האָבן העל־געלע הויט, גלייכע

שוואַרצע האָר, און אָפט אַרויסשטאַרטשענדיקע באַקן-ביינער. דאָס גרעסטע רוב פון די אַיינגעבאָרענע פעלקער פון אַפריקע אין דרום-זייט פון סאַהאַרע, אָבער ניט אַלע, האָבן שוואַרצע אָדער שוואַרצלעכע הויט, פלאַטשיקע נעזער, גראָבע ליפן און געגרייזלטע האָר. אין צפון-און מערב-אייראָפע האָבן אַ גרויסע צאָל פעלקער העלע האָר, בלויע אויגן און ראָזעווע פנימער; און אַרום מיטללענדישן ים איז פאַראַן אַ מערהייט ווייסהויטיקע מענטשן מיט טונקעלע אויגן און שוואַרצע האָר. די דאָזיקע טונקל-ווייסע באַפעלקערונג איז, משמעות, אַ צענטראַלע מענטשן-ראַסע, וואָס גייט איבער בהדרגה כמעט ניט צו מערקן קיין צפון, קיין מזרח און קיין דרום אין די מער ספעציאַליזירטע געלע און ווייסע און אין די אָפגעטיילטע שוואַרצע. דאָס שוואַרצע האָר פון אַ סך פון די דאָזיקע טונקעלע ווייסע איז גלאַט, אָבער קיין מאָל ניט אַזוי שטאַרק און שטייף ווי דאָס האָר פון די געלע פעלקער. עס איז גלאַטער אין מזרח, איידער אין מערב. אין דרום-אינדיע געפינען מיר ברוינלעכע און טונקעלערע מענטשן מיט גלאַטע שוואַרצע האָר, און אַז מיר גייען פון דאָרט קיין מזרח, געפינען מיר אָנשטאָט זיי בפירוש געלע מענטשן.

אין צעוואָרפענע אינזלען און אויף פאַפואַ און אויף ניי-גוויִנעע געפינען מיר אַן אַנדער מין שוואַרצע און ברוינלעכע מענטשן פון אַ נידעריקן טיפ מיט געגרייזלטע האָר.

נאָר מען מוז האַלטן אין זינען, אַז דאָס זיינען אַליין לויז אָנגעמאָסטענע פאַראַלגעמיינערונגען. אייניקע פון די לענדער און איזאָלירטע מענטשן-גרופעס אין אַזיע האָבן געקאָנט זיך געפינען אונטער תנאים, וואָס זיינען מער ענלעך צו די תנאים פון אייראָפע; געוויסע נעגנטן פון אַפריקע זיינען מער אַזיאַטיש און פון אַ ווינציקער בולטן אַפריקאַנער טיפ. מיר געפינען אַ געלאָקט-האָריקע, גאַנץ שייִנע ראַסע, וואָס די מאַנסביל אירע האָבן בערד, אין יאַפאַן, דאָס זיינען די אַיינוס. זיי זיינען מער ענלעך לויט זייער פנים-טיפ צו אייראָפער, איידער צו די אַרומיקע געלע יאַפאַנער. אפשר זיינען זיי אַן אָפגעריסענער צווייג פון די ווייסע אָדער אפשר זיינען זיי אַ באַזונדער פאָלק. מיר געפינען אַ פרימיטיווע שוואַרצע באַפעלקערונג אויף די אַנדאַמאַן-אינזלען ווייט פון אויסטראַליע און ווייט פון אַפ-

ריקע. עס איז צו מערקן אַ שטריך פון אמת נעגראַיד בלוט אין דרום־פערסיע און אין אייניקע טיילן פון אינדיע. דאָס זיינען די „אַזיאַטישע“ נעגראָידן.

עס איז פאַראַן ווינציק אָדער גאָר קיין באַווייז ניט, אַז אַלע שוואַרצע פעלקער, די אויסטראַליער, די אַזיאַטישע נעגראָידן און די נעגערס, קומען אַרויס פון איין שורש; מער ניט וואָס דען? אַז אין משך פון לאַנגע פעריאָדן האָבן זיי געלעבט אונטער ענלעכע תּנאים. מעגלעך איז, אַז אַלע עלטערע מענטשן־ראַסעס זיינען געווען טונקל אָדער שוואַרץ, און די העלקייט איז אַ נייע זאַך. מיר טאָרן ניט אָננע־מען, אַז די מענטשן האָבן אין מזרחדיקן אַזיאַטישן שטח זיך די־פערענצירט אין איין ריכטונג און אַלע מענטשן פון אַפריקע אין אַ צווייטער ריכטונג. אמת, עס זיינען פאַראַן גרויסע הויפּטשטרעמונגען, אָבער עס זיינען פאַראַן אויך דאַמבעס, קעסל־גרובן, אויסמישונגען און אונטערערדישע שטראָמען פון איין הויפּט־פלאַץ צום צווייטן. אַ קאָלירטע וועלט־קאַרטע צו ווייזן די ראַסעס וואָלט זיך ניט פאָרגע־שטעלט אין גרויסע קאָליר־שטחים; זי וואָלט געווען דורכאויס באַ־פינטלט מיט אַ סך פלעקן און איבערגאַנגס־ניואַנסן, אין איין אָרט איינפאַך, אין אַ צווייטן אָרט געמישט און בונט.

אין דעם פרי־נעאָליטישן פעריאָד אין אייראָפּע — דאָס האָט געקאָנט זיין אַרום 10 צו 12 טויזנט יאָר צוריק — איז דער האָמאָ סאַפּיענס געווען דיפערענצירט איבער גאָר דער וועלט אין אַ געוויסער צאָל וואַריאַציעס, נאָר קיין מאָל האָט ער זיך ניט דיפערענ־צירט אין פאַרשיידענע מינים. דער איינציקער אַנדער מין האָמאָ, דער נעאַנדערטאַלער, איז געוואָרן פאַרטיליקט, איידער די געשיכ־טע הייבט זיך אָן. אַ „מין“, מוזן מיר געדענקען, אונטערשיידט זיך אין דער ביאָלאָגישער שפּראַך פון אַ „וואַריאַציע“ דורך דעם, וואָס פאַרשיידענע וואַריאַציעס קאָנען אַרויסברענגען אַ נייעם דור, בעת פאַרשיידענע מינים קאָנען דאָס ניט אָדער זיי ברענגען אַרויס אַ דור, וואָס קאָן זיך ניט פּרוכפּערן, ווי אַ שטייגער, די מויל־אייזלען. אַלע מענטשן, וואָס עקסיסטירן איצט, קאָנען אַרויסברענגען קינדער פון געמישטע זיווגים, קאָנען אויסלערנען זיך צו פאַרשטיין די זעלביקע שפּראַך, צופּאַסן זיך צו אַ בשותּפישער אַרבעט. און ביי היינטיקער

צייט דיפערענצירט זיך דער מענטש בכלל ניט. אויסמישונג איז איצט אַ שטאַרקערער כּוח ווי דיפערענצירונג. מענטשן מישן זיך אויס אַלץ מער און מער. פונם שטאַנדפּונקט פון דעם ביאָלאָג איז די מענטשהייט אַ בעלי־חיים־מין אין אַ צושטאַנד פון פאַרהאַלטענער דיפערענצירונג און מעגלעכער אויסמישונג.

---

2. די מענטשלעכע הויפּט־ראַסעס.

ערשט אין די לעצטע פופציק אָדער זעכציק יאָר האָט מען גענומען באַטראַכטן די מענטשן־וואַריאַציעס, ווי אַ געמיש פון וואַריאַציעס, וואָס זיינען אָקאָרשט פאַרגליווערט געוואָרן אָדער האַלטן נאָך אין פראָגרעסירן. פריער האָבן פאָרשער, וואָס זיינען, באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט, געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער מעשה מיט נוחן און זיין תּבֿה, און זיינע דריי זין, שם, חם און יפת, איינגעטיילט די מענטשהייט אין דריי אָדער פיר גרויסע ראַסעס, און זיי זיינען געווען נוטה אָנצונעמען, אַז די דאָזיקע ראַסעס זיינען גאָר אָפּגעזונדערט פון אַנאַנד, אַז זיי שטאַמען לכתּחילה פון באַזונדערע עלטערפאָטערס. זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פון די גרויסע מעגלעכקייטן פון מיש־ראַסעס און פון באַזונדערע אָרטיקע איזאָלירונגען און דיפערענצירונגען. אין דער קלאַסיפיקאַציע גופא איז מען געווען שטאַרק מחולק, אָבער אַלע זיינען געווען מסכּים דערין, אַז די מענטשהייט מוז קאָנען ווערן אינגאַנצן צעטיילט אין דריי אָדער פיר הויפּט־גרופּעס. עטנאָלאָגן (פאָרשער פון דער ראַסע) האָבן געפירט לאַנגע פאַרפלאָנטערטע וויכּוחים מכּוח אַ סך קלענערע פעלקער, צי זיי געהערן צו דער אָדער צו יענער פרימערער ראַסע, אָדער זיי זיינען „געמישט“ אָדער אַ פאַרבלאָנדזשעטע עלטערע פאָרם און וואָס ניט. נאָר אין דער אמתן זיינען אַלע ראַסעס מער אָדער ווייניקער געמישט. עס זיינען, בלי־ספק, פאַראַן פיר הויפּט־גרופּעס, אָבער איטלעכע פון זיי איז אַ געמיש, און עס זיינען פאַראַן קליינע גרופּעס, וואָס לאָזן זיך ניט אַריינשטעלן אין קיין איינער פון די פיר.

מיט אָט דער באַוואָרעניש, אויב מען האַלט פעסט אין זינען, אַז בעת מען רעדט וועגן די דאָזיקע הויפּט־אײַנטיילונגען, מיינט מען ניט פּשוטע און ריינע ראַסעס, נאָר ראַסע־גרופּעס, דעמאָלט קאָן די דאָזיקע אײַנטיילונג ברענגען נוצן ביים באַהאַנדלען דעם ענין. איבער גאַנץ אייראָפּע, איבער די ברעג־לענדער פון מיטללענדישן ים און אין מערב־אַזיע לעבן און האָבן געלעבט מיט אַ סך טויזנט יאָר צוריק פעלקער, וואָס מען רופט זיי געוויינטלעך די קאַוקאַזער, וואָס ווערן אײַנגעטיילט אין צוויי אָדער דריי הויפּט־אונטערטיילן, די צפונדיקע בלאָנדע אָדער נאָרדישע ראַסע, אַ היפּאָטעטישע מיטל־ראַסע, וואָס אַ סך אַווטאָריטעטן זיינען מסופק אין איר קיום, די אַזוי אָנגערופענע אַלפּינע ראַסע, און די דרומדיקע טונקל־ווייסע, די מיטללענדישע אָדער איבערישע ראַסע; אין מזרח־אַזיע און אַמע־ריקע הערשט אַ צווייטע ראַסן־גרופּע, די מאָנגאָלישע, געוויינטלעך מיט געלער הויט, גלאַטע שוואַרצע האָר און פעסטן קערפּער־געביי; אין אַפריקע די נעגערס, און אין די געגנטן פון אַוסטראַליע און ניי־גווינעע די שוואַרצע, פרימיטיווע אַוסטראַלאָידן. דאָס זיינען אָנגענומענע, קאָנווענציאָנעלע טערמינען, בתנאי אַז דער פאָרשער האַלט אין זינען, אַז זיי זיינען ניט גענוי באַשטימטע נעמען. זיי שטעלן פאָר נאָר די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטישע סימנים פון געוויסע הויפּטלעכע ראַסע־גרופּעס; זיי לאָזן אויס אַ צאָל קליינע פעלקער, וואָס געהערן בעצם ניט צו קיין איינער פון די דאָזיקע אײַנטיילונגען, און זיי נעמען ניט אין אַכט די שטענדיקע אויסמישונג צווישן די הויפּט־גרופּעס גופא.

צי די „קאַווקאַזישע" ראַסע דאַרף ווערן אײַנגעטיילט אין צוויי אָדער דריי אונטערטיילן, איז געווענדט אין דעם, צי מען מעג צושרייבן אַ קלאַסיפיקאַטאָרישן ווערט צו געוויסע אונטערשיידן אין סקעלעט און בפרט אין דער פאָרם פון שאַרבן. מען באַגעגנט ביים לייענען שטענדיק מכּות קורצקעפּיקע (בראַכיקעפאַלע) און לאַנגקעפּיקע (דאָליכאָקעפאַלע) מענטשן. גענוי גערעדט איז קיין איין שאַרבן ניט פּינקטלעך קיילעכיק, נאָר איניקע שאַרבנס (די דאָליכאָקעפאַלע) זיינען מער אויסגעצויגן, ווי אַנדערע: אויב די ברייט פון אַ שאַרבן באַטרעפט ביז פיר פינפטל און מער פון זיין לענג פון אַקן ביזן שטערן, ווערט אַזאַ שאַרבן

אָנגערופן אַ בראַכיקעפאַלער; אויב די ברייט איז ווינציקער ווי פיר פינפטל פון דער לענג, איז דער שאַרבן אַ דאָליכאָקעפאַלער.

טייל עטנאָלאָגן באַטראַכטן אָט דעם אונטערשייד צווישן דאָליכאָקעפאַל און בראַכיקעפאַל פאַר פרימער וויכטיק, אַן אַנדער שול — און דער מחבר מוז זיך מודה זיין, אַז ער איז אינגאַנצן איבערצייגט געוואָרן פון איר — האַלט, אַז דאָס איז אַ ריין סעקונדערער אונטערשייד. מען מעג אָננעמען, אַז די פאָרם פון מענטשנס שאַרבן קאָן אונטער באַזונדערע תּנאים זיך בייטן אין ווינציק דורות.

די שאַרבן־פאָרם פון די לאָמבאַרדער, זאָגט סער עפ. פּעטרי, האָט זיך אומגעביטן פון דאָליכאָקעפאַל צו בראַכיקעפאַל אין עטלעכע הונדערט יאָר; און באָאַז וויל האָבן דערוויזן, אַז די פאָרם פון די שאַרבנס פון די אייגוואַנדערער אין די פאַראייניקטע שטאַטן בייט זיך אין איין דור. מיר ווייסן ניט, וואָס פאַר אַן איינפלוסן עס פאַרענדערן די פאָרם פון שאַרבן, פונקט ווי מיר ווייסן ניט, פאַרוואָס די מענטשן פון בריטישער אָפּשטאַמונג, וואָס וואוינען אין דער געגנט פון טייך דאַרלינג אין אַוסטראַליע, זיינען אַזוי אויסערגעוויינטלעך הויך געוואַקסן, אָדער פאַרוואָס אין ניי־ענגלאַנד זיינען זייערע קינבאַקן געוואָרן ווי קלענער און ממילא זייערע ציין געזעצט געדיכטער.

נאָך פון נעאָליטישע צייטן געפינט מען דאָליכאָקעפאַלע און בראַכיקעפאַלע שאַרבנס אין איין און דער זעלביקער רעשטן־גרופּע און אַפילו צוזאַמען באַגראָבן, און דאָס איז ריכטיק בנוגע דעם רוב פעלקער ביז צו היינטיקן טאָג. אייניקע פעלקער, אַ שטייגער ווי די בערג־פעלקער פון צענטראַל־אייראָפּע, האָבן אַ גרעסערן פּראָצענט בראַכיקעפאַלע אינדיווידן, ווי אַנדערע; ביי טייל ווידער, למשל, די סקאַנדינאַווער, הערשן די דאָליכאָקעפאַלע. אין דער נעאָליטישער בריטאַניע און סקאַנדינאַוויע זיינען די פריסטע קברים־בערגלעך מער לענגלעך, און די שפּעטערע זיינען קיילעכדיק, און די שאַרבנס וואָס מען געפינט אין די ערשטע זיינען געוויינטלעך דאָליכאָקעפאַל און אין די לעצטע אָפטער בראַכיקעפאַל. דאָס באַצייכנט אפשר אַ בייט פון ראַסעס אין מערב־אייראָפּע אין נעאָליטישן פעריאָד, אָבער עס קאָן אויך באַצייכענען אַ שינוי אין שפּייז, אין שטייגער לעבן, אין קלימאַט.

אָבער דער שטודיום פון די שאַרבן־פאָרמען האָט געבראַכט עטלע־

כע עטנאָלאָגן דערצו, אַז זיי טיילן אײַן די קאַווקאַזער ראַסע ניט, ווי העקסלי האָט זי אײַנגעטיילט, אין צוויי, די צפונדיקע בלאָנדע און די מיטללענדישע און צפון-אַפריקאַנישע טונקל-ווייסע אָדער ברונעטע, נאָר אין דריי. זיי צעשפּאַלטן זײַנע בלאָנדינען אין צוויי קלאַסן. זיי אונטערשיידן אַ צפון-אייראָפּעיִשן טיפּ, בלאָנד און דאָליכאָקעפּאַל, די צפון-ראַסע: אַ מיטללענדישע אָדער איבערישע ראַסע, די טונקל-ווייסע, וואָס איז טונקל-האָריק און דאָליכאָקעפּאַל; און צווישן די דאָזיקע צוויי אונטערשיידן זיי יענע דריטע ראַסע, זייער בראַכיקעפּאַלע ראַסע, די אַלפּינע ראַסע.

דער צד שכנגד באַטראַכט די כּלומרשטע אַלפּינע ראַסע פּשוט ווי אַ געווייסע צאָל אַרטיקע בראַכיקעפּאַלע וואַריאַציעס פון צפונדיקע אָדער איבערישע (טונקל-ווייסע) מענטשן. די איבערישע מענטשן זײַנען געווען דאָס נעאָליטישע פאָלק מיט די לאַנגע קברים-בערגלעך און עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבן צוערשט דורכגעוואַנדערט דעם גרעסטן טייל אייראָפּע און מערב-אַזיע. זיי באַהערשן די עלטסטע געשיכטע. די צפונדיקע פעלקער באַווייזן זיך שפּעטער, געקומען פון די וועלדער און פון די מערבדיקע און צענטראַלע ברעגעס פון צפון-אייראָפּע און אַזיע.

3. די ברונעטע פעלקער.

דער מיטללענדישער אָדער איבערישער טייל פון דער קאַווקאַזער ראַסע האָט געהאַט אין אַלטע צײַטן אַ גרעסערע אויסשפּרייטונג און איז געווען פון אַ ווייניקער ספּעציאַליזירטן און אויסגעצייכנטן טיפּ, ווי דער צפונדיקער. עס איז זייער שווער צו באַשטימען זײַנע דרומדיקע גרענעצן מיט די נעגערס, אָדער אָפּצוזונדערן זײַנע פריע שפּורן אין צענטראַל-אַזיע פון די שפּורן פון די פריע מאָנגאָלן. וו. בלענט זאָגט, אַז העקסלי „האָט אַ לאַנגע צייט חושד געווען, אַז די עגיפּטער און די דראַווידן אין אינדיע שטאַמען פון איין שורש, ער האָט משער געווען, אַז אפשר איז געווען אַ לאַנגער פּאַס ברוינהויטיקע מענטשן פון אינדיע ביז שפּאַניע אין גאָר אַלטע צײַטן“.

דער דאָזיקער „פּאַס“ העקסליס פון טונקל-ווייסע און ברוין-הויטיקע מענטשן, די דאָזיקע ראַסע פון ברונעט-ברוינע פעלקער, איז

געוועז פֿאַרשפּרייט נאָך ווייטער ווי אינדיע; זיי האָבן דערגרייכט ביז צום ברעג פֿון שטילן אָקעאַן, און זיי זיינען געוועזן אומעטום די לכת-חילדהדיקע אייגנטימער פֿון דער נעאָליטשער קולטור און די אָנהייבער פֿון



א נעגער פֿון צפון-אפֿריקע.

דעם, וואָס מען רופט אָן ציוויליזאַציע. עס איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע ברונעטע פעלקער זיינען, אַזוי צו זאָגן, די באַזיס-פעלקער פון אונזער מאָדערנער וועלט. די צפונדיקע און מאָנגאָלישע פעלקער זיינען אפשר געווען נאָר די צפון-מערבדיקע און צפון-מזרחדיקע צווייגן פון אָט דעם דאָזיקן פונדאַמענטאַלן שטאַם. אָדער די צפונדיקע ראַסע האָט געקאָנט זיין אַ צווייג, בעת די מאָנגאָלישע ראַסע איז, ווי די נעגערשע, אַ צווייטער באַזונדערער שטאַם, וואָס מיט אים האָבן די ברונעט-ברוינע זיך געטראָפן אין דרום-כינע און דאָרט זיך אויסגעמישט. אָדער די צפונדיקע פעלקער האָבן זיך אַנטוויקלט באַזונדער פון אַ פּאַלעאָליטישער סטאַדיע. גריפיטה טיילאָר האַלט, קענטיק, אַז דער מאָנגאָלישער טיפּ האָט זיך אַנטוויקלט פון דעם, וואָס ער רופט אָן „אַרישער" טיפּ, וואָס איז דער יסוד סיי פאַר דער צפונדיקער און סיי פאַר מאָנגאָלישער ראַסע. דאָס אַלץ זיינען נאָך היינט אָפענע פראַגעס, און וועלן נאָך בלייבן אָפן אַ סך יאָרן.

4. די אַזוי-גערופענע „העליאָליטישע" קולטור.

אין אַ געוויסן פעריאָד פון דער מענטשלעכער געשיכטע (אַזוי איז משער עליאָט סמיטה אין זיין ווערק „וואַנדערונגען פון פריער קולטור") האָט, קענטיק, עקסיסטירט אַ ספּעציעלער טיפּ נעאָליטישע קולטור, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין דער וועלט, און ער האָט געהאַט אַ גרופּע שטריכן, וואָס זיינען אַזוי טשיקאַווע און אַזוי ניט ענלעך דערצו, זיי זאָלן זיך האָבן אומאָפּהענגיק אַנטוויקלט אין פאַרשיידענע געגנטן פון דער ערד, אַז מיר זיינען געצוואונגען אָנצונעמען, אַז זיי זיינען דער רעזולטאַט פון איין קולטור. זי האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַלע געביטן, וואָס זיינען געווען באַוואוינט פון דער ברונעטער מיטללענדישער ראַסע און ווייטער דורך אינדיע, הינטער-אינדיע, ביז צום ברעג פון שטילן אָקעאַן אין כינע, און צולעצט אַריבערגעכאַפּט זיך איבערן שטילן אָקעאַן ביז פּערו און מעקסיקע. זי איז געווען אַ ברעג-לאַנד-קולטור.

די אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונג פון דער נעאָליטישער קולטור, וואָס עליאָט סמיטה האָט אָנגערופן די העליאָליטישע קולטור (זונ-



מיטגלידער פון א פיגמייען-שבט פון נעגראַיידן. פארגלייכט מיט אן אייראָפּעער.

שטיין-קולטור), האָט אַריינגענומען אַלע אָדער אַ סך פון די ווייטערדיקע אייגנטימלעכע מנהגים: 1) מילה, 2) דער מאָדנער מנהג אַריינצולייגן דעם פּאָטער אין בעט, ווען אַ קינד איז געבאָרן, די אַזויגערופענע קוואַדע, 3) די געוויינהייט פון מאַסאַזש, 4) די געוויינהייט צו מאַכן מומיעס, 5) מעגאַליטישע מאָנומענטן, 6) קינסטלעכע דעפאָרמאַציעס פון קאָפּ ביי קינדער דורך באַנדאַזשן, 7) טאַטויִרן, 8) רעליגיעזע אַסאָציאַציע פון זון און שלאַנג, 9) דאָס באַנוצן דעם סימבאָל, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען סוואַסטיקאַ אויף מזל. דער דאָזיקער מאָדנער קליינער סימבאָל גייט אַרום די ערד; עס איז שווער צו גלויבן, אַז מענטשן זאָלן האָבן אים צוויי מאָל פון דאָס ניי אויסגעקלערט און געמאַכט דערפון אַ גאַנצן ווען. עליאָט סמיטה געפינט אָט די אַלע מנהגים פאַראייניקט איבער דעם גאַנצן שטח צווישן מיטללענדישן ים, אינדישן אָקעאַן, שטילן אָקעאַן. וואו עס טרעפט זיך איינער, דאָרט טרעפן זיך אויך דאָס רוב אַנדערע. זיי פאַרבינדן בריטאַניע מיט באָרנעאָ און פּערו. נאָר די דאָזיקע קאָנסטעלאַציע פון מנהגים איז ניט אויפגעקומען אין די פּרימיטיווע היימען פון צפונדיקע אָדער מאָנגאָלישע פעלקער, און האָט זיך אויך ניט אויסגעשפּרייט אין דרום-זייט ווייטער פון דער עקוואַטאָריאַלער אַפריקע.

אין משך פון טויזנטער יאָרן, פון 15000 ביז 10.000 פאַר קר. האָט אַזאַ העליאָליטיש נעאָליטישע קולטור און אירע ברוינלעכע אייגנטימער זיך דורכגעזייט אַרום דער ערד דורך די וואַרעמערע געביטן, און איבער גרויסע שטרעקעס פון ים זיינען זיי אָפּט דורכגעגאַנגען אין שיפלעך. עס איז דעמאָלט געווען די העכסטע קולטור אין דער וועלט; זי האָט אויסגעהאַלטן קיבוצים, וואָס האָבן צום לענגסטן און צום העכסטן געהאַט זיך אַנטוויקלט. איר אָפּשטאַם-געביט איז געווען, ווי עליאָט סמיטה איז משער, די געגנט פון מיטללענדישן ים און פון דרום-אַפריקע.

זי האָט געוואַנדערט פּאַוואָליע תקופה נאָך תקופה. זי האָט זיך געמוזט פאַרשפּרייטן איבער די ברעגעס פון שטילן אָקעאַן און דורך די אינזלען אַריבער קיין אַמעריקע אַ צייט שפּעטער, נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט דורכגעמאַכט אַנטוויקלונגען אין איר אָפּשטאַם-לאַנד. אַ סך פעלקער פון מזרח-אינדיע, מעלאַנעזיע און פּאָלינעזיע

האָבן זיך געפונען נאָך אויף דער העליאָליטישער אַנטוויקלונגס-סטאַדיע אין דער צייט, ווען אייראָפּעישע ים-רייזנדערס האָבן זיי אין 18טן יאָרהונדערט אַנטדעקט. די ערשטע ציוויליזאַציעס פון מצרים און פון פרת-און חידקל-טאָל האָבן זיך מסתמא אַנטוויקלט פון אַט דער ווייט פאַרשפרייטער קולטור אַרויס. מיר וועלן שפּעטער באַטראַכטן די פראַגע, צי די כינעזישע קולטור האָט אַן אַנדער אָפּשטאַם.

די סעמיטישע נאָמאַדן פון אַראַבישן האַלב-אינזל האָבן, ווייזט אויס, אויך געהאַט אַ העליאָליטישע סטאַדיע.

---

5. די אַמעריקאַנער אינדיאַנער.

די אַיינגעבאָרענע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג געהערט צו דער מאָנגאָלישער ראַסע און איז, ווייזט אויס, געקומען צום אַמעריקאַנער קאָנטינענט דורך דעם בערינג-אויסגוס אין פרי-נעאָליטישער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג (נאָך היינט פאָרט מען אויף פעלענע שיפלעך אַהין און צוריק צווישן די קאָנטינענטן).

שפּעטער (הגם די עטנאָלאָגן זיינען נאָך מחולק דערין) זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע איבערן ים נייע באַפעלקערונגס-עלעמענטן מיט נייע קולטור-אידעען אויף דער העליאָליטישער מדרגה.

אויב עס זיינען געווען שפּעטער צוגעקומענע עלעמענטן אין דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, איז אָדער זיי האָבן ניט געבראַכט קיין ווייץ מיט זיך, אָדער עס איז אויסגעשטאָרבן. מאַיס, די תבואה פון דער נייער וועלט, איז אינגאַנצן פאַרשיידן פון די געוויקסן, וואָס זיינען באַוואוסט אין דער אַלטער וועלט. נאָר דאָס רעליגיעזע לעבן פון די אַמעריקאַנער פעלקער באַווייזט די זעלביקע פאַרקניפּונג פון דער אידעע פון זייען מיט אַ מענטשלעכן קרבן, וואָס האָט געהערשט אין נעאָליטישן פעריאָד אין דער אַלטער וועלט.

די אַמעריקאַנער שבטים אויף אַ גרויסן טייל פון קאָנטינענט זיינען געבליבן אויף דער מדרגה פון נעאָליטישן באַרבאַריזם. אויף סטעפּעס, באַוואַקסן אין געוויסע צייטן פון יאָר מיט גראָז, זיינען

זיי געוואָרן נאָמאַדן, נאָכגייענדיק דעם ביזאָן. אין ווייטן צפון זיינען זיי נאָכגעגאַנגען דעם קאַריבו, דעם אַמעריקאַנער פּאָלאַר-הירש (דאָס פערד האָט ניט עקסיסטירט אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט אין דעם מענטשלעכן פּעריאָד, ביז די אייראָפּעער האָבן אים אַריינגעפירט). אין די טראָפּישע וועלדער זיינען די אַמעריקאַנער אינדיאַנער געוואָרן יעגערס נאָך פייגלען אין קלענערן געווילד. מער ניט אין איינעם אָדער צוויי פּרובפּעריקע געביטן האָבן זיי, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער פאַרצייכענען, אַנטוויקלט אַ מער אויסגעאַרבעטן סאָציאַלן סדר, באַוואַסערט, אויסגעבויט וויכטיקע בנינים פון שטיין, וואָס זיינען געווען באַפּוצט מיט אויסגעאַרבעטע אָרנאַמענטן פון העכסט קאָנווענציאָנאַליזירטע און אָפט פאַנטאַסטישע מוסטערן, האָבן געגרינדעט שטעט און אימפּעריעס.

קאַפּיטל 12

די שפּראַכן פון דער מענטשהייט

1. ניטאָ קיין איין פּרימיטיווע שפּראַך. 2. די אַרישע שפּראַכן. 3. די סעמיטישע שפּראַכן. 4. די חמיטישע שפּראַכן. 5. די אוראַל-אַלטאַישע שפּראַכן. 6. די כינעזישע שפּראַכן. 7. אַנדערע שפּראַך-גרופּעס. 8. אַ מעגלעכע פּרימיטיווע שפּראַך-גרופּע. 9. אייניקע איזאָלירטע שפּראַכן.

עס איז ניט צו גלויבן, עס זאָל זיין ווען עס איז געווען אַזוינס ווי אַן אַלגעמיינע מענטשלעכע שפּראַך. מיר ווייסן גאָרנישט מכוח דער שפּראַך פון פּאַלעאָליטישן מענטשן; מיר ווייסן אַפילו ניט, צי דער פּאַלעאָליטישער מענטש האָט בכלל געקאָנט פריי ריידן.

אַז דער פּאַלעאָליטישער מענטש האָט אַ דרייסטן חוש פאַר פאָרם און האַלטונג, ווייסן מיר פון זיינע צייכענונגען; און דאָס האָט אויפגעבראַכט די השערה, אַז ער האָט מיטגעטיילט זיינע געדאַנקען דורך זשעסטן. די ווערטער, וואָס דער פּרימיטיווער מענטש האָט גענוצט, זיינען געווען מסתמא דער עיקר אויסגעשרייען פון אומרו אָדער ליידנשאַפט, אָדער נעמען פאַר קאָנקרעטע זאַכן, און אין אַ סך פאַלן זיינען זיי מסתמא געווען נאָכגעמאַכטע קלאַנגען נאָך די, וואָס די זאַך ברענגט אַרויס אָדער וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן. סער אַרטור איוועַנס האָט משער געווען, אַז אין אַמעריקע איז אויסגעקומען פריער אַ צייכן-שפּראַך, און דערנאָך אַ קלאַנגען-שפּראַך, וואָרעם אַלע אינדיאַנער אין צפון-אַמעריקע האָבן איין צייכן-שפּראַך, אָבער זייערע גערעדטע שפּראַכן זיינען פאַרשיידן.

די ערשטע שפּראַכן זיינען מסתמא געווען זאַמלונגען פון אויסרופן און זאַך-נעמען. די זאַך-נעמען זיינען מסתמא געוואָרן אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרשיידענער אינטאָנאַציע, כדי זיי צוצוגעבן אַ פאַר-

שיידענעם מיין. אויב די פּאַלעאָליטישע מענטשן האָבן געהאַט אַ וואָרט פאַר „בער“ אָדער „פערד“, האָט דער ריידער מסתּמא געוויזן דורכן טאָן אָדער דורך אַ תּנועה, צי ער מיינט,

לאַפּלענדער. זיי וואוינען אין צפון־סקאנדינאוויע. לויט דער ראַסע מאָנגאָלן.

„אַ בער קומט“ אָדער „אַ בער גייט אַוועק“, „מען דאַרף יאָגן דעם בער“, „טויט דעם בער“, „דער בער איז דאָ געווען“, „אַ בער האָט דאָס געטאָן“ און אַזוי ווייטער.

נאָר זייער פּאַוואָליע האָט דער מענטשלעכער גייסט אַנטוויקלט מעטאָדן, ווי אַזוי צו ווייזן האַנדלונג און באַציונג דורך באַזונדערע וואָרט-פאָרמען. מאָדערנע שפּראַכן פאַרמאָגן אַ סך טויזנטער ווערטער, נאָר די פריערע שפּראַכן האָבן געקאָנט באַשטיין סך-הכּל פון עטלעכע הונדערט. מען זאָגט, אַז אַפילו אייראָפּעיִשע פּויערים ביי היינטיקער צייט קומען אויס מיט ווינציקער פון טויזנט ווערטער, און מען קאָן גרינג אָננעמען, אַז אַזוי שפּעט, ווי אין דעם פרי-נעאָליטישן פּעריאָד, איז דאָס געווען דער גרענעץ פון אַ געוויינטלעכן וואָרט-אוצר. אין יענע צייטן האָבן מענטשן מסתּמא זיך ניט אַריינגעלאָזן אין שמועסן אָדער שילדערונגען. אויף צו דערציילן עפּעס האָבן זיי מער געטאַנצט און באַוויזן מיט מימיקע, איידער גערעדט מיט ווערטער. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער מעטאָדע צו ציילן, ווי אָנצייכענען צוויי דורך אַ דואַל-צאָל און אויף אַ באַשטימטן שטייגער אויסצודריקן אַ סך.

דער וואוקס פון דער שפּראַך איז צוערשט געווען זייער אַ פּאַוואָליעדיקער פּראָצעס, און גראַמאַטישע פאָרמען און דער אויסדרוק פון אַבסטראַקטע אידעען זיינען מסתּמא געקומען זייער שפּעט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אפשר ערשט מיט 4 אָדער 5 הונדערט דורות צוריק.

2. די אַרישע שפּראַכן.

די שפּראַך-פאָרשער (פילאָלאָגן) זאָגן אונז, אַז זיי זיינען ניט אין שטאַנד אָנצוצייכענען מיט זיכערקייט וואָסערע עס איז בשותּפישע שטריכן אין אַלע שפּראַכן פון דער מענטשהייט. זיי געפינען אויף גרויסע שטרעקעס שפּראַך-גרופּעס, וואָס האָבן ענלעכע וואָרצל-ווערטער און ענלעכע וועגן אויסצודריקן איין און דעם זעלביקן געדאַנק, אָבער ווייטער געפינען זיי אין אַנדערע געגנטן שפּראַכן, וואָס זיינען לחלוטין ניט ענלעך צו אַנאַנד ביז צו זייער גרונט-געביי, וואָס דריקן אויס טואונג און באַציונג דורך לחלוטין פאַרשיידענע מיטלען און האָבן אַ גאַנץ פאַרשיידענע גראַמאַטישע סכעמע.

איין גרויסע שפּראַכן־גרופּע באַדעקט איצט כמעט גאַנץ אייראָפּע און דערלאַנגט ביז צו אינדיע; זי נעמט אַריין ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, שפּאַניש, איטאַליעניש, גריכיש, רוסיש, אַרמעניש, פּערסיש און פאַרשיידענע אינדישע לשונות. די דאָזיקע גרופּע ווערט אָנגערופן די אינדאָ־אייראָפּעיִשע אָדער אַרישע שפּראַך־פאַמיליע. אין אַלע שפּראַכן פון דער דאָזיקער פאַמיליע געפינען מיר די זעלביקע גרונט־וואָרצלען, די זעלביקע גראַמאַטישע אידעען. פאַרגלייכט, צום ביישפּיל, ענגליש father, mother, דייטש Vater, Mutter, לאַטייניש pater, mater, גריכיש pater, meter, פראַנצויזיש père, mère, אַרמעניש hair, mair, סאַנסקריט pitar, matar און אַז. וו. און אַז. וו. דאָס נעמלעכע זיינען די אַרישע שפּראַכן פאַרבונדן דורכן בייט פון די קלאַנגען אין אַ גרויסער צאָל גרונט־ווערטער, f אין די גערמאַנישע שפּראַכן שטייט אַנטקעגן p אין לאַטייניש. און אַזוי ווייטער. זיי בייטן זיך לויט אַ בייט־געזעץ, וואָס הייסט גרימס געזעץ. די דאָזיקע שפּראַכן זיינען ניט קיין פאַרשיידענע זאַכן, נייערט וואַריאַציעס פון איין זאַך. די פעלקער, וואָס באַנוצן די דאָזיקע שפּראַכן, טראַכטן אויפן זעלביקן אופן.

אין ווייטן עבר, אין דער נעאָליטישער תּקופה, דאָס הייסט מיט 8000 יאָר און מער צוריק, איז אפשר געווען נאָר איין פּשוטע גרונט־שפּראַך, וואָס פון איר האָבן זיך דיפערענצירט אַלע די דאָזיקע אַרישע שפּראַכן. ערגעץ וואו צווישן צענטראַל־אייראָפּע און מערב־אַזיע האָבן אַרומגעוואַנדערט אַ געוויסע צאָל שבטים, וואָס זיינען געווען גענוג אויסגעמישט צווישן אַנאַנד, בכדי צו אַנטוויקלען און צו באַנוצן איין לשון. עס איז אָנגענומען צו רופן זיי די אַרישע פעלקער. סער ה. ה. דזשאָנסטאָן האָט זיי אָנגערופן „אַרישע רוסן". זיי האָבן על־פּי־רוב געהערט צו דער ווייסער ראַסן־גרופּע און צו דעם בלאָנדן און צפונדיקן אונטערטייל פון דער גרופּע — דאָס הייסט צו דער צפונדיקער ראַסע.

דאָ מוז מען אָבער וואָרענען. עס איז געווען אַ צייט, ווען די פילאָלאָגן פלעגן צונויפמישן שפּראַכן און ראַסעס און אָננעמען, אַז פעלקער, וואָס האָבן אַמאָל גערעדט איין און די זעלביקע

שפּראַך, האָבּן געמוזט אַלע זיין פון איין און דעם זעלבּיקן בּלוט. דאָס איז אָבּער ניט אַזוי, ווי דער לעזער וועט פאַרשטיין, ווען ער וועט זיך דערמאָנען אָן די נעגערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס ריידן איצט אַלע ענגליש, אָדער די אירלענדער, וואָס —

א מערב-איבערישער טיפּ. אן אלטער באַסקישער פּויער. זיי וואוינען אויף די פּירענעען-בּערג.

חוץ צוליב פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס — ריידן זיי שוין מער ניט די אַלטע אירישע שפּראַך, אָדער די קאָרנוועלשע בּאַפעלקערונג, וואָס האָט אָנגעוואָרן איר אַמאָליקע קעלטישע שפּראַך. אָבּער וואָס

אַ בשותּפישע שפּראַך ווייזט יאָ, איז דאָס, — אַז עס איז געווען אַ פּאַרקער צווישן די געהעריקע שבטים און אַ מעגלעכקייט פון אויסמישונג; און אויב זי באַצייכנט ניט קיין בשותּפישן אָפּשטאַם, מערקט זי דאָך אָן אַ בשותּפישע צוקונפט.

אָבער אויך די דאָזיקע לכתּחילהדיקע אַרישע שפּראַך, וואָס איז געווען אַ גערעדטע שפּראַך אפשר אַרום 6000 אָדער 5000 פאַר קר.., איז בשום אופן ניט געווען קיין פּרימערע שפּראַך אָדער די שפּראַך פון אַ ווילדער ראַסע. אירע פרישטע ריידערס זיינען געווען אויף דער נעאָליטישער סטאַדיע פון ציוויליזאַציע אָדער אַריבער איר. זי האָט געהאַט גראַמאַטישע פאָרמען און ווערבאַלע אויסדריקן פון אַ געוויסער קאָמפּליצירטקייט. די פאַרשוואונדענע אויסדרוקס=מעטאָדן פון די שפּעט=פּאַלעאָליטישע שבטים, פון די אַזיליער, אָדער פון די נעאָליטישע מענטשן, ווי ווייט מיר קאָנען זיי פון די קיכן=הויפנס, זיינען מסתמא געווען רויער, ווי די סאַמע עלעמענטאַרסטע פאָרם פון דער אַרישער שפּראַך.

די אַרישע שפּראַך=גרופּע האָט זיך אויסגעשיידט מסתמא אין יענעם גרויסן לענדער=געביט, וואָס דער דונאַי, דער דניעפּער, דער דאָן און די וואָלגע זיינען געווען זיינע הויפּט=טייכן, אַ געביט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אין מזרח=זייט אַריבער די אוראַל=בערג אין צפון=זייט פון קאַספּישן ים. אין זייערע וואַנדערונגען האָבן די אַריער ניט אויף אַ לאַנגער צייט דערגרייכט ביז צום אַטלאַנטישן אָקעאַן אָדער אין דרום=זייט פון שוואַרצן ים ביז אַריבער קליין=אַזיע. פּאַקטיש איז ניט געווען קיין צווישנשייד צווישן אייראָפּע און אַזיע, חוץ דעם באָספּאָר. דער דונאַי האָט געפלאָסן קיין מזרח=זייט צו אַ גרויסן ים, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט דורך דער וואָלגע=געגנט פון דרום=מזרח=רוסלאַנד גלייך צו טורקעסטאַן און האָט כּולל געווען אין זיך די היינטיקע ימים: דעם שוואַרצן ים, דעם קאַספּישן ים און דעם אַראַלאַר ים. אפשר האָבן זיך פון אים נאָך געצויגן שטראָמען ביז צום אַרקטישן אָקעאַן. דער דאָזיקער ים האָט באַדאַרפט זיין אַ היפּשער צווישנשייד צווישן די אַריש=ריידערס און צווישן די פעלקער פון צפון=מזרח=אַזיע.

אין דרום=זייט פון דעם קאַזיקן ים האָט זיך געצויגן אָן הפסק אַ ברעג=לאַנד פון די באַלקאַנען ביז אַפגאַניסטאַן. צפון=מערב פון דעם האָט אַ געגנט פון זומפן און לאַגונעס דערגרייכט ביז צום באַלטישן ים.

---

3. די סעמיטישע שפּראַכן.

לעבן דער אַרישער גרופּע אונטערשיידן די לינגוויסטן אַ צווייטע גרופּע שפּראַכן, וואָס איז, קענטיק, באַשאַפן געוואָרן אָפּגעזונדערט פון די אַרישע שפּראַכן, די סעמיטישע גרופּע. העברעיִש און אַראַביש זיינען קרובישע שפּראַכן, נאָר זיי האָבן אַן אַנדער קאָמפּלעקס וואָרצל=ווערטער, ווי די אַרישע לשונות; זיי דריקן אויס זייערע פֿאָרשטעלונגען פון לייבלעכער קרובישאַפט אַנדערש; די גרונט=אידעען פון זייער גראַמאַטיק זיינען אַנדערע. זיי זיינען גיכער פון אַלץ געשאַפן געוואָרן דורך מענטשלעכע קיבוצים, וואָס זיינען לחלוטין ניט געקומען אין באַריר מיט די אור=אַריער, באַזונדער און אומאָפּהענגיק.

העברעיִש, אַראַביש, אַבעסיניש, אַלט=אַשוריש, אַלט=פעניקיש, און נאָך עטלעכע אַנדערע לשונות שטעלט מען צונויף, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון אַ צווייטער אור=שפּראַך, וואָס ווערט אָנגערופן די סעמיטישע.

גאָר אין אָנהייב פון דער פאַרשריבענער געשיכטע — ד"ה אַרום 4000 פאַר קר. און פריער — געפינען מיר אַריש=ריידנדיקע פעלקער און סעמיטיש ריידנדיקע פעלקער אין לעבעדיקסטן פאַרקער צווישן אַנאַנד אין האַנדל און קריג אַרום דעם מזרחדיקן ברעג פון מיטללענדישן ים, אָבער די גרונט=אונטערשיידן צווישן דער אור=אַרישער און אור=סעמיטישער שפּראַך צווינגען אונז אָנצונעמען, אַז אין די נעאָליטישע ציימן, פאַר דעם היסטאָרישן פעריאָד, האָבן די אַריש=ריידנדיקע פעלקער געמוזט יאָרטויזנטער לאַנג לעבן אָפּגעשיידט פון די סעמיטיש ריידנדיקע פעלקער.

די סעמיטן האָבן, ווייזט אויס, געלעבט אָדער אין אַראַביע אָדער אין צפון=מזרח=אַפריקע. אין דער פרי=נעאָליטישער צייט האָבן די אור=סעמיטן און אור=אַריער געלעבט, אַזוי צו זאָגן, אין פאַרשיידענע וועלטן.

---

4. די חמיטישע שפּראַכן.

ווינציקער אײַנשטימיק זײַנען די לינגוויסטן בנוגע אַ דריטער שפּראַך־גרופּע, דער חמיטישער, וואָס טייל שיידן זיי אָפּ פון דער סעמיטישער און טייל פאַרבינדן זי מיט איר. די מיינונג פון דעם רוב געלערנטע איז איצט נוטה אָנצונעמען, אַז די דאָזיקע צוויי גרופּעס האָבן יאָ לכתחילה געהאַט אַ שייכות צווישן אַנאַנד.

די חמיטישע גרופּע איז געוויס אַ סך אַ ברייטערע און נעמט אַרום אַ סך מער פאַרשיידנאַרטיקע שפּראַכן, ווי די סעמיטישע אָדער די אַרישע, און די סעמיטישע לשונות זײַנען מער ווי פון איין פאַמיליע, האָבן מער ענלעכקייט צווישן אַנאַנד, איידער די אַרישע. די סעמיטישע שפּראַכן זײַנען אפשר אויפגעקומען ווי איין ספּעציאַליזירטע פּראָטאָ־חמיטישע גרופּע, פּונקט אַזוי ווי די פייגלען קומען אַרויס פון אַ ספּעציעלער גרופּע שרצים, און די אַרישע שפּראַכן אויך פון אַ צווייטער פּראָטאָ־חמיטישער גרופּע, פּונקט ווי זויגערס זײַנען אַרויסגעקומען פון אַ צווייטער גרופּע שרצים. עס איז אַ השערה, וואָס לייגט זיך גוט אויפן שכל, אָבער עס איז קיין איין פאַקט ניטאָ, וואָס זאָל דאָס קאָנען באַשטעטיקן, אַז די רויע פּרימיטיווע אור־גרופּע פון די אַרישע לשונות האָט זיך אָפּגעצווייגט פון די פּראָטאָ־חמיטישע שפּראַך־פאָרמען פריער, איידער סעמיטיש האָט זיך פון איר אָפּגעשיידט און ספּעציאַליזירט.

די חמיטיש־ריידערס געהערן ביי היינטיקן טאָג פּונקט ווי די סעמיטיש־ריידערס, דער עיקר צו דער מיטללענדישער ראַסע. צו די חמיטישע שפּראַכן געהערן: אַלט־עגיפּטיש און קאָפּטיש, די בערבערישע שפּראַכן (פון די בערג־פעלקער פון צפון־אַפריקע, די טואַרעגן און אַנד.), און די אַזוי אָנגערופענע עטיאָפּישע גרופּע פון די אַפריקאַנישע שפּראַכן אין מזרח־אַפריקע, אין דעם כלל אויך די שפּראַך פון גאַלאַ און סאָמאַלי. די דאָזיקע חמיטישע שפּראַכן האָבן געקאָנט אויסגיין פון אַ צענטער אויפן אַפריקאַנער ברעג פון מיטללענדישן ים, און זיי האָבן זיך געקאָנט אויסשפּרייטן זייער ווייט איבער מערב־אייראָפּע דורך די יבשה־פאַרבינדונגען, וואָס האָבן דעמאָלט עקסיסטירט.

אַלע די דאָזיקע דריי גרופּעס שפּראַכן, די אַרישע, סעמיטישע און חמיטישע, האָבן איין שותּפישן סימן, וואָס קיין שום אַנדער שפּראַך האָט אים ניט, דאָס איז דער גראַמאַטישער מין; אָבער צי קאָן דאָס



סעמיטישע ברונעטן פון בעלוטשיסטאַן.

דינען ווי אַ וואָגיקער באַווייז דערפֿאַר, אַז אַריש, סעמיטיש און חמיטיש שטאַמען פֿון איין מקור, דאָס איז אַ פֿראַגע מער פֿאַרן פֿילאָלאָג, איידער פֿאַרן סתם פֿאָרשער. פֿינדעסטוועגן איז קלאָר דערוויזן, אַז גאָר אַ לאַנגע צייט און אין גאָר אַן אַלטער פּרעהיסטאָרישער תקופֿה זיינען די ריידערס פֿון די דאָזיקע דריי פֿאַרשיידענע שפּראַך־גרופּעס געווען אָפּגעשיידט פֿון אַנאַנד.

אַז די סעמיטישע און צפֿונדיקע „ראַסעס“ זיינען פֿאַרשיידן, איז אַ סך מער קענטיק; פּונקט ווי זייערע כאַראַקטעריסטישע שפּראַכן, זיינען זיי שאַרפֿער אָפּגעצייכנט און ספּעציאַליזירט, איידער די ברייטערע, פּרימיטיווערע גרופּע פֿון די חמיטיש־ריידנדיקע פֿעלקער.

5. די אוראַל־אַלטאַישע שפּראַכן.

צפֿונית־מזרחית פֿון דער אַרישער און פֿון דער סעמיטישער געגנט האָט אַמאָל זיך אויסגעשפּרייט געווים נאָך אַ באַזונדער שפּראַכן־סיסטעם, וואָס איז איצט רעפּרעזענטירט דורך אַ גרופּע שפּראַכן, באַוואוסט אונטערן נאָמען די טוראַנישע אָדער אוראַל־אַלטאַישע גרופּע. זי איז כולל לאַפּיש פֿון לאַפּלאַנד און סאַמאָיעדיש פֿון סיביר, פֿיניש, מאַדיאַריש, טערקיש אָדער טאָטעריש, מאַנטשו און מאָנגאָליש; אייראָפּעיִשע פֿילאָלאָגן האָבן זי נאָך ניט גענוג אויסשטודירט ווי אַ גרופּע, און עס זיינען נאָך ניטאָ קיין גענוגע ראיות, צי זי נעמט יאָ אַריין צי ניט אויך קאָרעיִש און יאַפּאַניש. ה. ב. הולבערט האָט אַרויסגעלאָזן אַ פֿאַרגלייכנדיקע גראַמאַטיק פֿון קאָרעיִש מיט עטלעכע דראַווידישע שפּראַכן פֿון אינדיע, בכדי צו באַווייזן די נאָענטע קרובישאַפֿט, וואָס ער געפֿינט צווישן זיי.

6. די כינעזישע שפּראַכן.

אַ פֿינפֿטע געביט פֿאַר שפּראַכן־בילדונג איז געווען דרומית־מזרחית אַזיע, וואו עס הערשט נאָך אַ גרופּע שפּראַכן מיט אייראָפּעיִשע ווערטער אָן בייגונג, וואָס ביי זיי באַשטימט דעם באַטייט דער טאָן,

ווי אַזוי דאָס וואָרט ווערט אַרויסגערעדט. די דאָזיקע גרופּע קאָן אָנגערופן ווערן די כינעזישע אָדער מאָנאָסילאַבישע (איינטראַפּיקע) גרופּע, און איז כולל כינעזיש, בורמיש, סיאַמיש און טיבעטיש.

דער אונטערשייד צווישן אַ כינעזישער שפּראַך און איינער פון די מער מערבדיקע שפּראַכן איז אַ טיפער. אין דער פּעקינער פאָרם פון כינעזיש זיינען פאַראַן סך־הכל 420 גרונט־טראַפּן, און במילא מוז איטלעכער פון זיי דינען צו באַצייכענען אַ גרויסע צאָל זאַכן,

אַן עלטסטער פון די מאַאָריס, אַ ברונעט פאָלק, אפשר מיט אַ צפונדיקן שטריך.

און די פאַרשיידענע טייטשן פון די ווערטער ווערן קלאָר נאָר פון צוזאַמענהאַנג אָדער פון דעם טאָן, ווי אַזוי זיי ווערן אַרויסגערעדט.

די שייכותן פון די דאָזיקע ווערטער צו אַנאַנד ווערן אויסגעדריקט אויף גאָר אַן אַנדער אופן, ווי אין די אַרישע שפּראַכן. כינעזישע גראַמאַטיק איז אין עצם גאָר אַן אַנדער זאַך, ווי ענגלישע גראַמאַטיק; עס איז גאָר אַ באַזונדער ערפינדונג. אַ סך שרייבערס באַהויפּטן, אַז עס איז בכלל ניטאָ קיין כינעזישע גראַמאַטיק, און דאָס איז ריכטיק, אויב מיר פאַרשטייען אונטער גראַמאַטיק עפּעס

אַזוינס ווי די אייראָפּעישע גראַמאַטיקעס מיט בייגונגען און אַיינשטימונגען. ממילא קומט אויס, אַז אַן איבערזעצונג פון כינעזיש אין ענגליש וואָרט אין וואָרט איז אַ זאַך, וואָס קאָן ניט געמאָלט זיין. די עצם מעטאָדע פון דענקען איז אַן אַנדערע. מחמת דעם בלייבט זייער פילאָסאָפיע נאָך אין גרויסן און גאַנצן פאַר די אייראָפּעער אַ פאַרחתמעט בוך, דאָס אייגענע פאַרקערט, וואָרעם דער אופן פון אויסדרוק איז אַ פאַרשיידענער.

מיר קאָנען געבן אַזאַ ביישפּיל צו אילוסטרירן אָט דעם טיפן אונטערשייד אין דער מעטאָדע. די פיר כינעזישע שריפט-צייכנס, וואָס באַטייטן: „עסקים, פראַגע, באַפעל, אַלט", געשטעלט אין דעם סדר, ווי זיי שטייען דאָ, גיבן דעם זאַץ: „פאַרוואָס גיין מיטן אַלטן וועג?" דער כינעזער גיט דערמיט דעם פשוטן פשט. דער ענגלענדער קאָן געברויכן אַ דרייסטע מעטאַפער אויף אויסצודריקן זיין געדאַנק. שמועסנדיק מכּוח קאָנסערוואַטיזם און קעכערייי אָדער אייבינדעריי קאָן ער זאָגן: „צוליב וואָס גיין מיטן אַלטן וועג?"

מר. אַרטור וואַלי האָט אין זיין אינטערעסאַנטן עסיי איבערן כינעזישן דענקען און פּאָעזיע, וואָס איז געדרוקט ווי אַ הקדמה צו זיין בוך „170 כינעזישע שירים", אויפגעקלערט, ווי אַזוי דער כינעזישער געדאַנק איז אין יענע געביטן געהאַלטן פּראַקטיש און באַגרענעצט אין געברויך פון מעטאַפערן דורך דער באַזונדערער סטרוקטור פון דער כינעזישער שפּראַך.

7. אַנדערע שפּראַך-גרופּעס.

חוץ יענע שפּראַכן-פאַמיליעס, אונטערשיידט דער לינגוויסט נאָך אַנדערע גרויסע שפּראַכן-גרופּעס. אַלע שפּראַכן פון די אַמעריקאַנער אינדיאַנער, וואָס זיינען שטאַרק פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע זיינען אָפּגעזונדערט פון די שפּראַכן פון דער אַלטער וועלט. דאָ קאָנען מיר זיי צונויפנעמען ניט אַזוי ווי אַ פאַמיליע, נאָר ווי אַ כל-המינים-גרופּע.

פאַראַן אַ גרויסע גרופּע שפּראַכן אין אַפריקע, פון אַ שטיקל צפונדיקער פון עקוואַטאָר ביז צום דרומדיקן עק, די באַנטו-גרופּע,

און חוץ דעם אַ קאָמפּלעקס פון אַנדערע שפּראַכן אין צענטער פון דעם קאָנטינענט, וואָס מכּוח זיי ווילן מיר דאָ ניט ריידן.

עס זיינען פאַראַן נאָך צוויי מסתמא אָפּגעזונדערטע גרופּעס, די דראַווידישע אין דרום-אינדיע און די מאַלאַיאָ-פּאָלינעזישע, וואָס איז פאַרשפּרייט אין פּאָלינעזיע און נעמט איצט אַריין אויך אינדישע לשונות.

פון די דאָזיקע גרונט-אונטערשיידן אין די שפּראַכן איז, וויפל דער שכל איז מחייב, קענטיק געדרונגען, אַז אַרום דער צייט,

א יונגע מיידל פון די זולוס. די זולוס זיינען א באנטו-נעגער-פאלק.

ווען מענטשן האָבן אָנגעהויבן בילדן גרעסערע קיבוצים, ווי די משפּחה, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן דערציילן איינער דעם אַנדערן לאַנגע מעשיות און טראַכטן מער און איבערגעבן געדאַנקען, זיינען זיי געווען צעשפּרייט איבער דער וועלט אין געגנטן, וואָס צווישן איז געווען גאָר אַ קליינער פאַרקער. זיי זיינען געווען אָפּגעשיידט פון אַנאַנד דורך אָקעאַנען, ימים, געדיכטע וועלדער, מדבּריות אָדער

בערג. אין יענער ווייטער צייט, אפשר מיט 10.000 יאָר צוריק, האָבן די אַרישע, סעמיטישע, חמוטישע, טוראַנישע, כינעזישע, אַמעריקאַנישע משפחות און שבטים אַרומגעוואַנדערט איטלעכער באַזונדער אין זיין געביט פון געיעג אָדער פאַשע און ביי געלעגנהייט אויך ערדאַרבעט, אַלע אויף איין און דער זעלביקער קולטור=מדרגה, נאָר איטלעכער אַנטוויקלענדיק זיין שפּראַך אויף זיין אייגענעם דרך. מסתמא איז איטלעכער פון די דאָזיקע אור=שבטים אַרום און נישט געווען גרעסער אין צאָל ווי די אינדיאַנער אין די צפונית=מערבית=טעריטאָריעס פון צפון=אַמעריקע ביי הײַנטיקן טאָג. סיסטעמאַטישע אַגריקולטור האָט זיך קוים וואָס געהאַט אָנגעהויבן, און ביז די ערד=קולטור האָט געמאַכט מעגלעך אַ געדיכטערע באַפעלקערונג, האָבן אַלע מענטשן אויף גאָר דער וועלט מסתמא געציילט נישט מער ווי עטלעכע צענדליק טויזנט. דאָס איז אַ זאַך, וואָס ווינציק מענטשן זיינען תופס, אַז ביז צו דער שפּעט=פּאַלעאָליטישער תקופה איז דער מענטש געווען אַ זייער זעלטן באַשעפעניש. אויב אַגריקולטור איז געוואָרן וויכטיק אין מענטשלעכן לעבן, און אויב אין יענער צייט איז די באַפעלקערונג געווען ערגעץ געדיכטער, איז דאָס געווען אין דער מיטללענדישער געגנט, און מעגלעך, אַז אין געגנטן, וואָס זיינען איצט איינגעזונקען אין ים.

חוץ די דאָזיקע נעאָליטישע שבטים, האָבן נאָך געמוזט זיין פאַרשיידענע נאָך מער פּרימיטיווע וואַלד=מענטשן אין אַפריקע און אין אינדיע. יענע האָבן געקאָנט ציילן נאָר עטלעכע טויזנט קעפּ. זיי זיינען מסתמא געווען אַזוי זעלטן אָדער נאָך זעלטענער, ווי איצט דער גאָרילאַ. צענטראַל=אַפריקע, פון דעם אייבערשטן נילוס אָן, איז דעמאָלט געווען איין גרויסער וואַלד, וואָס געוויינטלעך מענטשלעך לעבן האָט אַהין נישט געקאָנט אַריינדרינגען, אַ וואַלד, וואָס די וועלדער פון קאָנגאָ זיינען איצט די לעצטע איינגעשרומפּענע רעשטן פון אים.

עס איז מעגלעך, אַז די פאַרשפּרייטונג פון אַ ראַסע מענטשן העכער ווי די פּרימיטיווע אַווסטראַלאָידן אין מזרח=אינדיע און די אַנטוויקלונג פון די שפּראַכן פון מאַלאַיאָ=פּאָלינעזישן טיפּ איז געפאַלן שפּעטער אין צייט, איידער דער אָנהייב פון יענע אַנדערע

שפּראַך-גרופּעס. די פּאָלינעזיער זיינען, ווייזט אויס, אַ שפּעטער מזרח-דיקער אָפּצווייג פון די ברונעטע פעלקער, מסתמא מיט אַ צומיש פון צפונדיק בלוט.

עס איז באַשיימפּערלעך, אַז די שפּראַך-איינטיילונג פון דעם לינגוויסט שטימט בדרך כלל מיט דער איינטיילונג פון די הויפּט-ראַסעס פון דעם עטנאָלאָג, און ביידע שטעלן אַרויס דעם געדאַנק וועגן דעם, אַז די צאָל מענטשן איז געווען זייער קליין, אַז זיי זיינען געווען שטאַרק פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער ערד און אַז תקופות לאַנג זיינען די גרויסע גרופּירונגען פון דער מענטש-

אַן איינגעבוירענער פון יאַקוטסק. אַ מאָנגאָל אפשר מיט צפונדיק בלוט.

הייט געווען אָפּגעשיידט פון אַנאַנד. בעת דער אייז-תקופה האָט דאָס אייז אָדער, לכל הפּחות, דער שטרענגער קלימאַט, וואָס האָט זיך געצויגן פון צפון-פּאָלוס ביז צו צענטראַל-איירָאָפּע דורך רוסלאַנד און סיביר, ביז צו די גרויסע הויכלענדער פון צענטראַל-אַזיע, ניט דערלאָזט קיין מענטשלעכע באַפעלקערונג זיך אויסשפּרייטן. נאָך דער לעצטער אייז-תקופה האָט דער דאָזיקער קאַלטער צפון

ווייכער געמאַכט זיין שטרענגקייט זייער פּאַוואָליע, און ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אָן אַן אַנדער באַפעלקערונג, חוץ די וואַנדערנדיקע יעגערס, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט קיין מזרח אַריבער דעם בערינג-דורכגוס. צפון- און צענטראַל-איראָפּע און אַזיע זיינען געוואָרן גענוג געמעסיקט צוליב אַגריקולטור ערשט אין גאָר נאָענטע צייטן — אַן ערך מיט 12.000 אָדער אפשר ערשט 10.000 יאָר צוריק — און צווישן דער תקופה פונם יעגער און דער תקופה פונם ערדאַרבעטער איז געווען אַ פּעריאָד פון געדיכטע וועלדער.

דער דאָזיקער וועלדער-פּעריאָד איז אויך געווען אַ שטאַרק פייכטער פּעריאָד. ער ווערט אויך אָנגערופן דער רעגן-פּעריאָד. מען דאַרף געדענקען, אַז די ליניען-קאָנטורן פון דער יבשה האָבן זיך שטאַרק געביטן אַפילו אין די לעצטע צען טויזנט יאָר. די פאָרשער פון פּרעהיסטאָרישן מענטשן האָבן קיין זאַך אַזוי אָפט ניט פאַרזען, ווי אַט דעם געאָגראַפישן בייט.

דורכן איראָפּעישן רוסלאַנד, פונם באַלטישן ים ביזן קאַספּישן ים זיינען אוודאי געווען אויסגעשפּרייט, נאָכדעם ווי דאָס אייז איז אָפּגעטראָטן, אַ סך וואַסערן און אַ סך זומפּן ניט דורכצוגיין; דער קאַספּישער ים און דער אַראַלער ים און טיילן פון דעם טורקעסטאַנער מדבר זיינען די רעשטן פון אַ גרויסן ים, וואָס האָט דערלאַנגט ווייט ביז צום וואָלגע-טאָל און האָט אויסגעשטרעקט אַ שטראָם קיין מערב צום שוואַרצן ים. ברעג-פאַרצאַמונגען אַ סך העכער ווי די איצטיקע און דער ים, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ, וואו עס איז איצט די געגנט פון אינדוס, האָבן פאַרפולט די אָפּזונדערונג צווישן די פריע צפונדיקע ראַסעס און צווישן די מאָנגאָלן און דראַווידן און גורם געווען צו דער גרויסער דיפערענצירונג פון די דאָזיקע גרופּעס.

ווידער אַמאָל דער ווינט-אָנגעבלאָזענער זאַמד-מדבר סאַהאַרע — ער איז ניט קיין אויסגעטריקנטער ים, נאָר אַ ווינט-מדבר; אַמאָל פרוכפּעריק און רייך מיט לעבן, איז ער געוואָרן טרוקן און זאַמדיק — האָט אָפּגעשניטן די מיטללענדישע ראַסע פון דער שיטערער פּרימיטיווער נעגער-באַפעלקערונג אין דעם צענטראַלן וואַלד-געביט פון אַפריקע.

דער פּערסישער אויסגוס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ סך ווייטער פון זיינע איצטיקע צפונדיקע ברעגעס און צוזאַמען מיטן סורישן מדבר האָט ער אָפּגעשניטן די סעמיטישע פעלקער פון די מזרחדיקע געגעבטן, און פון דער אַנדער זייט האָט דרום-אַראַביע, וואָס איז געווען פּרוכפּעריקער ווי ביי היינטיקן טאָג, זיך געצויגן אַריבער דעם איצטיקן אויסגוס פון אַדען ביז אַבעסיניע און סאָמאַלי-לאַנד. דער מיטללענדישער ים און דער ווייטער ים האָבן אין דער רעגן-תקופה אויך געקענט זיין פּרוכפּעריקע טאָלן מיט אַ שורה ים-וואַסער-אָזערעס.



אַן אַפריקאַנער בעדוין, איינער פון „מדבר-פאָלק".

די הימאַלאַיען און דער העכערער און גרעסערער מאַסיוו פון צענטראַל-אַזיע און דער צפונדיקער אויסשפּרייט פון בענגאַלישן אויסגוס ביז צום איצטיקן גאַנגעס-טאָל האָט אָפּגעשיידט די דראַווידן פון די מאָנגאָלן, דאָס פּרימיטיווע קאַנו-שיפל איז געווען דער איינציקער פאַרבינד-מיטל צווישן די דראַווידן און די דרומדיקע מאָנגאָלן, און די סיסטעם פון אָזערעס, וואָס היינט איז דאָס דער מדבר גאָבי, און די גרויסע סיסטעם בערג-קייטן, וואָס גייען איינע נאָך די אַנדערע

דורך אַזיע פונם צענטער קיין מזרחית־צפונית, האָבן צעשפּאָלטן די מאָנגאָלישע ראַסעס אין דער כינעזישער שפּראַך־גרופּע און אוראַל־אַלטאַישער שפּראַך־גרופּע.

דער בערינג־דורכגוס, וואָס איז געוואָרן פאַר אָדער נאָך דעם רעגן־פּעריאָד, האָט איזאָלירט די אַמעריקאַנער אינדיאַנער.

מיר מיינען ניט צו זאָגן — דאָס דאַרף מען געדענקען — אַז די דאָזיקע אַלטע אָפּזונדערונגען זיינען געווען אַבסאָלוטע אָפּזונדערונגען, נאָר אַז זיי זיינען געווען ווירקזאַם גענוג לכל הפּחות צו פאַרהיטן פון אַ גרויסער אויסמישונג פון בלוט אָדער פון אַ גרויסער אויסמישונג פון שפּראַך אין יענע אָנהייב־טעג פון מענטשלעכן סאָציאַלן לעבן. נאָר אַפילו דעמאָלט זיינען געווען באַגעגענישן און אויסבייט, וואָס דורך דעם זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן די רויע מוסטערן און דער באַנוץ פון פאַרשיידענע געצייג און די זאָמען פון אַ פּרימיטיווער אַגריקולטור איבער דער וועלט. עס האָבן זיך באַוויזן קאַנוס און שפּעטער שיפן צו פאַרשטאַרקן די דאָזיקע פאַרשפּרייטונג פון אַגריקולטור און האַנדל.

---

8. אַ מעגלעכע פּרימיטיווע שפּראַך־גרופּע.

אָט די גרונט־שפּראַכן פון די ניין הויפּטלעכע שפּראַך־גרופּעס, וואָס מיר האָבן פאַרצייכנט, זיינען בשום אופן ניט געווען די איינציקע התחלות פון מענטשלעכער שפּראַך אין דער נעאָליטישער תקופה. זיי זיינען די שפּעטסטע שפּראַכן, וואָס האָבן אַרויסגעשטופּט די מער פּרימיטיווע פאָרגייערס זייערע און זיינען איבערגעבליבן. עס האָט געקאָנט זיין נאָך אַן אַנדער צענטער, און אפשר אַ סך אַנדערע צענטערס פון שפּראַך, וואָס האָבן קיין ווירקונג ניט געהאַט, און עס האָבן זיי גובר געווען די ריידערס פון די איצט לעבנדיקע לשונות אָדער פון עלעמענטאַרע שפּראַכן, וואָס זיינען פאַרשוואונדן. מיר געפינען קליינע אָפּגעריסענע הייפלעך מענטשן, וואָס ריידן אַ שפּראַך, וואָס האָט, משמעות, ניט קיין שייכות צו קיין אַנדער שפּראַך אַרום זיי.

נאָר אַמאָל דוכט זיך אויס, אַז אַ טיפערע אויספאָרשונג קאָן צונויפבינדן די דאָזיקע צעוואָרפענע הייפלעך, עס טוט אַ שימער אַ פאָרשטעלונג פון אַ פשוטערע, ברייטערע און מער יסודיקער און אוניווערסאַלער פאָרם פון דער מענטשלעכער שפראַך. פאַראַן די באַסקישע דיאַלעקטן-גרופע, וואָס איבער איר האָט מען זיך מתווכח געווען. די באַסקן לעבן היינט אויף די צפונדיקע און דרומדיקע שיפועים פון די פירענייען; זיי ציילן אפשר סך-הכל ביז 600.000 אין אייראָפע, און ביז צו היינטיקן טאָג זיינען זיי זייער אַ מוטיק און פרייהייט-

א סאיאטישע פרוי פון די סאיאן-בערג
אין צפון-אזיע.

ליבנדיק פאָלק. זייער שפראַך, ווי זי עקסיסטירט היינט, איז פולקום אַנטוויקלט. נאָר זי איז אַנטוויקלט לחלוטין אַנדערש, ווי די אַרישע שפראַכן אַרום איר.

עס זיינען געדרוקט געוואָרן אין אַרגענטינע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַסקישע צייטשריפטן צוליב די באַדערפענישן פון גרופעס פאַרמעגלעכע איינוואַנדערער. די פריסטע „פראַנצויזישע" קאָלאָניזאַטאָרן פון קאַנאַדע זיינען געווען באַסקן, און באַסקישע נעמען

באַגעגענען זיך אָפּט צווישן די פראַנצויזישע קאַנאַדער ביזן היינטיגן טאָג. עס זיינען פאַראַן רעשטן, וואָס באַווייזן, אַז די באַסקישע שפּראַך און דאָס באַסקישע פאָלק זיינען געווען אַמאָל אַ סך פאַרשפּרייט איבער שפּאַניע.

אַ לאַנגע צייט האָבן די געלערנטע גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דער באַסקישער שפּראַך, דער כאַראַקטער פון איר בוי האָט געפירט צו דער השערה, אַז עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן איר און אייניקע אַמעריקאַניש-אינדיאַנישע שפּראַכן. א. ה. קין האָט אין זיין ווערק „דער מענטש אַמאָל און היינט" צונויפגעקליבן באַווייזן צו פאַרבינדן זי — הגם אין אַ ווייטער לויזן פאַרבאַנד — מיט דער בערבערישער שפּראַך פון צפון-אַפריקע, און דורך דער בערבערישער שפּראַך מיט דער גאַנצער גרופּע חמיטישע שפּראַכן; נאָר אַנדערע לינגוויסטן פרעגן אָפּ די דאָזיקע קרובישאַפט. זיי געפינען אַיין, אַז באַסקיש איז נענטער צו אייניקע שפּראַך-רעשטן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין די קאַווקאַזער בערג, און זיי זיינען נוטה צו באַטראַכטן זי ווי אַ שטאַרק פאַרענדערטע און ספּעציאַליזירטע שפּראַך פון זייער אַ גרויסער גרופּע פאַרחמיטישע שפּראַכן, וואָס זיינען איצט פאַרשוואונדן, נאָר גאָר אַמאָל האָבן די דאָזיקע שפּראַכן גערעדט די פעלקער פון יענער ברונעטער מיטללענדישער ראַסע, וואָס האָבן פאַרנומען דעם גרעסטן טייל פון מערב און דרום-אייראָפּע און פון מערב-אַזיע. זיי האַלטן, אַז די שפּראַך האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות צו דער דראַווידישער שפּראַך און צו די שפּראַכן פון די העלקער מיט דער העליאָליטישער קולטור, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין מזרח-זייט דורך מזרח-אינדיע קיין פּאָלינעזיע און ווייטער.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז שפּראַך-גרופּעס, וואָס האָבן געהערשט אין מערב-און דרום-אייראָפּע מיט אַכט אָדער צען טויזנט יאָר צוריק, זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן, און די אַרישע לשונות האָבן פאַרנומען זייער אָרט. שפּעטער וועלן מיר, פאַרבייגייענדיק, פאַרצייכענען די מעגלעכקייט פון דריי פאַרשוואונדענע שפּראַכן-גרופּעס, פאַרטרעטן 1) דורך די אַלטע קרעטער, לידער וכדומה (הגם זיי האָבן געקאָנט געהערן, ווערליך עס מיינט סער הערי ה. דזשאָנ-

כטאָן, צו דער „באַסקיש-קאַווקאַזיש-דראַווידישער [!] גרופּע"), 2) שומעריש און 3) עילמיש.

עס איז געמאַכט געוואָרן די השערה — ס'איז ניט מער ווי פּרוּוון טרעפן — אַז דאָס אַלטע שומעריש האָט געקאָנט זיין אַ פאַרבינד-שפּראַך צווישן אַלט באַסקיש-קאַווקאַזיש און צווישן די פרי-מאָנגאָלישע גרופּעס. אויב דאָס וואָלט געווען ריכטיק, וואָלטן מיר געהאַט אין דער דאָזיקער „באַסקיש-קאַווקאַזיש-דראַווידיש-שומעריש-פּראָטאָ-מאָנגאָלישער גרופּע נאָך אַן עלטערע און אַ מער בראשיתדיקע שפּראַך-



א ייד פון טוניס, צפון-אפריקע.

סיסטעם, ווי די גרונט-חמיטישע שפּראַך. דעמאָלט וואָלטן מיר געהאַט מער ווי אַ פעלנדיק לינגוויסטיש רינגעלע, אַזאַ גרונט-שפּראַך, וואָס מיר קאָנען אַזוינע ביי היינטיקן טאָג זיך גאָר ניט פאָרשטעלן. זי וואָלט געהאַט אַזאַ שייכות צו אַריש, סעמיטיש און חמיטיש, ווי די פּרימיטיווע עקדישן פון דער שפּעט-פּאַלעאָזאָישער צייט צו די זויגערס, פויגלען און דינאָזאַווערן.

9. איינינקע איזאָלירטע שפּראַכן.

די האָטנטאָטישע שפּראַך, זאָגט מען, האָט ענלעכקייט צו די חמיטישע לשונות, וואָס פון זיי איז זי אָפּגעשיידט דורך דער גאַנצער ברייט פון צענטראַל-אַפריקע, וואָס רעדט באַנטו-שפּראַך. אַ האָטנטאָטיש-ענלעכע שפּראַך מיט בושמעניסשע עלעמענטן רעדט מען נאָך אין עקוואַטאָריאַלער מזרח-אַפריקע און דאָס באַקרעפטיקט דעם געדאַנק, אַז גאַנץ מזרח-אַפריקע האָט אַמאָל גערעדט חמיטיש.

די באַנטו-שפּראַכן און פעלקער האָבן זיך אויסגעשפּרייט, אין לפי-ערך שפּעטער צייט, פון אַן אָפּשטאַם-צענטער אין מערב-אַפריקע און האָבן אָפּגעשניטן די האָטנטאָטן פון די חמיטישע פעלקער. אָבער עס איז לכל-הפחות פונקט אַזוי מעגלעך, אַז האָטנטאָטיש איז אַ באַזונדער שפּראַכן-גרופּע.

צווישן אַנדערע אָפּגעלעגענע און איזאָלירטע קליינע שפּראַכן-פּיצלעך זיינען צו רעכענען די פּאַפּואַ-שפּראַך פון ניי-גווינעע און די שפּראַכן פון די איינגעבאָרענע אין אַוסטראַליע.

די איצט פאַרשוואונדענע טאַסמאַנישע שפּראַך איז נאָר ווינציק באַוואוסט. דאָס וואָס מיר ווייסן וועגן איר באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיר האָבן משער געווען, אַז דער פּאַלעאָליטישער מענטש איז געווען רעלאַטיוו אָן אַ שפּראַך.

לאָמיר דאָ ברענגען אַ ציטאַט פון העטשינסאָנס „לעבנדיקע מענטשן-ראַסעס" איבער דעם ענין:

„די שפּראַך פון די איינגעבאָרענע איז פאַרלאָרן אויף אייביק, געבליבן זיינען נאָר האַלבע אָנווייזן אויף איר בוי און אַ קליינער טייל פון אירע ווערטער. אין דעם פעלן פון ציש-קלאַנגען און אין עטלעכע אַנדערע שטריכן זיינען זייערע דיאַלעקטן געווען ענלעך צו די אַוסטראַלישע, אָבער זיי זיינען געווען רויער, ווינציקער אַנטוויקלט אין בוי, און אַזוי ניט פולקום, אַז לויט דער מיטטיילונג פון בעסטן קענער פון דער זאַך, דזשאָזעף מיליגאַן, האָבן זיי ניט פאַרמאָגט קיין איינגעשטעלטן וואָרט-סדר אין דעם בוי פון זייערע פראַזעס, נאָר זיי פלעגן זיך אונטערהעלפן דורכן טאָן, דורכן שטייגער

ריידן, דורך תנועות, בכדי אויסצודריקן אַזעלכע באַדייטונגען, וואָס מיר דריקן אויס דורך מאָדוס, צייט, צאָל, און אַז. וו.

„אַבסטראַקטע נעמען זיינען זעלטן; פאַר איטלעכער וואַריאַציע פון גומי-בוים אָדער אַקאַציע האָבן זיי געהאַט אַ נאָמען, אָבער ניט קיין וואָרט פאַר סתם „בוים“, ניט פאַר אַזעלכע איינגשאַפטן, ווי האַרט, ווייך, וואַרעם, קאַלט, לאַנג, קורץ, קיילעכדיק און אַז. וו. אַ האַרטע זאַך איז געווען „אַזוי ווי אַ שטיין“, אַ קיילעכדיקע זאַך — „ווי די לבנה“, און אַז. וו. געוויינטלעך פלעגט די אַקציע קומען נאָכן וואָרט און מיט אַ צייכן באַשטעטיקן, כדי מען זאָל פאַרשטיין וואָס מען מיינט“.

בוך III

די ערשטע ציוויליזאַציעס

ק אַ פּ י ט ל 13

די עלטסטע אימפּעריעס

1. די עלטסטע ערדאַרבעטער און די עלטסטע נאָמאַדן. 2. די שומערער. 3. די אימפּעריע פון סרגון דעם ערשטן. 4. די אימפּעריע פון האַמוראַבי. 5. די אַשורים און זייער אימפּעריע. 6. די אימפּעריע פון די כשדים. 7. די עלטסטע געשיכטע פון מצרים. 8. די עלטסטע ציוויליזאַציע פון אינדיע. 9. די עלטסטע געשיכטע פון כינע. 10. דער וואוקס פון די ציוויליזאַציעס. 11. די לעגענדע וועגן אַטלאַנטידע.

מיר וועלן איצט רעזומירן און פאַרברייטערן דאָס, וואָס עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען מכּוח דעם אויפקום פון אַגריקולטור. איר אָנהייב באַטייט אַ טיפן בייט אין דעם מצב פון מענטשן. זי האָט זיך אַנטוויקלט פּאַוואָליע און מיט אַ סך שינויים אין מענטשלעכן לעבן אין משך פון עטלעכע טויזנט יאָר צווישן צוואַנציק טויזנט יאָר צוריק צום פריסטן, און אַכט טויזנט יאָר צוריק צום שפּעטסטן.

פריער פאַר יענער צייט איז דער מענטש געווען אַ לפי-ערך זעלטן באַשעפעניש. ער איז געווען אַ וואַנדערנדיקע רויב-חיה מיט געצייג אין די הענט, אַ ווילדער. ער האָט געלעבט אין קליינע קיבוצים; זיין שפּראַך איז נאָך געווען גאָר שוואַך אַנטוויקלט. גאָר זיין האָב און גוטס האָט ער געקאָנט אַרומטראָגן מיט זיך. זיין גאַנץ לעבן איז אַוועקגעגאַנגען אין געיעג נאָך שפּייז, לאַנגע פּעריאָדן פון הונגער האָבן זיך געביטן מיט צייטן פון פרעסעריי און איבערזאַטקייט. ער איז נאָכגעגאַנגען די בעלי-חיים, ווי זיי האָבן געביטן זייערע פּיטער-

פלעצער אין פאַרשיידענע צייטן פון יאָר. ער איז געווען פריי און שטענדיק אַ נצרך, און זיין לעבן איז כסדר געשטאַנען אין סכנה.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אַרומקלערן, ווי אַזוי שאַפט מען אַליין זיך איין שטענדיקע שפּייז און ווי אַזוי היט מען אויף שפּייז. האָט ער אָנגעהויבן צונויפצוטרייבן אין טשערעדעס יענע בעלי־חיים, וואָס ער איז נעגאַנגען אויף געיעג אויף זיי, און אויפצופּאַסן די ערטער, וואו ער פלעגט געפינען די זוימען און די וואָרצלען און די פירות, וואָס ער האָט מיט זיי געשטילט זיין הונגער, ווען פלייש האָט אויסגעפעלט. איצט איז שוין זיין אַרומגיין אויף געיעג געוואָרן זעלטענער, ער פלעגט מוזן אויפפּאַסן אויף דער פיטערונג פון זיינע האַלב־איינגעצאַמטע בהמות און וואַרטן אויף דער געראָטעניש פון די זוימען, וואָס ער האָט פאַרזייט. זיינע געצייג האָבן זיך פאַרמערט. אַרום אַכט טויזנט יאָר צוריק האָט דער מענטש אין איניקע געגנטן געהאַט זיך שטאַרק פאַרמערט. קיין מאַלפּע אָדער אַנדער מין בעלי־חיים איז ניט געווען אַזוי פיל אין צאָל, ווי ער. ער האָט שוין געהאַט געבויט זיך שטיבער און אָנגעשאַפט אייגנס; אָנשטאָט דעם געיעג נאָך שפּייז, ווען ער איז געווען הונגעריק, האָט ער זיך געהאַט באַזעצט צוליב רעגולערער פּעריאָדישער אַרבעט צו באַקומען פאַר זיך שפּייז. ער האָט גענומען קלייבן שפּייז אין לאַגערס. עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים די צייט פון שטענדיקער אַרבעט. פריער זיינען זיינע מאָלצייטן געווען צופעליקע, ווען עס האָט אים אָפּגעגליקט צו כאַפּן אַ געפינס, איצט האָט ער געהאַט באַשטימטע צייטן צום עסן. פון אַ בעלי־חי, וואָס לעבט מיט צופאַל, איז ער געוואָרן אַן עקאָנאָמישער בעל־חי.

ער איז דער איינציקער זויגער, וואָס איז געוואָרן אַן עקאָנאָמישער בעל־חי. קיין מאָל איז ניט געווען קיין צווייטער עקאָנאָמישער זויגער. ביבערס בויען און לייגן אָפּ שפּייז, די וועווערקע קלייבט אין איר נעסט, הינט פאַרגראָבן זייערע ביינער, אָבער מיר מוזן זיך אַראָפּלאָזן צו מוראַשקעס און בינען, כדי צו באַגעגענען ווידער לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס זיינען פאַרבונדן אין קיבוצים און אַרבעטן מיט אַ סדר צוצוגרייטן און אָפּצולאַגערן און צו צעטיילן שפּייז און דאַך.

איידער עס איז געוואָרן אַ ישוב, איז אין מענטשנס לעבן געווען מאַטערניש, זאָרג, נויט, נאָר עס איז ניט געווען קיין סיסטעמאַטישע אַרבעט. עס איז געווען אַרבעט אין לעבן פון שפּעט-פּאַלעאָליטישן מענטשן, אָבער עס איז געווען אַ צופּעליקע און געוויינטלעך אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט. געצייג האָט מען באַדאַרפט מאַכן פון צייט צו צייט, אָבער מסתמא האָבן זיי געמאַכט די יעניקע, וואָס האָבן זיי באַדאַרפט נוצן. מען האָט באַדאַרפט אָפּשאָבן פעלן. מען האָט באַדאַרפט פאַרשאַפן זיך שפּייז דורך געיעג. עמיצער האָט באַדאַרפט האָבן די השגחה איבערן פייער; עס וואָלט געווען אַן ערנסטער שאָדן, אויב דאָס פייער וואָלט אויסגעגאַנגען, און אייניקע געלערנטע זיינען משער, אַז ספּעציעלע מענטשן זיינען געווען באַשטימט אַכטונג צו געבן אויפן פייער, עס זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן, און אַז די וועסטאַלישע בתולות מיט זייער הייליקן פייער זיינען אַן איבערבלייבעניש פון די פּרימיטיווע פייער-היטערס. נאָר אין דער יעגער-סטאַדיע פון דער מענטשהייט איז ניט געווען קיין שטענדיק, רעגולער פאַרנומען זיין אין טאָן.

דער גרעסטער טייל פון דער שווערסטער אַרבעט איז מסתמא געווען אַרויפגעוואָרפן אויף די פרויען. דער פּרימיטיווער מענטש האָט ניט געוואוסט פון קיין ריטערלעכקייט. בעת די קליינע מענטשן-גרופּע פלעגט זיך אַריבערקלייבן פון איין אָרט אויפן צווייטן, פלעגן פרויען און מיידלעך טראָגן דאָס גאַנצע קעסל כלים וואָס איז געווען, די מאַנספּיל אָבער פלעגן זיך גיין פרייער, נאָר מיט זייער געווער, גרייט אויף יעדן פאַל. די זאָרג פאַר די קינדער איז געלעגן איינגאַנצן אויף די פרויען.

עס איז פאַראַן אַ השערה, אַז די פרויען האָבן דאָס אָנגעהויבן באַאַרבעטן די ערד. דאָס לייגט זיך גרינג אויפן שכל. זיי האָבן געהאַט צונויפצוקלייבן זאָמען און אַנדערע געוויקסן-שפּייז, בעת די מאַנספּיל זיינען געווען אויף געיעג. די פרויען זיינען מסתמא געווען די ערשטע וואָס האָבן באַמערקט, אַז דאָס קאָרן וואַקסט אויפן אָרט פון פריערדיקן לאַגער-פּלאַץ, די ערשטע, וואָס האָבן מיט באַוואוסט צעשאָטן קערנער, ווי אַ מתנה צו אַ וואָסער עס איז לאָקאַלן גאָט, מיט דעם געדאַנק, אַז זיי וועלן

דאָס קריגן צוריק הונדערטפאַכיק. די פריסטע סטאַדיע פון אַגרי־קולטור איז געווען אַ געכאַפּטער שניט. מענטשן, וואָס אין גרויסן און גאַנצן זיינען זיי געווען נאָך פאַסטעכער, האָבן פאַרזייט און אין אַ צייט אַרום זיינען זיי געקומען שניידן. עס קאָן זיין, אַז די נאָ־ענטע פאַרבינדונג פון אַ מענטשלעכן קרבן מיטן אַקט פון זייען שטאַמט פון יענע טעג, ווען מען פלעגט אָט אַזאַ געכאַפּטן שניט לאָזן וואַקסן און צייטיק ווערן: מען פלעגט קוילען אַ מענטשן און לאָזן אים ליגן, כדי ער זאָל היטן די זאַט.

די פריע ערד־קולטור איז געווען כמעט זיכער אַ קולטור אויף שטיקלעך ערד, וואָס פרויען פלעגן מסתמא באַאַרבעטן נאָר מיט די הענט. עס האָט געגעבן אַ הוספה צו דער געוויינטלעכער שפייז. מסתמא איז דאָס געוואָרן אַמאָל וויכטיקער אונטער גאָר אויסנאַמלעכע תנאים.

עס איז גרינג זיך אויסצומעלן, אַז מענטשן האָבן זייער פרי באַמערקט, אַז עס איז אַ גרויסע מעלה צו זייען אויף אַזאַ שטיקל ערד, וואָס ווערט פעריאָדיש פאַרפלייצט. זיי האָבן „געלאָזן זייער ברויט איבערן וואַסער" און האָבן איינגעפונען, אַז עס האָט זיך אומ־געקערט צו זיי מיט אַ שפע. עליאָט סמיטה מיינט, אַז סיסטעמאַטישע ערדאַרבעט ווי אַ הויפּט־פרנסה און ניט ווי אַ זייטיקע באַשעפטיקונג האָט זיך אָנגעהויבן אין מצרים, און געוויס איז קיין לאַנד ניט אַזוי בפירוש צוגעפּאַסט צו לערנען מענטשן די קונסט פון זייען אין דער געהעריקער צייט פון יאָר. צוערשט איז אפשר סיסטעמאַטיש געוואָרן געזייט אויף פאַרפלייצטע שטיקער ערד. דערפון איז געווען גאָר אַ קליינער שפּריז צו בכיוונדיקע פאַרפלייצונגען, ד"ה צו באַוואַסערונג.

קולטיווירונג איז נאָך ניט ציוויליזאַציע. דאָס האָדעווען ווייץ האָט זיך פאַרשפּרייט ביז צום ברעג פון אַטלאַנטישן און שטילן אָקעאַן צוזאַמען מיט דער נעאָליטישער קולטור אפשר 15.000 אָדער 10.000 פאַר קר., איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די ציוויליזאַציע. ציווילי־זאַציע איז מער ווי דאָס צופעליקע וואַקסן לאָזן ווייץ אין אַ גע־וויסער צייט פון יאָר. ציוויליזאַציע באַטייט דאָס באַזעצן זיך פון מענטשן אין אַ געגנט, וואָס ווערט כסדר קולטיווירט און בלייבט שטענדיק

אין זיין רשות, וואו מענטשן לעבן אין בנינים שטענדיק באַוואוינטע, מיט אַ שותּפישער רעגירונג און שותּפישער שטאָט אָדער פעסטונג.

דער ערשטער תּנאי, וואָס איז נייטיק צוליב אַ פּאַקטישן ישוב פון געאָליטישן מענטשן, וואָס אונטערשיידט זיך פון אַ בלויז צייטווייליקן ישוב, וואו עס איז פאַראַן בשפע שפּייז, איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ זיכערע וואַסער-זאַמלונג, וואָס האָט געגעבן וואַסער דורכן יאָר, פוטער פאַר די בהמות, שפּייז פאַר זיי גופא און בוי-מאַטעריאַל פאַר זייערע שטיבער. עס האָט באַדאַרפט זיין אַלצדינג, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט האָבן צו יעדער צייט פון יאָר, און עס האָט ניט באַדאַרפט זיין קיין אָנרייץ, וואָס זאָל זיי ציען צו וואַנדערן ווייטער. דאָס איז, בלי ספק, געווען אַ מעגלעכער צושטאַנד אין אַ סך אייראָפּעישע און אַזיאַטישע טאָלן; און טאַקע אין אַזעלכע טאָלן, ווי עס באַווייזן אַ שטייגער די שווייצער אָזערע-בנינים, האָבן מענטשן זיך באַזעצט זינט זייער אַ פריער צייט. אָבער אין ערגעץ, צווישן אַלע לענדער וואָס זיינען אונז איצט באַוואוסט, האָט מען ניט געפונען אַזעלכע גינסטיקע תּנאים און אין ערגעץ האָבן זיי אַזוי גוט ניט אויסגעהאַלטן יאָר איין יאָר אויס, ווי אין עגיפּטן און אין לאַנד צווישן די אייבערשטע שטראָמונגען פון פרת און חידקל און דעם פּערסישן אויסגוס.

דאָ איז געווען אַ שטענדיקער וואַסער-זאַפּאַס אונטער אַ כּסדרדיקער זון-שיין; זיכערע גערעטענישן יאָר נאָך יאָר. העראָדאָט דערציילט, אַז אין מעסאָפּאָטאַמיע פלעגט ווייץ געראָטן צווייהונדערטפאַכיק; פּליניוס זאָגט, אַז מען פלעגט שניידן צוויי מאָל, און דערנאָך פלעגט נאָך בלייבן גוטע פּאַשע פאַר די שאָף; דאָ איז געווען אַ שפע פון פּאַלמען-ביימער און אַ סך מינים פּירות; און וואָס איז שייך בוי-מאַטעריאַל, איז אין עגיפּטן געווען ליים און שטיין, וואָס האָט געלאָזט זיך גרינג באַאַרבעטן, און אין מעסאָפּאָטאַמיע אַ ליים, וואָס ווערט אונטער דער שיין פון זון אויסגעטריקנט ווי אַ געברענטער ציגל.

אין אַזעלכע לענדער האָבן מענטשן אויפגעהערט אַרומצוּוואַנדרעווען און האָבן זיך באַזעצט אויף שטענדיק כּמעט ניט-באַמערקטער-

הייט; זיי האָבן זיך פאַרמערט און דערזען, אַז זיי זיינען פּיליצאָליק, און היות ווי זיי זיינען אַ סך, זיינען זיי זיכער פון צופעליקע אָנפאַלן.

סקולפּטור־פיגור פונעם גאָט קור־ליל, וואָס שטאַמט פון אַן ערך 3200 פאַר קר., געפינט זיך אין בריטישן מוזיי. אַן אויסגעצייכנטער מוסטער פון דער שומערישער קונסט.

זיי האָבן זיך פאַרמערט, אַרויסגעבראַכט אַזאַ געדיכטע מענטשלעכע באַפעלקערונג, וואָס די ערד האָט אַזוינס ביז אַהער נאָך ניט געהאַט.

זייערע שטיבער זיינען געוואָרן פעסטער, ווילדע חיות זיינען פאַרטיליקט געוואָרן אויף גרויסע שטרעקעס, די זיכערקייט פון לעבן איז אויס־געוואַקסן, אַזוי אַז געוויינטלעכע מענטשן האָבן געקאָנט אַרומגיין אין די שטעט און פעלדער אָן צו באַשווערן זיך מיט געווער, און



די זצלביקע פיגור אין פראָפיל.

צווישן זיך, לכל־הפחות, האָבן זיי געלעבט בשלום. מענטשן האָבן געלאָזן וואָרצלען, ווי פריער האָט נאָך קיין מענטש ניט געהאַט זיך איינגעוואָרצלט.

מעסאָפּאָטאַמיע (ארם נהרים) און עגיפּטן (מצרים) זיינען גע־ווען די גינסטיקסטע לענדער צוליב דעם ערשטן מענטשלעכן ישוב.

מיט אַ זעקס=זיבן טויזנט יאָר צוריק איז שוין געווען דער רויטער ים (ים סוף), און דער מזרח טייל פֿון מיטללענדישן טאָל איז אויך געווען אונטער וואַסער, נאָר די ברעגעס פֿון אַראַביע, בפֿרט דער דרומית=מערבית=ווינקל פֿון אַראַביע, זיינען געווען אַ סך מער פֿרוכפּערדיק, ווי זיי זיינען געוואָרן שפּעטער, און דער רויטער ים איז געווען פֿאַרבונדן דורך אַ נאַטירלעכן קאַנאַל מיטן מיטללענדישן ים, און דער פּערסישער ים=אויסגוס האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייטער קיין צפֿון, ווי בײַ היינטיקן טאָג.

נאָר אין דער זעלביקער צייט, ווען מענטשן האָבן זיך אײַנגעוואָרצלט און פֿאַרמערט זיך אין די טאָלן פֿון די גרויסע טייכן, האָט אין די ווינציקער פֿרוכפּעריקע לענדער מחוץ די דאָזיקע באַגינסטיקטע געגנטן, אין די וועלדער פֿון אייראָפּע, אין די מדבריות פֿון אַראַביע, אין די סטעפּעס פֿון צענטראַל=אַזיע זיך אַנטוויקלט אַ מער צעשאָטענע און מער אַקטיווע באַפֿעלקערונג פֿון שבֿטים פֿון גאָר אַן אַנדער טיפּ, די פּרימיטיווע נאָמאַדישע שבֿטים. להיפּוך צו די אײַנגעזעסענע שבֿטים, די ערדאַרבעטער, האָבן די דאָזיקע נאָמאַדן געלעבט פֿריי און אונטער סכּנות. אין פֿאַרגלייך מיט יענע זיינען זיי געווען אויסגעדאַרט און אויסגעהונגערט. זייער שאָף=פּאַשעריי איז נאָך געווען אויסגעמישט מיט יעגעריי; זיי האָבן שטענדיק געפֿירט מלחמות פֿאַר פּאַשע=פֿלעצער אַנטקעגן פֿיינטלעכע שבֿטים. די אַנטדעקונג אין פֿאַרבעסערן די געצייג און אויסנוצן מעטאַלן, וואָס די אײַנגעזעסענע פֿעלקער האָבן געמאַכט, זיינען דערגאַנגען אויך צו זיי און האָבן זיי געדינט אויסצובעסערן זייערע געווער. מיט די אײַנגעזעסענע פֿעלקער זיינען זיי אויך אַריבער פֿון דער שטיין=צייט צו דער בראָנזע=צייט. זיי זיינען געוואָרן קריגערישער, מיט בעסערע געווער און גרינגער און גיכער אין באַוועגן זיך, ווייל זייער טראַנספּאָרט האָט זיך אויסגעבעסערט.

מען טאָר זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז די נאָמאַדישע סטאַדיע איז געווען פֿריער פֿאַר דער ישוב=סטאַדיע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. צוערשט האָט דער מענטש טאַקע פּאַוואָליע זיך אַרומגעבלאָנקעט פֿון אָרט צו אָרט, זוכנדיק שפּייז. שפּעטער האָבן איין טייל מענטשן גענומען באַזעצן זיך, און אַ צווייטער טייל זיינען געוואָרן

בפֿירושע נאָמאַדן. די אײַנגעזעסענע האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער צו פֿאַרלאָזן זיך אויפֿן קאָרן ווי זייער שפּייז; די נאָמאַדן האָבן גענומען נוצן מער מילך. די צוויי וועגן פֿון לעבן האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין צוויי ריכטונגען.

עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט געמאָלט זײַן, אַז די נאָמאַדן און די אײַנגעזעסענע פֿעלקער זאָלן זיך ניט צונויפֿשטויסן. די נאָמאַדן האָבן געמוזט אויסווייזן אין די אויגן פֿון די אײַנגעזעסענע ווי ווילדע באַרבאַרן, און די אײַנגעזעסענע זײַנען געווען פֿאַר די נאָמאַדן ווייך און פֿאַרצערטלט און גוט אויף אויסצורויבן זיי. אַרום די ראַנדן פֿון די אַנטוויקלטע ציוויליזאַציעס האָבן געמוזט שטענדיק פֿאָרקומען אָנפֿאַלן און צוזאַמענשטויסן צווישן פֿאַרגרעבטע נאָמאַדן־שבטים און בערג־שבטים און צווישן דער צאָלרייכערער און ווייניקער קריגערישער באַפֿעלקערונג פֿון די שטעט און דערפֿער.

על־פּי־רוב זײַנען דאָס געווען אָנפֿאַלן אויף די ראַנד־געביטן. דאָס אײַנגעזעסענע פֿאָלק האָט געהאַט דעם איבערוואָג פֿון דער צאָל אויף זײַן זײַט; די פֿאַסטעכער האָבן געקאָנט אָנפֿאַלן און ראַבעווען, אָבער בלײַבן פֿעסט זיצן האָבן זיי ניט געקאָנט. דער דאָזיקער מין קעגנזײַטיקע רייבונג האָט געקאָנט געדויערן אַ סך דורות. נאָר פֿלעגט זיך געפֿינען אינמיטן אָט דער אומאָרדענונג פֿון די פֿרייע און אומאָפּהענגיקע נאָמאַדן איינער אַ פֿירער אָדער אַ שבט, וואָס איז געווען מעכטיק גענוג אַרויפֿצוצווינגען אַ געוויסע אײַנהייט איבער די קרובישע שבטים, דעמאָלט איז געווען אָך און ווי צו דער נאָענטסטער ציוויליזאַציע. די פֿאַראייניקטע נאָמאַדן פֿלעגן אַראָפּשטראָמען איבער די ניט קריגערישע, אומבאַוואָפֿנטע פֿליינען, און עס פֿלעגט פֿאָרקומען אַ באַצווינג־קריג. אַנשטאָט אַוועקצושלעפּן דעם רויב, באַזעצן זיך די באַצווינגער אין לאַנד, וואָס ווערט אינגאַנצן זייער רויב; די אײַנוואוינער פֿון די דערפֿער און די שטאָט־לײַט פֿאַלן אַרײַן אין שקלאַפֿערײַ און מוזן צאָלן צינז, זיי ווערן די האָלץ־העקערס און די וואַסער־שעפּערס, און די עלטסטע פֿון די נאָמאַדן ווערן מלכים און פֿירשטן, הערן און אַריסטאָקראַטן. זיי באַזעצן זיך אויף פֿעסט, לערנען זיך אויס אַ סך פֿון די קונסטן און פֿון דער אויסגעפֿײַנטקייט פֿון די באַצוואונגענע, זיי הערן אויף צו זײַן אויסגעדאַרט און הונגעריק,

אָבער אַסך דורות היטן זיי אויף סימנים פון זייער אַמאָליקן נאָמאַדישן שטייגער, זיי גייען אויף געיעג און פאַרנעמען זיך גערן מיט ספּאָרט אין דער פרייער לופט, זיי יאָגן זיך אין געוועט אין רייטוואָגנס, זיי קוקן אויף אַרבעט, בפרט אויף ערד־אַרבעט, ווי אויפן גורל פון אַ נידעריקערער ראַסע און קלאַס.

דאָס איז אין טויזנט נוסחאות איינע פון די הויפּט־געשיכטעס אין דער היסטאָריע אין די לעצטע זיבעציק יאָרהונדערטער צי מער. אין דער ערשטער היסטאָריע, וואָס מיר קאָנען דייטלעך פונאַנדערשיידן, געפינען מיר שוין אין אַלע ציוויליזירטע לענדער אַן אונטערשייד צווישן אַ ניט־אַרבעטנדיקן האַרן־קלאַס און צווישן דער אַרבעטנדיקער מאַסע פון דער באַפעלקערונג. און מיר געפינען אויך, אַז נאָך עטלעכע דורות הייבט דער אַריסטאָקראַט, וואָס איז געוואָרן אַ מענטש פון ישוב, אָן צו קריגן רעספּעקט פאַר די קונסטן און פאַרן איידעלערן שטייגער לעבן און פאַר דער באַזעסנקייט פונם ישוב און צו פאַרלירן עפּעס פון זיין לכתחילהדיקער גראָבקייט. ער הייבט אָן זיך מתחתן זיין מיט דער איינגעזעסענער באַפעלקערונג, ער שטשאָבעט צונויף אַ מין אויסקום צווישן באַצווינגער און באַצוואונגענעם; ער בייט זיך מיט די רעליגיעזע אידעען און לערנט זיך אָפּ פון דעם, וואָס עס באַווייזט דער באָדן און דער קלימאַט. ער ווערט אַליין אַ טייל פון דער ציוויליזאַציע, וואָס ער האָט איינגענומען. און ווי ער טוט דאָס, קלייבט זיך שוין צונויף קעגן אים אַ פרישע אינוואַזיע פון די פרייע רויבער־שבטים פון דער אויסערער וועלט.

מיר וועלן דאָ געבן אַ קורצן איבערבליק איבער די ערשטע ציוויליזאַציעס, וואָס זיינען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער אין מערב־אַזיע, און איבער דער פּאַראַלעלער אַנטוויקלונג אין עגיפּטן. מיר וואָלטן אפשר באַדאַרפט אָנהייבן מיט עגיפּטן. עס גייט אַ שאַרפער וויכּוח צווישן יענע, וואָס ווילן שטעלן מערב־אַזיע פאַר עגיפּטן אין צייט, און יענע, וואָס פאַר זיי איז עגיפּטן דער געבוירן־אָרט פון גאָר דער ציוויליזאַציע. דאָס איז אַ וויכּוח, וואָס דער מחבר וויל זיך אין אים ניט אַריינמישן. דערנאָך וועט זיין כדאי צו וואַרפן אַ בליק

אויף דעם גלייכצייטיקן צושטאנד אין אינדיע, כינע און אמעריקע. עס וועט זיין נייטיק אנצורופן נעמען, נאר מיר וועלן געבן וואס מעגלעך ווינציקער.

---

2. די שומערער.

די אזעלכע אנגעוויזענע שינויים פון ישוב, באוועגונג פון נאמאדן, איינפיינערונג, ווידער באצווינגונג, ווידער איינפיינערונג, וואס זיינען כאראקטעריסטיש פאר דעם דאזיקן פאזיס פון דער מענטשלעכער היסטאריע, זיינען דייטלעך צו מערקן אין געביט פון פרת און חידקל, וואס ליגט אפן אין אלע זייטן צו גרויסע לענדער־געביטן, וואס זיינען ניט טרוקן גענוג, ווי ריכטיקע מדבריות, אבער ניט פרוכפעריק גענוג, זיי זאלן קאנען טראגן א ציוויליזירטע באפעלקערונג. אפשר די ערשטע מענטשן, וואס האבן געבילדעט שטעט אין יענעם טייל וועלט, אדער בכלל אין וואסער עס איז טייל וועלט, איז געווען א פאלק וואס ווערט אנגערופן שומערער. זיי זיינען מסתמא געווען ברוינעטן, קרובים פון די איבעריער אדער דראווידן. זיי האבן גענוצט א כתב, וואס זיי פלעגן איינקריצן אין ליים־טאוולען, און זייער שריפט האט מען פונאנדערשיפרירט. עס איז געווען א שפראך מער ענלעך צו די ניט־קלאסיפיצירטע שפראכן פון דער קאווקאזער גרופע, איידער צו א וואסערער פון די איצט עקסיסטירנדיקע. די דאזיקע שפראך האט אפשר א שייכות צו באסקיש און פארטרעט יענע גרופע פרימיטיווע שפראכן, וואס איז געווען אמאל אויסגעשפרייט פון שפאניע אין מערב־איראפע ביז מזרח־אינדיע און האט אין דרום־זייט דערלאנגט ביז צענטראל־אפריקע.

אויסגראבונגען, וואס קאפיטאן ר. קעמפבעל האט דורכגעפירט אין דער צייט פון מלחמה אין ערידו, האבן אויפגעדעקט פון אונטער די עלטסטע שומערישע גרינדונגען א פרי־נעאליטישע אגריקולטור־סטאדיע, איידער עס איז געפונען געווארן די שריפט אדער דער באנוץ פון בראנזע. די דאזיקע פאר־שומערישע באפעלקערונג פלעגט אראפנעמען איר תבואה מיט שניידמעסערס פון ליים.

די שומערער פּלעגן גאָלן זייערע קעפּ און טראָגן פּשוטע וואָ-
לענע קליידער, ענלעך צו די טוניקעס. זיי האָבן זיך באַזעצט צו-
ערשט ביי דער אונטערשטער שטרעמונג פון גרויסן טייך און ניט
זייער ווייט פון פּערסישן ים-אויסגוס, וואָס האָט אין יענער צייט זיך
אויסגעשפּרייט אויף אַ הונדערט מיט דרייסיק ענגל. מייל און מער
ווייטער קיין צפון, ווי איצטער. דער אַשוראָלאָג, סײס איז כּ׳שער אין
זיין ווערק „דאָס לעבן אין בבל אין אַשור“, אַז אין יאָר 6500 פאַר



קופּערנער רעליעף פון א יונגן אָקס, פון א טעמפּל לעבן אור-כשדים.

קר. איז ערידו געלעגן אויפן ברעג ים. די שומערער פּלעגן באַ-
פרוכפּערן זייערע פעלדער דורך דעם, וואָס זיי פּלעגן לאָזן זיי באַ-
וואַסערן דורך באַוואַסער-גראָבנס, און בהדרגה האָבן זיי זיך אויס-
געלערנט צו מאַכן אַ קונציקע מאַשינעריע אויף צו שעפּן וואַסער
און באַגיסן די פעלדער. זיי האָבן געהאַט רינדער, אייזלען, שאָף
און ציגן, אָבער קיין פערד ניט. זייערע אָנזאַמלונגען פון ליימענע
שטיבלעך זיינען אויסגעוואַקסן צו שטעט, און זייער רעליגיע האָט
געלערנט אויסבויען טעמפּל-בנינים, ענלעך צו טורעמס.

ליים, אויסגעטריקנט אויף דער זון, איז געווען זייער אַ גרויסער פֿאַקטאָר אין לעבן פֿון דאָזיקן פֿאָלק. אין דעם אונטערלאַנד פֿון די טאָלן פֿון פּרת און חידקל זיינען פֿאַראַן ווינציק אָדער גאָר קיין שטיינער ניט. זיי האָבן געבויט בנינים פֿון ציגל, זיי האָבן געמאַכט ליימענע כּלים און סטאַטועס פֿון ליים. און זיי האָבן געצייכנט און געשריבן אויף דינע טאָוועלעך פֿון ליים. קיין פּאַפּיר האָבן זיי, ווייזט אויס, ניט געהאַט און קיין פּאַרמעט ניט גענוצט. זייערע ביכער און העפטן, אַפֿילו זייערע בריוו, זיינען געווען ליימענע שערבלעך.

אין דער שטאָט ניפּור האָבן זיי אויסגעבויט אַ גרויסן טורעם פֿון ציגל פֿאַר זייער הויפּט-גאָט על-ליל (ענליל); די חורבות פֿון אָט דעם טורעם, מיינט מען, האָבן דאָס געדינט פֿאַר אַ יסוד פֿון דער מעשה פֿון טורעם אין בבל, וואָס ווערט דערציילט אין חומש. זיי זיינען, ווייזט אויס געווען צעטיילט אין שטעט-מלוכות, וואָס האָבן געפֿירט מלחמות צווישן אַנאַנד און האָבן אַ סך יאָרהונדערטער איינגעהאַלטן זייער מיליטערישע קראַפֿט. זייערע קריגסלייט האָבן געטראָגן לאַנגע שפּיזן און שילדן און האָבן געקעמפֿט אין געשלאָסענע רייען. שומערער האָבן באַצוואונגען שומערער. זייער אַ לאַנגן פּעריאָד צייט האָבן פֿרעמדע פֿעלקער ניט געקאָנט איינגעמען די שומערער. זיי האָבן אַנטוויקלט זייער ציוויליזאַציע, זייער שריפֿט, זייער שיפֿעריי אין משך פֿון אַ פּעריאָד צייט, וואָס איז אפֿשר צוויי מאָל אַזוי לאַנג ווי דער גאַנצער פּעריאָד פֿון דער קריסטלעכער ערע ביז איצט. דערנאָך האָבן זיי פֿאַוואָליע אָפּגעטראָטן דעם אָרט פֿאַר די סעמיטישע פֿעלקער.

די ערשטע פֿון אַלע באַוואוסטע אימפּעריעס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם כּהן-גדול פֿון דעם גאָט פֿון דער שומערישער שטאָט ארך. אַן אויפֿשריפֿט פֿון ניפּור זאָגט, אַז זי האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿון דעם אונטערשטן ים (פּערסישער אויסגוס) ביזן אייבערשטן ים (מיטללענדישער אָדער רויטער ים). אונטער די ליים-בערגלעך פֿונם פּרת-חידקל-טאָל איז באַגראָבן דער אָנדענק פֿון אָט דעם גרויסן געשיכטלעכן פּעריאָד פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון דער ציוויליזאַציע-תּקופֿה. דאָ האָבן געבליט די ערשטע טעמפּלען

און די ערשטע כּוהנים־רעגירערס וואָס מיר ווייסן צווישן דער מענטשהייט.

שפּורן פון שומערישן האַנדל, און אפשר פון שומערישן ישוב זיינען געפונען געוואָרן אין צפונית־מערבית אינדיע, נאָר עס איז נאָך ניט קלאָר, צי די שומערער האָבן דערגרייכט קיין אינדיע מיט דער יבשה, אָדער איבערן ים. מסתמא איז דאָס געווען איבערן ים. עס קאָן זיין, אַז זיי זיינען געווען נאָענטע קרובים אין ראַסע און קולטור מיט די פעלקער, וואָס האָבן דעמאָלט באַוואוינט דעם גאַנגעס־טאָל.

---

3. די אימפּעריע פון סרגון דעם ערשטן.

ביים מערבדיקן גרענעץ פונם דאָזיקן לאַנד האָבן זיך באַוויזן נאָמאַדישע שבטים, וואָס האָבן גערעדט אַ סעמיטישן לשון, זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף די שומערער און געקעמפט מיט זיי אין משך פון פיל דורות. צום סוף איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסער פירער צווישן די סעמיטן סרגון (2750 פאַר קר.), וואָס האָט זיי פאַראייניקט און האָט ניט נאָר באַצוואונגען די שומערער, נאָר ער האָט ווייט אויסגעשפּרייט זיין ממשלה קיין מזרח הינטער דעם פּערסישן אויסגוס און קיין מערב ביז צום מיטללענדישן ים. זיין אייגן פאָלק האָט געהייסן אַכּד, און זיין אימפּעריע ווערט אָנגערופן די אימפּעריע פון שומער און אַכּד. זי האָט זיך געהאַלטן העכער צוויי הונדערט יאָר.

זינט די צייטן פון סרגון I ביזן פערטן און דריטן יאָרהונדערט פאַר קר., אַ פּעריאָד פון אַריבער צוויי טויזנט יאָר, האָט די מאַכט פון די סעמיטישע פעלקער געהאַלטן אין וואַקסן אין גאַנץ פאָדער־אַזיע. נאָר הגם די סעמיטן האָבן איינגענומען די שומערישע שטעט און אַרויפגעזעצט זייער קיניג, האָט דאָך די שומערישע ציוויליזאַציע גובר געווען די פּשוטערע סעמיטישע קולטור. די באַצווינגער האָבן זיך אויסגעלערנט שרייבן מיטן שומערישן כּתב („פלעקל־שריפט") און ריידן די שומערישע שפּראַך; זיי האָבן ניט געמאַכט זיך אַן אייגענעם סעמיטישן כּתב. די שומערישע שפּראַך

איז פאַר די דאָזיקע באַרבאַרן געוואָרן די שפּראַך פון וויסן און מאַכט, פונקט ווי לאַטיין איז געווען די שפּראַך פון וויסן און מאַכט ביי די באַרבאַרישע פעלקער פון אייראָפּע אין מיטלעלטער. די דאָזיקע שומערישע געלערנטקייט האָט זיך געהאַלטן אַ לאַנגע צייט. איר איז באַשערט געווען איבערצולעבן אַ לאַנגע ריי באַצווינגונגען און איבערקערענישן, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן אין דעם צוויי-טייכן-טאָל.

---

1. די אימפּעריע פון האַמוראַבי.

אַז די אימפּעריע פון שומער און אכד האָט אָנגעוואָרן איר פּאָליטישע און מיליטערישע מאַכט, האָט זיך פון מזרח-זייט אַראָפּגעלאָזט אַ נייע קריגעריש פאָלק, דאָס פאָלק פון עילם, און פון מערב-זייט זיינען אין דער זעלביקער צייט געקומען די סעמיטישע אמורים, און זיי האָבן צווישן זיך צעריסן די אימפּעריע פון שומער און אכד. די עילמים זיינען געווען אַ פאָלק פון אומבאַוואוסטער שפּראַך און ראַסע, „ניט קיין שומערער און ניט קיין סעמיטן“, זאָגט סייס. זייער הויפּטשטאָט איז געווען שושן. זייער אַרכעאָלאָגיע איז נאָך אומבאַאַרבעט. אייניקע מיינען, זאָגט מער ה. ה. דזשאָנסטאָן, אַז זיי זיינען געווען נעגראָידן לויטן טיפּ. עס איז טאַקע פאַראַן אַ שטאַרקער נעגראָידער שטריך אין דער מאָדערנער באַפעלקערונג פון עילם. די אמורים ווידער זיינען געווען פונם זעלביקן שטאַם, וואָס אברהם אבינו און שפּעטער די עברים. די אמורים האָבן זיך באַזעצט אין בבל, וואָס איז פריער געווען אַ קליינע שטאָט ביים ברעג טייך. נאָך אַ הונדערט יאָר פון מלחמות זיינען זיי געוואָרן די האַרן איבער גאַנץ מעסאָפּאָטאַמיע אונטער אַ גרויסן קיניג האַמוראַבי (2100 פאַר קר.), וואָס האָט געגרינדעט די ערשטע בבלישע אימפּעריע.

ווידער זיינען געקומען שלום און זיכערקייט און אַ ירידה פון אַגרעסיווער גבורה, און אין נאָך הונדערט יאָר אַרום האָבן זיך אַריינגעריסן אין בבל נייע נאָמאַדן, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך

דאָס פערד און דעם קריגס־רייטוואָגן און האָבן אַדויפגעזעצט זייער אייגענעם קיניג אין בבל. דאָס זיינען געווען די קאַסיטן.

---

5. די אַשורים און זייער אימפעריע.

ביים אייבערשטן חידקל, העכער פון די ליימיקע פליינען, אין אַ געגנט, וואו עס איז געווען אַ סך שטיין גרינג צו באַארבעטן, האָט זיך געהאַט באַזעצט אַ סעמיטיש פאָלק, די אַשורים, נאָך אין יענער צייט, בעת די שומערער זיינען נאָך געווען באַצוואונגען דורך די סעמיטן; זיי האָבן געהאַט שטעט, וואָס די גרעסטע פון זיי זיינען געווען אשור און נינוה. לויט זייער פיזיאָנאָמיע, דער לאַנגער נאָז און די גראָבע ליפּן, זיינען זיי געווען זייער ענלעך צו אַ טיפּישן היינטיקן פוילישן ייד. זיי פלעגן טראָגן גרויסע בערד און געגרייזלטע לאַנגע האָר, הויכע היטלען אויף די קעפּ און לאַנגע קליידער. זיי זיינען געווען שטענדיק אַריינגעטאָן אין די מלחמות מיט די חיתים אין מערב־זייט; סרגון I האָט זיי אונטערטעניק געמאַכט, און זיי האָבן זיך ווידער באַפרייט; אַ געוויסער תושראַתאַ, קיניג פון מיתאַני, אין צפונית־מערבית, האָט אַיינגענומען זייער הויפּטשטאָט נינוה און געהאַלטן זי אַ געוויסע צייט; זיי האָבן אינטריגירט מיט עגיפּטן קעגן בבל און האָבן געצאָלט צינז עגיפּטן; זיי האָבן אַנטוויקלט די קריגס־קונסט צו אַ הויכן גראַד און זיינען געוואָרן מעכטיקע באַצווינגער און איינעמער פון צינז; צולעצט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַיינגעפירט ביי זיך פערד און רייטוואָגנס, האָבן זיי אַ געוויסע צייט זיך אָפּגערעכנט מיט די חיתים און דערנאָך האָבן זיי אַיינגענומען בבל אונטער תגלת פּלאסר (אַרום יאָר 1100 פאַר קר.). נאָר אין דעם נידעריקערן, עלטערן און מער ציוויליזירטן געביט האָבן זיי זיך ניט געשפּירט זיכער גענוג, זייער הויפּטשטאָט איז געבליבן נינוה, די סעמיטישע שטיינערנע שטאָט, און ניט בבל, די סעמיטישע ציגלשטאָט. אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער האָט די מאַכט זיך געוויגט צווישן נינוה און בבל, און אַמאָל האָט אַן אַשורישער קיניג און אַמאָל אַ בבלישער קיניג פּרעטענדירט אויפן טיטל „קיניג פון גאַר דער וועלט“.

אין משך פון פיר יאָרהונדערטער איז אַשור פאַרהאַלטן גע־וואָרן פון אויסשפרייטן זיך אין דער ריכטונג פון מצרים דורך אַ נייער גרופּע סעמיטישע שבטים, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן קיין צפון און האָבן זיך באַזעצט אין די לענדער צווישן אייבערשטן פרת און דעם מיטללענדישן ים. דאָס זיינען געווען די ארמים, וואָס זייער הויפּטשטאָט איז געווען דמשק; זייערע אור־אוראייניקלעך זיינען די היינטיקע סיריער (מען דאַרף באַמערקן, אַז צווישן די ווערטער



פייגל־פיגורן געמאַכט פון קאַלכשטיין. געפונען אין די חורבות פון טעמפּל לעבן אור־כשדים.

אשור און סיריער איז קיין שייכות ניטאָ, עס איז נאָר אַ צופעליקע ענלעכקייט). אָט מיט די דאָזיקע ארמים האָבן די מלכים פון אשור אַ לענגערע צייט געמוזט קעמפן, ביז זיי האָבן זיי אונטערטעניק געמאַכט און זיינען אַריינגעדרונגען אין די לענדער פון דרומית־מערבית; אין יאָר 745 פאַר קר. איז אויפגעשטאַנען נאָך אַ תגלת פלאסר, תגלת פלאסר III, יענער וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ"ך (מלכים ב' ט"ו 29 און ט"ז 7 און ו.). ער האָט געגעבן אַ באַפעל אַריבערצוזעצן די

בני ישראל אין לאַנד מדי (די צען שבטים, וואָס איבער זייער גורל דערציילט מען זיך פאַרשיידענע מעשיות), און האָט אויך אײַנגענומען בבל און געוועלטיקט איבער איר און אַזוי אַרום געגרינדעט די אַזוי גע־רופענע נייע אימפעריע אַשור. זיין זון שלמנאסר IV (מלכים ב׳ י״ז 3) איז געשטאָרבן בעת דער באַלעגערונג פון שומרון. די מלוכה האָט נאָך אים פאַרכאַפּט אַן אוזורפּאַטאָר, וואָס האָט, בלי־ספק כדי צוליב צו „טאָן די בבלים, אָנגענומען דעם פאַרצייטיקן אכדיש־שומערישן נאָמען סרגון — סרגון II. ער האָט, ווייזט אויס, באַוואָפנט צום ערשטן מאָל די אשורישע חיילות מיט אייזערן געווער. מסתמא איז דאָס געווען סרגון II, וואָס האָט פאַקטיש אויס־געפירט די פאַרטרייבונג פון די צען שבטים, וואָס תגלת פלאסר III האָט געהאַט באַפוילן.

אַזעלכע אַריבערפעקלונגען פון דער באַפעלקערונג פון איין לאַנד אין צווייטן איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־סימנים פון די פּאָליטישע מעטאָדן פון דער נייער אימפעריע פון אשור. גאַנצע פעלקער, וואָס מען האָט זיי ניט געקאָנט באַהערשן אין זייער געבוירן־לאַנד, פלעגט מען מאַסנווייז אַריבערפעקלען אין פרעמדע לענדער צווישן שכנים, וואָס זיי האָבן מיט זיי ניט געקאָנט זיך צונויפגיין, און די איינציקע האָפענונג זייערע אויף צו בלייבן לעבן איז געווען צו זיין אונטערטעניק דער איבערהערשאַפט פון דער צענטראַלער מאַכט.

סרגונס זון סנחריב האָט געפירט די חיילות פון אשור צו די גרענעצן פון מצרים. נאָר דאָ איז סנחריבס אַרמיי געשלאָגן געוואָרן דורך אַ מגפה: די דאָזיקע מפּלה סנחריבס איז באַשריבן אין ניינצנטן קאַפּיטל פון ספר מלכים ב׳: —

„און עס איז געווען אין יענער נאַכט, איז אַרויס אַ מלאך פון גאָט און האָט געשלאָגן אין מחנה פון אשור הונדערט פינף און אַכציק טויזנט: און אַז מען איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, זיינען זיי געווען אַלע טויטע פגרים. און סנחריב דער קיניג פון אַשור איז אַוועק פון דאָרט און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין זיין לאַנד, און איז געבליבן זיצן אין נינוה.

דאָרט האָבן אים זיינע זין דערהרגעט“.

סנחריבס אייניקל אשורבניפל (די גריכן רופן אים אָן סאַרדאַ־נאַפּאַל) האָט אָפּגעגאָלטן צו באַצווינגען און צו פאַרכאַפּן אויף אַ שטיקל צייט אונטער־עגיפטן.

---

6. די אימפעריע פון די כשדים.

די אימפעריע פון אשור האָט זיך געהאַלטן נאָר אַ הונדערט מיט פופציק יאָר נאָך סרגון II. ווידער זיינען געקומען סעמיטן פון דרומית־מזרחית, די כשדים האָבן זיך פאַרבונדן מיט צוויי אַריש ריידנ־דיקע פעלקער אין צפון, מדי און פרס, און מיט פאַראייניקטע כוחות האָבן זיי איינגענומען נינוה אין יאָר 606 פאַר קר. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווי עס באַווייזן זיך אַריש ריידנדיקע פעלקער אין דער דאָזיקער היסטאָריע. זיי זיינען אַראָפּגעקומען פון די צפונדיקע און צפונית־מערביתדיקע הויכלענדער און וועלדער, אַ מוטיקע קריגערישע שבטים־גרופּע. טייל האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין דרומית־מזרחית, קיין אינדיע, פון זייער אַרישן דיאַלעקט האָט זיך אַנטוויקלט סאַנסקריט; אַנדערע האָבן זיך אַ קער געטאָן צוריק אויף די אַלטע ציוויליזאַציעס. ביז אַהער זיינען די נאָמאַדישע באַצווינגערס פון באַאַרבעט לאַנד געווען עילמים און סעמיטן: איצט זיינען דאָס די אַריער, וואָס האָבן אויף אַ האַלב טויזנט יאָרהונדערטער גענומען אויף זיך די ראָלע פון באַ־צווינגערס. עילם פאַרשווינדט פון דער געשיכטע.

די אימפעריע פון די כשדים מיט איר הויפּטשטאָט בבל (די צווייטע אימפעריע פון בבל) האָט זיך געהאַלטן אונטער נבוכדנאצר דעם גרויסן (נבוכדנאצר II) און זיינע יורשים ביז 538 פאַר קר., דעמאָלט איז זי געפאַלן אונטער דעם קלאַפּ פון כורש, דעם גרינדער פון דער פערסישער מאַכט...

אַזוי גייט די געשיכטע ווייטער. אין יאָר 330 פאַר קר. איז אַ גריכישער באַצווינגער, אלכסנדר דער גרויסער, ווי מיר וועלן שפּעטער דערציילן געוויער, געשטאַנען פאַרן טויטן גוף פונם לעצטן מושל פון פרס.

די געשיכטע פון די ציוויליזאַציעס ביים חדקל און פּ״ת, וואָס מיר האָבן ביז אַהער פון איר געגעבן נאָר די נאַקעטע קאָנטורן, איז אַ

געשיכטע פון איין באַצווינגונג נאָך דער אַנדערער, און עטלעכע באַצווינגונג זעצט אַראָפּ די אַלטע באַהערשער און הערשנדיקע קלאַסן און זעצט אַרויף נייע: ראַסעס ווי שומר און עילם ווערן פאַרשלונגען, זייער שפּראַך פאַרשווינדט, זיי מישן זיך אויס מיט די אָנגעקומענע און הערן אויף צו עקסיסטירן; די אַשורים גיסן זיך צונויף מיט די בבלים און סירער, די חיתים הערט מען אויף צו אונטערשיידן, די סעמיטן, וואָס האָבן אין זיך אײַנגעשלונגען די שומערער, טרעטן אָפּ זייער ממשלה די מלכים פון די נייע אַרישע שבטים פון צפון־זײַט. מדי און פרס באַווייזן זיך אויפן אָרט פון עילם, און די (אַרישע) פערסישע שפּראַך געוועלטיקט אין דער אימפּעריע, ביז די אַרישע גריכן שטופּן זי אַרויס פון אָפּיציעלן לעבן.

דערווייל האָט דער אַקעראײַזן געטאָן זײַן אַרבעט יאָר פאַר יאָר, די תבואה איז געוואָרן צונויפגענומען, די בויערס האָבן געבויט ווי מען האָט זיי באַפוילן, דער בעל־מלאכה האָט געאַרבעט און געמאַכט נייע ערפינדונגען; עס פאַרשפּרייט זיך די קונסט פון שרייבן; נייע זאַכן, דאָס פערד און פורוואַרג מיט רעדער און אײַזן, ווערן אַרײַנגעפירט און בלײַבן שוין אַ טייל פון דער שטענדיקער ירושה פון דער מענטשהייט; עס ווערט גרעסער דער אויסשפּרייט פונם האַנדל איבער ימים און מדבריות, די אידעען פון די מענטשן ווערן ברייטער, דאָס וויסן פאַרמערט זיך. עס זיינען פאַראַן רעאַקציעס, מלחמות, מגפות; נאָר אין גרויסן און גאַנצן דערציילט די געשיכטע פון וואַקסן. אין משך פון פיר טויזנט יאָר איז אָט די נייע זאַך, ציוויליזאַציע, וואָס האָט אַרײַנגעלאָזט וואָרצלען אין גרונט פון די צוויי טייכן, אויסגעוואַקסן, ווי עס וואַקסט אַ בוים; אַמאָל אָנגעוואָרן אַ צווייג, אַמאָל צעריסן פון שטורעם, נאָר שטענדיק געוואַקסן און אַלע מאָל באַנייט איר וואוקס. זי האָט געביטן די הערשנדיקע ראַסע; זי האָט געביטן איר שפּראַך, אָבער עס איז געבליבן אין עצם די זעלביקע אַנטוויקלונג. אין פיר טויזנט יאָר אַרום זיינען נאָך די קריגסלייט און באַצווינגערס אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער איבער אָט דעם וואַקסנדיקן עפּעס, וואָס זיי האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען, נאָר צו יענער צייט (330 פאַר קר.) האָבן מענטשן געהאַט געקראָגן אײַזן, פערד, שריפט און חשבון, געלט, אַ סך אַ גרעסערע פאַרשיידנ־

אַרטיקייט פון שפּייז און געוועבן, אַ סך אַ ברייטער וויסן וועגן זייער וועלט, איידער די שומערער.

מען דאַרף באַמערקן, אַז די צייט, וואָס איז פאַרגאַנגען צווישן דער אימפּעריע פון סרגון I ביז דער צייט ווען אלכסנדר דער גרויסער האָט אײַנגענומען בבל, איז, לויט דער קלענסטער שאַצונג, אַזוי לאַנג ווי די צייט פון אלכסנדר מוקדון ביז צו אונזערע טעג. און נאָך פאַר די צייטן פון סרגון I זײַנען מענטשן געזעסן אין לאַנד שומער, געוואוינט אין שטעט, געבראַכט קרבנות אין טעמפּלען, געפירט אַ פעסט אײַנגעשטעלט ערדאַרבעטער-לעבן און אָרגאַניזירטע קיבוצים, לכל-הפחות פונקט אַזאַ לאַנגע צייט. „ערידו, לאַגאַש, אור, איסין, לאַרסאַ, האָבן שוין אַ לאַנגן עבר, ווען זיי באַווייזן זיך צום ערשטן מאָל אין דער היסטאָריע".

די שווערסטע זאַך סיי פאַר דעם שרײַבער און סיי פאַר דעם לייענער פון געשיכטע איז אײַנצוהאַלטן דעם חוש פאַר די דאָזיקע צייט-אָפּשטאַנדן און צו פאַרהיטן, אַז די דאָזיקע תקופות זאָלן ניט פאַרקירצט ווערן דורך דער פּערספּעקטיווע אין זײַן דמיון. אַ העלפט צייט פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און די שליסלען פאַר אירע הויפּט-אינסטיטוציעס באַדאַרף מען זוכן אין דער צייט פאַר סרגון I.

---

7. די עלטסטע געשיכטע פון עגיפּטן.

פּאַראַלעל מיט די עלטסטע התחלות פון דער ציוויליזאַציע אין שומער, איז אַן ענלעכער פּראָצעס צוגעגאַנגען אין עגיפּטן. עס גייט נאָך אַ קלער מכּוח דעם, וואָסערע פון די צוויי התחלות איז די עלטערע, צי זיי שטאַמען אָפּ פון וואָסער עס איז עלטערער ציוויליזאַציע אָדער איינע פון דער אַנדערער.

די געשיכטע פון נילוס-טאָל זינט דעם באַגינען פון זײַן היסטאָריע, וואָס איז אונז מער ווייניקער באַוואוסט, ביז צו דער צייט פון אלכסנדר מוקדון, גייט כּמעט אויפן דרך פון דער געשיכטע פון בבל; נאָר בעת בבל איז געלעגן אָפן פאַר אָנפאַלן פון אַלע זײַטן, איז

עגיפטן געווען געשיצט דורכן מדבר פון מערב=זייט און דורכן מדבר און ים פון מזרח=זייט, און אין דרום=זייט האָט זי געהאַט נאָר



כעאָפּס אָדער הופו, דער גרינדער פון דער 4טער דינאַסטיע און בויער פון דער גרויסער פּיראַמידע אין גיזעה.

נעגער=פעלקער. דערפאַר איז איר היסטאָריע ווינציקער געבראָכן דורך אינוואַזיעס פון פרעמדע ראַסעס, איידער די היסטאָריע פון אשור און

בבל, און ביזן אַכטן יאָרהונדערט פאַר קר., ווען זי איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון אַן עטיאָפּישער דינאַסטיע, האָבן באַצווינגערס געקאָנט קומען אויף איר נאָר פון דער זייט פון אַזיע דורך דעם לאַנד-פּאַס פון סועץ.

די שטיין-צייט-רעשטן פון עגיפּטן איז שווער צו דאַטירן; עס זיינען פאַראַן פּאַלעאָליטישע רעשטן און דערנאָך נעאָליטישע. עס איז ניט געווים, צי די נעאָליטישע פּאַסטעכער-שבטים, וואָס האָבן איבערגעלאָזן די דאָזיקע רעשטן, זיינען געווען די דירעקטע עלטערפאָטערס פון די שפּעטערדיקע עגיפּטער. אין אַ סך פּרטים זיינען זיי געווען לחלוטין פאַרשיידן פון זייערע נאָכקומערס. זיי פלעגן זייערע טויטע באַגראָבן, אָבער איידער זיי פלעגן זיי באַגראָבן, פלעגן זיי אויפשניידן די קערפּערס און קענטיק אויפעסן שטיקער פלייש. זיי האָבן דאָס, ווייזט אויס, געטאָן מחמת אַ געפיל פון יראת-הכבוד צום פאַרשטאָרבענעם; די טויטע פלעגן ווערן „אויפגעגעסן מיט כבוד“, לויט דעם אויסדרוק פון סער פלינדערס פּעטרי. אפשר האָבן די איבערגעבליבענע געהאָפט צו קריגן דורך דעם אַ טייל פון דעם כוח און גבורה, וואָס דער טויטער האָט פאַרמאָגט. שפּורן פון אַזעלכע ווילדע מנהגים זיינען געפונען געוואָרן אין די לאַנגע קברים-בערגלעך, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער מערב-אייראָפּע פון דער צייט איידער די אַרישע פעלקער האָבן זיך דאָרט פאַרשפּרייט, און זיי האָבן אַרומגענומען די נעגערשע אַפריקע, וואו זיי פאַרשווינדן ערשט אין דער נייער צייט.

אַרום 5000 פאַר קר., אָדער פריער, פאַרשווינדן די שפּורן פון די דאָזיקע פּרימיטיווע פעלקער, און עס באַווייזן זיך אויף דער סצענע די אמתע עגיפּטער. די ערשטע באַפעלקערונג איז געווען נאָר אַ פאָלק פון ביידלעך-בויערס און אויף אַ לפי-ערך נידעריקער מדרגה פון דער נעאָליטישער קולטור; די לעצטע זיינען שוין געווען אַ ציוויליזירט נעאָליטיש פאָלק—זיי האָבן געהאַט בנינים פון האָלץ און פון ציגל אָנשטאָט די כאַלופּקעס פון זייערע פאָרגייער, און זיי האָבן באַאַרבעט שטיין. זייער באַלד זיינען זיי אַריבער צו דער בראָנזע-תקופה. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ געמעל-שריפט כמעט אַזוי אַנטוויקלט ווי דער גלייכצייטיקער כתב פון די שומערער, נאָר גאַנץ פאַרשיידן

אין כאַראַקטער. אפשר האָט זיך דאָ אַריינגעריסן פון דרום־אַראַביע דורך אַדען אַ נײַ פאָלק, וואָס איז אַריין אין איבער־עגיפּטן און איז פּאַוואָליע אַריינגעדרונגען אין דער נילוס־דעלטאַ. ד״ר וואָליס בעדזש שרייבט וועגן זיי אין „די באַצווינגער פון מזרח־זייט“. נאָר זייערע געטער און זייערע דרכים זיינען, פונקט ווי זייער געמעל־שריפט, געווען פאַרשיידן פון דעם שטייגער פון די שומערער. איינע פון די עלטסטע באַוואוסטע פיגורן פון זייערע אַ גאָטהייט איז די פיגור פון אַ היפּאָפּאָטאַם, און דאָס איז דאָך בפירוש אַפריקאַניש.

דער ליים פון נילוס איז ניט אַזוי פיין און אַזוי פּלאַסטיש ווי דער שומערישער ליים, און די עגיפּטער האָבן אים ניט באַנוצט צום שרייבן. זיי האָבן זיך גאָר פרי געווענדט צו פאַסן פון פּאַפּירוס־ראָר, באַהעפט צוזאַמען; פון דעם נאָמען שטאַמט אונזער וואָרט „פּאַפּיר“. די אַשורים פלעגן שרייבן מיט אַ פאַרשפּיצטן שטעקל, וואָס קאָן מאַכן איינשניטן אין ליים; די עגיפּטער מיט אַ פענזל. מחמת דעם האָט די עגיפּטישע שריפט פאַרמאָגט אַ סך מער אויסדרוק.

דער ברייטער קאָנטור פון דער געשיכטע פון עגיפּטן איז פּשוטער פאַר דער געשיכטע פון מעסאָפּאָטאַמיע. עס איז פון לאַנג געוואָרן אַ מנהג איינצוטיילן די מלכים פון מצרים אין אַ ריי דינאַסטיעס, און אַז מען רעדט וועגן די פּעריאָדן פון דער עגיפּטישער געשיכטע, רעדט מען וועגן דער ערשטער, פערטער, פערצנטער דינאַסטיע און אַזוי ווייטער. צולעצט איז עגיפּטן איינגענומען געוואָרן דורך די פּערסער, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך איינגעפעסטיקט אין בבל; און אַז עגיפּטן איז אין יאָר 332 פאַר קר. אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון אלכּסנדר דעם גרויסן, האָט דאָרט געהערשט די XXXI דינאַסטיע.

אין דער דאָזיקער לאַנגער געשיכטע פון אַריבער 4000 יאָר — אַ סך אַ לענגערער פּעריאָד, ווי צווישן אלכּסנדר מוקדון און אונזער צייט — קאָן מען דאָ פאַרצייכענען געוויסע ברייטע אַנטוויקלונג־פאַזעס. געווען אַ פּאַזיס, וואָס איז באַוואוסט ווי דאָס „אַלטע קיניגרייך“, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פאַראייניקונג פון צפונדיקן און דרומדיקן קיניגרייך דורך מענעס און האָט דערגרייכט זיין העכסטן פונקט אין דער IV דינאַסטיע; די דאָזיקע דינאַסטיע באַצייכנט אַ פּע־

ריאָד פון רייכטום און גלאַנץ, און אירע מאָנאַרכן זיינען געווען פאַרכאַפּט פון אַזאַ תאווה צו בויען פאַר זיך מאָנומענטן, וואָס ביז אַהער האָבן מענטשן נאָך ניט געהאַט אַזוינס. דאָס זיינען געווען כעאָפּס (3733 פאַר קר., לויט וואָלים בעדזש) און כעפרען און מיקערין, וואָס האָבן אויפגעשטעלט די ערשטע און די צווייטע און די דריטע פּיראַמידע פון גיזעה. די גרויסע פּיראַמידע האַלט 450 פוס אין דער הייך און אירע זייטן זיינען 700 פוס לאַנג. עס איז אויסגעחשבונט (זאָגט וואָלים בעדזש), אַז זי וועגט 4.883.000 טאָן. אַלע די דאָזיקע שטיינער זיינען אַרויפגעשלעפּט געוואָרן צום בוי=פּלאַץ דער עיקר דורכן כוח פון מענטשן. די דאָזיקע אומזיניקע מצבות, פון אַזאַ מוראדיקער גרייס, אויסגעבויט אין אַ צייט, ווען אינזשעניער=קונסט האָט קוים וואָס אָנגעהויבן זיך, האָבן אויסגעשעפּט די כוחות פון עגיפּטן אין משך פון דריי לאַנגע רעגירונגען און איבערגעלאָזט דאָס לאַנד חרוב ווי נאָך אַ קריג.

די געשיכטע פון עגיפּטן פון דער IV ביז דער XVטער דינאַסטיע איז די געשיכטע פון קאָנפליקטן צווישן פאַרשיידענע הויפּטשטעט און קאָנקורירנדיקע רעליגיעס, פון צעטיילונגען אין איינציקע קיניגרייכן און פאַראייניקונגען. עס איז, אַזוי צו זאָגן, אַן אינעווייניקסטע געשיכטע. עס ווערט אָפּטמאָלס אָנגערופן דער פעאָדאַלער פּעריאָד. דאָ קאָנען מיר אָנרופן נאָר איינעם פון דער לאַנגער שורה פּרעהס, פּעפּי II, וואָס האָט רעגירט נײַנציק יאָר, די לענגסטע רעגירונג אין דער געשיכטע, און האָט איבערגעלאָזן אַ סך אויפשריפטן און בנינים. צולעצט האָט מיט עגיפּטן געטראָפן דאָס, וואָס האָט אַזוי אָפט געטראָפן מיט די ציוויליזאַציעס פון מעסאָפּאָטאַמיע. עגיפּטן איז אײַנגענומען געוואָרן דורך סעמיטישע נאָמאַדן, וואָס האָבן געגרינדעט אַ „פּאַסטעכער"=דינאַסטיע, די היקסאָס (די 16טע דינאַסטיע), וואָס די איינגעבאָרענע עגיפּטער האָבן זי סוף=כל=סוף פאַרטריבן. די דאָזיקע אינוואַזיע האָט געטראָפן מסתמא אין דער צייט, ווען עס האָט געבליט די ערשטע בבלישע אימפּעריע, וואָס האַמוראַבי האָט געגרינדעט, נאָר די גענויע אויסשטימונג פון די דאַטעס צווישן דער עלטסטער עגיפּטן און בבל איז נאָך שטאַרק מוטל בספק. ערשט נאָך אַ לאַנגן פּעריאָד פון שקלאַפעריי האָט אַ פאָלקס=אויפשטאַנד פאַרטריבן די

דאָזיקע פרעמדע. די שנאה צו די פרעמדע האָט פאַראייניקט די גייסטער אין עגיפּטן.

נאָך דעם דאָזיקן באַפרייונגס־קריג (אַרום 1600 פאַר קר.) איז אָנגעשטאַנען אַ פעריאָד פון גרויסן אויפבלי אין עגיפּטן, דאָס נייע קיניגרייך. עגיפּטן איז געוואָרן אַ גרויסע און פאַראייניקטע מיליטערישע מלוכה און האָט געשיקט אירע חיילות אַזש ביז צום פרת, אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער היסטאָרישער קאַמף צווישן דער עגיפּטישער און אשוריש־בבלישער מאַכט, וואָס האָט זיך געצויגן דורות לאַנג. ביז אַהער האָבן די דאָזיקע צוויי סיסטעמעם אויסגעוויזן צו זיין צו ווייט פון אַנאַנד, אויף צו פירן צווישן זיך מלחמות, אָבער איצט זיינען דעם מענטשנס קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן אויסגעוואַקסן אַזוי ווייט, אַז אַרמייען האָבן שוין געקאָנט מאַרשירן פון איין גרויסער טייך־סיסטעם צו דער אַנדערער.

אַ געוויסע צייט האָט עגיפּטן געהאַט די אייבערהאַנט אינם דאָזיקן קאָנפליקט. תותמעס III און אַמענאָפיס III (די 18טע דינאַסטיע) האָבן געוועלטיקט פון כוש (עטיאָפיע) ביזן פרת אין 15טן יאָרהונדערט פאַר קר. איבער כמה טעמים צייכענען זיך די דאָזיקע מלכים אויס מיט באַזונדער דייטלעכקייט אין גאָר דער עגיפּטישער געשיכטע. זיי זיינען געווען גרויסע בויערס און האָבן איבערגעלאָזט אַ סך מאָנומענטן און אויפשריפטן. אַמענאָפיס III האָט געגרינדעט דעם טעמפּל פון לוקסאָר און האָט צוגעבויט אַ סך צום טעמפּל פון קאַרנאַק. אין תל־אל־עמרנא האָט מען געפונען אַ סך בריוו, דעם קיניגס קאָרעספּאָנדענץ מיטן חיטישן, בבלישן און אַנדערע מאָנאַרכן, צווישן דעם אויך פון יענעם תושראַטאַ, וואָס האָט אַיינגענומען נינוה; די דאָזיקע בריוו פאַרשפּרייטן אַ העל ליכט אויפן פּאָליטישן און סאָציאַלן מצב אין יענער תקופה. מכוח אַמענאָפיס IV וועלן מיר נאָך באַדאַרפן ריידן שפּעטער, אָבער וועגן איינער פון אויסגעצייכנטסטע און פּעקס־טע מאָנאַרכן פון עגיפּטן, דער קיניגין האַטאַסו, האָבן מיר ניט קיין אָרט צו דערציילן. זי איז פאָרגעשטעלט אויף אירע מאָנומענטן אין מאַנס־בילשן אָנטאָן און מיט אַ לאַנגער באָרד, ווי אַ סימן פון חכמה.

דערנאָך האָבן די סירער אויף אַ קורצער צייט איינגענומען עגיפּטן, און דערנאָך אַ ריי דינאַסטיעס, וואָס פון זיי וועלן מיר פאַרציי־

כּענען די 19טע, וואָס צו איר געהערט רעמסס II, אַ גרויסער בויער פון טעמפּלען, וואָס האָט רעגירט 67 יאָר (פון אַרום 1317 ביז 1250 פאַר קר.) און וואָס טייל האַלטן, אַז ער איז דאָס דער פּרעה פון משהס צייט, און די 22טע דינאַסטיע, וואָס צו איר געהער דער פּרעה שישק, וואָס האָט אויסגערויבט דעם בית־המקדש אין ירושלים (אַרום 930 פאַר קר.). אַן עטיאָפּישער באַצווינגער פון אייבערשטן נילוס



אלטע אינדישע טעפעריי.

האָט געגרינדעט די 25טע דינאַסטיע, וואָס איז געפאַלן (670 פאַר קר.) אין קאַמף מיט דער ניי־אַשורישער אימפּעריע, געשאַפן דורך תּגלת פּלאסר III, סרגון II און סנחריב, וואָס וועגן איר האָבן מיר שוין דערמאָנט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווען בבל האָט געוועלטיקט איבערן נילוס.

די טעג פון עגיפּטישער הערשאַפט איבער פרעמדע פעלקער זיינען געקומען צום סוף. אויף אַ געווויסער צייט איז אונטער פּסאַמעטיך

I פון דער 26טער דינאַסטיע (664 — 610 פאַר קר.) ווידער אויפגעריכט געוואָרן אַ היימישע רעגירונג, און נכו II האָט אויף אַ שטיקל צייט איינגענומען די אַלטע עגיפּטישע מדינות אין סיריע ביז צום פרת, אין דער צייט ווען די מדים און כשדים זיינען באַפאַלן נינוה. נאָך דער מפּלה פון נינוה און פון אַשור האָט נבוכדנאצר II, דער נבוכדנאצר פון תנ"ך צוגענומען ביי נכו II אַלע זיינע געווינסן. די יידן, וואָס זיינען געווען, ווי מיר וועלן דערציילן שפּעטער, פאַרבונדן מיט פּרעה נכו, האָט נבוכדנאצר פאַרטריבן אין געפאַנגענשאַפט קיין בבל.

אין זעקסטן יאָרהונדערט, אַז די מלוכה פון די כשדים איז אַרונטערגעפאַלן אונטער די פּערסער, האָט עגיפּטן באַלד געהאַט דעם זעלביקן סוף. שפּעטער האָט עגיפּטן דורך אַן אויפשטאַנד זיך באַפרייט אויף אַ זעכציק יאָר. אין יאָר 332 האָט זי אויפגענומען מיט כבוד אַלכּסנדר דעם גרויסן ווי איר האַר, און שפּעטער איז זי אַליין רעגירט געוואָרן פון פרעמדע, צוערשט די גריכן, דערנאָך די רוימער, דערנאָך כסדר די אַראַבער, טערקן, ענגלענדער, ביז צו דער כלומרשטער אומאָפּהענגיקייט פון אונזער צייט. דאָס איז בקיצור די געשיכטע פון עגיפּטן פון אָנהייב אָן; די דאָזיקע געשיכטע דערציילט צוערשט פון אָפּזונדערונג, שפּעטער פון כסדר וואַקסנדיקער אויסמישונג מיט די ענינים פון אַנדערע פעלקער, ווי נאָר די פאַרגרינגערונג פון פאַרקער האָט געטריבן די פעלקער צו קומען אין אַן אַליין נעענטערן און נעענטערן מגע ומשא צווישן אַנאַנד.

---

8. די ערשטע ציוויליזאַציע פון אינדיע.

די היסטאָריע פון אינדיע, וואָס מיר האָבן דאָ צו דערציילן, איז פּשוטער אפילו, ווי די קורצע געשיכטע פון עגיפּטן. די דראַווידישע שבטים אין גאַנגעס־טאָל האָבן זיך אַנטוויקלט אין פּאַראַלעלע ליניעס צו די קיבוצים פון שומער און מצרים. אין צפון־אינדיע האָט מען געפונען זיגלען, וואָס זיינען שטאַרק ענלעך צו שומערישע. עס איז אָבער אַ ספק, צי די עלטסטע אינדישע קיבוצים האָבן דערגרייכט צו אַזאַ הויכער מדרגה פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, ווי שומער און

די אַלטע עגיפּטן; זיי האָבן איבערגעלאָזט ווינציק מאָנומענטן און זיי האָבן ניט אויסגעאַרבעט קיין שום שריפט־פאָרם. קיין סעמיטישע באַצווינגערס זיינען אין יענע אַלטע ציטן אין אינדיע, ווייזט אויס, ניט געווען.

אַן ערך אַרום דער צייט פון האַמוראַבי אָדער שפּעטער איז אַ צווייג פון אַן אַריש ריידנדיקן נאָמאַדן־פאָלק, וואָס האָט דעמאָלט פאַרנומען צפון־פּערסיע און אַפגאַניסטאַן, אַריינגעדרונגען דורך די צפונית־מערבית׳דיקע דורכגענג קיין אינדיע. זיי זיינען געווען נאָענטע קרובים מיט די עלטערפאָטערס פון די מעדער און פּערסער. זיי האָבן אַיינגענומען אַלץ אין זייער וועג, ביז זיי זיינען געוואָרן די באַהערשער פון גאָר דער טונקלהויטיקער באַפעלקערונג פון צפון־אינדיע און האָבן אויסגעשפּרייט זייער ממשלה אָדער אַיינפלוס איבערן גאַנצן האַלבאינזל. זיי האָבן קיינמאָל ניט דערפירט ביז צו פאַראייניקונג פון אינדיע; זייער היסטאָריע איז די היסטאָריע פון מלכים און רעפּובליקן, וואָס פירן מלחמה צווישן אַנאַנד.

די פּערסישע אימפּעריע האָט אין די טעג פון איר אויסברייטונג, נאָכדעם ווי זי האָט אַיינגענומען בבל, אַריבערגעוואָרפן אירע גרענעצן אַריבער דעם אינדוס, און שפּעטער איז אַלכסנדר מוקדון דערגאַנגען ביז צום גרענעץ פון מדבר, וואָס שיידט אָפּ דעם פּענדזשאַב פון גאַנגעסטאָל. נאָר מיט אָט דער קורצער דערציילונג וועלן מיר אויף אַ ווײַלע לאָזן די געשיכטע פון אינדיע.

---

9. די עלטסטע געשיכטע פון כינע.

אין דער צייט ווען די דרייפאַכיקע ציוויליזאַציע־סיסטעם פון די ווייסע מענטשן האָט זיך אַנטוויקלט אין אינדיע און די לענדער אַרום די טרעף־פלעצער אין אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע, האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אַ צווייטע, גאָר פאַרשיידענע ציוויליזאַציע און זיך אויסשפּרייטן פון דעם דעמאָלט פרוכפּעריקן, אָבער איצט טרוקענעם און פאַרלאָזענעם טאָל פון טאַרים און פון די שיפּועים פון די קוען־לון־בערג אין צוויי ריכטונגען אַראָפּ דער שטראָמונג פון כואַן־כאָ, און



דער גרויסער כינעזישער מויער, געבויט דורך שי־הואַנ־טי,ן דעם ערשטן כלל־קיסר, צום שוץ קעגן די הונען. דער גרויסער מויער איז אָנגעהויבן געוואָרן אין יאָר 214 פאַר קר. און פאַרענדיקט אין 10 יאָר אַרום. ער ציט זיך 1500 ענגל. מייל איבער בערג און טאָלן, האָט אַ גרעב פון 25 פוס ביים פונדאַמענט און 15 פוס אויבן, און אַ הייך פון 15 ביז 30 פוס. אויף פונקטן פון 200 יאַרד הייבן זיך אויף טורעמס פון 40 פוס די הייך.

שפּעטער אין טאָל פון יאַן=טסי=קיאַנג. פון דער אַרכעאָלאָגיע פון כינע ווייסן מיר נאָך ווינציק. שטיין=געצייג זיינען געפונען געוואָרן אין פּאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, און מיר ווייסן עפּעס מכּוח דער קולטור פון דער שטיין=צייט אינם דאָזיקן טייל פון דער ערד פון די אויסגראָבונגען אין כאָנאַן און אין מאַנדזשוריע. די מענטשן זיינען, ווייזט אויס, ניט געווען אומענלעך צו די איצטיקע איינוואוינער פון צפון=כינע. זיי האָבן געלעבט אין דערפער און האָבן געהאַט צוגעוויינט דעם חזיר. זיי האָבן באַנוצט העק און פּירקאַנטיקע מעסערס פון שטיין און פייל=שפּיצן פון שיפער=שטיין, ביין און מושלען; זיי האָבן געוואוסט מלאכה פון שפּינען און האָבן געמאַכט ליימענע כּלים, טייל פון זיי אין דעם זעלביקן טיפּ, ווי זיי ווערן געמאַכט ביי היינטיקן טאָג. חוץ די דאָזיקע קנאַפּע מאַטעריאַלן, שטאַמען אַלע אונזערע איצטיקע ידיעות מכּוח דער דאָזיקער אַלטער ציוויליזאַציע פון דער נאָך זייער ווינציק אויסגעפאָרשטער כינעזישער ליטעראַטור. זי איז געווען באַשיימפּערלעך פון אָנהייב אָן אַ דורכאויס מאָנגאָלישע ציוויליזאַציע. ביז נאָך דער צייט פון אלכּסנדר דעם גרויסן זיינען פאַראַן ווינציק שפּורן פון אַן אַרישער אָדער סעמיטישער און נאָך ווינציקער פון אַ חמיטישער השפּעה. אַלע די דאָזיקע השפּעות זיינען נאָך געווען אין אַן אַנדער וועלט, אָפּגעשיידט ביז צו יענער צייט דורך בערג, מדבּריות און ווילדע נאָמאַדן=שבטים. די כינעזער האָבן, ווייזט אויס, געשאַפן זייער ציוויליזאַציע פון זיך אַליין און אָן הילף פון אַנדערע. אייניקע מאָדערנע שרייבערס זיינען אָבער משער, אַז עס איז פאַראַן אַ באַרירונג מיטן אַלטן שומער, און דאָס וואָס מען געפינט אין די אויסגראָבונגען פון כאָנאַן אַן אייגנאַרטיקן טיפּ פון ליימענע כּלים, ענלעך צו די ליימענע כּלים, וואָס זיינען געפונען געוואָרן איז עטלעכע אַלטע וואוין=ערטער אין צענטראַל=און מערב=אַזיע, דערלויבט אָנצונעמען די השערה, אַז עס איז געווען אַ ווייטער קולטורעלער קאָנטאַקט. אוודאי זיינען סיי כינע און סיי שומער אויסגעוואַקסן אויפן גרונט פון אַ פריער נעאָליטישער קולטור, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט כּמעט איבער גאָר דער וועלט, נאָר דער טאַרים=טאָל און דער אונטערשטער פּרת זיינען אָפּגעשיידט דורך אַזעלכע גרויסע שטערונגען פון בערג און מדבּר.

אַז מען קאָן דאָ ניט רײדן מכּוח אַ װאַנדערונג אָדער אַ פֿאַרקער פֿון פֿעלקער, װאָס זײַנען איבערגעגאַנגען צו ישוב־לעבן.

אפֿשר האָט די באַװעגונג פֿון צפֿון זיך באַגעגנט מיט אַ צװײטער באַװעגונג פֿון קולטור, װאָס איז געקומען פֿון דרום. הגם די ציװיליזאַציע פֿון כינע איז דורכויס אַ מאָנגאָלישע, נאָר דערפֿון איז נאָך ניט געדרונגען, אַז אירע צפֿונדיקע װאָרצלען זײַנען די אײנציקע. אויב זי איז אויסגעװאַקסן אין טאַרים־טאָל, הײסט דאָס, אַז זי שטאַמט ניט, װי אַלע אַנדערע ציװיליזאַציעס (דערין אויך די ציװיליזאַציע פֿון מעקסיקע און פּערו), פֿון דער העליאָליטישער קולטור. מיר אײראָפּעער װײסן נאָך זײער װיניק פֿון דער עטנאָלאָגיע און פּרעהיסטאָריע פֿון דרום־כינע. דאָרט זײַנען כינעזער אויסגעמישט מיט אַזעלכע פֿעלקער װי די סיאַמער און בורמער, און פֿאַראַן, דוכט זיך, אַ פֿאַרבינדונג אויך מיט די טונקעלערע דראַװידישע שבֿטים און מיט די מאַלאַיער.

פֿון די כינעזישע מקורים איז גאַנץ קלאָר געדרונגען, אַז עס זײַנען געװען סײ צפֿונדיקע און סײ דרומדיקע התחלות פֿון ציװיליזאַציע, און אַז די כינעזישע ציװיליזאַציע, װאָס באַװײַזט זיך אין דער געשיכטע אַרום 2000 פֿאַר קר., איז דער רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגן פּראָצעס פֿון קאָנפֿליקטן, אויסמישונגען און פֿאַרקער צװישן אַ דרומדיקער און אַ צפֿונדיקער קולטור, װאָס פֿון זײ איז די דרומדיקע געװען די עלטערע און די העכער אַנטװיקלטע. די דרומדיקע כינעזער האָבן אפֿשר געשפּילט די זעלביקע ראָלע אַנטקעגן די צפֿונדיקע כינעזער, װאָס די חמיטן אָדער שומערער האָבן געשפּילט לגבי די אַרישע און סעמיטישע פֿעלקער אין מערבֿ, אָדער װאָס די אײַנגעזעסענע דראַװידן האָבן געשפּילט לגבי די אַריער אין אינדיע. זײ האָבן געקאָנט זײַן די ערשטע, װאָס האָבן באַאַרבעט די ערד און געבויט טעמפּלען. אָבער מכּוח דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן קאַפּיטל פֿון דער פּרעהיסטאָרישע איז אַזוי װיניק באַװאוסט, אַז מיר קאָנען דאָ מער דערויף זיך ניט אָפּשטעלן.

די פֿרעמדע, װאָס װערן דער עיקר דערמאָנט אין די עלטסטע כראָניקעס פֿון כינע, זײַנען געװען אַן אוראַל־אַלטאַיש פֿאָלק אויפֿן צפֿונית=

מערביתדיקן גרענעץ, די הונען, וואָס מיט זיי האָבן עטלעכע פֿון די עלטסטע קיסרים געפֿירט מלחמה.

די כינעזישע געשיכטע איז נאָך ווינציק באַוואוסט אייראָפּעישע געלערנטע, און אונזערע ידיעות מכּוח די עלטסטע כראָניקעס זיינען באַזונדערס ניט באַפֿרידיקנדיק. אַרום 2700 ביז 2400 פֿאַר קר. האָבן רעגירט פֿינף קיסרים, וואָס וועגן זייערע מעלות ווערן דערציילט חידושים.

נאָך די דאָזיקע ערשטע פֿינף קיסרים גייט אַ שורה פֿון דינאַסטיעס, וואָס די ידיעות מכּוח זיי ווערן אַלץ גענויער און גלויבּהאַפֿטיקער, וואָס שפּעטער זיי זיינען. כינע האָט צו דערציילן אַ לאַנגע היסטאָריע פֿון גרענעץ־מלחמות און ערנסטע קאַמפֿן צווישן אַן איינגעזעסענער באַפֿעלקערונג און נאָמאַדן־שבֿטים. אין אָנהייב איז כינע, פּונקט ווי שומער און עגיפּטן, געווען אַ לאַנד פֿון שטאָט־מלוכות. די רעגירונג איז צוערשט געווען אַ רעגירונג פֿון אַ סך מלכים; דערנאָך זיינען זיי געוואָרן פֿריי פֿאַרבונדן ווי פֿעאָדאַלן אונטער איין קיסר, אַזוי ווי אין עגיפּטן; נאָר שפּעטער, אויך ווי אין עגיפּטן, איז געקומען אַ צענטראַליזירטע אימפּעריע. שאַנג (פֿון 1750 ביז 1125 פֿאַר קר.) און טשאָו (1125 ביז 250 פֿאַר קר.) ווערן אָנגערופֿן ווי די צוויי גרויסע דינאַסטיעס פֿון פֿעאָדאַלן פּעריאָד. עס עקסיסטירן נאָך בראָנזענע כּלים פֿון די דאָזיקע פֿריע דינאַסטיעס, שיין געמאַכט, מייסטעריש און מיט אַן אייגענעם סטיל, און ס׳קאָן גאָר קיין ספֿק ניט זיין, אַז עס איז געווען אַ הויכע מדרגה פֿון קולטור נאָך פֿאַר די צייטן פֿון שאַנג.

אפֿשר איז דאָס דער געפֿיל פֿאַר סימעטריע, וואָס האָט באַוואויגן די שפּעטערדיקע היסטאָריקער פֿון עגיפּטן און פֿון כינע צו ריידן וועגן די פֿריערע פֿאַזעס פֿון זייער נאַציאָנאַלער געשיכטע, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אונטער דינאַסטיעס, וואָס מען קאָן זיי צוגלייכן צו די דינאַסטיעס פֿון די שפּעטערדיקע אימפּעריעס, און וועגן אַזעלכע אַלטע „אימפּעראַטאָרן“, ווי מענעס (אין עגיפּטן) אָדער די ערשטע פֿינף קיסרים אין כינע. די עלטערע דינאַסטיעס האָבן פֿאַרמאָגט אַ סך ווינציקער מאַכט ווי די שפּעטערדיקע. אַזאַ איינהייט, ווי כינע האָט פֿאַרמאָגט אונטער דער שאַנג־דינאַסטיע, איז געווען

גיכער אַ רעליגיעזע ווי אַן אמתע פּאָליטישע פֿאַראייניקונג. דער „זון פֿון הימל" האָט געבראַכט קרבנות פֿאַר אַלע כינעזער. עס איז געווען אַ בשותּפֿישע שריפֿט, אַ בשותּפֿישע ציוויליזאַציע און אַ בשותּפֿישער שונא אין דער געשטאַלט פֿון די הונען ביי די צפֿונית=מערבֿיתדיקע גרענעצן.

דער לעצטער פֿון דער שאַנג=דינאַסטיע איז געווען אַ שלעכטער און נאַרישער מאָנאַרך, וואָס האָט זיך אַליין פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט אין זיין פּאַלאַץ נאָך אַ באַשטימענדיקער מפּלה, וואָס ער האָט געקראָגן פֿון וואו=וואַן, דעם באַגרינדער פֿון דער טשאָו=דינאַסטיע (1125 פֿאַר קר.) וואו=וואַן האָט, קענטיק, געקראָגן הילף פֿון די דרומית=מערבֿיתדיקע שבֿטים און איז געווען געשטיצט פֿון אַ פֿאָלקס=אויפֿשטאַנד.

אַ געוויסע צייט איז כינע געבליבן לויז פֿאַראייניקט אונטער די טשאָו=קיסרים, אַן ערך ווי די קריסטלעכע פֿעלקער זיינען געווען פֿריי פֿאַראייניקט אונטער דער ממשלה פֿון די פּויפּסן אין מיטלעלטער; די טשאָו=קיסרים זיינען געוואָרן די טראַדיציאָנעלע אייבער=כּוהנים פֿון לאַנד אויפֿן אָרט פֿון דער שאַנג=דינאַסטיע און האָבן פּרעטענדירט אויף אַ מין איבערהערשאַפֿט אין די כינעזישע ענינים, אָבער בהדרגה האָבן די פֿאַרבונדן פֿון רגילות און געפֿיל, וואָס האָבן פֿעסט געהאַלטן די אימפּעריע, אָנגעוואָרן זייער שליטה איבער די געמיטער. הונישע שבֿטים פֿון צפֿון און פֿון מערבֿ האָבן פֿאַרכאַפּט די כינעזישע ציוויליזאַציע, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין חוש פֿאַר איר איינהיים.

פֿעאָדאַלע פֿירשטן האָבן גענומען רעכענען זיך אומאָפּהענגיק.

אין ווערק „כינע און דער פֿעלקער=בונד" שרייבט מר. ליאַנג=טשי=טשאַאָ, איינער פֿון די כינעזישע פֿאָרשטייער אויף דער פֿאַריזער קאָנפֿערענץ אין יאָר 1919, אַז צווישן 8טן און 4טן יאָרהונדערט פֿאַר קר. „זיינען געווען אין די טאָלן פֿון כאַן=כאָ און יאַן=טסי=קיאַנג ניט ווייניקער פֿון פֿינף ביז זעקס טויזנט קליינע מלוכות מיט אַן ערך אַ טוץ מעכטיקע מלוכות, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער זיי". דאָס לאַנד האָט געליטן פֿון שטענדיקע מלחמות („תּקופֿה פֿון מהומות").
אין 6טן יאָרהונדערט פֿאַר קר. זיינען די גרויסע מלוכות, וואָס האָבן געקעמפֿט מיט אַנאַנד, געווען טס'אי און טס'אין, וואָס זיינען גע=

לעגן אין צפון-זייט ביים כוואַן-כאָ, און טשאָו, וואָס איז געווען אַ מעכטיקע מלוכה, אין טאָל פון יאַן-טסי. אַ בונד פון מלוכות קעגן טשאו האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון אַ ליגע, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם שלום אין משך פון אַ הונדערט יאָר; די ליגע האָט אונטערטעניק געמאַכט און פאַרנומען טשאו און געשלאָסן אַן אַלגעמיינעם אָפּמאַך וועגן אַנטוואָפענונג. אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייע פאַציפיסטישע אימפעריע.

ווען מען איז אין כינע באַקאַנט געוואָרן מיט אַייזן, איז ניט באַוואוסט, אָבער אַייזערן געווער האָט מען אָנגעהויבן נוצן ערשט אַרום 500 פאַר קר., דאָס הייסט מיט דריי אָדער מער הונדערט יאָר שפּעטער, איידער אין אַשור, מצרים און אייראָפּע. אַריינגעפירט אַייזן קיין כינע האָבן מסתמא די הונען פון צפון-זייט.

די לעצטע מושלים פון דער דינאַסטיע טשאָו זיינען אַראָפּגעזעצט געוואָרן דורך מלכים פון טס'אין-דינאַסטיע; די לעצטע האָבן פאַרכאַפּט די געהייליקטע בראָנזענע דרייפוס אויף קרבנות, און אַזוי האָבן זיי געקאָנט נעמען אויף זיך די התמנות צו ברענגען קרבנות דעם הימל, וואָס דאָס איז געווען די פונקציע פון דער קיניגלעכער מאַכט. אַזוי אַרום האָט זיך פאַרפעסטיקט די דינאַסטיע פון טס'אין. זי האָט רעגירט מיט מער קראַפט און ווירקונג ווי וואָסערע עס איז פריערדיקע דינאַסטיע.

די רעגירונג פון שי-הואַן-טי (דאָס איז טייטש „ערשטער אַלגעמיינער קיסר") פון דער דאָזיקער דינאַסטיע ווערט געווינטלעך אָנגענומען צו באַצייכענען ווי דעם סוף פון אַ פעאָדאַלער און געטיילטער כינע. ער האָט קענטיק געשפּילט די זעלביקע ראָלע פון אַ פאַראייניקער אין מזרח, וואָס אלכסנדר דער גרויסער האָט געשפּילט אין מערב, נאָר ער האָט געלעבט לענגער, און די איינהייט, וואָס ער האָט געשאַפן (אָדער אויפגעריכט), האָט לפי-ערך געהאַלטן לאַנג, בעת די אימפעריע פון אלכסנדר מוקדון איז, ווי מיר וועלן נאָך שפּעטער דערציילן, נאָך זיין טויט צעפאַלן געוואָרן. שי-הואַן-טי האָט, צווישן אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן געפירט צו פאַראייניקונג, אָרגאַניזירט דאָס בויען דעם גרויסן כינעזישן מויער קעגן די הונען.

באלד נאך זיין רעגירונג איז געקומען א בירגער-קריג און האט זיך געענדיקט מיט דער איינפעסטיקונג פון דער כאן-דינאסטיע.

אונטער דער דאזיקער כאן-דינאסטיע איז די אימפעריע שטארק אויסגעוואקסן אריבער איר לכתחילהדיקן געביט פון די צוויי טייכן, די הונען זיינען אפגעשטופט געווארן, און די כינעזער זיינען אריינגעדרונגען קיין מערב, ביז זיי האבן זיך באקענט מיט ציוויליזירטע ראסעס און ציוויליזאציעס, וואס זיינען פארשיידן פון די זייעריקע.

ארום 100 פאר קר. האט די כינעזישע מאכט זיך געהאט אויסגעשפרייט דורך טיבעט ביז קיין מערב-טורקעסטאן, און כינעזער האבן געפירט האנדל אויף קאראוואנעס פון קעמלען מיט פערסיע און מיט דער מערבדיקער וועלט. דאס זאל זיין דערוויל גענוג פאר אונזער דערציילונג מכות כינע. צו באשרייבן די פרטים פון דער דאזיקער ציוויליזאציע וועלן מיר זיך נאך אומקערן שפעטער.

---

10. בעת ציוויליזאציעס וואקסן.

וואס איז געשען אין דער איבעריקער וועלט אין אט-די טויזנטער יארן, בעת אין די אלטע וועלט-צענטערס האבן מענטשן דורכגעמאכט טראט ביי טראט זייער וועג פון בארבאריזם פון דער העליאליטישער קולטור צו ציוויליזאציע? אין צפון-זייט פון די דאזיקע צענטערס, פון ריין ביז צום שטילן אקעאן, האבן די צפונדיקע און מאנגאלישע פעלקער זיך אויך געהאט אויסגעלערנט, ווי מיר האבן שוין דערציילט, צו נוצן מעטאלן; נאר בעת די ציוויליזאציעס האבן זיך אפגעזעצט אין ישובים, זיינען די דאזיקע מענטשן פון די גרויסע פליינען געווארן וואנדערער און האבן זיך אנטוויקלט פון א פרימיטיוון וואנדער-לעבן ביז צו א פעסט-איינגעשטעלטן נאמאדן-לעבן, וואס איז רעגולירט לויט די צייטן פון יאר.

אין דרום-זייט פון דעם ציוויליזירטן פאס, אין צענטראל-און-דרום-אפריקע, האבן די נעגערס דורכגעמאכט א פאמעלעכדיקן פראצעס, און דאס, ווי עס ווייזט אויס, אונטער דער השפעה פון ווייסע-שבטים, וואס זיינען אריינגעדרונגען צו זיי פון מיטללענדישן ים-

זייט און האָבן געבראַכט מיט זיך ערד־קולטיווירונג און אויסגעלערנט באַנוצן מעטאַלן. די דאָזיקע שבטים זיינען געקומען צו די שוואַרצע דורך צוויי וועגן: דורך דער סאַהאַרע קיין מערב־זייט, ווי בערבערן, טואַרעגן וכדומה, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די נעגערס און באַשאַפן אַזעלכע כלומרשט ווייסע ראַסעס, ווי די פולאַס; און אויך איבערן נילוס, אַזוי אַז די באַגאַנדעס פון אוגאַנדע, למשל, האָבן אפשר אין זיך שטריכן פון אַ ווייטן ווייסן אָפּשטאַם. די אַפריקאַנישע וועלדער זיינען דעמאָלט געווען געדיכטער און האָבן זיך אויסגעשפרייט קיין מזרח און קיין צפון פון אייבערשטן נילוס.

די אינזלען פון מזרח־אינדיע זיינען מיט דריי טויזנט יאָר צוריק נאָך געווען מסתמא באַזעצט נאָר מיט רעשטלעך פון פּאַלעאָליטישע אויסטראַלאָידן, וואָס זיינען געווען געקומען אַהער אין יענע צייטן, ווען עס איז נאָך געווען כמעט אַ גאַנצער יבשה־וועג, וואָס האָט געפירט פון מזרח־אינדיע ביז אויסטראַליע. די אינזלען פון אָקעאַניע זיינען ניט געווען באַוואוינט. ערשט שפּעטער האָבן העליאָליטישע מענטשן, פאָרנדיק אויף שיפלעך איבערן אָקעאַן, זיך אויסגעשפרייט איבער די אינזלען פון שטילן אָקעאַן, דאָס האָט געקאָנט זיין צום פריסטן אַרום 1000 פאַר קר. נאָך שפּעטער האָבן זיי דערגרייכט ביז מאַדאַגאַסקאַר. דער שיינער אינזל ניי־זעלאַנד איז נאָך אויך געווען פוסט, ווי ווייט דאָס איז שייך מענטשן; די העכסטע לעבעדיקע באַשעפענישן אויף אים זיינען געווען דער איצט אויסגעשטאָרבענער מאָאַ־פויגל, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ שטרויס־פויגל, און דער קליינער קיווי, וואָס האָט פעדערן ווי גראָבע האָר און מער ניט ווי סימנים פון פליגלען.

אין צפון־אַמעריקע איז אַ גרופּע מאָנגאָלאָידע שבטים איצט אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער אַלטער וועלט. זיי האָבן זיך פּאַוואָליע אויסגעשפרייט קיין דרום, זיך יאָגנדיק נאָך די אומצאָליקע ביזאָנען אין די פליינען. זיי האָבן נאָך באַדאַרפט פון זיך אויסלערנען זיך אַ באַזונדער אַגריקולטור, באַגרינדעט אויף מאַיס, און אין דרום־אַמעריקע צוגעוויינען די לאַמאַ פאַר זייער באַלעבאַטישקייט און



א רעשט פון דער מאיא־ציוויליזאציע. אן איינגעבויגענער זייל אין גוואַ־
טעמאלא. אויף אים זיינען אויסגעקריצט דאטן פון קאלענדאר.

אויפבויען אין מעקסיקע און יוקאַטאַן און פּערו דריי באַזונדערע ציוויליזאַציעס פון אַן אייגנטימלעכן טיפּ.

אַז מענטשן האָבן דערגרייכט דעם דרום־שפּיץ פון אַמעריקע, האָט נאָך געלעבט דאָס *מעגאַטעריום*, די ריזיקע קריך־חיה און דער *גליפּטאָדאָן*, דער ריזן־אַרמאַדיל.

די דאָזיקע אַמעריקאַנער פּרימיטיווע ציוויליזאַציעס קאָנען אונז אַ סך מיטהעלפן צו פאַרשטיין די מענטשלעכע אַנטוויקלונג, וואָרעם זיי האָבן קענטיק אָפּגעהיט, אַזש ביז צו דער צייט, ווען די אייראָפּעישע אַנטדעקערס האָבן זיי חרוב געמאַכט צום סוף פון 15טן יאָרה. נאָך קר., די געדאַנקען און מעטאָדן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך דער פּראַקטיק פון דער אַלטער וועלט פינף אָדער זעקס טויזנט יאָר פאַר קר. זיי האָבן נאָך ניט געוואוסט דעם נוץ פון אַייזן; זייער מעטאַלורגיע איז נאָך געווען גאָר אַ פּשוטע, און זייערע הויפּט־מעטאַלן, קופּער און גאָלד, האָבן זיי געפונען אין ריין־צושטאַנד. פאַרקערט, זייער שטיין־אַרבעט, טעפּעריי און וועבעריי זיינען געווען אויף אַ הויכער מדרגה, און זיי זיינען געווען ביז גאָר קונציקע פאַרבערס. פונקט ווי די לאַנג־פאַרטיליקטע פּרימיטיווע ציוויליזאַציעס פון דער אַלטער וועלט, האָבן אויך די דאָזיקע קיבוצים זיך פאָרגעשטעלט אַ נאָענטע פאַרבינדונג צווישן אַ מענטשלעכן קרבן מיט די פּראָצעסן פון זיי־צייט און שניט־צייט. נאָר בעת אין דער אַלטער וועלט זיינען די דאָזיקע פּרימיטיווע סאָציאַלע אידעען געוואָרן ווייכער געמאַכט און פאַרדעקט דורך אַנדערע, האָבן זיי זיך אין אַמעריקע אַנטוויקלט צו אַ ניט־געוויינטלעכן גראַד פון אינטענסיווקייט. דער שלאַנג איז געווען דער הערשנדיקער סימבאָל אין רעליגיעזע דעקאָראַציעס. די דאָזיקע אַמעריקאַנער ציוויליזאַציעס זיינען, ווייזט אויס, געשטאַנען דער עיקר אונטער דער הערשאַפט פון כּוהנים; זייערע קריגפירערס און רעגירערס אין שלום־צייטן זיינען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון אַ שטרענגן געזעץ און פון כּלערליי גוטע און שלעכטע סימנים.

זייערע כּוהנים האָבן אויפגעהויבן די אַסטראָנאָמישע ווּסנשאַפט ביז צו אַ הויכן גראַד פון פּינקטלעכקייט. זיי האָבן געקענט זייער יאָר אַ סך בעסער, ווי די בבלים. די ציוויליזאַציע פון יוקאַטאַן האָט

אַנטוויקלט אַ מין שריפט, דעם מאַיאַ-כּתב, פון אַ העכסט-אויסגעאַרבעטן טיפּ.

ווי ווייט מען האָט דעם דאָזיקן כּתב געקאָנט דעשיפרירן, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אים גענוצט צו פאַרצייכענען די גענויע און קאָמפּליצירטע קאַלענדערס, וואָס אויף זיי האָבן די כּהנים געפּטרט גאָר זייער גייסטיקע ענערגיע. די קונסט פון דער מאַיאַ-ציוויליזאַציע איז געווען אַנטוויקלט באַזונדערס גוט. אייניקע פון די פּשוטערע סקולפּטורן פון פריערדיקע דערמאָנען אָן די שומערישע ווערק, אָבער דאָס, וואָס מען געפינט פון די מאַיאַס, האָט גאָר זיין גלייכן ניט אין אַלע שאַפונגען פון דער אַלטער וועלט און דערגרייכט צו אַ שטאַרק ווירקנדיקער שיינקייט. די נאָענטסטע ענלעכקייט, הגם ניט גאָר קיין נאָענטע, קאָן מען געפינען אין אייניקע שניצערייען פון דרומדיקע אינדיאַנער. עס פאַרחידושט דורך זיין גרויסן פּלאַסטישן כּוח און זיין פולקומקייט פון צייכענונג, אָבער עס מאַכט אַ משונהדיקן איינדרוק מיט זיין גראָטעסקישקייט, אַ מין אומגעוועטער פאַרפּלאָנטערטקייט און קאָנווענציאָנאַלקייט. אַ סך אויפצייכענונגען פון די מאַיאַס זיינען ענלעך מער צו צייכענונגען פון משוגעים אין אייראָפּעישע משוגעים-הייזער, איידער צו וואָסערע עס איז פּראָדוקציעס פון דער אַלטער וועלט. עס קומט אויס, אַזוי ווי דער גייסט פון די מאַיאַס וואָלט געווען אַנטוויקלט גאָר אין אַן אַנדער ליניע, ווי דער גייסט פון דער אַלטער וועלט, ווי ער וואָלט אין זיינע געדאַנקען געקראָגן עפּעס אַ מאָדנע שפּאַלטונג און איז, לויט די השגות פון דער אַלטער וועלט, גאָרניט געווען קיין גייסט, וואָס פירט זיך שטרענג נאָכן שכל.

אַז די דאָזיקע צעדרייטע אַמעריקאַנישע ציוויליזאַציעס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון אַ גייסט, וואָס איז בכלל געווען צעדרייט, קאָן ווערן באַוויזן דורך דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט עפּעס אַ באַזונדער חשק צו פאַרגיסן מענטשלעך בלוט. די אַצטעקישע (מעקסיקאַנישע) ציוויליזאַציע האָט ממש געשטראָמט פון בלוט; זי פלעגט יערלעך ברענגען טויזנטער מענטשלעכע קרבנות. דאָס צעשניידן די קרבנות לעבעדיקערהייט, דאָס אַרויסרייסן אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט נאָך, איז געווען אַן אַקט, וואָס האָט באַהערשט דאָס דענקען און

לעבן פון די דאָזיקע משונהדיקע כּוהנים. דאָס עפנטלעכע לעבן, די
חנאות, אַלצדינג איז געווען אײַנגעשטעלט אויף אָט-דער פאַנטאַס-
טיש שרעקלעכער אידעע-פיקס.

דער מאַיאַ-כּתב איז ניט נאָר געווען אײַנגראַווירט אויף שטיין,
נייערט אויך געמאָלט און געשריבן אויף פעלן. די דאָזיקע כּתב-
ידן זײַנען בונט באַמאָלט און האָבן אַ מאָדנע ענלעכקייט צו די
וואָלוועלע קאָלירטע בויגנס, וואָס מען פאַרקויפט איצט קינדער אין
אַמעריקע און אייראָפּע. דאָ חזרן זיך איבער פיגורן מיט וואַריאַציעס,
אַזוי ווי עס וואָלט דערציילט געוואָרן אַ מעשה. אין פּערו זײַנען די
התחלות פון שריפט פאַרשטייפט געוואָרן דורך אַ טשיקאַווער און
קאָמפּליצירטער מעטאָדע צו פאַרצייכענען זאַכן פאַרן זכרון דורך
קניפּלעך פאַרקניפּט אויף שטריקלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן און פאָר-
מען. מען זאָגט, אַז אַפילו געזעצן און באַפעלן קאָנען ווערן איבער-
געגעבן מיט די צייכנס. די דאָזיקע בינטלעך שנירלעך זײַנען אָנ-
גערופן געוואָרן קוויפּוס; הגם אַזעלכע קוויפּוס געפינען זיך נאָך
אין קאָלעקציעס, נאָר דעם שליסל, ווי אַזוי זיי צו לייענען האָט מען
אינגאַנצן פאַרלאָרן. דער כינעזישער היסטאָריקער מר. ל. י. טשען
גיט אונז צו וויסן, אַז אַן ענלעכע מעטאָדע צו פאַרצייכענען דורך
קניפּלעך איז געווען אײַנגעפירט אין כינע, איידער דאָרט איז גע-
פונען געוואָרן די שרייבקונסט. די פּערואַנער האָבן אויך געקאָנט
צייכענען קאַרטעס און געוואוסט צו נוצן רעכן-ראַמען.

אַז די שפּאַניער זײַנען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן די מעק-
סיקאַנער גאָרנישט ניט געוואוסט פון די פּעריאַנער, און ניט די פּערו-
אַנער פון די מעקסיקאַנער. אויב עס זײַנען געווען וואָסערע פאַרבינ-
דונגען צווישן זיי, זײַנען זיי געווען פאַרלאָרן און פאַרגעסן. די מעקסי-
קאַנער האָבן קיינמאָל ניט געהאַט געהערט פון קאַרטאָפל, וואָס איז
געווען אַ הויפּט-שפּייז פון די פּערואַנער. אַרום 5000 פאַר קר. האָבן
די שומערער און עגיפּטער פונקט אַזוי ווינציק געוואוסט איינע פון
די אַנדערע. אַמעריקע איז פאַקטיש געווען אָפּגעשטאַנען אויף 6000
יאָר פון דער אַלטער וועלט.

11. די לעגענדע פֿון אַטלאַנטידע.

דאָ איז אפשר דער אָרט צו פֿאַרצייכענען די אומבאַגרינדעטע לעגענדע פֿון אַטלאַנטידע. זייער אַ סך מענטשן זיינען איבערצייגט, אַז עס זיינען פֿאַראַן ראיות, אַז אַן ערך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק האָט עקסיסטירט אַ גרויסע ציוויליזירטע מלוכה ערגעץ אינמיטן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן הינטער דעם גיבראַלטאַר-טויער. דאָס זאָל זיין געווען אַ גרויס לאַנד, אַ „קאָנטינענט“. דאָרט איז געווען דער גאָרטן פֿון די העספּערידן פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. זייער גלויבן שטיצט זיך אויף אַ סך אָנצוהערענישן אין דער גריכישער און שפּעטערדיקער ליטעראַטור, אַז אַזאַ פֿאַרשוואונדן לאַנד איז געווען אַמאָל. די געשיכטע האָט די מעלה, וואָס זי איז זייער אַ גוטע טעמע פֿאַר קינעמאַטאָגראַפֿן. זי האָט אָבער קיין שום יסוד ניט אין געאָגראַפֿישע, געאָלאָגישע אָדער אַרכעאָלאָגישע פֿאַקטן.

עס איז פֿאַראַן אַ גוטער יסוד משער צו זיין, אַז אין אַ ווייטער געאָלאָגישער תּקופֿה איז געווען יבשה דאָרט, וואו עס קייקלען זיך איצט די כוואַליעס פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן, אָבער עס זיינען ניטאָ קיין שום ראיות פֿאַר און עס זיינען פֿאַראַן אַ סך באַווייזן קעגן דעם, אַז אייראָפּע אָדער אַזיע זאָל האָבן זיך אויסגעשפּרייט מערבֿדיקער זינט דעם מיאָצען-פּעריאָד. אָבער ציוויליזאַציע איז העכסטנס פֿאַראַן אין די לעצטע צוואַנציק טויזנט יאָר, און מסתּמא ערשט אין די לעצטע צען טויזנט יאָר, און מענטשן זיינען געוואָרן ערשט זינט דער פּליסטאָצען-תּקופֿה. די מענטשלעכע רעשטן, וואָס מיר געפֿינען אין שפּאַניע און צפֿון-אַפֿריקע, גיבן ניט קיין שום אָנווייזן אויף אַ העכערן צושטאַנד פֿון קולטור אין מערבֿ-זייט, און אין דער עלטערער גריכישער ליטעראַטור, ביי האָמער און העסיאָד, איז קיין סימן ניטאָ, אַז זיי האָבן געוואוסט וועגן שפּאַניע און אַ פּשיטא שוין וועגן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

מר. רעדזשינאַלד פֿעסנדען האָט זאָרגעוודיק אויסגעשטודירט אַלע די מעשיות וועגן אַטלאַנטידע, און ער איז געקומען צו דער מסקנא, אַז זיי האָבן ניט קיין שייכות צו אַ פֿאַרלאָרענעם לאַנד אין אַטלאַנטישן אָקעאַן, נאָר צו גאָר אַן אַנדער זאַך, וואָס ליגט זיך אַ סך מער אויפֿן שכל, צו אַ סך אַ וויכטיקערער אַמאָליקער ציווי-

ליזאציע אין דער געגנט פון קאווקאז. מיר ווייסן, אז וואסערן האבן פארפלייצט און זיינען צוריק אפגעטראטן אין דרום-רוסלאנד און צענטראל-אזיע נאך אין דער צייט פון דער מענטשלעכער געשיכטע, אזוי אז עס זיינען פאראן מדבריות, וואס זיינען אמאל געווען ימים, און דארט וואו עס איז איצט פאראן קוים גראז אויף אונטערצוהאלטן לעבן, זיינען אמאל געווען גערדיכטע וועלדער. מיר האבן פולע רעכט משער צו זיין, אז אין דעם דאזיקן טייל פון דער ערד קאנען געמאכט ווערן וויכטיקע געפינסן פון פריע ציווילזאציעס. דער ברעג פון שווארצן ים האט געקאנט ווערן פארפלייצט דורך א קאטאסטראפע מיט א געוויסער צייט פריער, איידער די ארישע פעלקער האבן זיך א רוק געטאן קיין דרום. עס האבן געקאנט זיין פלוצימדיקע איינזינקענישן פון יבשה. ס'איז גענוג עס זאל זיך אויפהייבן דער ים-שפיגל אויף איינע פופציק פוס, כדי דער שווארצער ים זאל ווערן פאראייניקט מיטן קאספישן ים. א ציקל פון פייכט קאלטע יארן, וואס וואלט געקאנט אפשטעלן די אויסדעמפונג פון די דאזיקע וואסערן, וואלט כמעט געקאנט ברענגען דערצו. ביי היינטיקן טאג פארמאגן מיר אזוינע גוטע קארטעס און אונזערע געאגראפישע ידיעות זיינען אזעלכע פינקטלעכע, אז מיר קאנען זיך קוים פארשטעלן, ווי אומבאשטימט עס זיינען געווען די געאגראפישע אידעען אפילו פון די געלערנטסטע מענטשן אין 2טן יארטויזנט פאר קר. וואונדער-מעשיות מכוח א פארלארן געגאנגענעם לאנד, וואס מען פלעגט צו יעם פארן אמאל דורך די דארדאנעלן, האבן גרינג געקאנט פארביטן ווערן דורך וואונדער-מעשיות מכוח א לעגענדארישן לאנד, וואס געפינט זיך הינטער די הערקולעס-זיילן, נאכדעם ווי די פעניקישע און גריכישע סוחרים האבן געפונען דעם מערבדיקן דורכגוס פון מיטללענדישן ים. גרוזיע איז בלי-ספק א לאנד, וואו די ארכעאלאגיע קאן געפינען א סך מאטעריאל, און אויב מען וועט נאך וואו עס איז אויפדעקן רעשטן פון ערשטראנגיקן ווערט, וואס וועלן באווייזן שייכותן צווישן די פריע ציווילזאציעס, וועט דאס זיין אין דער געגנט צווישן שווארצן ים און מערב-טורקעסטאן. א היפשע צאל גריכישע מעשיות און לעגענדעס זיינען פארבונדן מיט גרוזיע; זי איז געווען דאס לאנד פון גאלדענעם פעל, דעם ציל פון די ארגאנאווטן, און דא איז

פּראָמעטעוס געווען צוגעשמידט, און דער גייער האָט געפּיקט זיין לעבער. ניט קיין קלענערער אויטאָריטעט ווי דער עגיפּטאָלאָג סער פלינדערס פּעטרי האַלט פון דער השערה, אַז עס איז געווען גאָר אין אַ פריער צייט אַ פאַרבינדונג צווישן קאָלכיס (דעם לאַנד אין דרום־זייט פון קאַווקאַז) און דער פאַרהיסטאָרישער עגיפּטן. דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט האָט פאַרצייכנט אַ געוויסע צאָל ענלעכקייטן צווישן די קאָלכיער און די עגיפּטער.

קאַפּיטל 14

ים-פֿעלקער און האַנדלס-פֿעלקער

1. די עלטסטע שיפֿן און ים-לייט. 2. די עגעיִשע שטעט אין פֿאַרגעשיכטלעכער צייט. 3. די ערשטע אַנטדעקונגס-רייזעס. 4. די עלטסטע סוחרים. 5. די עלטסטע רייזנדערס.

די ערשטע שיפֿלעך זיינען געמאַכט געוואָרן גאָר פֿרי אין דער נעאָליטישער קולטור-סטאַדיע, און געמאַכט האָבן זיי פֿעלקער, וואָס זיינען געזעסן אויף ברעגעס פֿון טייכן און פֿון אָזערעס. זיי זיינען צוערשט געווען ניט מער ווי ביימער און שווימענדיקע שטיקער האָלץ, וואָס האָבן באַדאַרפֿט העלפֿן דעם מענטשן שווימען. דערנאָך האָט מען גענומען אויסהוילן ביימער, און שפּעטער, אַז די געציַיג האָבן זיך אויסגעבעסערט און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּרימיטיווע טשעמ-לעריי, האָט מען אָנגעהויבן בויען שיפֿלעך פֿון ברעטער. אין עגיפּטן און אויך אין מעסאָפּאָטאַמיע האָבן מענטשן אַנטוויקלט אַ פּרימיטיוון טיפּ פֿון קאָרב-שיפֿלעך אויסגעסמאָלעט מיט ערד-פּעך. אָט אין אַזאַ „קעסטל פֿון ראָר-שטעקלעך" (תבת גמא) האָט די מוטער אַוועקגעלאָזט דאָס קינד משה שווימען איבערן נילוס.

אַן אַנדער מין שיפֿלעך איז אויפֿגעקומען, ווען מען האָט גענומען נוצן פֿעלן פֿון בהמות אויף אַריבערציִען אויף געפֿלאָכטענע וויטש-קעס-קערב. נאָך ביי היינטיקן טאָג ווערן גענוצט אַזעלכע געפֿלאָכטענע קערב-שיפֿלאַך באַצויגן מיט קו-פֿעלן פֿון די פֿישערס אויפֿן מערב-ברעג פֿון אירלאַנד, וואו עס זיינען פֿאַראַן אַ סך בהמות און ווינציק גרויסע ביימער. אַזעלכע שיפֿלעך ווערן אויך גענוצט נאָך אויפֿן טייך פּרת און אויפֿן טאָווי אין דרום וויילס. אין אַליאַסקע האָט מען אויך געפֿונען שיפֿלעך פֿון אָט דעם פּאַרטייטיקן טיפּ, און מענטשן שיפֿן זיך

אין זיי אַריבער פון אַמעריקע קיין סיביר. איידער דער דאָזיקער מין שיפֿלעך איז אויפֿגעקומען, האָט מען גענוצט אָנגעבלאָזענע פֿעלן פון בהמות, נאָך היינט נוצט מען אַזעלכע פעלן אויפֿן פּרת און אויפֿן אייבערשטן גאַנגעס. אין די טאָלן פון די גרויסע טייכן האָבן שיפֿלעך פרי געמוזט ווערן אַ וויכטיקער פאַרקערס-מיטל. און עס איז ניט מער ווי נאַטירלעך משער צו זיין, אַז גראָד פון די לעפצונגען פון די גרויסע טייכן האָבן מענטשן, שוין אין שיפן וואָס האָבן געקאָנט זיך נישקשה האַלטן אויפֿן ים, צוערשט זיך איינגעשטעלט צו לאָזן



א פעניקישע קריגסשיף ארום 700 פאר קר.

זיך שווימען איבערן ים, וואָס האָט זיי געמוזט דעמאָלט אויסווייזן אַן אַ וועג און אָן אַ ציל.

בלי-ספק איז דער מענטש צוערשט אַרויס אין ים ווי אַ פישער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט די התחלות פון פישעריי אין קליינע ים-בוכטעס און לאַגונעס. מענטשן האָבן גע-קאָנט נאָך אַרומשווימען אין שיפלעך איבער די לעוואַנטינישע אָזערעס, איידער דער מיטללענדישער טאָל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט די וואַסערן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. דאָס קאַנו-שיפל איז געווען אַ יסוד פון דער העליאָליטישער קולטור און האָט זיך פאַרשפּרייט צוזאַמען

מיט דער דאָזיקער קולטור איבער די וואַרעמע וואַסערן פון דער ערד פונם מיטללענדישן ים ביז קיין אַמעריקע. ניט נאָר קאַנוס, נאָר אויך אַנדערע מינים שיפן האָבן געהאַט די שומערער, וואָס זיינען געשוואומען איבערן פרת און חידקל, ווען די דאָזיקע טייכן פלעגן אַרום 7000 פאַר קר. זיך אַריינגיסן אין ים דורך צוויי לעפצונגען.

די שומערישע שטאָט ערידו, וואָס איז געשטאַנען ביים שפיץ פון פערסישן ים-אויסגוס (איצט איז זי אָפּגערוקט פון ים אויף 130 ענגל. מייל דורך זאַמד-אָפּלייגערונגען), האָט דעמאָלט געהאַט שיפן אויפן ים. מיר געפינען אויך באַווייזן פון אַ פול אַנטוויקלטן ים-לעבן מיט זעקס טויזנט יאָר צוריק אין דעם מזרח-עק פון מיטללענדישן ים, און עס איז מעגלעך, אַז צו יענער צייט זיינען שוין געווען קאַנוס, וואָס זיינען געשוואומען איבערן ים צווישן די אינזלען פון מזרח-אינדיע. עס זיינען פאַראַן געמעלן פון עגיפּטישע שיפן אויפן נילוס פון אַ פאַרדינאַסטישער, נעאָליטישער צייט, זיי זיינען גוט געבויט און מסוגל צו טראָגן אויף זיך העלפאַנדן.

זייער גיך האָבן די מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעפאָרן אין ים אַריין, געמוזט תופס זיין, וואָס פאַר אַ מעלה די שיף האָט, וואָס זי גיט זיי אַ באַזונדער פרייהייט און מאַכט. זיי האָבן געקאָנט אַוועקשווימען צו אינזלען; קיין עלטסטער און קיין קיניג האָט ניט געקאָנט כאַפּן קיין שיפל אויפן ים; איטלעכער שיפס-קאַפּיטאַן איז געווען פאַר זיך אַ קיניג. די ים-לייט האָבן גרינג געקאָנט זיך מאַכן באַהעלטענישן אויף די אינזלען און אין שטאַרק באַפעסטיקטע ערטער אויפן קאָנטינענט. דאָרט האָבן זיי געקאָנט האַלטן זייערע שיפן, דאָרט האָבן זיי אויך געקאָנט אַנטוויקלען ביז צו אַ געוויסן גראַד ערד-אַרבעט און פישערײַ. נאָר זייער ספּעציאַליטעט און זייער הויפּט-עסק איז געווען, פאַרשטייט זיך, דאָס פאָרן איבערן ים. געוויינטלעך זיינען זיי געפאָרן ניט צוליב האַנדלען, נאָר אָפטער צוליב רויבערײַ. זינט מיר קענען מענטשן, ווייסן מיר, אַז די ערשטע ים-פאָרערס פלעגן רויבן און פאַרכאַפּן, ווען זיי האָבן געקאָנט, און האַנדלען, ווען זיי האָבן געהאַט מיט וואָס.

די שיף-פאָרערײַ פון דער אַלטער וועלט האָט זיך אַנטוויקלט אין די לפי-ערך וואַרעמע און שטילע וואַסערן פונם מזרחדיקן מיטל-

לענדישן ים, פון ים־סוף, דעם פערסישן אויסגוס און דעם מערב־ווינקל פון אינדישן אָקעאַן. מחמת דעם טראַגט זי אויף זיך געוויסע



א קרעטישער קרוג פון דעם מינאָישן פעריאָד. א מוסטער פון טעפּערײַ פון דעם שפּעט־מינאָישן פעריאָד.

כאַראַקטעריסטישע סימנים, וואָס שיידן זי אָפּ שטאַרק פון דער שי־
פעריי פון די לעצטע פיר הונדערט יאָר, ווען שיפן האָבן זיך צע־
שפּרייט איבער ווייטע ימים און אָקעאַנען. „דער מיטללענדישער ים,
זאָגט מר. טאָר, איז אַ ים, וואו אַ זעגל־שיף קאָן זיך ליגן גאַנצע
טעג רויק, ניט גערירט פון אָרט, און אַ רודער־שיף קאָן זיך גרינג
אַריבערשווימען איבער די גלאַטע וואַסערן, מיט ברעגעס און מיט
אינזלען אומעטום צו דער האַנט, וואו זי קאָן זיך אויסבאַהאַלטן אין
פאַל פון אַ שטורעם. דעריבער זיינען אין דאָזיקן ים די רודערס געוואָרן



אייבע פון די צוויי גאָלדענע שאָלן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין וואַפיאָ, אין דרום־גריכנלאַנד. דאָס איז אַ מוסטער פון מינאָישער „געטריבענער" ארבעט.

די כאַראַקטעריסטישע געצייג פון נאַוויגאַציע, און די הויפּט־פּראָבלעם פון
דעם שיף־בוי איז געווען, ווי אַזוי צעשטעלט מען די רודערס. און אַז
מיטללענדישע פעלקער האָבן באַוועלטיקט מערב־אייראָפּע, האָט מען גע־
בויט שיפן פון אַ דרומדיקן טיפּ אויך ביי די צפונדיקע ברעגעס, הגם
דאָ איז געווען גענוג ווינט פאַר זעגלען און צופיל ווינט פאַר רודערס...
„די ערשטע ידיעות, וואָס מיר האָבן מכוח דער רודער־קונסט,
שטאַמען פון נילוס. שיפלעך מיט רודערס זיינען אָפּגעמאָלט אויף

די פריסטע בילדער־מאָנומענטן פון עגיפטן. אויף טייל בילדער זיינען די שיפסלייט אויסגעמאָלט זיצנדיק מיט די פנימער צום פאָדערטייל פון שיף, אַזוי אַז זיי טרייבן די שיף פּאַטשנדיק מיט די רודערס איבערן וואַסער, אַנדערע ווידער רודערן זיצנדיק מיט די פנימער געווענדט צום הינטערטייל פון שיף. זיכער איז דער ערשטער אופן פון פּאַטשן איבערן וואַסער דער עלטערער, וואָרעם דער היעראָגליף „כען" איז אויסגעמאָלט ווי צוויי הענט וואָס האַלטן אַ רודער מיט דער תנועה צו פּאַטשן איבערן וואַסער, און די היעראָגליפן זיינען אויסגעקלערט געוואָרן אין גאָר אַ פריער תקופה. דער דאָזיקער מנהג איז מסתמא פּאַקטיש בטל געוואָרן פאַר 2500 פאַר קר., ניט געקוקט אויפן עדות פון די מאָנומענטן פון יענער צייט. וואָרעם אין מאָנומענטן וואָס שטאַמען פון אַן ערך 1520 פאַר קר. זיינען אויסגעמאָלט שיפסלייט וואָס רודערן מיטן פנים געווענדט צום הינטערטייל פון שיף, אָבער זיי האַלטן די רודערס, אַזוי ווי זיי וואָלטן געפּאַטשט מיט זיי איבערן וואַסער, דערפון איז געדרונגען, אַז אַפילו דעמאָלט האָבן עגיפּטישע קינסטלער מעכאַניש נאָכגעמאַכט די ווענדונג פון די הענט, וועדליג זיי זיינען דאָס געווען געוויינט צו זען אויפן היעראָגליף אין יענע רעליעפן זיינען פאַראַן צוואַנציק רודערערס אויף שיפן וואָס גייען אויפן נילוס, און דרייסיק רודערערס אויף שיפן פון ים־סוף. אין די עלטסטע רעליעפן איז די צאָל רודערערס שטאַרק פאַרשיידן, און זי איז, ווייסט אויס, געווען אָפּהענגיק פון דעם אָרט, וואָס דער סקולפּטאָר האָט געהאַט אין זיין רשות".

די אַריש־ריידנדיקע פעלקער זיינען שפּעט דערגאַנגען צום ים. די עלטסטע שיפן זיינען געווען אָדער שומערישע אָדער חמיטישע; די סעמיטישע פעלקער זיינען געגאַנגען באַלד נאָך די דאָזיקע פּיאָנערן אויף דעם געביט. פּאַזע דעם מזרח־ברעג פון מיטללענדישן ים האָבן די פעניקיער, אַ סעמיטיש פאָלק, געגרינדעט אַ ריי אומאָפּהענגיקע האַפן־שטעט, וואָס די וויכטיקסטע צווישן זיי זיינען געווען עכו, צור און צידון; שפּעטער האָבן זיי אויסגעברייט זייער נסיעות קיין מערב־זייט און האָבן געגרינדעט קאַרטאַגאָ און אוטיקאַ אין צפון־אַפריקע. עס איז מעגלעך, אַז פעניקישע שיפן זיינען אַרומגעפאָרן איבערן מיטללענדישן ים שוין אַרום 2000 פאַר קר. סיי צור און סיי

צידון זיינען לכתחילה געווען אינזל-שטעט, אַזוי אַז מען האָט זיי גרינג געקאָנט באַשיצן קעגן אַן אָנפֿאַל פֿון דער יבשה-זייט.

נאָר איידער מיר ווענדן זיך צו די גבורות אויפֿן ים, וואָס עס האָט אויפֿגעטאָן דאָס דאָזיקע פֿאָלק פֿון ים-פֿאָרערס, מוזן מיר פֿאַרצייכענען אַ זייער מערקווערדיקן און טשיקאַווען ישוב פֿון אַן אַלטן ים-פֿאָלק, וואָס רעשטן פֿון דעם זיינען געפֿונען געוואָרן אויפֿן אינזל קרעטאַ.

2. די עגעישע מלוכות אין פֿאַרהיסטאָרישער צייט.

די דאָזיקע אַלטע קרעטער זיינען געווען אַ ראַסע, וואָס איז נאָענט לויטן אָפּשטאַם צו די איבערער פֿון שפּאַניע און מערב-אייראָפּע און צו די טונקל-ווייסע פֿון קליין-אַזיע און צפֿון-אַפֿריקע. און זייער שפּראַך איז ניט באַוואוסט. די דאָזיקע ראַסע האָט געלעבט ניט נאָר אין קרעטאַ, נייערט אויך אין קיפּרוס, גריכנלאַנד, קליין-אַזיע, סיציליע און דרום-איטאַליע. דאָס איז געווען אַ ציוויליזירט פֿאָלק מיט אַ סך יאָרהונדערטער פֿריער, איידער די גריכן פֿון די צפֿון-לענדער האָבן זיך אויסגעשפּרייט קיין דרום דורך מאַקעדאָניע. אין קנאָסאָס אויפֿן אינזל קרעטאַ זיינען געפֿונען געוואָרן די וואונדערלעכסטע חורבות און רעשטן, און דערפֿאַר איז קנאָסאָס מסוגל צו פֿאַרשטעלן די איבעריקע ישובים פֿונם דאָזיקן פֿאָלק אין דער פֿאָרשטעלונג פֿון די היינטיקע מענטשן. נאָר מען מוז האַלטן אין זינען, אַז קנאָסאָס איז טאַקע געווען אַ הויפּטשטאָט פֿון דער דאָזיקער ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין די לענדער פֿון עגעישן ים, אָבער די דאָזיקע עגייער, בעת זיי זיינען געשטאַנען אויף דער הייך פֿון זייער מאַכט, האָבן געוועלטיקט איבער אַ סך שטעט, און איבער אַ גרויסן געביט.

אין קנאָסאָס זיינען פֿאַראַן נעאָליטישע רעשטן פּונקט אַזוי אַלט אָדער נאָך עלטער ווי די פֿאַרדינאַסטישע רעשטן פֿון עגיפּטן. די בראָנזע-תקופֿה האָט זיך אָנגעהויבן אין קרעטאַ אין דער זעלביקער צייט וואָס אין עגיפּטן; סער פֿלינדערס פּעטריע האָט געפֿונען אין

עגיפטן וואזעס, וואס געהערן, לויט זיין מיינונג, צו דער ערשטער דינאַסטיע, און ער האַלט, אַז זיי זיינען אַריינגעפירט פון קרעטאַ. שטיינערנע וואַזעס, אַמולעטן און זיגל־איינדרוקן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין קרעטאַ, ווייזן אָן אויף פאַרבינדונגען מיטן נילוס־טאָל נאָך פאַר דער צייט פון די היסטאָרישע דינאַסטיעס. עס זיינען געפונען געוואָרן שטיינערנע כלים מיט די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער 4טער דינאַסטיע (וואָס האָט געבויט די פיראַמידן), און



א ריטאָן אָדער א שפרענק־וואזע, פארצירט מיט א פיש־צייכענונג און די פיגור פון אן אָקס, ביידע פון ליים. געפונען אויפן קריטישן אינזל פסיירא.

עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז עס איז געווען אַ שטאַרקער האַנדלס פאַרקער צווישן קרעטאַ און עגיפטן אין דער צייט פון דער 12טער דינאַסטיע. דאָס האָט זיך געצויגן אַן ערך ביז 1000 פאַר קר. עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע אינזל־ציוויליזאַציע, וואָס איז אויפגעקומען אויף קרעטאַ, איז לכל־הפחות פונקט אַזוי אַלט ווי די עגיפטישע, און אַז די דאָזיקע פעלקער זיינען שוין געשוואומען איבער ימים נאָך

אַרום 4000 פֿאַר קר., איידער וואָסער עס איז סעמיט אָדער אַריער האָט זיך באַוויזן אויף דער היסטאָרישער סצענע.

די גרויסע טעג פֿון קרעטאַ זיינען ניט געווען אין דער דאָזיקער פֿריער צייט. ערשט אַרום 2500 פֿאַר קר. איז דער אינזל, ווייזט אויס, פֿאַראייניקט געוואָרן אונטער איין רעגירער. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ תּקופֿה פֿון שלום און הצלחה, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע פֿון דער אַלטער וועלט. געזיכערט קעגן אָנפֿאַלן, לעבנדיק אין אַ נחתדיקן קלימאַט, האַנדלענדיק מיט אַלע ציוויליזירטע קיבוצים אין דער וועלט, האָבן די קרעטער געקאָנט פֿריי אַנטוויקלען אַלע קונסטן און אַלע תּענוגים פֿון לעבן.

די דאָזיקע קנאָסאָס איז ניט געווען אַזוי פֿיל אַ שטאָט, ווי אַ גרויסער פּאַלאַץ פֿון קיניג און זיין פֿאָלק. עס איז אַפֿילו ניט געווען באַפֿעסטיקט. די מלכים זיינען, ווייזט אויס, אַלע אָנגערופֿן געוואָרן מינאָס, פּונקט אַזוי ווי אַלע מלכים פֿון מצרים האָבן געהייסן פּרעה. דער קיניג פֿון קנאָסאָס פֿיגורירט אין די אַלטע לעגענדעס פֿון די גריכן ווי דער קיניג מינאָס, וואָס האָט געוואוינט אין שלאָס לאַבירינט און האָט דאָרט געהאַלטן אַ מוראדיק שרעק-באַשעפֿעניש, דעם מינאָטאַוורוס, האַלב מענטש, האַלב אָקס, וואָס אויף צו פֿיטערן אים פֿלעגט ער נעמען צינז פֿון די אַטענער בחורים און מיידלעך. די דאָזיקע מעשׂיות זיינען אַ טייל פֿון דער גריכישער ליטעראַטור און זיינען שטענדיק געווען באַוואוסט, אָבער ערשט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן די אויסגראָבונגען אין קנאָסאָס אַנטפּלעקט, ווי פֿיל אמת עס שטעקט אין יענע לעגענדעס. דער לאַבירינט פֿון די קרעטער איז געווען איינער פֿון די גרויסאַרטיקסטע בנינים פֿון דער אַלטער וועלט. מיר געפֿינען אין אים וואַסער-רערן, באָד-צימערן און כּדומה נאָך אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן, וואָס מען האָט זיי ביז אַהער געהאַלטן פֿאַר די לעצטע פֿאַרפֿיינערונגען פֿון מאָדערנעם לעבן.

די טעפּעריי, די וועבעריי-אויסאַרבעטונגען, די סקולפּטור און מאָלעריי פֿון דאָזיקן פֿאָלק, זייערע אויסאַרבעטונגען פֿון טיי=

ערע שטיינער און העלפאַנד-ביין, זייער מעטאַל-אַרבעט און אינקרוסטאַציע האָבן געהערט צו די וואונדערפולסטע, וואָס די מענטשהייט האָט ווען עס איז אַרויסגעבראַכט. זיי האָבן זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט הוליאַנקעס און שפּילן, בפרט האָבן זיי ליב געהאַט אָקסן-קאַמפן און גימנאַסטישע פאַרווייַלונגען. זייער פרויען-קאָסטיום איז געווען גאָר אייראָפּעיש לויט זיין סטיל; די פרויען פלעגן טראָגן גאָרסעטן און קליידער מיט וואָלאַנען. זיי האָבן געהאַט אַ שריפט-סיסטעם, וואָס מען האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט זי צו לייענען.

עס איז ביי היינטיקן טאָג אַ מנהג צו מאַכן אַ מין וואונדער פון די דאָזיקע דערגרייכונגען פון די קרעטער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַ פאָלק פון אומגלויבלעכע קינסטלערישע פעיקייטן, וואָס האָט געלעבט אין באַגינען פון דער ציוויליזאַציע. נאָר זייער גרויסע צייט איז געווען ווייט אַריבער דעם באַגינען, ניט ווינציקער ווי מיט 2000 יאָר. אַ סך יאָרהונדערטער האָט עס ביי זיי געדויערט, ביז זיי האָבן דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון זייער קונסט און געשיקטקייט, און זייער קונסט און לוקסוס זיינען לחלוטין געווען אַזאַ גרויסער וואונדער, ווען מען באַקלערט, אַז אין משך פון 3000 יאָר זיינען זיי געווען זיכער קעגן אָנפאַלן, און אַז אַ טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד האָבן זיי געלעבט אין שלום. יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט האָבן זייערע בעל-מלאכות געקאָנט פאַרפולקומען זייער אַרבעט, און זייערע מענער און פרויען פאַרפיינערן זייער לעבנס-פיר. אומעטום, וואו מענטשן פון כמעט אַלע ראַסעס האָבן געלעבט רויק און זיכער אויף אַזאַ שטייגער אַזאַ לאַנגע צייט, האָבן זיי אַנטוויקלט אַ סך קינסטלערישע שיינקייט. ווען די געלעגנהייט איז געגעבן, זיינען אַלע פעלקער קינסטלעריש. אַ גריכישע לעגענדע דערציילט, אַז גראָד אין קרעטאַ האָט דאַידאַלוס געפרוווט מאַכן די ערשטע פליִמאַשין. דאַידאַלוס (דאָס איז טייטש: קונציקער מייסטער) איז געווען אַ מין פערסאָניפיצירטער סכום מעכאַנישע געשיקטקייט. עס איז טשיקאַווע אַ חקירה צו טאָן, וואָסער קערנדל אמת ליגט הינטער אים און יענע וועקסענע פליגלען, וואָס זיינען, ווערליג די לעגענדע דערציילט, צעגאַנגען, און זיין זון איקאַרוס איז אַריינגעפאַלן אין ים.

נאָר צולעצט איז געקומען אַ שינוי אין די לעבנס־תּנאים פון די דאָזיקע קרעטער, וואָרעם עס האָבן זיך באַוויזן אויפן ים אַנדערע פעלקער מיט מעכטיקע פלאָטן, די פעניקיער און די גריכן. מיר ווייסן ניט, וואָס עס האָט גורם געווען דעם חורבן, און ניט, ווער עס האָט דאָס אָפּגעטאָן; נאָר אַז ערך אַרום 1400 פאַר קר. איז קנאָסאָס געוואָרן פאַרוויסט און פאַרברענט; אין משך פון ווייטערדיקע פיר יאָרהונדערטער האָבן די קרעטער געפּרוּווט נאָך ווי עס איז זיך האַלטן, אָבער סוף־כּל־סוף איז געקומען דער לעצטער קלאַפּ אַרום 1000 פאַר קר. (דאס הייסט, אין דער זעלביקער צייט, ווען די אַשורים האָבן זיך געשטאַרקט אין מזרח). דער פּאַלאַץ אין קנאָסאָס איז געוואָרן צעשטערט, און איז קיינמאָל מער ניט געוואָרן אויסגעבויט און ניט באַוואוינט. מעגלעך, אַז דאָס האָבן אָפּגעטאָן די ניי־אָנגעקומענע באַר־באַרישע גריכן, אַ גרופּע אַריש־ריידנדיקע שבטים פון די צפון־לענדער, וואָס זיינען געקומען אויף זייערע שיפן און האָבן אָפּגעמעקט פון דער ערד די שטאָט קנאָסאָס, פּונקט ווי זיי האָבן חרוב געמאַכט די שטאָט טראָיאַ. די לעגענדע פון טעסיוס דערציילט מכּוח אַזאַ אָנפאַל. ער איז אַריין אין לאַבירינט (דאָס קאָן באַטייטן דעם פּאַלאַץ פון קנאָסאָס) מיט דער הילף פון אַריאַדנע, דער טאָכטער פון קיניג מינאָס, און האָט דערהרגעט דעם מינאָטאַוורוס.

די איליאַדע דערציילט, אַז טראָיאַ איז חרוב געוואָרן דערפאַר, ווייל די טראָיאַנער האָבן אַוועקגעגנבעט אַ גריכישע פרוי. מאָדערנע שרייבערס, מיט מאָדערנע אידעען אין זייערע קעפּ, האָבן געפּרוּווט אַרויסצודרינגען, אַז די גריכן זיינען אָנגעפאַלן אויף טראָיאַ, בכדי צו זיכערן זיך אַ האַנדלס־וועג קיין קאָלכיס אָדער צוליב כּדומה נאָך אַזאַ פיין אויסגעקליגטן קאָמערציעלן געווינס. אויב אַזוי, האָבן די מחברים פון איליאַדע זייער קונציק אויסבאַהאַלטן די אמתע מאָטיוון פון זייערע העלדנס מעשים. עס וואָלט געהאַט כּמעט דעם זעלביקן שכל צו זאָגן אַן ערך, אַז די האָמערישע גריכן האָבן געפירט מלחמה מיט די טראָיאַנער, בכדי צו פאַרכאַפּן אַ סטאַנציע אויף דער בערלין־באַגדאַדער אייזנבאַן. די האָמערישע גריכן זיינען געווען אַ געזונט באַרבאַריש אַריער־פאָלק, מיט זייער שוואַכע אידעען מכּוח האַנדל און „האַנדלס־וועגן"; זיי זיינען געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט די טראָיאַ־

נער, ווייל זיי זיינען געווען צערייצט ביז גאָר דורך, אַט די גנבות פון פרייען. פון דער מינאָס-לעגענדע און פון די באַווייזן פון די חורבות אין קנאָסאָס איז בפירוש צו זען, אַז די קרעטער פלעגן רויבן יונגע בחורים און מיידלעך, כדי צו מאַכן פון זיי שקלאַפן אָקסן-קעמפער און אַטלעטן, און אפשר אויך צו ברענגען זיי פאַר קרבנות. זיי האָבן געהאַנדלט אַסך מיט די עגיפטער, אָבער זיי האָבן אפשר ניט גוט געקאָנט זיך פאָרשטעלן דעם גאַנצן כוח פון די באַרבאַרישע גריכן, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן; מיט זיי האָבן זיי „געהאַנדלט" דורך געוואַלד, און אַזוי אַרום האָבן זיי אויף זיך געבראַכט פייער און שווערד.

אַן אַנדער פאָלק, וואָס איז פריער פאַר די גריכן אַרויס אויפן ים, זיינען געווען די פעניקיער. זיי זיינען געווען גרויסע ים-פאָרערס ווייל זיי זיינען געווען גרויסע סוחרים. זייער קאָלאָניע קאַרטאַגאָ (וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פאַר 800 פאַר קר. פון צור) איז סוף-כל-סוף געוואָרן די גרעסטע צווישן די אַלטע פעניקישע מלוכות, נאָר שוין פאַר 1500 פאַר קר. האָבן סיי צידון און סיי צור געהאַט ישובים אויפן אַפריקאַנישן ברעג.

צו קאַרטאַגאָ האָבן די חילות פון די אַשורים און בבלים קיין צוטריט ניט געהאַט. פון דער לאַנגער באַלעגערונג, וואָס קיניג נבוכדנאצר II האָט באַלעגערט צור, האָט זי אַסך געוואונען, אַזוי אַז זי איז געוואָרן די גרעסטע ים-מאַכט, וואָס די וועלט האָט ביז דעמאָלט געהאַט געזען. זי האָט פרעטענדירט, אַז דער גאַנצער מערב-טייל פון מיטללענדישן ים איז איר אייגנס, און פלעגט פאַרכאַפן איטלעכע שיף, וואָס זי פלעגט טרעפן אין מערב-זייט פון סאַרדיניע. רוימישע שרייבערס באַשולדיקן זי אין אַכזריות. זי האָט געפירט מלחמות מיט די גריכן פון וועגן סיציליע און שפעטער (אין 2טן יאָרהונדערט פאַר קר.) האָט זי געפירט מלחמות מיט די רוימער. אלכסנדר דער גרויסער האָט געפלאַנעוועט איינצונעמען קאַרטאַגאָ; נאָר ער איז געשטאָרבן, איידער ער האָט געקאָנט אויספירן זיינע פלענער.

3. די ערשטע אַנטדעקונג=רייזעס.

בשעת קאַרטאַגאָ איז געווען אויף דער שפּיץ פון איר מאַכט, האָט זי געהאַט מסתמא אַ מיליאָניקע באַפעלקערונג, אַ זאַך, וואָס איז ביז דעמאָלט ניט געהערט געוואָרן פון אַ שטאָט. די דאָזיקע באַפעלקערונג איז געווען אין גרויסן און גאַנצן אַן אינדוסטריעלע, און די געוועבן פון קאַרטאַגאָ האָבן געהאַט אַ שם אין דער וועלט. זי האָט געפירט האַנדל סיי מיט די ים=ברעגעס און סיי איבער-דער יבשה, מיט צענטראַל=אַפריקע.

דאָ דאַרפן מיר באַמערקן, אַז אין אַפריקע זיינען ניט געווען קיין צוגעוויינטע קעמלען ביז נאָך דער צייט, ווען די פּערסער האָבן איינגענומען עגיפּטן, און אין צפון=אַפריקע האָבן ערשט די אַראַ=בער, ווייזט אויס, אין זיבעטן יאָרהונדערט נאָך קר. איינגעפירט דעם קעמל ווי אַ טראַנספּאָרט=בהמה. דאָס האָט געמוזט שטאַרק באַ=גרענעצן די וועגן אין מדבר. נאָר מיט 2 — 3 טויזנט יאָר צוריק איז דער מדבר סאַהאַרע געווען ווינציקער אויסגעברענט און וויסט, ווי ביי היינטיקן טאָג. פון איינקריצונגען אין פעלזן קאָנען מיר אַרויסדרינ=גען, אַז מען פלעגט פאָרן פון אָאַזיס צו אָאַזיס רייטנדיק אויף אָקסן אָדער אין וועגענער באַשפּאַנט מיט אָקסן, און אפשר אויך אויף פערד און אייזלען.

קאַרטאַגאָ, וואָס איז, אַזוי אַרום, געלעגן צווישן די הינטער=לענדער פון אַפריקע און צווישן ים, פלעגט פאַרקויפן נעגער=שקלאַפן, העלפאַנד=ביין, מעטאַלן, טייערע שטיינער וכדומה צו אַלע פעלקער אַרום מיטללענדישן ים; זי האָט באַאַרבעט קופּער=גרובן אין שפּאַניע, און אירע שיפן זיינען אַרויסגעשוואומען אין אַטלאַנטישן ים אַרויס און געפאָרן פאַזע די ברעגעס פון פּאָרטוגאַל און פראַנקרייך קיין צפון אַזש ביז צו די קאַסיטערידן (קאָרנוועלס אין ענגלאַנד) צו באַ=קומען צין.

אַרום 520 פאַר קר. האָט איינער אַ געוויסער האַנאָן (חנון) געמאַכט אַ נסיעה, וואָס איז איינע פון די מערקווערדיקסטע אין דער וועלט. דער דאָזיקער האַנאָן — אויב מיר זאָלן גלויבן זיין רייזע=באַשרייבונג, וואָס איז פאַרבליבן ביי אונז אין דער גריכישער

איבערזעצונג — איז געפארן פאזע דעם אפריקאנער ברעג פון דעם דורכגוס פון גיבראלטאר קיין דרום-זייט ביז צו די גרענעצן פון דער איצטיקער ליבעריע. ער האט געהאט זעכציק שיפן, און זיין הויפט-אויפגאבע איז געווען צו גרינדן אדער צו פארשטארקן אייניקע קארטאגישע סטאנציעס אויפן מאראקאנער ברעג. דערנאך האט ער זיך געלאזן שווימען ווייטער קיין דרום. ער האט געגרינדעט א ישוב ביים ריא דע ארא און האט ווייטער ארומגעזעגלט הינטער דעם טייך סענעגאל. די רייזנדערס זיינען דערנאך אין זיבן טעג צייט פארביי-געשוואומען דעם טייך גאמביא און האבן זיך אפגעשטעלט ביי אן אינזל. דעם דאזיקן אינזל האבן זיי פארלאזן אין א פאנישער שרעק, ווארעם הגם דער טאג איז געווען א שטילער מיט שטילקייט פון טרא-פישן וואלד, האבן זיי ביינאכט געהערט קלאנגען פון פלייטן, פויקן און גלאקן, און דער הימל איז געווען רויט מיטן אפשיין פון וואלד-שרפות. פאר דער איבעריקער צייט פון דער נסיעה איז דאס גאנצע ברעג-לאנד געווען איין פייער-שיין פון די וועלדער, וואס האבן געברענט. שטראמען פייער זיינען ארפגערונען איבער די בערגלעך, און צום סוף האט זיך אויפגעהויבן אזא הויכער אפשיין, אז ער האט דערגרייכט ביז צום הימל. אין דריי טעג ארום זיינען זיי געקומען צו אן אינזל, וואס האט געהאט אינמיטן אן אזערע. אינ-מיטן דער דאזיקער אזערע איז ווידער געווען אן אינזל, און אויפן דאזיקן אינזל זיינען געווען ווילדע, באהארטע מענער און פרויען, וואס „די איבערזעצער האבן זיי אנגערופן גארילעס".

די קארטאגער האבן געכאפט עטלעכע נקבות פון די דאזיקע „גארילעס" — דאס זיינען מסתמא געווען שימפאנזעס, — און אז זיי זיינען געקומען אהיים, האבן זיי אויפגעהאנגען די פעלן פון זייערע געפאנגענע אין דעם טעמפל פון יונא — לעבעדיקערהייט האבן זיי זיי ניט געקאנט איינהאלטן ביי זיך אויף די שיפן, אזוי ווילד זיינען זיי געווען.

וועגן נאך אמער וואונדערפולער ים-נסיעה פון די פעניקיער, וואס א לאנגע צייט איז מען געווען מסופק, צי זי איז טאקע געווען, נאר איצט זיינען פאראן עטלעכע ארכעאלאגישע באווייזן, וואס בא-שטעטיקן זי, דערציילט דער גריכישער היסטאריקער הערארא.

ער שרייבט, אַז דער פּרעה נכו פון דער 26טער דינאַסטיע האָט אויפגעגעבן אַ קאָמפּאַניע פעניקיער אַרומצושיפן אַפריקע; זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פונם סועץ-אויסגוס קיין דרום און זיינען סוף-כּל-סוף געקומען צוריק דורכן מיטללענדישן ים צו דער נילוס-דעלטע. די דאָזיקע רייזע האָט ביי זיי געדויערט ביי דריי יאָר. יעדער יאָר פלעגן זיי אַראָפּגיין אויף דער יבשה און זייען ווייץ און שניידן און דערנאָך זיך לאָזן פאָרן ווייטער.

---

4. פאַרצייטיקע סוחרים.

די גרויסע האַנדלס-שטעט פון די פעניקיער זיינען די וואונדערלעכסטע צווישן די פריע אַנטפּלעקונגען פון די אייגנטימלעכע און כאַראַקטעריסטישע מתנות, וואָס די סעמיטן האָבן געבראַכט דער מענטשהייט, האַנדל און אויסבייט. בעת די סעמיטישע פעניקיער האָבן זיך צעשפּרייט איבער די ימים, האָט אַ צווייט סעמיטיש פאָלק, די ארמים, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז זיי האָבן פאַרנומען דמשק, אַנטוויקלט די קאַראַוואַן-וועגן פון די אַראַבישע און פערסישע מדבריות און געוואָרן דאָס גרעסטע האַנדלס-פאָלק פון מערב-אַזיע. עס איז אויך געווען אַן אַלטער ים-האַנדל פון דעם רויטן ים אוים און פון פערסישן אויסגוס מיט די דרומדיקע לענדער. ניט לאַנג האָט מען געפונען אין דרום-אַפריקע אַלטע בושמענישע פעלזן-געמעלן, וואָס זיינען שטאַרק ענלעך לויטן סטיל און באַהאַנדלונג צו געמעלן פון די פּאַלעאָליטישע מענטשן אין מזרח-שפּאַניע, און אויף די דאָזיקע געמעלן קאָן מען זען ווייסע מענטשן מיט היטלען, וואָס זיינען ענלעך צו אַשורישע.

די סעמיטישע פעלקער, וואָס זיינען פריער געוואָרן ציוויליזירט ווי די אַריער, האָבן שטענדיק אַרויסגעוויזן, און ווייזן נאָך איצט אַרויס, אַ בעסערן חוש פאַר האַנדל, ווי די לעצטע. זיי דאַרף מען אויך פאַרדאַנקען, וואָס עס איז אַרויסגעפונען געוואָרן די אלף-בית-שריפט, וואָרעם זיי האָבן באַדאַרפט פאַרשרייבן זייערע חשבונות, און די וויכטיקסטע אויפטוען אין חשבון שטאַמען אויך פון זיי.

אונזערע מאָדערנע ציפערן זיינען אַראַבישע; אונזער חשבון און אַל־געבּרע זיינען אין עצם סעמיטישע ווִיסנשאַפטן.

די סעמיטישע פעלקער, דאָס באַדאַרפן מיר דאָ פאַרצייכענען, זיינען ביז צום היינטיקן טאָג פעלקער, וואָס לעבן מיט אויסרעכע־נונג, שטאַרק איז זייער חוש פאַר גערעכטיקייט און אָפּצאָלונג.



א קיניגלעכער שרייבער אין עגיפּטן, פון דער 5טער דינאַסטיע. די שרייבערס האָבן אין אשור, בבל און עגיפטן פאַרנומען א חשובן אָרט.

די מאָראַלישע לערנונגען פון די פאַרצייטיקע יידן זיינען געווען דורכ־געדרונגען מיט אַזעלכע אידעען. „מיט דער מאָס, וואָס איר מעסט, מיט דער זעלביקער מאָס וועט מען אַייך מעסטן”. אַנדערע ראַסן און פעלקער האָבן אויסגעקלערט פאַרשיידענע געטער, געטער פול מיט

קאַפּריזן און מיט חידושים. די סוחרישע סעמיטן זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן גענומען קלערן וועגן גאָט ווי וועגן דעם גערעכטן סוחר, וואָס זיין וואָרט איז אַ וואָרט, וואָס באַוואָלט ניט דעם קלענסטן קרעדיטאָר און מאָנט צום דין פאַר איטלעך אומגערעכט טועכץ*.

דער האַנדל, וואָס איז געגאַנגען אין דער אַלטער וועלט פאַרן 6טן אָדער 7טן יאָרהונדערט פאַר קר., איז געווען כמעט אינגאַנצן אַ בייט-האַנדל. עס איז געווען ווינציק אָדער גאָר קיין קרעדיט ניט און עס זיינען ניט געווען קיין געלט-מטבעות. דער געוויינטלעכער ווערט-מאָס ביי די אַלטע אַריער, און מסתמא ביי אַלע אַנדערע קיבוצים, איידער זיי האָבן זיך פעסט באַזעצט אויף ערד, זיינען געווען בהמות, פּונקט ווי עס איז נאָך ביי היינטיקן טאָג ביי די קאַפערן און זולוס. אין איליאַדע ווערט באַשטימט דער ווערט פון צוויי שילדן אין קעפּ פון בהמות, און דאָס לאַטיינישע וואָרט פאַר געלט, pecunia, שטאַמט פון pecus, בהמות. בהמות ווי געלט האָט די מעלה, וואָס מען באַדאַרף עס ניט אַריבערטראָגן פון איין באַלעבאָס צום צווייטן; און אויב מען האָט באַדאַרפט דאָס צוזען און פיטערן דאָס, האָט עס דערפאַר געהאַט די טבע זיך צו פאַרמערן. עס איז אָבער ניט געווען באַקוועם צו פירן דאָס אויף שיפן אָדער אין קאַראַוואַנעם. אַ סך אַנדערע זאַכן זיינען צו פאַרשיידענע צייטן געפונען געוואָרן פאַר באַקוועם צו דינען פאַר ווערט-מאָסן; טאַבאַק

---

* ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער געדאַנק אַרויסצודרינגען די אידעע פון דער געטלעכער גערעכטיקייט פון דעם סעמיטישן האַנדל שטימט לחלוטין ניט מיט די היסטאָרישע פאַקטן. די אַלטע יידן, וואָס אין זייער תורה און ביי זייערע נביאים באַווייזט זיך די דאָזיקע אידעע צוערשט, זיינען גאָר קיין האַנדלס-פאָלק ניט געווען אין יענער צייט. ביי די פעניקיער און ביי די אַרמים זיינען די געטער פונעם טיפּ נאַטור-געטער, געננוי ווי ביי די אַריער, דאָס הייסט פול מיט קאַפּריזן און אומבאַגרינדעטע איינפאַלן. די יידישע נביאים, וואָס זיי זיינען געווען די ערשטע אָנזאָגער פון אַ גערעכטן גאָט, זיינען גאָר ווייט געווען פון מסחר. זיי זיינען, פאַרקערט, די גרעסטע שונאים פון האַנדל און געלד. דער פאַרבאָט פון צינז (נשך און רבית) איז גוט פאַרשטענדלעך ביי אַ פּויערים-פאָלק, אָבער לחלוטין ניט ביי הענדלערס. אַ גאָט, וואָס איז דער באַשיצער פון אָרעמעלייט, דער טאַטע פון יתומים און שופט פון אַלמנות, קאָן ניט ציען זיין יחוס פון האַנדל. (פונעם איבערזעצער).

איז אַמאָל געווען די געזעצלעכע וואַליוטע אין די קאָלאָניאַלע צייטן אין צפון־אַמעריקע, און אין מערב־אַפריקע ווערן אָפּגאָבן געצאָלט און געשעפטן געמאַכט מיט פלעשער בראָנפן. דער פריער אַזיאַ־טישער האַנדל האָט אויך אַריינגענומען מעטאַלן; און געוואויגענע שטיקער מעטאַל, וואָס זיינען פאַר אַלעמען געווען אַ געוואונטשענע סחורה און זיינען באַקוועם צו קלייבן און צו היטן, וואָס קיין שפייז פאָדערן זיי ניט און פאַרנעמען אַ קליינעם אָרט, האָבן באַלד באַ־



אַן אויפשריפט אויף אַ ציגל פון אור־נאַממו, וואו עס איז פאַר־צייכנט וועגן דעם בוי פון טעמפל פאַר דער געטין נינגאַי אין דער שטאָט אָרך (אַרום 2,300 פאַר קר.).

באַוויזן, אַז זיי פּאַסן בעסער פאַר אַ האַנדלס־מיטל, ווי רינדער און שאָף.

אַייזן, וואָס צו ערשט האָבן דאָס, ווייזט אויס, די חיתים אַרויסגעקראָגן פון אַרץ, איז געווען, קודם־כל, אַ זעלטענער און פיל געזוכטער שטאָף. אַריסטאָטעלעס זאָגט, אַז די ערשטע מטבעות זיינען

געווען פון אײַזן. שטיקער אײַזן פון אַ פעסטבאַשטימטער וואָג זיינען גענוצט געוואָרן אָנשטאָט געלט אין בריטאַניע, אַזוי זאָגט צעזאַר אין זיין „גאַלישן קריג". אין דער זאַמלונג בריוו, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין תל־אל־עמרנא אין עגיפּטן, געשריבן צו און פון אַמענאָפיס III (וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן) און זיין יורש אַמענאָפיס IV, איז פאַראַן אַ בריוו פון אַ חיתישן קיניג, וואו ער זאָגט צו צו שיקן אײַזן ווי זייער אַ טייערע מתנה. גאָלד איז דעמאָלט פונקט ווי איצט געווען די טייערסטע, און דערפאַר די צום מיינסט פאַרשפּרייטע מעטאַלישע וואַליוטע. אין אַלטן עגיפּטן איז זילבער געווען כמעט פונקט אַזוי זעלטן ווי גאָלד, ביז נאָך דער 18טער דינאַסטיע. שפּעטער איז די אַלגעמיינע געלט־וואַליוטע פון דער מזרחדיקער וועלט געוואָרן זילבער, געמאָסטן דורך וואָג*. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסע פּראָפּאָרץ צווישן דעם ווערט פון זילבער און גאָלד, און די דאָזיקע פּראָפּאָרץ איז לויט־ערך געבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

לכתחילה האָט מען די מעטאַלן אַרומגעטראָגן אין גאָס־שטיקער (צאַנקענס) און מען פלעגט זיי וועגן איטלעכס מאָל, ווען מען האָט באַדאַרפט צאָלן. דערנאָך זיינען די שטיקער געוואָרן געשטעמפּלט, בכדי אָנצווייזן זייער פיינקייט און פאַרזיכערן די ריינקייט פון גאָלד. די עלטסטע מטבעות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויפן מערב־ברעג פון קליין־אַזיע, זיינען געווען פון עלעקטראָן, אַ מישונג פון גאָלד און זילבער, און עס גייט אַן אינטערעסאַנטע שקלא־וטריא, צי די ערשטע אַרויסלאָזן זיינען געווען געשטעמפּלט פון מלוכות, פון טעמפּלען צי פון פּריוואַטע באַנקירן. די ערשטע מטבעות, וואָס זיינען בפירוש דערמאָנט אין דער געשיכטע, זיינען געגאָסן געוואָרן אַרום 600 פאַר קר. אין לידיע, אַ לאַנד אין מערב פון קליין־אַזיע, וואָס האָט פּראָדוצירט גאָלד. די ערשטע באַוואוסטע גאָלדענע מטבעות האָט געגאָסן אין לידיע קרעזוס, וואָס זיין נאָמען איז געוואָרן אַ שם־דבר פאַר רייכקייט; ווי מיר וועלן שפּעטער לייענען, האָט אים באַ־

---

* אזוי באטייט אין העברעיש כסף—זילבער אויך געלט, און די העבר. געלט־איינהייט, שֶקֶל, איז גענומען פונעם ווערק שָקַל—וועגן. פון איבערז.

זיגט דער זעלבער כּורש דער פּערסער, וואָס האָט אײַנגענומען בבל אין יאָר 539 פאַר קר.

נאָר מען מעג משער זיין, אַז געלט אין מטבעות איז גענוצט געוואָרן אין בבל פריער פאַר יענער צייט. דער „געזיגלטער שקל“, אַ געשטעמפּלט שטיק זילבער, איז שוין כמעט אַ מטבע. די טעמפּל-דינערס פון לבנה-גאָט אין אור (אַרום 2000 פאַר קר.), ווען מען פלעגט זיי אַרויסשיקן אויף אַ נסיעה, פלעגן זיי קריגן מיט זיך קרעדיט-בריוו אָנגעשריבן אויף ליים-טאָוועלעך, אַז אין אַלע שטעט וואו זיי גייען דורך דאַרפן זיי באַקומען אַלץ וואָס זיי באַדאַרפן.

דער צוזאָג צו צאָלן כך וכך זילבער אָדער גאָלד, פאַרשריבן אויף „לעדער“ (דאָס הייסט פּאַרמעט), מיטן שטעמפּל פון אַ באַוואוסטער פירמע, איז מסתמא אַזוי אַלט אָדער עלטער, ווי דאָס שלאָגן מטבעות. די קאַרטאַגער פלעגן נוצן אַזאַ „לעדערן געלט“.

מיר ווייסן ווייניק, ווי אַזוי איז אין דער אַלטער וועלט איינגעפירט געוואָרן דער קליינער לאחדים-האַנדל. געמיינע מענטשן, וואָס זיינען אין יענע אַלטע צייטן געווען פאַרשקלאַפט, האָבן קענטיק גאָר קיין געלט ניט געהאַט; זיי האָבן געמאַכט זייערע קליינע עסקים דורך בייט-האַנדל. אַלטע עגיפּטישע געמעלן ווייזן, ווי אַזוי דאָס פלעגט צוגיין.

קליינע מטבעות האָבן עקסיסטירט פאַר אַלכּסנדרס צייט. די אַטענער האָבן געהאַט אַ סעריע פון זייער קליינע מטבעות, וואָס די קלענסטע פון זיי איז געווען כמעט ניט גרעסער פון אַ שפּילקעקעפּל, און מען פלעגט זי געוויינטלעך אַרומטראָגן אין מויל; אַ פאַרשוין אין אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיע קריגט פּלוצים אַ שטופּ און שלינגט מחמת אַראָפּ זיין קליינגעלט.

---

5. פאַרצייטיקע רייזנדערס.

ווען מען באַקלערט זיך, אַז אין יענער אַלטער צייט וואָס פאַר אַלכּסנדר דעם גרויסן איז ניט געווען קיין קליינגעלט און בכלל קיין בייט-מיטל באַקוועם אַרומצוטראָגן, קאָן מען שוין פאַרשטיין, ווי

ווייט אוממעגלעך, עס איז געווען פאַר אַ פּריוואַטן מענטשן אַרומצורייזן אין יענע צייטן. די ערשטע „אכסניות" — אַזוי זאָגט מען געווינטלעך — זיינען אויפגעקומען אין לידיע אין דריטן אָדער פערטן יאָרהונדערט פאַר קר. דאָס איז אָבער אַ צו שפּעטע דאַטע. זיכער זיינען זיי עלטער, עס זיינען פאַראַן גוטע באַווייזן, אַז עס זיינען געווען אכסניות לכל-הפחות שוין אין זעקסטן יאָרהונדערט. דער גריכישער טראַגעדיע-שרייבער עסכילוס דערמאָנט צוויי מאָל אכסניות. זיין וואָרט איז „אַלץ-אויפנעמער" אָדער „אַלץ-אויפנעמענדיק הויז"*. פּריוואַטע רייזנדערס זיינען מסתמא אין יענער צייט געווען אַ גאַנץ געווינטלעכע זאַך אין דער גריכישער וועלט, אויך אין די קאָלאָניעס. נאָר בבלל איז פּריוואַט רייזן געווען לפי-ערך אַ נייע זאַך. די אַלטע גריכישע היסטאָריקער העקאַטעוס און העראָדאָט זיינען אַ סך אַרומגערייזט.

„איך בין משער", זאָגט פּראָפעסאָר דזשילבערט מערי, „אַז אַט דער מין רייזעס „צוליב היסטאָריע" אָדער „צוליב אַנטדעקונג" איז איז געווען דערהויפּט אַ גריכישע המצאה. מען איז משער, אַז נאָך סאָלאָן האָט אַרומגערייזט; און אַפילו ליקורג"...

די עלטסטע רייזנדערס זיינען געווען סוחרים, וואָס זיינען געפאָרן אָדער אין אַ קאַראַוואַן אָדער אין אַ שיף און האָבן געפירט מיט זיך זייער סחורה און געלט אין שקלים זילבער און גאָלד אָדער טייערע שטיינער אָדער שטיקער פיין געוואַנט, אָדער דאָס זיינען געווען אָפיציעלע פאָרשטייער פון זייערע מלוכות, וואָס האָבן געפירט מיט זיך רעקאָמענדאַציע-בריוו און אַן אייגענע סוויטע. מעגלעך, אַז עס זיינען געווען נאָך בעטלערס אַרומגייערס און אין באַשטימטע געגנטן אויך רעליגיעזע עולי רגל. אין עגיפּטן איז געווען אַ היפּשער רייזע-פאַרקער אונטער תנאים פון זיכערקייט אַרויף און אַראָפּ דעם נילוס. אין די צייטן פון אַמענאָפיס III פלעגן זיין עקסקורסיעס אַראָפּ טייך צו די אַלטע פּיראַמידעס.

אין יענער אַלטער וועלט פאַר 600 פאַר קר. איז אַן איינזאַמער „פרעמדער" געווען אַ זעלטענע זאַך, און מען פלעגט אויף אים קוקן מיט חשד, און זיין לעבן איז געווען אין סכנה. ער האָט געקאָנט

---

* דאָס גריכישע וואָרט איז: pandokeion, דערפון דאָס משנה-העברעישע פונדק. (דער איבערז.).

אויסשטיין אַ פולע צרות, ווארעם עס איז געווען קנאפּ וואסער געזעץ צו באַשיצן אַזאַ „פרעמדן“. דערפאַר האָבן זייער ווינציק מענטשן זיך אַוועקגעלאָזט אויף איינזאַמע וועגן. מען האָט געלעבט און געשטאָרבן צוגעשלאָסן און צוגעבונדן צו אַ וואסער עס איז פּאַטריאַרכאַלישן שבט, אויב מען איז געווען אַ נאָמאַד, אָדער צו אַ גרויסער באַלעבאַטישקייט, אויב מען איז געווען ציוויליזירט, אָדער צו איינער פון די גרויסע טעמפּל־אָרגאַניזאַציעס, וואָס מיר וועלן באַלד ריידן מכוח זיי. אָדער מען איז געווען אַ שקלאַף, וואָס האָט געלעבט מיט שקלאַפן.

מען האָט גאָרנישט ניט געוואוסט מכוח דער איבעריקער וועלט, וואָס מען האָט אין איר געלעבט, חוץ עטלעכע משונהדיק ווילדע מעשיות. מיר איצט ווייסן מער, ווי אַזוי עס האָט פאַקטיש אויסגעזען די וועלט אַרום 600 פאַר קר., ווי עמעצער פון די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט. מיר צייכענען פון איר קאַרטעס, מיר קאָנען זי זען ווי אַ גאַנצע זאַך אין שייכות מיט דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. מיר הייבן אָן צו דערגיין גענוי, וואָס איז צוגעגאַנגען אין איין און דער זעלביקער צייט אין עגיפּטן און אין שפּאַניע, אין מדי און אין אינדיע און אין כינע. מיר קאָנען אין אונזער פאַנטאַזיע זיך אויסמעלן ניט נאָר די פאַרוואונדערונג פון האַנאָנס שיפסלייט, נאָר אויך יענע מענטשן, וואָס האָבן געצונדן די וואָרן־פייערס אויפן ברעג. מיר ווייסן, אַז יענע „בערג וואָס האָבן געפלאַקערט ביז צום הימל אַרויף“, וואָס דערפון ווערט גערעדט אין דער „רייזע־באַשרייבונג“, זיינען געווען פּשוט דאָס פייער פון פאַרברענען די טרוקענע גראָזן, ווי מען איז זיך נוהג צו טאָן אין יענע קאַנטן אין יענער צייט פון יאָר. יאָר נאָך יאָר, וואַקסט אויס, אַליץ גיכער און גיכער, אונזער אַלגעמיין וויכן. אין די קומענדיקע יאָרן וועלן מענטשן פאַרשטיין נאָך מער דאָס לעבן פון די פאַרגאַנגענע צייטן, ביז זיי וועלן אפשר זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין דאָס אינגאַנצן.

אינהאַלט פון 1טן באַנד

זייט

ווי אזוי איז דאָזיקע געשיכטע געשריבן געוואָרן און צוליב וואָס (פון מחברס הקדמה) 1

בוך I: די וועלט, איידער דער מענטש איז געווען

קאַפּיטל 1: די ערד אין צייט און רוים 21

קאַפּיטל 2: וואָס די פעלזן דערציילן 32

קאַפּיטל 3: לעבן און קלימאַט 51

קאַפּיטל 4: די תקופה פון רעפּטילן 73

קאַפּיטל 5: די תקופה פון זויגע־ס 92

בוך II: די באַשאַפונג פון מענטשן

קאַפּיטל 6: מאַלפּעס און אונטערמענטשן און מענטשן 109

קאַפּיטל 7: די נעאַנדערטאַל־ראַסע — אַן אונטערגעגאַנגענע ראַסע . . 127

קאַפּיטל 8: די לעצטע פּאַלעאָליטישע מענטשן פון נאָך דער אייז־צ־־ט . 144

קאַפּיטל 9: דער נעאָליטישער מענטש אין אייראָפּע 166

קאַפּיטל 10: עלטסטער געדאַנק 188

קאַפּיטל 11: מענטשן־ראַסעס 210

קאַפּיטל 12: די שפּראַכן פון דער מענטשהייט 227

בוך III: די ערשטע ציוויליזאַציעס

קאַפּיטל 13: די עלטסטע אימפּעריעס 253

קאַפּיטל 14: ים־פעלקער און האַ־דלס־פעלקער 297

תיקון־טעות:

ז׳ 188: דארף זײן אנשטאַט „קאַפּיטל 9" — „קאַפּיטל 10".